STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03093

YIDISHE GESHIKHTE

Ignacy Schiper

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פֿאַרלאַג

„אחי ספר"

וואַרשע

דר. יצחק שיפּער

יידישע געשיכטע

(ווירטשאַפטסגעשיכטע)

פאַרלאַג „אחיספר" ביי געז. „צענטראַל" וואַרשע, נאָוואָליפּקי 7.

דר. יצחק שיפער

יידישע געשיכטע

צווייטער באַנד

פאַרלאַג „אחיספר“ ביי געז. „צענטראַל“ וואַרשע, נאָוואָליפקי 7.

1 9 3 0

Zakład graficzny „Stereotyp"
Warszawa, Nowolipki 7.

Printed in Poland

מיטלאַלטער

קאַפּיטל צוועלף

דער סאָציאַלער און ווירטשאַפטלעכער מצב פון די יידן אין איטאַליע און גריכנלאַנד פון דעם 11-טן ביז דעם סוף פון 14-טן י״ה.

§ 37 די גרויס פון דער יידישער באַפעלקערונג אין איטאַליע און סיציליע און איר עפנטלעך-רעכטלעכע לאַגע.

איטאַליע האָט אין דער תקופה, וועלכע מיר באַהאַנדלען דאָ, פאַרגעשטעלט מיט זיך אַ מאָזאַיִק פון קליינע מלוכות, ס׳רוב מיט אַ שטאָטישן כאַראַקטער. בלויז אין דרום-איטאַליע און אין סיציליע האָט זיך, זינט דער דעראָבערונג דורך די נאָרמאַנען (אַרום דער העלפט פון 11-טן י״ה), קאָנסאָלידירט אַ גרעסערע מלוכהשע אָרגאַניזאַציע. איר קיום איז אָבער אויך נישט געווען קיין לאַנגער, וואָרים שוין ביים סוף פון 13-טן י״ה (אין י. 1282) איז סיציליע אַריבער צו דער אַראַגאָנישער מלוכה, בעת דרום-איטאַליע איז געבליבן אַ באַזונדערע מלוכה (דאָס קעניגרייך נעאַפּאָל) אונטער די הערשער פון דער דינאַסטיע אַנזשו.

לויט די קוועלן-ידיעות, וואָס זענען אונז פאַרבליבן וועגן די יידן אין איטאַליע און סיציליע, ווייזט אויס, אַז דאָס יידישע לעבן איז בעת דער באַהאַנדלטער תקופה קאָנצענטרירט געווען אין די דרומדיקע שטחים פון דעם איטאַליענישן האַלב-אינזל און אין סיציליע. גרעסערע יידישע ישובים האָבן זיך אין צפון-איטאַליע אַנטוויקלט ערשט זינט דער העלפט פון 14-טן י״ה, ווען עס האָט אויפגעבליט דער דירעקטער האַנדלס-פאַרקער צווישן איטאַליע און דייטשלאַנד. בעת דער באַהאַנדלטער תקופה באַגעגענען מיר אין צפון- און מיטל-איטאַליע בלויז

געציילטע יידישע גמינעס. דער באַרימטער יידישער רייזנדער בנימין פון טודעלאַ (1175—1150) ברענגט אונז ידיעות סך־הכל וועגן 5 צפון־ און מיטל־איטאַליענישע שטעט, אין וועלכע ער האָט אָנגעטראָפן יידן. אַזוי האָבן לויט זיינע באַריכטן געלעבט: אין ל ו ק אַ לערך 40 יידישע משפחות, אין פ י ז אַ — 20, אין ג ע נ ו אַ — 2, אין ט אָ ס ק אַ נ אַ — 40. בנימין האָט נאָך באַזוכט די יידישע גמינע אין ר ו י ם און ער פאַרצייכנט, אַז עס האָבן דאָרט געלעבט 200 יידישע משפחות. פון אַנדערע קוועלן איז אונז באַוואוסט, אַז אַ חוץ די דאָזיקע פינף קהילות האָבן אין דער באַהאַנדלטער תקופה נאָך עקזיסטירט יידישע ישובים אין ו ו ע נ ע ד י ק (10־טעס י״ה), אַ נ ק אָ נ אַ (שוין אין י. 967), מ אָ ד ע נ אַ (1025), ב אָ ל אָ נ י אַ (12־טעס י״ה), ר ו מ י נ י (12־טעס י״ה), פ אַ ו י אַ (אָנהויב פון 13־טן י״ה), פ ע ר אַ ר אַ (1226), פ ל אָ ר ע נ ץ (13־טעס י״ה), מ ע ס ט ר ע וכדומה. אין וועגעדיק זאָלן האָבן לויט אַ געוויסער קוועלע אין י. 1152 געלעבט לערך 1300 יידישע נפשות.

אַ סך פאַרביקער שטעלט זיך פאָר דאָס בילד אין ד ר ו ם־א י ט אַ ל י ע. בנימין ברענגט אונז ידיעות וועגן 11 דרום־איטאַליענישע קהילות, אין וועלכע ער ציילט אָן אַ יידישע באַפעלקערונג פון צוזאַמען 2,870 פאַמיליעס. דאָס זענען די קהילות: ס אַ ל ע ר נ אָ (600 משפחות), נ ע אַ פ אָ ל (500), אָ ט ר אַ נ ט אָ (500), ק אַ פ ו אַ (300), ט אַ־ר ע נ ט (300), מ ע ל פ י (200), ב ע נ ע ווע נ ט אָ (200), ט ר אַ נ י (200), אַ ס ק אָ ל י (40), אַ מ אַ ל פ י (20) און ברינדיסי (10). וועגן אייניקע פון די אויסגערעכנטע קהילות זענען אונז אויפגעהיט געוואָרן ידיעות נאָך פון 11־טן י״ה, איידער בנימין האָט באַזוכט איטאַליע. אַזוי, אַ שטייגער, ווערן דערמאָנט יידן אין ס אַ ל ע ר נ אָ שוין אין י. 1090, אין מ ע ל פ י - אין דעמזעלבן יאָר, אין טאַרענט — 1033. אַ חוץ די פון בנימינען באַזוכטע דרום־איטאַליענישע קהילות, ווערן אין די קוועלן פון דער באַהאַנדלטער תקופה נאָך דערמאָנט פאָלגנדיקע קהילות אין דרום־איטאַליע: ב אַ ר י (1086); אין בנימינס צייטן האָבן דאָרט, לויט זיין באַריכט, נישט געלעבט מער קיין יידן; מ אָ נ ט ע־ק אַ ס י נ אָ (1022), נ ע ר י ט אָ נ אָ (1195), ג אַ ע ט אַ, אָ ר י אַ, ווע נ אָ ס אַ, ס אַ ן ד ז ש ע ר מ אַ נ אָ וכדומה.

די צאָלרייכסטע יידישע באַפעלקערונג באַגעגענען מיר בעת דער באַהאַנדלטער תקופה אין ס י צ י ל י ע — אַ פאַקט, וואָס לאָזט זיך דערקלערן דורך דער גינסטיקער לאַגע, אין וועלכער די יידן האָבן דאָ געלעבט אין דער צייט פון 827 ביז 1071, ווען סיציליע איז געווען אונטער דער ממשלה פון אַ ר אַ ב י ש ע הערשער. די צאָל קהילות, וואָס

זענען שפּעטער אַריבער צו די נאָרמאַנישע הערשער — און ביים סוף פון 13־טן י״ה — צו די אַראַגאָנישע קעניגן, ווערט געציילט ביז 30. די גרעסטע קהילות. האָבן עקזיסטירט אין פּאַלערמאָ און מעסינאַ. בנימין האָט אין פּאַלערמאָ אָנגעטראָפן אַ קהילה פון 1500 משפחות, אין מעסינאַ — 200 פאַמיליעס. גרעסערע קהילות זענען אויך געווען אין סיראַקוז, טראַפּאַני, מארסולאַ און קאַטאַניאַ.

וואָס שייך דער עפנטלעך־רעכטלעכער לאַגע פון די יידן אין איטאַליע און סיציליע, איז אויף זיי, פּונקט אַזוי ווי אין אַנדערע קריסטלעכע לענדער, געווען חל דער פּרינציפּ פון „קאַמער־קנעכטשאַפט״. אין די גרויסע שטאָטישע רעפּובליקן, וואָס האָבן זיך זינט דעם 11־טן י״ה, אָנגעהויבן צו בילדן אין דרום־ און מיטל־איטאַליע (מאַילאַנד, ווענעדיק, גענואַ, פלאָרענץ, סיענאָ, לוקאַ), האָבן די יידן באַלאַנגט צו די שטאָטישע מאַכט־פאַקטאָרן און זענען געשטאַנען אונטער אַ קאָנטראָל פון די קאָנסולן (ראַטמענער). זייערע רעכט און התחייבותן פלעגן רעגולירט ווערן דורך באַזונדערע אָפּמאַכן, גערופן „Condotta“. אין 14־טן י״ה פלעגט מען די אָפּמאַכן שליסן אויף אַ באַשטימטער צייט, געוויינלעך נישט לענגער, ווי אויף 10 יאָר. איז דער אָפּמאַך נישט באַנייט געוואָרן, אַזוי האָבן די יידן געמוזט פאַרלאָזן די שטאָט. אַזאַ פאַל איז אונז אַפילו באַוואוסט פון י. 1395: דער סענאַט פון ווענעדיק האָט דעמאָלט באַשלאָסן נישט צו באַנייען די „Condotta“ מיט די יידן, און די לעצטע האָבן טאַקע געמוזט פאַרלאָזן די שטאָט און זיך אַריבערטראָגן קיין מעסטרע.

אין דער קירכע־מלוכה איז דער פויפּסט געווען דער „פאַטראָן״ פון די יידן, און זייער צוגעהעריקייט צו דעם פויפּסטלעכן אוצר האָט זיך אויסגעדריקט אין דער פאָרם פון אַ ספּעציעלן יידן־שטייער, אַ מין „קרוינונגס־שטייער״, וועלכן די יידן האָבן געמוזט צאָלן יעדן נייעם פויפּסט נאָך די קרוינונגס־פייערלעכקייטן.

דער קאַמער־קנעכטשאַפטלעכער פּרינציפּ קומט אויך צום אויסדרוק אין דער באַציונג פון די דרום־איטאַליענישע און סיציליאַנישע מאַכטהאָבער צו די יידן. די נאָרמאַנישע פירשטן באַלעבאַטעווען שוין אין 11־טן י״ה מיט די יידן, ווי מיט זייערס אַן אייגנטום. אַזוי, אַ שטייגער, האָט אין י. 1086 די אַלמנה נאָך דעם הערצאָג ראָבערט גויסקאַר געשאָנקען דעם בישאָף פון באַרי אַלע יידן, וואָס האָבן געלעבט אין דערדאָזיקער שטאָט, מיט דעם גאַנצן אומבאַוועגלעכן באַזיץ זייערן. אין י. 1090 שענקט זי אַ קלויסטער אין פּאַלערמאָ — איין זעקסטל פון אַלע שטייערן, וועלכע עס צאָלן די דאָרטיקע יידן.

אין י. 1090 שענקט דער הערצאָג ראָגער I דער קירכע די יידישע קוואַרטאַלן אין סאַלערנאָ און מעלפי. דער הערצאָג ווילהעלם II (1166—1189) שענקט דער קירכע פון אַסקאָלי אַ טייל הכנסות פון די דאָרטיקע יידן. דאָסזעלבע בילד זעען מיר אויך בעת דער רעגירונגס־צייט פון די דייטשע הערשער, וואָס האָבן ביים סוף פון 12־טן י״ה איבערגענומען די ממשלה פון די נאָרמאַנישע פירשטן. פרידריך II שענקט אַוועק אין יאָר 1211 אַלע יידן פון פּאַלערמאָ דעם דאָרטיקן ערצבישאָף. אין דער פּריווילעגיע, וועלכע די יידן פון סיציליע באַקומען פון דעמזעלבן קיסר אין י. 1234, רעדט זיך וועגן זיי, אַז זיי זענען „ספּעציעלע קנעכט פון אונזער אוצר” („Servi sunt nostrae Camerae speciales”). אויך פרידריך III (1355—1377) רעדט אַזוי וועגן „זיינע יידן” אין דרום־איטאַליע. דאָסזעלבע זאָגן אויך די אַראַגאָנישע קעניגן וועגן די סיציליאַנישע יידן, וואָס זענען זינט דעם י. 1282 געשטאַנען אין זייער רשות.

אין אַלגעמיין האָט דער קאַמער־קנעכטשאַפטלעכער פּרינציפּ ביז דעם סוף פון דער באַהאַנדלטער תקופה נישט דערפירט אין איטאַליע און סיציליע צו אַזעלכע טרויעריקע דערשיינונגען, ווי דאָס איז, אַ שטייגער, געווען דער פאַל אין ענגלאַנד, פראַנקרייך אָדער דייטשלאַנד. מיר הערן דאָ נישט וועגן געוואַלדזאַמע יידן־פאַרטרייבונגען צוליב באַרייכערונגס־צוועקן, עס קומען דאָ אויך נישט פאָר קיין אייגנמעכטיקע אַנולירונגען אָדער רעדוקציעס פון יידישע תביעות און דאָסגלייכן. דער קאַמער־קנעכטשאַפטלעכער פּרינציפּ קומט דאָ צום אויסדרוק כמעט אויסשליסלעך אין דער פאָרם פון ספּעציעלע שטייערן, וועלכע די יידן האָבן געמוזט צאָלן זייערע שוץ־האַרן, נישט קוקנדיק דערויף, וואָס זיי האָבן צוזאַמען מיט דער איבעריקער באַפעלקערונג געטראָגן אויף זיך די לאַסט פון די אַלגעמיינע שטייערן. אַזאַ ספּעציעלער יידן־שטייער איז געווען אין די שטאָטישע רעפּובליקן פון צפון־און מיטל־איטאַליע דער הויכער אָפּצאָל פאַר יעדער באַנייונג פון דער „Condotta“, אין ווענעדיק האָט דער אָפּצאָל באַטראָפן אין דער צווייטער העלפט פון 14־טן י״ה 4.000 דוקאַטן. חוצדעם, האָבן די יידן נאָך געמוזט צאָלן אַ ספּעציעלן אָפּצאָל פאַר די ראַטמענער, וואָס זענען געווען באַשטימט אַלס קאָנטראָלערן פון די יידישע האַנדלס־ און קרעדיט־געשעפטן: דער אָפּצאָל האָט באַטראָפן צו 1 דינאַר פון יעדער לירע, וועלכע עס האָט אַריינגעבראַכט דער פאַרקויף פון משכנות, וואָס זענען פאַרפאַלן געבליבן ביי די יידן. — אין דער קירכע־מלוכה האָט שוין דער פריער דערמאָנטער „קרוינונגס־שטייער” לטובת דעם פּויפּסט באַטראָפן

2 פונט צימרינג און איין פונט פעפער. אין דרום־איטאַליע און סיציליע האָבן די יידן געצאָלט, אַ חוץ די נאָרמאַלע שטייערן, נאָך אַ ספּעציעלן קאָפּ־שטייער (גערופן gisia אָדער gezia) און זיי זענען אויך געווען מחויב צו ליפערן בחינם פענער פאַר די פּאַלאַצן און שיפן פון זייער שוץ־ה״ר. פון י. 1224 האָבן זיי אַ חוץ דעם נאָך געמוזט צאָלן די חשבונות פאַר דער רייניקונג פון דעם שוץ־הארס פּאַלאַצן און געבן אַ געוויסן אָפּצאָל לטובת דעם אינקוויזיטאָר. אונטער דער אַראַ־גאָנישער הערשאַפט ווערן דערמאָנט פאָלגנדיקע יידן־שטייערן אין סי־ציליע: 1) דער יידישער קאָפּ־שטייער; 2) אַ שטייער גערופן gabellar, וואָס נעמט אַרום ספּעציעלע אָפּצאָלונגען פון האַנדלס־געשעפטן און טאַקסעס, פון יעדער חתונה צווישן יידן, ווי אויך פון יעדן ברית (ioculavia); 3) אַ ספּעציעלער אָפּצאָל פון יעדן שטיקל אומבאַוועגלעכן באַזיץ, וואָס אַ ייד האָט פאַרקויפט צו אַ קריסט; דער אָפּצאָל האָט באַטראָפן איין דריטל פונם פּרייז, פאַר וועלכן דער באַזיץ איז פאַרקויפט געוואָרן.

§ 38 דאָס יידישע ווירטשאַפטס־בילד אין צפון־ און מיטל־איטאַליע.

אין קעגנזאַץ צו די פאַרהעלטענישן אין דרום־איטאַליע און סי־ציליע, וואו דער שווערפּונקט פון דעם יידישן ווירטשאַפטס־לעבן איז געלעגן, ווי מיר וועלן דאָס ווייטער זען, אין דער לאַנדווירטשאַפט, מלאכה און אין אַרענדעס, איז דאָס יידישע ווירטשאַפטס־לעבן פון די צפון־און מיטל־איטאַליענישע יידן, זינט דעם 11־טן ביז צום סוף פון 14־טן י״ה, געווען איינגעשטעלט דערעיקרשט אויף האַנדלס־און קרעדיט־געשעפטן.

די לעצטע ידיעות וועגן יידישן ערד־באַזיץ באַגעגענען מיר אין צפון־ און מיטל־איטאַליע אין 11־טן י״ה. אין י. 1000 אַרענדירן די יידן קלונימוס בן יהודה און שמואל בן יצחק ביים בישאָף פון לוקאַ 6 פאַרצעלעס אַקער־לאַנד און צאָלן דערפאַר אַ יערלעכן אַרענדע־צינז אין דער הויך פון 60 דענאַרן. ביים סוף פון 10־טן י״ה אַרענדירט דער ייד אליה בן יוסטוס ביים בישאָף פון ראַווענאַ אַן ערד־שטח לעבן אַנקאָנאַ. פון י. 1025 איז אונז אויפ־געהיט געוואָרן אַ ידיעה וועגן אַ ייד ארדינגוס, וואָס אַרענדירט אַקער־באָדן ביים בישאָף פון מאָדענאַ און צאָלט דערפון דעם קירכע־צינז.

עטוואָס לענגער האָט זיך די צפון־ און מיטל־איטאַליענישע יידן איינגעגעבן צו בלייבן אויף אַזעלכע פּאָזיציעס, ווי אַרענדעס פון עפנטלעכע הכנסה־קוואַלן. נאָך אַרום דער העלפט פון 12־טן י״ה באַגעגענען מיר אַ ייד, וואָס פאַרנעמט ביים דעמאָלסטיקן פויפּסט

אַלעקסאַנדער III די שטעלע פון אַ שטייער-פאַרוואַלטער און שאַצמייסטער. דאָס איז ר׳ יחיאל, אַן אייניקל פון דעם באַרימטן לעקסיקאָגראַף ר׳ נתן. זינט דעם סוף פון 12-טן י״ה הערן מיר בכלל נישט מער וועגן יידן — שטייער-אַרענדאַרן און באַאַמטע, אַ דערשיינונג, וואָס שטייט זיכער אין אַ צוזאַמענהאַנג מיט דעם אויפקום פון די אַזויגערופענע „פויפסטלעכע באַנקירן״ (campsores camerae apostolicae,), וואָס טרעטן אַרויס, זינט דעם אָנהויב פון 13-טן י״ה, אַלס איינמאָנער און פאַרוואַלטער פון די פויפסטלעכע הכנסות און וואָס נעמען איבער אויך אין פאַרשיידענע צפון- און מיטל-איטאַליענישע שטעט די שטייער-און צאָל-אַרענדעס. דאָס זענען געווען קריסטלעכע סוחרים פון לוקאַ, פיסטאָיאַ און סיענאַ, וואָס האָבן זיך גענומען צו אַזעלכע אַרענדע-געשעפטן און זייער קאָנקורענץ האָט אויך גורם געווען דערצו, אַז די יידן, וועלכע מען פלעגט פריער באַנוצן אין דער פינאַנץ-פאַרוואַלטונג, זענען פון דערדאָזיקער פאָזיציע איננ[illegible]נצן אַרויסגעשטויסן געוואָרן. יעדן פרואוו מצד די יידן אַריינצודרינגען אין דער פאַרלוירענער פאָזיציע, האָבן די אָרגאַניזירטע קריסטלעכע סוחרים פאַראַליזירט דורך פאַראָרדענונגען פון זייערע שטאָטישע רעפרעזענטאַנטן, וואָס האָבן פאַרווערט די יידן איבערצוגעבן וועלכע ס׳איז עפנטלעכע שטעלעס.

די קאָנקורענץ פון דעם צפון- און מיטל-איטאַליענישן סוחרים-קלאַס, וואָס זיין עשירות האָט געוואַלדיק געשטיגן בעת די קרייצצוגן, האָבן די יידן געמוזט דערשפירן אויך אויף דעם געביט פון האַנדל און קרעדיט. שוין ביים סוף פון 10-טן י״ה האָבן די צפון-איטאַליענישע יידן, צוליב דער פאַרשאַרפטער קאָנקורענץ מצד דעם קריסטלעכן סוחרים-קלאַס פון ווענעדיק, פאַרלוירן די דירעקטע פאַרבינדונגען מיטן אָריענט. אויפן חשבון פון דער האַנדלס-קאָנקורענץ איז אויך צו פאַרשרייבן, וואָס בנימין פון טודעלאָ האָט אָנגעטראָפן אין אַזעלכע בליענדיקע האַנדלס-שטעט, ווי גענואַ, לוקאַ און פיזאַ בלויז אַ נישטיקע צאָל יידן. דערווייטערט פון דירעקטע האַנדלס-באַציונגען מיט דעם אַזיאַטישן מאַרק, האָבן די צפון- און מיטל-איטאַליענישע יידן גענומען אויף זיך די ראָלע פון פאַרמיטלער צווישן די איטאַליענישע און מערב-פרענקישע מערק. זיי פלעגן אויפקויפן אין די איטאַליענישע האַפן-שטעט טראַנספּאָרטן אָריענטאַלישע סחורות און פאָרן מיט די טראַנספּאָרטן אויף די ירידים אין די שטעט ביי דער לואַר און דער סענאַ, קיין טור, אַמבואַז, שינאָן און אז. וו. בכלל האָט דער האַנדל פון די צפון- און מיטל-איטאַליענישע יידן

אָנגענומען אַ מערבדיקע ריכטונג און ער האָט, אַחוץ די דערמאָנטע פראַנצויזישע מערק, באַרירט אויך שפּאַנישע מערק. אַזוי, אַ שטייגער, איז אונז פון י. 1162 פאַרבליבן אַ האַנדלס־אָפּמאַך צווישן דעם ייד יוסף פון גענואַ און אַ קריסטלעכן סוחר, ענריקוס ניצעווועלאַ, לויט וועלכן דער ייד גיט איבער דעם קריסט איין פונט זיידוואַרג, וועלכעס דער קריסט דאַרף פאַרקויפן אין שפּאַניע. צוליב די שוועריקייטן, אויף וועלכע די יידן האָבן זיך אָנגעשטויסן אין די גרויסע איטאַליענישע האַנדלס־רעפּובליקן, פלעגן זיי, פאַר זייער צווישן־האַנדל, זיך באַנוצן מיט קלענערע האַפנס, בפרט אַזעלכע, וואָס זענען געלעגן אין דער קירכע־מלוכה, וואו די האַנדלס־קאָנקורענץ איז נישט געווען אַזוי פאַרשאַרפט, ווי אין די פרייע שטאָטישע רעפּובליקן. אַזוי, אַ שטייגער, באַגעגענען מיר אין י. 1192 יידישע סוחרים, וואָס צאָלן דעם ברעג־צאָל אין רומיני. אַ סך יידן האָבן זיך אין דערזעלבער צייט אויך געפונען צווישן די סוחרים, וואָס האָבן פאַרקערט אין דער האַפן־שטאָט רעקאַנאַטי. בכלל זענען אין דער קירכע־מלוכה די באַדינגונגען פאַרן יידישן האַנדל געווען אַ סך גינסטיקער, ווי אין צפון־איטאַליע מיט די מעכטיקע האַנדלס־שטעט ווענעדיק, גענואַ און פּיזאַ. די יידן פלעגט זיך אפילו איינגעבן אויסצופּועלן ביים פּויפּסט וויכטיקע האַנדלס־פּריווילעגיעס פאַר זיך. אַזוי, אַ שטייגער, האָבן זיי אין י. 1255 באַקומען פונם פּויפּסט אַ פּריווילעגיע, לויט וועלכער זיי ווערן באַפרייט פון צאָלן דעם שטייער פאַר באַנוצן די שאָסייען אין דער קירכע־מלוכה און אין סיציליע. פון דערזעלבער פּריווילעגיע דרינגט אַרויס, אַז די יידן פלעגן טיילמאָל האַנדלען מיט קריסטן בשותפות. וואָס איז שייך די אַרטיקלען, מיט וועלכע די יידן האָבן געמסחרט, ווערן אין די קוועלן, אַחוץ אָריענטאַלישע סחורות, דערמאָנט אויך אַזעלכע, ווי אייל און שקלאַפן. אַזוי, אַ שטייגער, ווערט אין אַ דאָקומענט פון י. 1226 דערמאָנט אַ ייד מיטן נאָמען דאָנאָפּלינוס, וואָס האָט געלעבט אין פעראַראַ און וואָס האָט דאָרט געהאַנדלט מיט אייל. פון י. 1267 איז אונז פאַרבליבן אַן אָפּמאַך, לויט וועלכן אַ באַפולמעכטיקטער פונם ייד יעקב פון פּאַוויאַ האָט געקויפט ביי אַ גענועזער סוחר אַ ברוינע שקלאַפין פון שפּאַניע. אין משך פונם 14־טן י״ה ווערן די יידן דורך די איטאַליענישע האַנדלס־שטעט וואָס מער פאַרדרענגט פונם באַשריבענעם צווישן־האַנדל, אין וועלכן זיי האָבן, אגב, געשפּילט בלויז אַ זייער באַשיידענע ראָלע. דער פאַר־דרענגונגס־פּראָצעס דערגייט שוין אַזוי ווייט, אַז דער איינציקער אַרטיקל, מיט וועלכן די יידן איז דערלויבט צו האַנדלען אין די

איטאַליענישע האַנדלס־רעפּובליקן, זענען נישט־אויסגעקויפטע משכּנות. מיט אַנדערע ווערטער: די יידן מעגן בלויז אויף אַזויפיל האַנדלען, אויף וויפל דאָס איז אָרגאַניש צונויפגעבונדן מיט דער וואוכעריי, וואָס בילדעט דעמאָלט זייער עיקר פּרנסה. אגב, איז דערדאָזיקער משכּנות־האַנדל (דער באָדן, פון וועלכן ס'האָט זיך אַנטוויקלט דער יידישער האַנדל מיט אַלטוואַרג) לגמרי נישט געווען קיין פרייער, נייערט ער איז געשטאַנען אונטער אַ קאָנטראָל פון די שטאָטישע אָרגאַנען. אין מאַנכע צפון־איטאַליענישע שטעט איז אויך דידאָזיקע לעצטע האַנדלס־מעגלעכקייט צוגענומען געוואָרן ביי די יידן. אַזוי, אַ שטייגער, ווערט אונז איבערגעגעבן, אַז דער סענאַט פון ווענעדיק האָט אין י. 1395 צוגענומען ביי די יידן דאָס וואוינרעכט, מחמת זיי האָבן נישט אָפּגעהיט די באַדינגונגען פון דער Condotta און האָבן געטריבן אַ האַנדל מיט פאַרפאַלענע משכּנות, הגם דאָס איז זיי פאַרווערט געווען לויט דער Condotta.

אַן ענלעכע אַנטוויקלונג צום ערגערן לאָזט זיך אויך מערקן אויפן געביט פון די יידישע קרעדיט־געשעפטן. די בלי־תּקופה פון די יידישע קרעדיט־אָפּעראַציעס האָט אין צפון־און מיטל־איטאַליע, ווי ס'ווייזט אויס, אַרומגענומען בלויז דאָס 11־טע און די ערשטע העלפט פונם 12־טן י"ה. די כּסדרדיקע קאַמפן פון די פּויפּסטן און דעם אַדל, מיט וועלכע עס האָט דעמאָלט געטומלט און ביי וועלכעביידע צדדים פלעגן זיין געענגט אין געלט, האָבן צוגעהאָלפן צו דער אַנטוויקלונג פון אַ רייכער יידישער באַנקירן־גרופּע, פון וועלכער עס פלעגן אויך גענומען ווערן פאַכלייט פאַר כּלערליי שטעלעס אין דער פּויפּסטלעכער און פירשטלעכער פינאַנץ־פאַרוואַלטונג. אַ באַזונדערס גרויסן שם האָט אין 11־טן י"ה דערגרייכט דער באַנקיר ב ר ו ך פ י ע ר ל ע אָ נ י פון ר ו י ם, וואָס האָט זיך, אַ דאַנק די קרעדיט־אָפּעראַציעס, פאַרשאַפט אַ פירשטלעך פאַרמעגן און וואָס איז שפּעטער אַריבער צום קריסטנטום. די רייכע קעשענע האָט געגעבן דעם משומד אַ מעגלעכקייט זיך מתחתן צו זיין מיט רוימישע מיוחסים; עס זענען פון אים אַרויסגעקומען דורות מעכטיקע פּריצים, און איינער פון זיי איז אפילו אויסגעקליבן געוואָרן אַלס פּויפּסט (אַנאַקלעט II, וואָס האָט פאַרנומען דעם פּויפּסטלעכן שטול צווישן די י"י 1130—1138). צו די לעצטע גרויסע יידישע באַנקירן האָט — אַזוי ווייזט אויס — באַלאַנגט דער פריער שוין דערמאָנטער ר' י ה י א ל פון ר ו י ם, וועגן וועלכן עס זענען אונז אויפגעהיט געוואָרן ידיעות אין די רייזע־באַשרייבונגען פון בנימין פון טודעלאָ. ביים סוף פון 12־טן י"ה ווערן די יידישע

געלט־מענטשן ווייט, ווייט איבערגעשטיגן דורך קריסטלעכע וואוכער־ניקעס, בפרט דורך די לאָמבאַרדן און טאָסקאַנער. דידאָזיקע רירעווי־דיקע סוחרים־באַנקירן האָבן אַזוי ווייט געטריבן זייערע שפּעקולאַציעס, אַז שוין אין י. 1179 האָט די קירכע געמוזט אַרויפלייגן אויף זיי שווערע שטראָפן, דהיינו, ווי נישט קומען צו קבורה לויטן קריסטלעכן דין. ווי גרויס עס איז געווען די מחנה קריסטלעכע וואוכערניקעס ביים אָנהויב פון 13־טן י"ה, באַווייזט אונז צום בעסטן די באַקאַנטע דער־קלערונג פונם פּויפּסט אינאָקענטיוס III, אַז אַרויפלייגן אויף זיי קירכע־שטראָפן באַדייט אַזויפיל, ווי נעמען און פאַרמאַכן אַלע קירכעס. דידאָזיקע קריסטלעכע קאָנקורענץ, וואָס האָט, אגב, פאַרמאָגט קאָלאָסאַלע געלט־מיטלען — עס איז געווען אָנצומערקן אַזעלכע געלט־מאַגנאַטן, ווי די באַנקירן־משפחות ספּיני, ספּיליאַטי (Spigliati), באַרדי, צערטשי (Cerchi), פּולטשי, אַלפּאַני וכדומה — האָט ביי די יידן צוגענומען די בעסטע קליענטן, דהיינו, די פּויפּסטלעכע קוריע און די פּריצים — ערדבאַזיצער, ביי וועלכע מען האָט זיך מיט דער הילף פון קרעדיט־געשעפטן געקאָנט דערשלאָגן צו פעטע שטעלעס אַלס אַרענדאַרן פון עפנטלעכע הכנסה־קוואַלן. נישט קאָנענדיק קאָנקורירן מיט די קריסטלעכע באַנקירן לויט דער גרויס פון די קאַפּיטאַלן, האָבן די יידישע געלט־מענטשן געמוזט אויפזוכן זייערע קליענטן ביי האַנטווערקער, ביי קליינע סוחרים און פּויערים און זיך האַלטן אויפן געלט־מאַרק מיטן כוח פון קליינע פּראָצענטן. דער יידישער קליין־קרעדיט האָט צוליב זיין ביליקייט באַקומען איינגיכן אַ שם, און די יידן זענען געוואָרן אַ גינסטיקער ווירטשאַפטלעכער פאַקטאָר אפילו אין אַזעלכע שטעט מיט אַ באַנקירן־ און סוחרים־רעזשים, ווי פלאָרענץ, ווענעדיק און גענוא.

ווען פלאָרענץ ווערט אונז איבערגעגעבן דורך אַ באַגלויבטער קוועלע פון 13־טן י"ה, אַז דער שטאָט־ראַט האָט פאַרבעטן די יידן צו באַזעצן זיך אין דער שטאָט, מחמת ער האָט געוואָלט אויף אַזאַ אופן קומען צו הילף דעם קרעמער־ און האַנטווערקער־קלאַס און אים באַפרייען פון דער מוראדיקער עקספּלאָאַטאַציע מצד די קריסטלעכע וואוכערניקעס. אויך ווענעדיק, וואָס האָט זינט דעם 10־טן י"ה אַזוי עקשנותדיק באַקעמפט דעם יידישן מסחר, האָט פונדעסטוועגן געעפנט די טויערן פאַר די יידישע געלט־פאַרלייער, וואָס האָבן געטריבן קרעדיט־געשעפטן אויף באַוועגלעכע משכנות. די אינזל־שטאָט האָט זיך בלויז באַוואָרנט מיט דעם רעכט צו פירן אַ קאָנטראָל איבער די יידישע געלט־אָפּעראַציעס, אַז זיי זאָלן נישט דערגרייכן צו יענע

רייכע שיכטן, וואָס זענען געווען דאָס אָפּעראַציע־געביט פון די גרויסע ווענעציאַנער באַנק־הייזער. לויט אַ פאַראָרדענונג פון י. 1298 איז די קאָנטראָל איבער די יידישע געלט־געשעפטן איבערגעגעבן געוואָרן צו די אַזויגערופענע „Cinque Savi“, אין דער צווייטער העלפט פון 14־טן י״ה האָבן זיך מיט דער קאָנטראָל פאַרנומען די „Sopra Consoli“. זיי האָבן געפירט אַ גענויע רשימה פון אַלע יידן, וואָס האָבן זיך מפרנס געווען מיט געלט־געשעפטן און זיי זע־נען אויך געשטאַנען אויף דער וואַך, אַז די יידן זאָלן נישט פירן קיין האַנדל מיט די פאַרפאַלענע משכנות. ווען עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די יידן פירן דאָ אַזאַ האַנדל, האָט דער סענאַט אין י. 1395 באַשלאָסן נישט צו באַנייען מיט זיי די "Condotta"־ און די יידן האָבן געמוזט אויסוואַנדערן פון ווענעדיק קיין מעס־טרע. איינצלנע יידן איז פונדעסטוועגן דערלויבט געוואָרן צו קומען פון צייט צו צייט קיין ווענעדיק, אָבער זיי האָבן זיך דאָ נישט גע־טאָרט לענגער אויפהאַלטן, ווי 2 וואָכן. פון דעם נוצן, וועלכן מען האָט געהאַט פונם יידישן קליין־קרעדיט, האָבן זיך די ווענעציאַנער פאַרט נישט געוואָלט אָפּזאָגן, און זיי האָבן אין דער פאַראָרדענונג וועגן דעם צייטווייליקן אויפהאַלט אין דער שטאָט איבערגעלאָזט אַ פריי טירל פאַר די יידישע געלט־מענטשן, וואָס האָבן זיך פאַרנומען מיט געבן הלוואות אויף באַוועגלעכע משכנות.

§ 39 דאָס יידישעווירטשאַפטס־לעבן אין דרום־איטאַליע און סיציליע.

אַ סך דערפרייענדיקער איז דאָס יידישע ווירטשאַפטס־בילד, וואָס אַנטפּלעקט זיך פאַר אונז בעת דער באַהאַנדלטער תקופה אין דרום־איטאַליע און סיציליע. ווי אַ טרעפלעכע כאַראַקטעריסטיק פון דעם יידישן ווירטשאַפטס־לעבן אין דידאָזיקע מקומות געפינען מיר אין די עצות און באַמערקונגען, וואָס זענען דערהאַלטן געוואָרן אין אַ שריפט וועגן דער יידן־פראַגע פון דעם באַרימטן טעאָלאָג פון 13־טן י״ה, טאָמאַס פון אַקווינאָ. אין דערדאָזיקער שריפט, וואָס טראָגט דעם לאַטיינישן טיטל „De regimine Judeorum“ („וועגן דעם אופן, ווי אַזוי איינצואָרדענען יידן“), שרייבט דער געלערנטער איטאַליענישער מחבר צו דער הערצאָגין פון בראַבאַנט, אַלס ענטפער אויף איר פראַגע, ווי אַזוי איינצואָרדענען דעם יידן־רעגאַל, אַז לויט זיין מיינונג וואָלט געווען יושרדיק, ווען די פירשטן זאָלן צווינגען די יידן, זיי זאָלן דורך פיזישער אַרבעט פאַרדינען אויף חיונה, אַנשטאָט דעם זיך

מפרנס צו זיין מיט וואוכעריי. דערביי באַמערקט טאָמאַס פון אַקווינאָ,
אַז מאַנכע יידן לעבן טאַקע פון פיזישער אַרבעט און נישט פון וואוכער=
געשעפטן אין אַ טייל פון איטאַליע (in partibus Italiae). רידאָזיקע
באַמערקונג שטימט אויך מיט די פאַקטן, וואָס ווערן אונז איבערגעגעבן
דורך די קוועלן פון דער באַהאַנדלטער תקופה. נישט געקוקט דערויף,
וואָס דרום=איטאַליע און סיציליע זענען געווען צוליב זייער געאָגראַפישער
לאַגע אַ וויכטיקע פאַרבינדונגס=בריק אינם האַנדל צווישן מערב=אייראָפּע
און דעם אַזיאַטישן מזרח, הערן מיר נישט בעת דער גאַנצער צייט,
אַז די יידן זאָלן האָבן געשפּילט עפּעס אַ ראָלע אינם דאָזיקן צווישן=
לענדישן האַנדל. גאַנץ אין הינטערגרונט שטייען אויך די יידן בנוגע
דער קרעדיט=ווירטשאַפט, וואָס האָט זיך דאָ אַנטוויקלט אין צוזאַמענ=
האַנג מיט די געלט=באַדערפענישן פונם אַדל און פון די סוחרישע עלע=
מענטן. אמת, אַמאָל פלעגט טרעפן, אַז מען האָט ביי יידן אויפגענומען
הלוואות אויף משכנות, אָבער די פאַלן, וואָס ווערן פאַרנאָטירט דורך
די קוועלן, זענען אויסערסט זעלטן און עס איז שווער פון זיי אַרויס=
צודרינגען, אַז מיר האָבן דאָ צו טון מיט פראָפעסיאָנעלע יידישע פראַ=
צענטניקעס. אַזוי, אַ שטייגער, ווערט אונז פון י. 1022 איבערגעגעבן
וועגן אַ הלוואה אין דער הויך פון 500 גאָלדשטיק, וועלכע יידן האָבן
געגעבן אַ קלויסטער פון מ אָ נ ט ע ק אַ ס י נ אָ (דרום=איטאַליע), נעמענ=
דיק דערביי אַלס משכון אַ זילבערנעם בעכער און אַ טייערע
באַקליידונג פונם קלויסטער. פון סיציליע איז אונז ווידער באַוואוסט,
אַז לויט אַ פּריווילעגיע, וועלכע די יידן האָבן באַקומען פונם קיסר
פ ר י ד ר י ך II אין י. 1231, האָבן זיי געמעגט באָרגן אויף ציִנזן,
אָבער נישט העכער ווי 10 פראָצ. דערדאָזיקער אויסערסט נידעריקער
ציִנז=פוס באַווייזט בולט די כוונה פון דעם שוץ=האַר, צו פאַרויענדן די
יידן אויף אַנדערע ווירטשאַפטס=געביטן, ווי קרעדיט=געשעפטן. נאָך
בולטער טרעט אַרויס דידאָזיקע כוונה אין אַ ווייטערדיקער באַשטימונג
פון דערזעלבער פּריווילעגיע, לויט וועלכער עס ווערט אַרויפגעלייגט אַ
הויכע געלט=שטראָף אויף יעדן יידן, וואָס נעמט מער, ווי 10 פראָצ.
די שטראָף האָט, נעמלעך, באַטראָפן דאָס ניינפאַכע פון דער סומע,
וואָס האָט אַריבערגעשטיגן דעם דערלויבטן ציִנז=פוס. ביי אַזאַ באַציִונג
פון דעם שוץ=האַר צו די יידישע קרעדיט=געשעפטן איז לייכט משער
צו זיין, אַז די יידישע קרעדיט=אָפעראַציעס האָבן זיך געקאָנט אַנטוויק=
לען בלויז אין זייער באַגרענעצטע ראַמען.

אַ חוץ דער ציטירטער פּריווילעגיע, וואָס באַווייזט אויף אַן אומ=
דירעקטן אופן די נעגאַטיווע טענדענצן פון דעם שוץ=האַר בנוגע אַזאַ

אַלגעמיינער דערשיינונג אין דער מיטלאַלטערלעכער ווירטשאַפטס־געשיכטע, ווי די יידישע וואוכערײַ, זעגען אונז אויסגעהיט געוואָרן אַ גרויסע צאָל ידיעות, וועלכע באַווײַזן די פּאָזיטיווע באַציונג פון די שוץ־הערן אין דרום־איטאַליע און סיציליע צו אַזעלכע באַשעפטיקונגען פון די יידן, ווי לאַנדווירטשאַפט און מלאכה. נאָך מער: עס זענען אַפילו פּאַראַן קלאָרע באַווײַזן, אַז די שוץ־הערן האָבן געטריבן אַ ציל־באַוואוסטע ווירטשאַפטס־פּאָליטיק, וואָס דער צוועק אירער איז געווען, צו קאָנצענטרירן די יידן אין געוויסע צווייגן פון לאַנדווירטשאַפט און מלאכה. אַזוי, אַ שטייגער, איז פון די דערהאַלטענע ידיעות וועגן דער יידישער לאַנדווירטשאַפט אין דרום־איטאַליע און סיציליע בולט צו זען, אַז די שוץ־הערן האָבן זייערע יידישע קאָמערקנעכט פאַרווענדט דערעיקרשט בײַ ווײַנגערטנערײַ און פּלאַנטאַציעס. אָט האָבן מיר, למשל, פון די יאָרן 1033 — 1039 ידיעות וועגן אַ ייד מיטן נאָמען טעאָפילאַקטוס, וואָס קויפט אײַן בײַ טאַרענט ערד־שטחים פאַר ווײַן־פּלאַנצונגען. אין י. 1239 ווערן צפון־אַפריקאַנישע יידן, וואָס האָבן געלעבט אין פּאַלערמאָ, באַשאָנקען דורך דעם קיסר פרידריך II מיט ערד־שטחים אַרום דער שטאָט, כּדי צו פּלאַנצן אויף זיי אינדיגאָ, הענאַ און אַנדערע טײַערע פּלאַנצן, וואָס האָבן געוואַקסן אין אַפריקע און וואָס די קולטור זייערע איז ביז דעמאָלט נאָך נישט געווען אײַנגעפירט אין סיציליע. צו דיזעלבע יידן האָט דער קיסר גלײַכצײַטיק אויך איבערגעגעבן אין אָרענדע אַ פּרדס מיט טייטל־פּאַלמען. מאַנכע יידישע פּלאַנטאַציעס אין דרום־איטאַליע און סיציליע האָבן געמוזט זײַן פון אַ גרויסן פאַרנעם, וואָרים מיר הערן פון אַ קוועלע, וואָס שטאַמט פון אָנהויב פון 13־טן י״ה, אַז די יידן פּלעגן אויף די פּלאַנטאַציעס באַשעפטיקן שקלאַפן. היות, ווי בײַ די יידישע פּלאַנטאַטאָרן האָבן אַ חוץ מאַכמעדאַנישע שקלאַפן געאַרבעט אויך קריסטלעכע, האָט דער קיסר פרידריך II אַרויסגעגעבן אַ פאַראָרדענונג, וואָס האָט די יידן אויסדריקלעך פאַרווערט זיך צו באַנוצן מיט שקלאַפן, וועלכע האָבן באַלאַנגט צום קאַטוילישן גלויבן.

וואָס שייך, ווידער, דער יידישער מלאכה אין דרום־איטאַליע און סיציליע, דאַרף אונטערגעשטראָכן ווערן, אַז מיר באַגעגענען דאָ די יידן דערעיקרשט בײַ צוויי אינדוסטריעלע צווייגן, דהיינו: בײַ דער פאַרבערײַ און בײַ דער זײַד־וועבערײַ. פּונקט ווי די יידישע פּלאַנטאַציע־ווירטשאַפט איז אויך די באַשעפטיקונג פון די דרום־איטאַליענישע און סיציליאַנישע יידן מיט פאַרבערײַ און זײַד־וועבערײַ אַ דערשיינונג, וואָס שטייט אין אַן ענגן צוזאַמענהאַנג מיט

דער ווירטשאַפטס־פּאָליטיק, וועלכע די שוץ־האַרן פון דידאָזיקע לענדער האָבן געטריבן בנוגע זייערע יידישע קאַמער־קנעכט און וואָס דער ציל אירער איז געווען איינצופירן מיט דער הילף פון יידישע פּאַכּ־לייט נייע ווירטשאַפטלעכע אונטערנעמונגען. אַזוי, למשל, איז באַוואוסט, אַז דער נאָרמאַנישער הערצאָג ראָגער (1127—1154), וואָס האָט גע־וואָלט איינפירן אין סיציליע די זייד־וועבעריי, האָט אין י. 1147 אַראָפּגעבראַכט פון גריכנלאַנד יידישע זייד־וועבער און זיי באַזעצט אין דער הויפּטשטאָט פּאַלערמאָ, בכדי זיי זאָלן דאָ איינאָרדענען דידאָזיקע מאַנופאַקטור, וואָס האָט ביז דעמאָלט געבליט בלויז אין גריכנלאַנד.

די זייד־וועבעריי איז דאָ פון די יידישע פּאַכלייט באַגרינדעט געוואָרן אין דער פאָרם פון אַ הויז־אינדוסטריע, וואָס האָט פּראָדו־צירט לויט באשטעלונגען פון סוחרים־אונטערנעמער. די זייד־וועבער זענען געווען קליינע מייסטערלעך, אָרגאַניזירטע אין צעכן.

זייער געניי לאָזן זיך אויך פעסטשטעלן דער אָנהויב און דער כאַראַקטער פון דער יידישער שטאָף־פּאַרבעריי אין דרום־איטאַליע און סיציליע. די עלטסטע יידישע פּאַרבעריי ווערט דערמאָנט אין אַ דאָ־קומענט פון י. 1129, פון וועלכן מיר דערוויסן זיך, אַז זי איז גע־ווען איינגעאָרדנט אין דער דרום־איטאַליענישער שטאָט גאַעטאַ. צווישן די יאָרן 1150—1175 האָט בנימן פון טודעלאָ באַגעגנט 10 יידישע משפחות אין ברינדיזי, וואָס האָבן זיך באַשעפטיקט מיט פּאַר־בעריי. אין אַ דאָקומענט פון י. 1211 ווערט דערמאָנט אַ פּאַרבעריי אינם יידישן קוואַרטאַל פון פּאַלערמאָ, וועלכע דער קיסר פרידריך II שענקט אַוועק צוזאַמען מיט די יידן צום ערצבישאָף פון דערדאָזיקער שטאָט. דאָקומענטאַריש לאָזן זיך פּאַר דערזעלבער צייט נאָכווייזן יידישע פּאַרבערייען אויך אין אַ ריי אַנדערע שטעט, ווי בענע־ווענט, קאָסענזא, טראַני וכדומה. אַזוי, אַ שטייגער, ווערן דורך דעם קיסר פרידריך II אין י. 1231 אייניקע יידן באַשטימט אַלס פּאַר־וואַלטער פון די פּאַרבערייען אין סאַן דזשערמאַנאָ און אין קאַפּואַ. די יידישע פּאַרוואַלטער פון דער קאַפּואַנער פּאַרבעריי באַקומען באַלד דערויף דעם אויפטראַג, איינצואָרדענען פּאַרבערייען אויך אין די שכנותדיקע שטעט און שטעטלעך. צו דערזעלבער צייט באַגעגענען מיר יידן אַלס פּאַרוואַלטער פון 4 פּאַרבערייען אין דער פּראָווינץ אַברוצען. פון די געבראַכטע ידיעות איז משער צו זיין, אַז די יידן האָבן דע־מאָלט באַהערשט די פּאַרבעריי־מלאכה אין גאַנץ דרום־איטאַליע און סיציליע. ווי אַ ראיה קאָן אָבער אויך דינען דער פּאַקט, אַז קיסר

פרידריך II, וואָס האָט אין י. 1231 איינגעאָרדנט די פאַרבעריי אַלס אַ מלוכהשן מאָנאָפאָל, האָט די צענטראַלע אָנפירונג און פאַרוואַלטונג מיט דעם מאָנאָפאָל איבערגעגעבן צו איינציקע ייִדן פון טראַני. דידאָזיקע ייִדישע מאָנאָפאָל־פאַרוואַלטער זענען געווען מלוכהשע אָנגעשטעלטע און האָבן באַקומען אַ פעסטן געהאַלט. זייער אויפגאַבע איז געווען נישט בלויז צו זאָרגן, אַז די פאַרבערייען זאָלן אַריינטראָגן אַ געהעריקע הכנסה, נאָר זיי האָבן זיך אויך געמוזט פאַרנעמען מיט איינקויפן שטאָפן און פאַרב־מאַטעריאַלן פאַר די פאַרבערייען און מיט פאַרקויפן די פאַבריקאַטן. אין די פאַרבערייען האָבן די ייִדישע אַרבעטער געאַרבעט אונטער דער לייטונג פון ווערקמייסטערס. בכן האָבן די אַרבעטס־וואַרשטאַטן געהאַט דעם כאַראַקטער פון גרעסערע אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען, פון „מאַנופאַקטורן" (פונקט אַזוי, ווי דאָס איז געווען דער פאַל ביי די זייד־וועבערייען).

פון דעם אַלעם איז צו זען, אַז די מאַכטהאָבער פון דרום־איטאַליע און סיציליע האָבן זיך מער גערעכנט מיט די ווירטשאַפטלעכע טעמים, איידער מיט דער קירכלעכער אידעאָלאָגיע, און אַז זיי האָבן אָנגעשטעלט ייִדן אַלס מלוכה־באַאַמטע, הגם דאָס איז געווען פאַרווערט דורך קירכלעכע פאַראָרדענונגען. פרידריך דער II־טער, וואָס איז ביי דעם אויפבוי פונם פאַרבעריי־מאָנאָפאָל געגאַנגען מיט אַזאַ „נישט־קריסטלעכן" וועג, האָט אין דעם פרט געהאַט גרייטע מוסטערן נאָך פון יענע צייטן, ווען עס האָבן אין זיינע איטאַליעניש־סיציליאַנישע טעריטאָריעס געוועלטיקט די נאָרמאַנישע פירשטן. אַזוי, אַ שטייגער, ווערט אונדז איבערגעגעבן דורך אַ העברעיִשער קוועלע אַ ידיעה וועגן אַ ייִד שמואל בן חננאל, וואָס האָט אין דער צווייטער העלפט פון 11־טן י"ה געלעבט אין קאַפּוא און וואָס איז געווען אָנגעשטעלט אַלס פאַרוואַלטער פון די מינץ־און צאָל־אָפּצאָלונגען. אַ געוויסע ענדערונג אין דידאָזיקע פאַרהעלטענישן איז פאָרגעקומען ערשט ביים סוף פון 13־טן י"ה, נאָכדעם, ווי סיציליע איז אָפּגעטיילט געוואָרן פון דרום־איטאַליע און איז אַריבער צו די אַראַגאָנישע קעניגן, ווען אין דרום־איטאַליע איז דער רעזשים געבליבן ביי דער דינאַסטיע אַנזשו (1282). אין אַ יאָר אַרום נאָך דעמדאָזיקן געשעעניש גיט אַרויס קאַרל פון אַנזשו אַ פאַראָרדענונג „וועגן די פּריווילעגיעס און פרייהייטן פון די קירכעס" („de privilegus et immunitatibus culesiarum“), וואָס לויט איר ווערן אַלע ייִדן, וועלכע זענען אונטערטאַנען פון דער קירכע, אויסגעשלאָסן פון באַאַמטן־און פאַרוואַלטער־שטעלעס. נאָך ווייטער איז געגאַנגען דער צוזאַמענפּאַר פון דעם דרום־איטאַליענישן

אַדל, וואָס איז פֿאָרגעקומען אין י. 1296 אין פּיאַצאַ (Piazza) און וואָס האָט די יידן אויסגעשלאָסן נישט בלויז פֿון ריכטער־שטעלעס, נאָר אויך פֿון אַזאַ פֿרייען באַרוף, ווי דאָס פּראַקטיצירן אַלס רופֿא. דאַקעגן איז אין סיציליע געבליבן ביים אַלטן, און די נייע מאַכטהאָבער האָבן די יידן אין נישט קיין קלענערער מאָס צוגעלאָזט צו מלוכהשע שטעלעס, בפֿרט צו דער פֿינאַנץ־פֿאַרוואַלטונג, ווי זיי פֿלעגן דאָס מאַכן אין זייער אַראַגאָנישן קעניגרייך גופֿא.

§ 40 דאָס ווירטשאַפֿטס־לעבן פֿון די יידן אין גריכנלאַנד און אויף די דערביייאיקע אינזלען.

די ווירטשאַפֿטלעכע סטרוקטור פֿון די גריכישע יידן איז אין דער באַהאַנדלטער תקופֿה זייער ענלעך צו דער נאָר וואָס געשילדערטער סטרוקטור פֿון די דרום־איטאַליענישע און סיציליאַנישע יידן: דיזעלבע פֿירנדיקע ראָלע אין אַזעלכע מלאָכות, ווי זייד־וועבעריי און פֿאַרבעריי, דיזעלבע נאָענטקייט צו לאַנדווירטשאַפֿט, דיזעלבע דערווייטערונג פֿון וואוכעריי־געשעפֿטן.

אַן אינטערעסאַנט בילד פֿון דעם יידישן ווירטשאַפֿטס־לעבן אויף די טעריטאָריעס פֿון דער ביזאַנטינישער מלוכה, צו וועלכער עס האָט דעמאָלט באַלאַנגט גריכנלאַנד און דער גרעסטער טייל פֿון די אַרומיקע אינזלען, פֿאַרמאָגן מיר פֿון דער צווייטער העלפֿט פֿון 12־טן י״ה, אַ דאַנק דער רייזע־באַשרייבונג פֿון בנימין פֿון טודעלאַ. בנימין האָט אויפֿן גריכישן האַלב־אינזל באַזוכט יידישע ישובֿים מיט אַ באַפֿעלקערונג פֿון לערך 7.600 משפּחות. די גרעסטע קהלות האָט ער באַגעגנט אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל (2.500 ייד. משפּחות), טעבען (2000), סאַלאָניקי (500), האַלמיראָס אין טעסאַליע (400), קאָרינט (300), קריסאַ (200), נעגראָפּאָנטע (200) און דראַמאַ (140). די איבעריקע קהילות האָבן געציילט פֿון 20 ביז 100 יידישע משפּחות. חוצדעם, האָט בנימין נאָך באַזוכט 5 אינזלען אַרום גריכנלאַנד און ער האָט דאָ אָנגעטראָפֿן אַ יידישע באַפֿעלקערונג פֿון לערך 2.000 משפּחות (בנימין גיט, אגבֿ, אָן סטאַטיסטישע ציפֿערן בלויז פֿאַר 3 אינזלען. דערפֿאַר אָבער פֿעלן ביי אים ציפֿערן וועגן דעם אינזל ציפּערן און באַזונדערס וועגן דעם אינזל לעסבאָס, וועגן וועלכן ער דערמאָנט, אַז עס עקזיסטירן אויף אים 10 קהילות. די ציפֿערן פֿון די דריי אינזלען מאַכן אויס לויט בנימינען צוזאַמען 1110 משפּחות. אָבער היות ווי אויף ציפּערן און לעסבאָס האָט זיכער געלעבט נישט קיין קלענערע צאָל יידן, ווי אויף די אינזלען ראָדאָס און כיאָס, וואו בנימין האָט אָנ־

געטראָפן צוזאַמען 800 יידישע משפחות, איז משער צו זיין, אַז אויף אַלע 5 אינזלען האָבן געלעבט ביז 2000 ייד. משפחות.

וועגן דעם ווירטשאַפטלעכן לעבן פון די גריכישע יידן דערציילט אונז בנימין פאָלגנדיקע פרטים: אין קריסאַ האָט ער באַגעגנט 200 יידישע משפחות, וואָס האָבן געוואוינט ביים פאַרנאַס-באַרג. זיי זענען זיך מפרנס מיט לאַנדווירטשאַפט; זיי באַזיצן אייגענע נחלאות, פאַרזייען די פעלדער אַליין און נעמען אַראָפּ דעם שניט. אין טעבען מיט אַ יידישער באַפעלקערונג פון 2000 משפחות, האָט בנימין אָנגעטראָפן צווישן די יידן די געניטסטע זייד- און פורפור-פאַבריקאַנטן פון גאַנץ גריכנלאַנד. מיט זייד-וועבעריי האָבן זיך לויט אים באַשעפטיקט אויך די יידן פון וויסענאַ (100 משפחות) און אַ היפּשער טייל יידן פון סאַלאָניקי און קאָנסטאַנטינאָפּאָל. וואָס שייך דעם יידישן מסחר, האָט ער, לויט בנימינען צום מערסטן געבליט אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל און אין האַלמיראָס. אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל האָט אונזער וועלט-רייזנדער באַגעגנט, אַחוץ יידישע פאַבריקאַנטן פון זייד-שטאָפן, אַ סך יידן — רייכע סוחרים. וועגן האַלמיראָס באַמערקט ער, אַז אין דערדאָזיקער טעסאַלישער שטאָט האָבן געטריבן אַ לעבהאַפטן האַנדל איטאַליענישע סוחרים פון ווענעדיק, פּיזאַ, גענואַ וכדומה.

עד כאן בנימין.

צו זיינע פאַרשרייבונגען לאָזט זיך אויפן סמך פון אַנדערע קוועלן צוצוגעבן פאָלגנדיקע הוספות: די יידישע זייד-וועבער אין גריכנלאַנד, וועגן וועלכע ס׳דערמאָנט בנימין, האָבן געאַרבעט אין מלוכהשע מאָנאָפּאָל-אונטערנעמונגען, וואָרים די פּראָדוקציע פון זייד-שטאָפן איז אין ביזאַנץ, פּונקט ווי אין סיציליע און דרום-איטאַליע, געווען מאָנאָפּאָליזירט דורך דער מלוכה.

ענלעך דאַרפן אויך אויפגעפאַסט ווערן די ידיעות, וועלכע ס׳ברענגט אונז בנימין וועגן די יידישע סוחרים אין ביזאַנץ. אויף וויפל זיי האָבן געהאַנדלט מיט אַזעלכע מאַסן-אַרטיקלען, ווי ווייַן, אייל, תבואה, זייד, האָבן זיי דאָס געקאָנט טון בלויז אַלס אַרענדאַרן און אָנגעשטעלטע ביי דער מלוכה, וואָרים פּונקט ווי די זייד-פּראָדוקציע, איז אויך דער האַנדל מיט דידאָזיקע געברויכס-אַרטיקלען געווען אַ מלוכהשער מאָנאָפּאָל.

צום באַדויערלעכסטן איז אין בנימינס באַריכטן שטאַרק דער מאַנגל פון וועלכע ס׳איז ידיעות וועגן דעם ווירטשאַפטס-לעבן פון די יידן אויף די אינזלען אַרום גריכנלאַנד. אין אַ געוויסער מאָס לאָזט זיך דערדאָזיקער בלויז דערגאַנצן דורך אַלגעמיינע ידיעות, וואָס זענען אונז

אויפגעהיט געוואָרן וועגן דעם ווירטשאַפטלעכן מצב פון דידאָזיקע אינזלען אין דער תקופה פון די קרייץ־צוגן, ווי אויך דורך פּרטים, וואָס זענען אונז פאַרבליבן וועגן די יידן אויף די אינזלען קרעטאַ, עובעאַ און קאָרפו פון דער צייט, ווען דידאָזיקע אינזלען זענען אַריבער אַלס אַ קאָלאָניאַל־באַזיץ צו דער האַנדלס־רעפּובליק פון ווענעדיק. אַזוי, אַ שטייגער, איז אונז באַוואוסט, אַז די אינזלען ציפּערן, כיאָס און קרעטאַ האָבן אין דער באַהאַנדלטער תקופה פאַרגעשטעלט מיט זיך אמתע פּערל. ציפּערן איז געווען באַרימט אַ דאַנק אירע פּלאַנטאַציעס פון אינדיגאָ, באַוול, צוקער, ווי אויך אַ דאַנק אירע וויינגערטנער. חוצדעם, האָט ציפּערן נאָך געליפערט זאַלץ און פלערליי וויכטיקע מינעראַלן. כיאָס האָט געהאַט אַ שם צוליב אירע מאַסטיקס־פלאַנצונגען און עס האָבן דאָ אויך געבליט פּלאַנטאַציעס פון פייגן, וויינטרויבן, איילבוימער, מוילבער־ביימער וכדומה. קרעטאַ־קאַנדיאַ האָט, פּונקט ווי ציפּערן, געשמט מיט צוקער־פּלאַנטאַציעס. ווען דער אינזל קרעטאַ איז צוזאַמען מיט עובעאַ און קאָרפו אַריבער צו ווענעדיק, האָט אויף איר געלעבט אַ צאָלרייכע יידישע באַפעלקערונג, וואָס האָט זיך באַטייליקט אין דער פּלאַנטאַציע־ווירטשאַפט און וואָס האָט אויך געפירט אַן עקספּאָרט־האַנדל מיט די פיל־געזוכטע פּראָדוקטן, וועלכע דער אינזל האָט געליפערט. וועגן דעם, אַז יידן האָבן עקספּאָרטירט צוקער פון קרעטאַ און געפירט דעמדאָזיקן טייערן אַרטיקל ביז ווייט קיין עסטרייך, ווערט אונז אויסדריקלעך איבערגעגעבן דורך אַ העברעישער קוועלע אין אָנהויב פון 15־טן י״ה. די יידן פון קרעטאַ זענען געווען, אַ דאַנק זייערע פּלאַנטאַציעס און האַנדלס־געשעפטן, זייער רייך, און דער סענאַט פון ווענעדיק פלעגט ביי זיי אָפט אויפנעמען הלוואות פאַר מלחמה־אויסגאַבן און אַנדערע מלוכה־צוועקן. בכלל איז די ראָלע פון די יידן אין דער פּלאַנטאַציע־ווירטשאַפט פון די אינזלען און אין דעם עקספּאָרט־האַנדל געווען אַזוי באַדייטנדיק, אַז דער ווענעציאַנער סענאַט האָט נישט געהאַלטן פאַר צוועקמעסיק, צו רעגירן אויף די כסדרדיקע באַמיונגען מצד די אָרטיקע גריכן, צו שאַפן באַגרענעצונגען פאַר דער יידישער קאָנקורענץ.

קאַפּיטל דריי

די סאָציאַלע אוןווירטשאַפטלעכע לאַגע פון די יידן אין דייטשלאַנד פון דעם 11־טן י״ה ביז דער העלפט פון 14־טן י״ה.

§ 41 די אַנטוויקלונג פון די יידישע ישובים אין דייטשלאַנד און עסטרייך.

אין דער אַנטוויקלונג פון די יידישע ישובים אין דייטשלאַנד און עסטרייך לאָזן זיך בעת דער באַהאַנדלטער צייט אויסטיילן 2 פעריאָדן: איינער, וואָס גרייכט ביז לערך דער העלפט פון 13־טן י״ה און דער צווייטער, וואָס נעמט אַרום דאָס לעצטע יאָרהונדערט פון דער באַטראַכטער תקופה. ווי אַ גרענעצסלופּ צווישןביידע פעריאָדן קאָן אונז דינען אַ פאַרבליבענע שטייער־רשימה פון י. 1241, אין וועלכער ס'זענען פאַרצייכנט די מלוכה־שטייערן, וועלכע ס'האָבן דעמאָלט געצאָלט די יידן פון פאַרשיידענע דייטשע שטעט.

אין דעם ערשטן פעריאָד באַגעגענען מיר יידישע ישובים ס'רוב אין מערב־דייטשלאַנד, בפרט אין די ריין־געגנטן. דערפאַר אָבער זענען אונז פון דערדאָזיקער צייט פאַרבליבן בלויז געציילטע ידיעות וועגן יידישע ישובים אין די דרומדיקע דאָנאַי־געגנטן און אין די מזרח־שטחים פון דעם טייך וועזער. בעת דעם 10־טן און 11־טן י״ה האָבן זיך די יידן קאָנצענטרירט צום מערסטן אין די בישאָפלעכע שטעט, דהיינו, אין די שטעט, וואָס זענען געגרינדעט געוואָרן דורך קירכלעכע שררות אָדער וואָס זענען אַריבערגעגאַנגען אין זייער רשות. אַזוי, אַ שטייגער, האָבן דעמאָלט די יידן, לויט קוועלן־ידיעות, געלעבט אין אַזעלכע בישאָפלעכע שטעט, ווי מעץ, טריער, קעלן, מאַינץ, וואָרמס, שפּייער (זינט 1084), רעגענסבורג, מאַג־

דעבורג, מערזעבורג און אויגסבורג. פון די אויסגערעכנטע קהילות האָבן די ערשטע 6 מערבדיקע געהאַט די גרעסטע צאָל יידן. אַזוי, למשל, האָט די קהילה אין מאַינץ געמוזט אין 11־טן י״ה ציילן ביז לערך 1500 יידן, וואָרים די צאָל יידן, וואָס זענען דאָ גע־פאַלן בעת דעם ערשטן קרייץ־צוג (1096), האָט לויט באַגלויבטע באַ־ריכטן באַטראָפן לערך 1.100. זייער גרויס איז אין דערזעלבער צייט אויך געווען די קהילה אין וואָרמס, וואו די צאָל יידישע קרבנות בעת דעם ערשטן קרייץ־צוג האָט, לויט דיזעלבע באַריכטן, דערגרייכט ביז 800. נעמט מען אין באַטראַכט, אַז די דייטשע שטעט האָבן נאָך אין 13־טן י״ה, דהיינו, אין דער בלי־תקופה פונם דייטשן שטאָט־לעבן, בלויז אין געציילטע פאַלן פאַרמאָגט אַ באַפעלקערונג פון 10.000 ביז 20.000 נפשות, קומט מען צו דעם אויספיר, אַז אַ קהילה ווי מאַינץ אָדער וואָרמס, וואָס האָט געציילט פון 1000 ביז 1500 יידן, האָט אין 11־טן י״ה פאָרגעשטעלט מיט זיך אַ זייער באַדייטנדיקן פראָצענט פון דער אַלגעמיינער צאָל באַפעלקערונג אין דער שטאָט.

די בלוטיקע קרבנות, וואָס זענען געפאַלן בעת דעם ערשטן קרייץ־צוג (1096) אין אַ ריי גרויסע יידישע קהילות, ווי שפּייער, וואָרמס, מאַינץ, קעלן, טריער, מעץ און רעגענסבורג, האָבן באַטראָפן סך־הכל ביז 4000 נפשות. די ווייטערדיקע אַנטוויקלונג פון דער יידי־שער באַפעלקערונג האָט דערפון ווייניק געליטן, ווי זי האָט אויך זייער ווייניק געליטן פון דעם צווייטן קרייץ־צוג (1147), וואָס איז, אגב, געווען נישט אַזוי בלוטיק פאַר די יידן, ווי דער ערשטער קרייץ־צוג. דערמיט דערקלערט זיך אויך, וואָס בנימין פון טודעלאַ, וועלכער האָט אונטערגענומען זיין וועלט־נסיעה אַ קורצע צייט נאָך דעם צווייטן קרייץ־צוג, האָט אָנגעטראָפן אין דייטשלאַנד אַ היפשע צאָל יידישע ישובים. בנימין האָט באַזוכט 15 קהילות אין די דייטשע מקומות און דאָס זענען געווען: מעץ, טריער, קאָבלענץ, אנדערנאך, באָן, קעלן, בינגען, וואָרמס, מאַינץ, אשאפענבורג, ווירצ־בורג, מאַוטערן, באמבערג, פריידינג און רעגענסבורג. חוצדעם, האָבן אָבער אין בנימינס צייטן שוין עקזיסטירט אַ ריי יידי־שע ישובים אין מזרח־זאַקסן און אין די געגנטן אַרום די טייכן עלבע און דאָנאַי, וועגן וועלכע בנימין האָט נישט געהאַט קיין ידיעות. אַזוי, אַ שטייגער, האָבן אין די עסטרייכישע שטחים, בעת דעם 12־טן י״ה, עקזיסטירט, אַ חוץ דער קהילה אין ווין (וואָס איז אַנטשטאַנען ביים סוף פון 12־טן י״ה און וואָס ווערט צום פריסטן דערמאָנט אין אַ דאָ־קומענט פון י. 1204), — נאָך 5 יידישע ישובים, דהיינו, „יודענ־

בורג" און שטייערמאַרק (דערמאָנט שוין אַרום די יאָרן 1074—1087), יודענאַו ביי טולן (דערמאָנט אין אַ דאָקומענט פון י. 1155) אין 4 אַזויגערופענע „יודען-דערפער" אין שטייערמאַרק און זאַלצבורג.

דער גרעסטער אויפבלי פון דער יידישער באַפעלקערונג אין דייטשלאַנד קומט פאָר אין משך פון 13-טן י"ה, בפרט אין דער ערשטער העלפט פונם דאָזיקן י"ה, איידער ס'האָבן זיך צעגאָסן די פאָגראָם-כוואַליעס פון די יאָרן 1264—1267, 1283—1287 און 1298, וואָס האָבן חרוב געמאַכט הונדערטער יידישע ישובים.

אַ געוויסן באַגריף וועגן דער פאַרטיילונג פון דער יידישער באַפעלקערונג אין דייטשלאַנד און וועגן דער גרויס פון אַ ריי קהילות גיט אונז אַ שטייער-רשימה פון יאָר 1241, וועגן וועלכער מיר האָבן שוין דערמאָנט ביים אָנהויב פון די איצטיקע באַטראַכטונגען. אין דער רשימה ווערן אויסגערעכנט 29 שטעט מיט יידישע קהילות, פון וועלכע דער קיסר האָט אַלס יידישער „פאַטראָן" איינגעמאָנט מלוכה-שטייערן. פון דערדאָזיקער צאָל געפינען זיך גאַנצע 21 קהילות אין מערב-דייטשלאַנד, דערעיקרשט אין די ריין-געגנטן. דאָס זענען די קהילות: באַזעל, קאָנסטאַנץ, איבערלינגען, לינדאַו, דויסבורג, קייזערסווערט, דירען, אַאַכען, וואָרמס, שפייער, דאָרטמונד, שטראַסבורג, האַגענאַו, פראַנקפורט ביים מאין, געלנהויזען, וועצלאַר, פרידבערג, אָפענהיים, אבערוועזעל, באָפאַרד און סינציג. לויט דער גרויס פון די שטייערן, וואָס זענען ביי די אויסגערעכנטע קהילות איינגעמאָנט געוואָרן, לאָזט זיך משער זיין, אַז די גרעסטע און רייכסטע צווישן זיי זענען געווען די קהילות אין שטראַסבורג (200 מאַרק שטייערן), וואָרמס (130 מאַרק), פראַנקפורט ביים מאין (לערך 75 מאַרק), שפייער (80 מאַרק) און באַזעל (40 מאַרק). אַלע איבעריקע קהילות האָבן געצאָלט פון 2 ביז 25 מאַרק אַ יעדע. וואָס שייך דער קהילה אין פראַנקפורט ביים מאין, וואָס האָט לויט דער רשימה געצאָלט לערך 75 מאַרק מלוכה-שטייער, איז פאַראַן אַ גענויע סטאַטיסטישע אויסרעכענונג פון איר גרויס אין דעמזעלבן יאָר 1241, און עס ווייזט זיך אַרויס, אַז די קהילה האָט דעמאָלט געציילט לערך 200 נפשות (ביכער: די באַפעלקערונג פון פראַנקפורט א. מ. אין 14-טן און 15-טן י"ה). וואָס שייך די איבעריקע 8 קהילות, וואָס ווערן, אַ חוץ די אויסגערעכנטע 21 קהילות, דערמאָנט אין דער רשימה, ליגן זיי אין דער מזרח-זייט פון דעם טייך וועזעל און אין די דאָנאַי-געגנטן.

דאָס זענען די קהילות: שוועביש האַל, ראָטענבורג ביי דער טאובער, שוועביש־גמינד, עסלינגען, אולם, דאָנאַי־ווערט, באָפּפינגען און אויגסבורג. זיי האָבן געצאָלט פון 2 ביז 30 מאַרק מלוכה־שטייער אַ יעדע.

די באַהאַנדלטע שטייער־רשימה איז ווייט נישט קיין פולשטענדיקע און עס פעלט אין איר אַ ריי קהילות, וועגן וועלכע ס'זענען פאַרבליבן ידיעות לערך פון דערזעלבער צייט, אַז זיי זענען פונקט אַזוי געווען מחויב צו צאָלן די מלוכה־שטייערן, ווי די דערמאָנטע 29 קהילות. צו דידאָזיקע פעלנדיקע קהילות דאַרפן צוגערעכנט ווערן אַזעלכע באַדייטנדיקע, ווי די קהילות אין מאַינץ, קעלן, טריער, וואָס ווערן, אגב, שוין דערמאָנט אין די פריערדיקע 2 יאָרהונדערטער, ווי אויך די קהילות אין ערפורט, גאָסלאַר, האַלע ביי דער סאַאַלע, מאַגדעבורג, לינדאו, וויסמאַר, שטעטין, וואָס ליגן אין מזרח־זייט פון דעם טייך וועזעל, און די קהילות ווירצבורג, נירנבערג און ווין. אויף אַזאַ אופן לאָזט זיך די רשימה פון י. 1241 דערגאַנצן מיט נאָך 13 גרעסערע קהילות, אַזוי, אַז עס באַקומט זיך צוזאַמען אַ צאָל פון 42 קהילות, וואָס 18 פון זיי ליגן אין מזרח־זייט פון וועזעל און אין די דאָנאַי־געגנטן, בעת 24 באַלאַנגען צו די ריין־ און מאַין־געגנטן. ווי אומפולשטענדיק עס זאָל נישט זיין די רשימה פון י. 1241, ווערן פון איר אָבער קלאָר פאָלגנדיקע 2 פאַקטן:

1) די צאָל גרעסערע קהילות איז אין פאַרגלייך מיט דער צאָל קהילות, וואָס זענען באַוואוסט פון 12־טן י"ה, באַדייטנדיק געשטיגן.

2) אין קעגנזאַץ צו די פריערדיקע פאַרהעלטענישן זענען אין משך פון דער ערשטער העלפט פון 13־טן י"ה שוין אַנטשטאַנען גרעסערע יידישע ישובים אין די דאָנאַי־געגנטן און אין מזרח־זייט פון וועזעל.

אויפן סמך פון קוועלן־ידיעות, וואָס באַלאַנגען צו אייניקע דייטשע טעריטאָריעס, לאָזט זיך נאָך פעסטשטעלן אַ וויכטיקער פאַקט און דאָס איז — די דערשיינונג, אַז עס האָט זיך שוין אין משך פון 13־טן י"ה געשאַפן אַ רעלאַטיווע איבערבאַפעלקערונג אין מאַנכע גרעסערע קהילות, אַזוי, אַז אַ טייל פון איר האָט געמוזט פאַרלאָזן די קהילות און זיך פאַרשפּרייטן איבערן פלאַכן לאַנד, באַזעצנדיק זיך אין קליינע שטעטלעך און דערפער. אַזוי, אַ שטייגער, זענען פון די עסטרייכישע געביטן באַוואוסט פון 13־טן י"ה גאַנצע 13 „יודען־דערפער" בעת, זייער צאָל האָט אין 12־טן י"ה באַטראָפן נישט מער, ווי 4. חוצדעם, זענען

אָבער אין דידאָזיקע געביטן אין משך פון 13־טן י״ה אַנטשטאַנען אַריי יידישע קיבוצים אין אַזעלכע שטעטלעך, ווי לאַיבאַך (1213), ווילאַך (1255), יודענפורט (1275), זאַלצבורג און וואַרשיינלעך אויך קרעמס און ווינער־ביישטאָט. ווי אַן אילוסטראַציע פאַר דעם פאַרדערמאָנטן פאַרשפּרייטונגס־און צעשפּליטערונגס־פּראָצעס, וואָס איז פאָרגעקומען מיט דער יידישער באַפעלקערונג אין משך פון 13־טן י״ה, קאָן אונז אויך דינען די ציפער פון לערך 140 יידישע קהילות און ישובים, אין וועלכע ס׳האָבן, לויט באַגלויבטע באַריכטן, אין י. 1298 געבושעוועט די מחנות פון דעם טרויעריק באַרימטן פּאָגראָם־העלד רינדפלייש. דערביי דאַרף גענומען ווערן אין אַכט, אַז די פּאָגראָמען זענען דעמאָלט פאָרגעקומען דערעיקרשט אין פראַנקען און ביירן, אַזוי, אַז דעם גרעסטן טייל פון די 140 געליטענע קהילות בילדען יידיש־פרענקישע און יידיש־ביירישע ישובים. ווי גרויס עס איז געווען די יידישע באַפעלקערונג אין די פּאָגראָם־ערטער, לאָזט זיך נישט פעסטשטעלן, יעדנפאַלס איז די ציפער פון 100,000 קרבנות, וואָס ווערט פון מאַנכע קוועלן און שרייבער פאַרצייכנט אונטערן טראַגישן יאָר 1298, שטאַרק איבערגעטריבן. נעמענדיק אין באַטראַכט די קדושים־רשימות, וואָס זענען אונז אויפגעהיט געוואָרן פון דערדאָזיקער צייט, קאָן מען משער זיין, אַז די גרעסטע פון די געליטענע פרענקישע און ביירישע קהילות איז געווען די קהילה אין נירנבערג, וועגן וועלכער ס׳איז פאַראַן אַ רשימה פון 625 קדושים. אַ טייל פון די רשימות גיבן אָן גענוי די קרובהשאַפט פון די קרבנות, און דאָס גיט אונז די מעגלעכקייט צו רעקאָנסטרואירן די מינימאַלע צאָל פאַמיליעס אָדער באַלעבאַטישקייטן, וואָס האָבן געלעבט אין דער געליטענער קהילה פאַר דעם פּאָגראָם (די מינימאַלע צאָל דערפאַר, וואָרים עס איז זייער וואַרשיינלעך, אַז אַ טייל משפחות איז געלונגען זיך צו ראַטעווען אָן שום בלוטיקע קרבנות). נעמענדיק דאָס אין אַכט, קאָן מען אויפן סמך פון די רשימות אויסטיילן 3 גרופּעס פון קהילות: איין גרופּע גרויסע קהילות, וואָס האָבן, ווי נירנבערג, געציילט ביז 200 משפחות אַ יעדע, אַ צווייטע גרופּע פון קהילות מיט אַ באַפעלקערונג פון 20 ביז 40 משפחות אַ יעדע און אַ דריטע גרופּע גאַנץ קליינע יידישע ישובים מיט אַ באַפעלקערונג פון 20 משפחות. בלויז געציילטע קהילות קאָנען פאַררעכנט ווערן צו דער ערשטער גרופּע, דאַקעגן באַגעגענען מיר אָבער ס׳רוב יידישע ישובים פון דער דריטער גרופּע.

„דער דראַנג קיין מזרח״, וואָס לאָזט זיך פעסטשטעלן ביי דער

יידישער באַפעלקערונג אין דייטשלאַנד שוין בעת דער ערשטער העלפט פון 13-טן י"ה, איז נאָך מער געשטיגן אין דער צווייטער העלפט פון דעמזעלבן י"ה. די אינערלעכע וואַנדערונג פון די מערב-דייטשע יידן איז ס'רוב געגאַנגען קיין דרום-דייטשלאַנד, קיין פראַנקען און בייערן. אַ סך שוואַכער איז זי געגאַנגען קיין עסטרייך און אין די שטחים פון צפון-דייטשלאַנד, ווי מעקלענבורג, זאַקסן, בראַנדענבורג און פּאָמערן. די סיבות, וואָס האָבן געפירט צו דערדאָזיקער עמיגראַציע, האָבן דערציקרשט געשטאַמט פון ווירטשאַפטלעכע כוונות. גענויער וועלן מיר זיך ביי זיי אָפּשטעלן אין אַן אַנדערן צוזאַמענהאַנג. דאָ ווילן מיר נאָר אָנמערקן אייניקע פאַקטאָרן, וואָס האָבן דעמאָלט געטריבן די יידן פון מערב-דייטשלאַנד צו דער וואַנדערונג קיין מזרח-דייטשלאַנד: מאַנכע ריין-לענדישע שטעט האָט זיך שוין אין דער צווייטער העלפט פון 13-טן י"ה איינגעגעבן אויסצוקעמפן ביי די שטאָט-האַרן וויכטיקע יורידישע און שטייער-רעכט לגבי די יידן, אַזוי, אַז די סאָציאַלע און ווירטשאַפטלעכע לאַגע פון דער יידישער באַפעלקערונג, וואָס האָט איבער זיך באַקומען אַלס שררות די שטאָט-ראַטן און מאַגיסטראַטן, איז שטאַרק אָפּגעשוואַכט געוואָרן. דאָקומענטאַריש לאָזט זיך דאָס דערווייזן פאַר אַזעלכע בליענדיקע מערב-דייטשע שטעט, ווי קעלן (1252), שטראַסבורג (1261, וואָרמס (1293 און מאַינץ (1295). אַלס ווייטערער פאַקטאָר קומט אין באַטראַכט דער איינזייטיקער כאַראַקטער, וועלכן ס'האָט דעמאָלט באַקומען דאָס ווירטשאַפטס-לעבן פון די מערב-דייטשע יידן. מיט דעם אויפבלי פון די מערב-דייטשע שטעט אין 12-טן און 13-טן י"ה, ווערן די יידן אַלץ מער אַרויסגעשטופּט פון אַזעלכע פּרנסות, ווי ערד-באַזיץ, דעטייל-האַנדל און מלאכות און אַלץ מערער געשטויסן אין דער ריכטונג פון וואוכערײַ-געשעפטן. דערפאַר אָבער זענען אין די ווירטשאַפטלעך-הינטערשטעליקע מזרח-געגנטן פון דייטשלאַנד געווען אין דערזעלבער צייט נאָך אַ סך מעגלעכקייטן פאַר די יידן, צו באַפעסטיקן זיך אויף ווירטשאַפטלעכע פּאָזיציעס, וואָס זענען פאַר זיי אין די ריין-געגנטן נישט געווען מער צוגענגלעך (אַ שטייגער, לאַנדווירטשאַפט, אומבאַשרענקטער האַנדל, מינץ- און צאָל-אַרענדעס וכדומה). לסוף דאַרפן נאָך דערמאָנט ווערן אַלס עמיגראַציע-פאַקטאָר די פּאָגראָמען, וואָס זענען אין משך פון 13-טן י"ה פאָרגעקומען אין אַ ריי ריין-לענדישע און בכלל מערב-דייטשע שטעט (ווי, למשל, אין פראַנקפורט ביים מאַין אין י. 1241, אין קאָבלענץ, סינציג, ווייסענבורג, פּפאָרצהיים; אין אַנדערע ריין-לענדישע שטעט אין די יאָרן 1264—1270; אין

מאַינץ און באַכראַך אין י. 1283; אין אָבערוועזעל ביים ריין אין י. 1287 און אין בערן אין י. 1294).

נאָך די מוראדיקע פּאָגראָמען, וואָס האָבן אין י. 1298 חרוב געמאַכט דעם גרעסטן טייל פון די יידישע ישובים אין פראַנקען און בייערן, קומט פאַר אַ ווייטערע וואַנדערונג פון די יידיש־דייטשע מאַסן. עס לאָזט זיך, נעמלעך, ביים סוף פון 13־טן און ביים אָנהויב פון 14־טן י״ה פעסטשטעלן אַ שטאַרקע וואַנדערונג פון די דרום־דייטשע יידן, פון איין זייט — קיין צפון־איטאַליע און פון דער אַנדערער זייט — קיין עסטרייך, בעמען, מערן, שלעזיע, פוילן און אונגאַרן. אַלס איינוואַנדערונגס־געביט אינטערעסירן אונז דאָ נאָענטער די עסטרייכישע טעריטאָריעס (אינערן־עסטרייך, שטייערמאַרק, קערנטען, קראַין, זאַלצבורג און טיראָל). ביי די איבעריקע איינוואַנ־דערונגס־לענדער וועלן מיר זיך אָפּשטעלן, ווען מיר וועלן באַהאַנדלען דאָס יידישעווירטשאַפטס־לעבן אין מזרח־אייראָפּע. וואָס שייך דעם עסטרייכישן איינוואַנדערונגס־געביט, קאָן מען זיך מאַכן אַ באַגריף וועגן דער גרויס פון דער יידישער איינוואַנדערונג, וואָס האָט דאָ אַריינ־געשטראָמט, ווען מען נעמט אין באַטראַכט די קליינע צאָל יידישע ישובים, וואָס האָבן דאָ עקזיסטירט אין 13־טן י״ה (סך הכל: 13 „יודען־דערפער״, 8 קליינע ישובים און איין גרעסערע קהילה אין ווין), און מען פאַרגלייכט מיט איר די צאָל פון קרוב 80 יידישע קהילות, וואָס ווערן דערמאָנט אין די עסטרייכישע דאָקומענטן אין משך פון 14־טן און 15־טן י״ה און וואָס אַ גרויסער טייל פון זיי האָט געבליט שוין אין דער ערשטער העלפט פון 14־טן י״ה. לויט באַגלויבטע ידיעות איז די קהילה אין ווין געווען אין י. 1348 די סאַמע גרעסטע פון אַלע קהילות אין גאַנץ דייטשלאַנד.

נישט געקוקט אויף דער אומזיכערקייט פון די וואוינערטער און נישט אַכטנדיק אויך אויף די פּאָגראָם־כוואַליעס אין די יאָרן 1336 — 1338, וואָס האָבן צעשטערט אַ ריי קלענערע קהילות אין עלזאַס, בייערן און עסטרייך, איז די ערשטע העלפט פון 14־טן י״ה די די צייט, ווען די יידישע באַפעלקערונג אין דייטשלאַנד האָט לויט דער צאָל דערגרייכט דעם העכסטן פּונקט פון איר מיטלאַלטערלעכער אַנטוויקלונג. אַזוי, אַ שטייגער, האָט שטראַסבורג פאַר דעם מורא־דיקן „יודען־מאָרד״ אין, י. 1349 געציילט איבער 2000 יידן, מאַינץ — קרוב צו 6000 יידן (?) וואָרמס — לערך 700 יידן. אין די מזרח־דייטשע געביטן האָבן אין דערדאָזיקער צייט געבליט אַזעלכע צוויי גרויסע קהילות, ווי די קהילה ווין, וואָס האָט דעמאָלט געשמט, ווי־

שוין דערמאָנט, אַלס גרעסטע קהילה אין גאַנץ דייטשלאַנד אוז די קהילה אין נירנבערג, וואָס לויט דער אויפגעהיטער קדושים־רשימה פון י. 1349 קאָן מאַר איר באַרעכנט ווערן אַ יידישע באַפעלקערונג פון לערך 800 נפשות. די אַלגעמיינע צאָל יידישע קהילות און ישובים, וואָס האָבן פאַר דעם פּאָגראָם־יאָר 1348 עקזיסטירט אין דייטשלאַנד, לאָזט זיך נישט באַרעכענען, אַלנפאַלס האָט זי אָבער גע, מוזט באַטרעפן עטלעכע הונדערטער, וואָרים לויט די באַרעכענונגען־וואָס שטיצן זיך אויף גרינטלעכע קוועלן־ידיעות (העניגער, קאַראָ) זענען אין דייטשלאַנד אין די יאָרן 1348—1349 („דער שוואַרצער טויט") געפאַלן אַלס קרבן פון די רדיפות לערך 60 גרויסע און 150 קלענערע קהילות.

§ 42 „דער יידישער רעגאַל" אין דייטשלאַנד.

די יידישע באַפעלקערונג אין דייטשלאַנד, וואָס איר אַנטוויק־לונג איז אויבן געשילדערט געוואָרן ביזן „שוואַרצן טויט", האָט שוין אין 10־טן י"ה, לויט די פּרינציפּן פונם פרעמדן רעכט, באַלאַנגט צום דייטשן קיסר „מיט לייב און האָב". אַלס אילוסטראַציע פאַר דערדאָ־זיקער לאַגע קאָנען אונז דינען אייניקע דאָקומענטן פון די יאָרן 973 און 1004, ביי וועלכע מיר האָבן זיך שוין אָפּגעשטעלט אין אַן אַנדער צוזאַמענהאַנג. דאָ ווילן מיר בלויז רעזומירן און אונטערשטרייכן, אַז לויט די דערמאָנטע דאָקומענטן האָט דער קיסר דאָס רעכט צו טון מיט די יידן, וואָס „זיין האַרץ גלוסט". ער פאַרקויפט אָדער פאַרמשכונט זיי, ער טוישט זיי אויס אויף אַנדערע הכנסה־קוואַלן אָדער שענקט זיי אינגאַנצן אַוועק. דיזעלבע באַציונג לאָזט זיך אויך פעסטשטעלן אויפן סמך פון צוויי דאָקומענטן פון די יאָרן 1012 און 1098. אַזוי, אַ שטייגער, ווערן די יידן אויפן גרונט פון דעם קיסרס אַ פאַראָרדע־נונג פון י. 1012 פאַרטריבן פון מאַינץ און אין י. 1098 ווערט אויך דורך אַ קיסרלעכער פאַראָרדענונג באַשטימט, אַז עס זאָל דורכ־געפירט ווערן אַן אויספאָרשונג פון די פאַרמעגנס, וואָס זענען גע־בליבן נאָך די יידישע הרוגים אויס דער צייט פונם ערשטן קרייץ־צוג (1096) און וואָס דער קיסר האָט זיי געמאָנט פאַר זיך אַלס ירושה נאָך זיינע שקלאַפן.

פאָרמעל ווערט דערדאָזיקער פּרינציפּ פון „קאַמער־קנעכטשאַפט" צום פּריסטן אויסגעדריקט ערשט אין 12־טן י"ה. געשען געשעט דאָס אין דער קריסטלעכער פּריווילעגיע פאַר די יידן אין וואָרמס פון י. 1157, וואו עס ווערט אויסדריקלעך פעסטגעשטעלט, „אַז די יידן

(Cum ad cameras nostram באַלאַנגען צו דעם קיסרלעכן אוצר"
attineant.) כמעט מיט דיזעלבע ווערטער ווערט די עפנטלעך־רעכטלעכע
לאַגע פון די יידן פאָרמולירט אויך אין דער קיסרלעכער פּריווילעגיע
פאַר די יידן אין רעגענסבורג פון י. 1182. די פאָרמולע „קאַ־
מער־קנעכט" (Servi Camerae) באַווייזט זיך אין דייטשלאַנד צום
פריסטן אין דער פריווילעגיע פאַר די יידן אין ווין פון י. 1238.
פון דעמדאָזיקן יאָר אָן זענען די ווערטער "Servi Camerae„ גע־
ברויכט געוואָרן אַלס אָפיציעלע באַצייכענונג פון די יידן אין דייטשלאַנד.

דער דאָקומענט פון י. 1238 האָט אָבער, א חוץ דער סאָציאַל־
פּאָליטישער, אויך אַ וויכטיקע פינאַנץ־געשעפטלעכע באַדייטונג: ביז
דעם י. 1238 האָבן, ווי ס'ווייזט אויס, די דייטשע יידן נישט גע־
צאָלט קיין ספּעציעלע שטייערן לטובת דעם קיסר. בלויז אין זייער
אייגנשאַפט, אַלס סוחרים, פלעגן זיי צאָלן די געוויינלעכע צאָל־אָפּצאָלונגען
און פון צייט צו צייט פלעגן זיי אויך אַריינטראָגן פאַרן קיסר אוי־
סערגעוויינלעכע שטייערן, פונקט ווי אַנדערע שיכטן, ווי, אַ שטייגער,
די שטאָט־לייט אָדער פּויערים. ערשט זינט דעם י. 1238, ווען זיי
זענען אָפיציעל דערקלערט געוואָרן אַלס „קאַמער־קנעכט", ווערט אויף
זיי אַרויפגעלייגט דער חוב, צו צאָלן דעם קיסר, פונקט ווי עס האָבן
דאָס פון פריער געמאַכט די קריסטלעכע בירגער פון די מלוכה־
שטעט: אַ געוויינלעכן יאָרלעכן שטייער. די עלטסטע
ידיעות וועגן דעמדאָזיקן יידישן מלוכה־שטייער זענען אונז פאַרבליבן
אין דער אונז שוין באַוואוסטער שטייער־רשימה פון י. 1241, וואו עס
ווערן באַזונדער געבראַכט די מלוכה־שטייערן פון די מלוכה־שטעט
און די מלוכה־שטייערן פון די יידן, וואָס האָבן געלעבט אין דידאָ־
זיקע שטעט.

אין דער צייט, ווען עס איז פאָרמעל סאַנקציאָנירט געוואָרן
דער פּרינציפּ, אַז די יידן בילדן אַן אויסשליסלעכן רעגאַל פונם
קיסר, דהיינו, זיין אויסשליסלעכן הכנסה־קוואַל, איז דער יידישער
רעגאַל פאַקטיש שוין געווען פאַרטיילט צווישן דעם קיסר און אַ ריי
שררות, וואָס האָבן פון דעם קיסר באַקומען, ביי כלערליי געלעגנהייטן,
דאָס רעכט צו עקספּלאָאַטירן דעם יידישן רעגאַל אין זייערע טערי־
טאָריעס. אַזוי, אַ שטייגער, האָבן די יידן פון מאַגדעבורג און
מערזעבורג שוין אין יאָר 973 באַלאַנגט צו די בישאָפן פון די־
דאָזיקע שטעט. אין משך פון 11־טן און 12־טן י"ה האָבן אַזעלכע „אייגנ־
טומס־רעכט" לגבי „זייערע" יידן באַקומען אויך די קירכלעכע האַרן פון
קעלן, וואָרמס, שפּייער און מאַינץ. אין י. 1227 באַקומט

פונם קיסר דער גראַף ווילהעלם דעם יידישן רעגאַל אויפן שטח פון יילידך (Jülich); אין י. 1233 שענקט אַוועק דער קיסר דעם בישאָף פון רעגענסבורג אַלע הכנסות פון די דאָרטיקע יידן און ער גיט אים אויך דאָס רעכט צו משפטן די יידן. אַרום דערזעלבער צייט זענען אין באַזיץ פונם יידישן רעגאַל אויך די הערצאָגן פון עסטרייך, די מאַרקגראַפן פון מייסן, די בישאָפן פון ווירצבורג און פיל אַנדערע.

אין דער צווייטער העלפט פון 13-טן י"ה ווערט דער יידישער רעגאַל נאָך מער צעשפליטערט. עס מעלדן זיך צום וואָרט די אויפגעבליטע דייטשע שטעט. אין דעם עקשנותדיקן קאַמף קעגן די פעאָדאַלע שטאָט-האַרן האָבן זיי געהאַט דערגרייכט אַ ריי פרייהייטן, ווי אויטאָנאָמע געריכטס-און פאַרוואַלטונגס-רעכט, און אַט ווענדן זיי זייער אויפמערקזאַמקייט אויף דעם יידישן רעגאַל. זיי ווילן אים דורכאויס אַרויסרייסן פון דעם קיסר אָדער די שטאָט-האַרן, און שטעלן אַרויס אַ פאָדערונג, אַז מען זאָל זיי געבן דאָס רעכט אויפצונעמען זעלבסטשטענדיק יידן און אויספרעסן שטייערן פון אַזעלכע „יידישע שטאָט-בירגער", וואָס די מאַגיסטראַטן האָבן זיי אויפגענומען און פאַרעגיסטרירט. די ערשטע דערפאָלגן, וועלכע די שטעט האָבן דערגרייכט אינם דאָזיקן קאַמף אַרום דעם יידישן רעגאַל, ווערן פאַרצייכנט דורך די קוועלן בעת דער צווייטער העלפט פון 13-טן און ביים אָנהייב פון 14-טן י"ה. אין י. 1252 באַקומט די שטאָט קעלן ביים ריין פונם שטאָט-האַר, דעם קעלנישן ערצבישאָף, דאָס רעכט אויף איין דריטל שטייערן, וואָס פליסן אַריין פון די אָרטיקע יידן. אין י. 1293 גיט דער בישאָף פון וואָרמס דעם מאַגיסטראַט פון דער דאָזיקער שטאָט דאָס רעכט אויפצונעמען און צו באַשטייערן די יידן אין דער שטאָט. דאָסזעלבע רעכט דערגרייכן: אין י. 1295 — די שטאָט-לייט פון מאַינץ; ביים סוף פון 13-טן י"ה — די שטאָט רעגענסבורג; אין י. 1313 — נירנבערג; אין י. 1315 — שפייער; אין י. 1335 — ציריך; אין י. 1337 — פראַנקפורט ביים מאין; אין אָנהויב פון 14-טן י"ה — גאָסלאַר; אין י. 1338 — שטראַסבורג; אין י. 1341 — מילהויזען און אַז. וו.

די צעשפליטערונג פון דעם יידישן רעגאַל האָט דערפירט צו אַ באַדייטנדיקער פאַרגרעסערונג פון דער שטייער-לאַסט, וועלכע עס האָבן געמוזט טראָגן אויף זיך די יידן, וואָרים אַ חוץ די געוויינלעכע און אויסערגעוויינלעכע שטייערן און אָפּצאָלונגען, מיט וועלכע די יידן זענען געווען באַשוועררט לטובת זייער אויבערשטן „שוץ-האַר" — דעם קיסר,

האָבן זיי נאָך געמוזט דינען אַלס פינאַנץ־קוואַל פאַר די צוגעקומענע, אומזמיטלבאַרע „באַשיצערס״, דהיינו, פאַר די שררות און שטעט.

אין אַלגעמיינע שטריכן שטעלט זיך פאָר די יידישע שטייער־פראַגע אין דייטשלאַנד לפי־ערך אַזוי.

I. לטובת דעם קיסר צאָלן די יידן:

1) דעם נאָרמאַלן יאָרלעכן מלוכה־שטייער. דער־דאָזיקער שטייער קומט אויף אַרום י. 1238 און ער שטעלט מיט זיך פאָר אַ פאַרמעגנס־שטייער, וועלכער ווערט גענומען בלויז פונם באַוועגלעכן באַזיץ און וועלכער באַטרעפט 2 פראָצענט פונם באַשטייערטן פאַרמעגן. לויט דער שטייער־רשימה פון י. 1241 האָט דערדאָזיקער שטייער אַריינגעטראָגן דעם קיסר בלויז פון די יידן 867 מאַרק און 4,290 מאַרק פון די שטעט. די יידן האָבן, אַלזוי, איינגעצאָלט איין פינפטל פון דער סומע, וועלכע עס האָבן אַריינגעבראַכט די שטעט. אַלע מלוכה־הכנסות האָבן דעם קיסר אינם י. 1241 אַריינגעבראַכט סך־הכל 7,127 מיט אַ האַלבן מאַרק, אַזוי, אַז די הכנסה פון די יידן (867 מאַרק) האָט דעמאָלט באַטראָפן עטוואָס מער, ווי 12 פראָצענט. וואָס ווייטער אָבער אַלץ גרעסער ווערט דער שטייער־דרוק אויף די יידן; דער פאַרמעגנס־שטייער האָט ביים אָנהויב פון 14־טן י״ה נישט זעלטן געגעבן מער ווי אַכט־פאַך דערפון, וואָס די יידן האָבן געצאָלט אין י. 1241. אַזוי, אַ שטייגער, האָבן די יידן פון פראַנקפורט ביים מאַין אַריינגעטראָגן אין י. 1241 דעם קיסר לערך 75 מאַרק פאַרמעגנס־שטייערן, דאַקעגן אין י. 1309 באַטרעפט דידאָזיקע הכנסה פון זיי נישט ווייניקער, ווי 622,7 מאַרק, דהיינו, מער ווי אַכט מאָל אַזויפיל, ווי אין י. 1241. דערביי איז די יידישע באַפעלקערונג אין פראַנקפורט ביים מאַין אין י. 1309 נישט גרעסער געוואָרן, ווי אין י. 1241 און עס איז אויך שווער אָנצונעמען, אַז איר מאַטעריעלע לאַגע זאָל זיך האָבן אין משך פון דערדאָזיקער צייט אויף אַזוי ווייט פאַרבעסערט, אַז די אַכט־פאַכע שטייער־לאַסט זאָל זיין אַ באַרעכטיקטע. פונקט אַזוי דראַסטיש פאַלט אויס אַ פאַרגלייך, וואָס לאָזט זיך מאַכן פאַר די יידן אין שפייער: אין י. 1241 האָבן זיי געצאָלט 80 מאַרק יערלעכן פאַר־מעגנס־שטייער, דאַקעגן אין י. 1313 — שוין גאַנצע 1000 פונט העַ־לער (לערך 550 מאַרק).

2) דעם אַזויגערופענעם „גאָלדענעם אָפּפער־פע־ניג״; איינגעפירט ווערט דערדאָזיקער שטייער דורכן קיסר לודוויק דעם בייער אין י. 1342 און ער שטעלט מיט זיך פאָר אַ קאָפּ־

שטייער. ער האָט באַטראָפן 1 גילדן פון יעדן יידן און יעדער יידישקע, וואָס זענען געווען עלטער, ווי 12 יאָר און וואָס האָבן געהאַט מינימום 20 גילדן זייער אייגנס.

II. לטובת די טעריטאָריאַלע שררות צאָלן די יידן:

1) אַ געוויינלעכן יאָרלעכן שטייער. אין עסטרייך לאָזט זיך דערדאָזיקער שטייער צום פריסטן פעסטשטעלן אונטערן הער=צאָג פרידריך דעם שיינעם (1308 — 1330).

2) אויסערגעוויינלעכע שטייערן און אָפּצאָלונ=גען, ווי אַ שטייגער, אומזיסטע ליפערונגען פון כלערליי זאַכן פאַר די פריצישע הויפן, חתונה=שטייער (אין דער צייט, ווען די פריצישע פאַמיליע האָט געפראַוועט אַ חתונה פון אַ פאַמיליע=אָנגעהעריקן און אַז. וו).

די קירכלעכע שררות פלעגן, אָנשטאָט דעם יערלעכן פאַרמעגנס=שטייער, נעמען ביי די יידן דעם אַזויגערופענעם „יודען=צענט" (Juden-zehnt), ד. ה. אַ 10=טן חלק דערפון, וואָס די יידן פלעגן צאָלן לטובת דעם קיסר.

III. לטובת די שטעט צאָלן די יידן ספּעציעלע שטייערן

וואָס די הויך זייערע ווערט באַשטימט פאַר יעדן יידן באַזונדער, בעת ער באַקומט דעם אַזויגערופענעם „בירגער=בריוו", דהיינו, דאָס רעכט צו וואוינען אין דער שטאָט.

די געשילדערטע שטייערן, וועלכע די יידן האָבן געמוזט צאָלן זייערע „שוץ=האַרן", בילדן לפי=ערך אַ קליינעם טייל פון דער לאַסט, אונטער וועלכער ס'איז אויסגעקומען די יידישע „קאַמער=קנעכט" צו ליידן צוליב די געלט=אויספּרעסונגען, וועלכע זיי האָבן גע=האַט אויסצושטיין ביי פאַרשיידענע געלעגנהייטן מצד זייערע אַפּוטרופּסים.

די לאַנגע קייט פון באַרויבונגען און געלט=אויספּרעסונגען הייבט זיך אָן ביים סוף פון 11=טן י"ה אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם ערשטן קרייץ=צוג. אינם שחיטה=יאָר 1096 שענקען די קעלנער און מאַינצער יידן דעם פירער פונם קרייץ=צוג, גאָטפריד פון בולאָן, 1000 זילבערשטיק פאַרן צוזאָג, אַז ער וועט זיי שיצן. דאָס האָט אָבער ווייניק וואָס געהאָלפן, פונקט ווי עס האָט אויך נישט געהאָלפן די קעלנער יידן, ווען זיי האָבן די קרייץ=פאָרער פיר מאָל געגעבן אַ באַדייטנדיקן פאַרמעגנס=שטייער צו 1 דענאַר פון יעדן פונט. די קרייץ=פאָרער האָבן

זיך דערמיט נישט באַנוגנט און די יידן האָבן זיי געמוזט אָפּגעבן דאָס גאַנצע האָב און גוטס.

דאָס בילד פונם גרויסן רויב בעת דעם צווייטן קרייץ־צוג אין י. 1146 גיבן אונז איבער די קוועלן בלויז אין אַלגעמיינע שטריכן. אין י. 1171 נעמט דער קעלנער שוצהאַר 105 זילבערשטיק אַלס אויס־לייז־געלט פאַר צוויי יידן. אין י. 1179 איז אַ בלומרשטער פאַרברעך פון איינציקע יידן אויסגענוצט געוואָרן פון די שוצהאַרן פאַר אַ ריזיקער געלט־אויספּרעסונג. דער קיסר האָט דערביי „פאַרדינט" 500 זילבער־מאַרק, און דער קעלנער ערצבישאָף 4200 זילבער־מאַרק.

ביים סוף פון 12־טן און אין דער ערשטער העלפט פון 13־טן י"ה מערקן זיך אויפן דייטשן באָדן די ערשטע שפורן פון די אונז שוין באַוואוסטע ענגליש־פראַנצויזישע מעטאָדן, ווי יאַזוי אויסצופּרעסן ביי די יידן געלטער. אַזוי, אַ שטייגער, אַקלימאַטיזירט זיך אין דייטש־לאַנד דער פון ענגלאַנד און פראַנקרייך אימפּאָרטירטער בלוט־בילבול, וואָס האָט אין די „עקספּאָרט־לענדער" אָפּט געדינט אַלס צודעק־מאַנטל פאַר גזילה און רויב פון יידישן האָב און גוטס. אין צוזאַמענהאַנג מיט די פּראָצעסן וועגן עלילת־דם ווערן יידן געשאָכטן און באַרויבט אין שפּייער (1195), אין ערפורט (1221), אין לאודא, בי־שאָפסהיים און פולדא (1235). עס לאָזט זיך אַרום דערדאָזיקער צייט פעסטשטעלן אויך אַ צווייטער ענגליש־פראַנצויזישער מעטאָד פון טעראָריזירן די יידן, אום עס זאָלן זיך עפענען זייערע בייטלען — און דאָס איז דער אָנזאָג פון מאַסן־אַרעסטן. אַזוי, אַ שטייגער, פּרעסט אויס קאָנראַד IV ביי די יידן אין סינציג אַ סומע פון 500 מאַרק מיט דער הילף פון אַ דראָונג, אַז ער וועט דורכפירן אַרעסטן צווישן זיי, אויב זיי וועלן דאָס געלט נישט איינצאָלן (1242).

אין פולן גאַנג זעען מיר אויפן דייטשן באָדן דאָס ענגליש־פראַנצויזישע אויספּרעסונגס־סיסטעם בעת דער צווייטער העלפט פון 13־טן און דער ערשטער העלפט פון 14־טן י"ה, בפרט בעת דער ממשלה פון רודאָלף פון האַבסבורג (1273—1291) און לודוויק דעם בייער (1314—1347). מיר ברענגען דאָ ווייטער איינציקע מער דראַסטישע ביישפּילן פון דערדאָזיקער צייט. אין י. 1261 לאָזט דער ערצבישאָף פון מאַגדעבורג איינזעצן אין תפיסה די רייכסטע יידן און פּרעסט אויס אויף אַזאַ אופן 100.000 מאַרק אויסלייז־געלטער. דאָסזעלבע האָט דער קירכלעכער האַר געוואָלט אויפטון אויך אין האַלע, אָבער דאָ האָבן זיך אים אַנטקעגנגעשטעלט די שטאָט־לייט, וואָס האָבן, ווייזט אויס, פאַר טייערע פּרייזן געהאַלטן מיט די יידן.

עס איז געקומען צו אַ באַלאַגערונג פון דער שטאָט און צו בלוטיקע שלאַכטן. סוף־כּל־סוף האָבן די מחנות פונם ערצבישאָף דעראָבערט די שטאָט און די יידן זענען אינאיינעם מיט די בירגער אויסגעריבן געוואָרן ביז גאָר. ענלעך ווי אין האַלע, האָבן זיך אין י. 1274 אָנגענומען פאַר די יידן — די בירגער פון גאָסלאַר; זיי האָבן זיך דורכן הערצאָג פון זאַקסן משתדל געווען ביי רודאָלף פון האַבסבורג, ער זאָל די יידן פון דער שטאָט נישט טעראָריזירן מיט אַרעסטן און נישט באַדריקן מיט אויסערגעוויינלעכע קאָנטריבוציעס. אויף דעם קיסר, וואָס האָט זיך צוליב זיינע קריגערישע אונטערנעמונגען כּסדר געפונען אין געלט־פאַרלעגנהייטן, האָט דאָס געמאַכט אַ קנאַפּן רושם. דער שטייער־דרוק פונם קיסר איז געווען אַזוי מוראדיק, אַז מחנות יידן פון מאַינץ און אַנדערע ריין־לענדישע קהילות, צווישן זיי אויך דער באַרימטער ר׳ מאיר פון ראָטענבערג, האָבן אין י. 1286 גענומען דעם וואַנדערשטעקן, בכדי אויפצוזוכן נייע היימען, וואו אַוועקצולייגן דעם קאָפּ. די דאָזיקע געלעגנהייט האָט רודאָלף פון האַבסבורג אויסגענוצט, כּדי דורכצופירן אַ גראַנדיעזע פינאַנץ־אָפּעראַציע אויפן חשבון פון די אויסוואַנדערער. שטיצנדיק זיך אויפן פּרינציפּ פון יידישער קאַמער־קנעכטשאַפט, ציט אַרויס דער קיסר דערפון די קאָנסעקווענץ, אַז די קאַמער־קנעכט טאָרן נישט אויסוואַנדערן אָן דער באַוויליקונג פון דעם שוץ־האַר, און היות ווי די יידן מיט ר׳ מאירן מראָטענבורג בראש האָבן זיך מכין געווען אין וועג אַריין אָן דעם קיסרס הסכּמה, לאָזט ער פאַר זיין אוצר קאָנפיסקירן די הייזער און דאָס באַוועגלעכע פאַרמעגן פון די אויסוואַנדערער, און ער פאַראָרדנט גלייכצייטיק צו אַרעסטירן דעם חשובן רב, רעכענענדיק אויף גרויסע אויסלייז־געלטער. ווי באַוואוסט, האָט דער קיסר געהאַט אַ שטיקל טעות אינם דאָזיקן חשבון, וואָרים ר׳ מאיר מראָטענבורג האָט די יידן פאַרווערט צו געבן דאָס אויסלייז־געלט. ערשט נאָך ר׳ מאירס טויט איז דער מת אויסגעקויפט געוואָרן ביים קיסר פון אַ פראַנקפורטער יידן, ר׳ זיסקינד ווימפּפען, פאַר אַ סומע פון 20,000 מאַרק. געשען איז דאָס אין י. 1307 און גענאָסן האָט פון דעם געלט נישט רודאָלף פון האַבסבורג, נייערט זיין נאָכפאָלגער אַלבּרעכט.

אונטער דעם קיסר לודוויק דעם בייער באַווייזט זיך צום ערשטן מאָל אויפן דייטשן באָדן דער גוט באַוואוסטער מעטאָד פון גזילה אין דער פאָרם פון די אַזויגערופענע „יודען־שולד־טילגונגען” (סקאַסירונגען אָדער רעדוקציעס פון יידישע געלט־

תּביעות). אַזוי, אַ שטייגער, סקאַסירט דער קיסר די תּביעות פֿון לערך 80 יידן, וואָס האָבן געמאָנט גרויסע געלטער ביים בורג-גראַף פֿון נירנבערג. אויך אַזוי באַפֿרייט ער די שטאָט הייליבראָן פֿון אַלע אירע חובות ביי יידן. אין י. 1336 צווינגט ער די יידן פֿון פֿראַנקפֿורט ביים מאַין צו פֿאַרציכטן אויף דער סומע פֿון 1000 פֿונט, וועלכע זיי האָבן געהאַט אויסגעבאָרגט דעם גראַף פֿון האַנאַי. מיט 10 יאָר פֿריער האָט דער קיסר אויף דעמזעלבן אופֿן באַפֿרייט אַ ריי עלזאַסער הערן פֿון אַלע חובות, וועלכע זיי האָבן געהאַט געמאַכט ביי יידן. ס׳פֿאַרשטייט זיך, אַז ביי די אַלע סקאַסירונגען האָט דער קיסר נישט ווייניק פֿאַרדינט, וואָרים די „טילגונגס"-פֿאַראָרדענונגען פֿלעגט ער אַרויסגעבן פֿאַר אַנטשפּרעכנדיקע געלטער, וועלכע עס האָבן אים געמוזט באַצאָלן די פֿאַראינטערעסירטע בעלי-חובות.

דערזעלבער קיסר האָט אויך פֿאַרשטאַנען צו מאַכן פֿון פּאָגראָמען אויף יידן אַ גוטן הכנסה-קוואַל פֿאַר זיך. אַזוי, אַ שטייגער, ווערט איבערגעגעבן, אַז ער האָט אין י. 1337 באַוויליקט פֿאַר טייערע געלטער אַרויסצוגעבן אַן אַמנעסטיע פֿאַר די עלזאַסער שטעט, וואָס האָבן געזאָלט גע-משפּט ווערן דערפֿאַר, ווייל זיי האָבן נישט געשיצט די יידן בעת די מוראדיקע פּאָגראָמען, וועלכע זענען אין די יאָרן 1336—1337 פֿאָרגעקומען אונטער דער פֿירונג פֿונם טרויעריק באַרימטן פּויערים-פֿירער, אַרמלעדער.

געוויינלעכע און אויסערגעוויינלעכע שטייערן און אָפּצאָלונגען, „שולד-טילגונגען", סתּם אויספּרעסונגען מיט דער הילף פֿון אומבאַרעכטיקטע אַרעסטן, פּראָצעסן וועגן עלילת-דם, פּאָגראָמען וכדומה — אָט ווי עס האָט זיך אין דייטשלאַנד אין משך פֿון דער צייט פֿאַנאַנדערגעוויקלט דאָס בילד פֿון עקספּלאָאַטירן דעם יידישן רעגאַל. אין פֿאַרגלייך מיט דידאָזיקע מעטאָדן זענען אויס ווי מילדע פֿאָרמען פֿון עקספּלאָאַטאַציע אַזעלכע אָפּעראַציעס פֿון די דייטשע מאַכטהאָבער, ווי דאָס פֿאַרמשכּונען דעם יידישן רעגאַל צו טעריטאָריאַלע הערן אין שטעט אָדער דאָס אַראַנזשירן פֿון כּלערליי געלט-איבערווייזונגען אויפֿן חשבּון פֿון פּעליקע אָדער קינפּטיקע יידן-שטייערן. אגב, זענען די יידן צוליב אַזעלכע אָפּעראַציעס געוואָרן אַ מין סחורה אָן לעבן, אַ זאַך, וואָס לויפֿט פֿון האַנט צו האַנט...

קאַפּיטל פּערצן

די סאָציאַלע און ווירטשאַפטלעכע לאַגע פון די יידן אין דייטשלאַנד זינט דעם 11־טן י״ה ביז דער העלפט פון 14־טן י״ה.

(המשך)

43 § דאָס יידישע ווירטשאַפטס־בילד ביז דער העלפט פון 13־טן י״ה.

אין דעם ווירטשאַפטס־לעבן פון די דייטשע יידן בעת דער באַהאַנדלטער צייט לאָזן זיך פונקט אַזוי, ווי אין דער אַנטוויקלונג פון דער יידישער קאַמער־קנעכטשאַפט, אויסטיילן 2 פעריאָדן: איינער, וואָס גרייכט ביז לערך דער העלפט פון 13־טן י״ה — און אַ צווייטער, וואָס נעמט אַרום דעם משך צייט לערך פון 1250 ביז 1348. די וויכטיקסטע דערשיינונגען, וואָס טיילן פאַנאַנדער דידאָזיקע 2 פעריאָדן, זענען פאָלגנדיקע: אין דעם ערשטן פעריאָד איז דאָס יידישע ווירטשאַפטס־לעבן פילזייטיק און עס וויקלט זיך פאַנאַנדער אָן גרעסערע שטערונגען. די יידן באַשעפטיקן זיך פונקט אַזוי אינטענסיוו מיט לאַנדווירטשאַפטלעכע פּראָפעסיעס, ווי מיט האַנדל. די וואוכעריי־געשעפטן פאַרנעמען נישט דעם אויבנאָן פונם יידישן ווירטשאַפטס־לעבן, זיי זענען ס׳רוב אַ באַגלייט־דערשיינונג פון די יידישע האַנדלס־באַציונגען מיטן אַדל און מיטן אויפשטייגנדיקן שטאָטישן פּאַטריציאַט. דער יידישער קרעדיט טראָגט אין דעמדאָזיקן פעריאָד אין די אויפבליענדיקע דייטשע שטעט אַ פּראָדוקטיוון כאַראַקטער און דעריבער קומט עס אויך נישט צו קיין פאַרשאַרפונג פון די באַציונגען צווישן די שטעט און די יידן. אַ חוץ אַזעלכע געביטן פון ווירטשאַפטלעכער טעטיקייט, ווי לאַנדווירטשאַפט, האַנדל און קרעדיט־געשעפטן, באַגעגענען מיר די יידן בעת

דעמדאָזיקן פעריאָד אויך אויף אַזעלכע געביטן, ווי עפנטלעכע אַמטן, צאָל־אַרענדעס, האַנטווערקערײַ וכדומה.

אַנדערש איז עס אָבער אינם צווייטן פעריאָד. דאָס יידישע ווירטשאַפטס־לעבן קאָנצענטרירט זיך וואָס מער אויף דעם געביט פון קרעדיט־געשעפטן, עס ווערט וואָס ווייטער אַלץ מער איינזייטיק. אגב, קומט אויך פאָר אַן איבערטוישונג פון די שיכטן, וואָס האָבן זיך געניטיקט אין דעם יידישן קרעדיט. פריער זענען עס געווען דערעיקרשט רייכע אַדל־לייט און דער חשובער קלאַס אין די שטעט. איצט אָבער קומען אָן צו די יידישע וואוכערער אַלץ מער די אָרעמע שיכטן, ווי בעלי־מלאכות און פויערים. עס ענדערט זיך אויך דער אַלגעמיינער כאַראַקטער פון דעם יידישן קרעדיט: פון אַ פּראָדוקטיוון ווערט ער אַלץ מער אַ קאָנסום־קרעדיט, וואָס דערדריקט מיט דער צייט דעם בעל־חוב. אַזוי־אַרום פאַרטיפן זיך אויך די סאָציאַלע סתירות צווישן די יידן און זייערע קליענטן און עס קומט צו אָפטע צוזאַמענשטויסן, וואָס ענדיקן זיך טראַגיש פאַר די יידן.

אין דעם ערשטן פעריאָד האָבן די יידן־פּאָגראָמען זעלטן ווען געהאַט אַ צוזאַמענהאַנג מיט סאָציאַל־ווירטשאַפטלעכע מאָמענטן: ענטוועדער זיי זענען געווען אַ פועל־יוצא פון גערייצטע רעליגיעזע שטימונגען (ווי בעת די קרייץ־צוגן), אָדער זיי זענען געווען פשוטע רויב־אונטערנעמונגען, אַראַנזשירט דורך געלט־גיריקע שוץ־הערן. די פּאָגראָמען פון דעם צווייטן פעריאָד באַקומען אָבער אַלץ מער דעם כאַראַקטער פון סאָציאַלע קאָנפליקטן: אַמאָל זענען זיי אַ רעזולטאַט פון פאַרשאַרפטע קאַמפן צווישן דעם קיסר און די לאַנד־הערן אַרום דעם רעכט צו עקספּלאָאַטירן דעם יידישן רעגאַל; אַן אַנדערשמאָל קומט עס צום „יודען־ברענען" אין צוזאַמענהאַנג מיט די מאַכט־קאַמפן צווישן די שטאָט־הערן און דעם פּאַטריציאַט אָדער פון ענלעכע קאָנפליקטן צווישן דעם פּאַטריציאַט און די האַנטווערקער־אָרגאַניזאַציעס. נישט זעלטן מרעגט אויך, אַז דאָס „יודען־ברענען" פלאַקערט אויף ווי אַ צוזאַמענשטויס צווישן „קאַפּיטאַליזם", וואָס ווערט פאַרטראָטן דורך די יידישע געלט־מענטשן, און דעם „פּאַופּעריזם", דהיינו, די פאַראָרעמטע האַנטווערקער־ און פויערים־שיכטן, וואָס זענען געווען פאַרשולדיקט ביי די יידן.

לאָמיר אָבער איבערגיין צו די פּרטים און אויספילן די אויבן־אָנגעצייכנטע רעמלען מיט די דערהאַלטענע קוועלן־ידיעות פון דער באַהאַנדלטער תקופה. מיר שטעלן זיך אָפּ דאָ ווייטער ביי דעם קוועלן־

מאַטעריאַל פון דעם ערשטן פּעריאָד (דהיינו, ביז לערך דער העלפט פון 13־טן י"ה).

פונקט ווי אין דער צייט פון די קאַראָלינגער, זענען די יידן אויך אין משך פון 11־טן ביז לערך דער העלפט פון 13־טן י"ה געווען דער וויכטיקסטער ה אַ נ ד ל ס ־ ע ל ע מ ע נ ט אויפן דייטשן באָדן. זייער ראָלע אָרום דער אַנטוויקלונג פון די דייטשע שטעט און פון דעם דייטשן האַנדל איז לגמרי נישט געפאַלן צוליב דעם אויפקום פונעם דייטשן האַנדלס־עלעמענט. דער „היימישער", „נאַציאָנאַלער" האַנדל האָט ביז לערך דער העלפט פון 13־טן י"ה פאַרגעשטעלט מיט זיך אַ דינע שיכט, וואָס איז, אגב, נאָך נישט געווען ווי געהעריק אָרגאַניזירט, — און עס איז דעריבער נאָך געווען אַ ברייטער שטח פאַר דער טעטיקייט פון פרעמדע סוחרים, בפרט פאַר דער האַנדלס־טעטיקייט פון די יידן. לאַנגזאַם, גאַנץ לאַנגזאַם קומט פאַר דער אַרויסשטויסונגס־פּראָצעס פונעם יידישן הענדלער־קלאַס אין די דייטשע שטעט און ער ווערט פאַרגיכערט ערשט אין דער צייט, ווען די באַדייטנדסטע דייטשע האַנדלס־שטעט איז געלונגען צו באַקומען געוויסע רעכט, וואָס זענען געווען פאַרבונדן מיט דעם באַזיץ פון דעם יידישן רעגאַל, ווי אַ שטייגער, דאָס רעכט אויפצונעמען די יידן אַלס שטאָט־איינוואוינער, צו נעמען פון זיי שטייערן, אונטערצוואַרפן זיי די שטאָטישע געריכטן א. אַז. וו. ווי עס איז שוין באַוואוסט (פאַרגלייך דאָס פאָריקע קאַפּיטל), האָבן אָבער די דייטשע שטעט אָנגעהויבן צו דעראָבערן דידאָזיקע רעכט נישט פריער, ווי אין דער צווייטער העלפט פון 13־טן און ביים אָנהויב פון 14־טן י"ה.

האָבנדיק דאָס אַלץ אין אַכט, וועלן מיר זיך לגמרי נישט חידושן, ווען דאָס קוועלן־מאַטעריאַל וועט אונז פאַר דער צייט ביז לערך דעם יאָר 1250 ברענגען אויסערסט אינטערעסאַנטע ידיעות וועגן ווייט־פאַרצווייגטע האַנדלס־באַציונגען, וועלכע די דייטשע יידן האָבן פאַרמאָגט נישט בלויז אויף די דייטשע טעריטאָריעס, נאָר אויך אין אויסלאַנד.

די ראָלע פון די דייטשע יידן אויפן געביט פון האַנדל לאָזט זיך אַמבעסטן אָפּשאַצן לויט די הנחות, וועלכע די יידן פלעגן אין משך פון 11־טן און 12־טן י"ה באַקומען, ווען מען האָט זיי גערופן צו באַזעצן זיך אין די ניי־געגרינדעטע שטעט. דידאָזיקע הנחות זענען באמת אויסערגעוויינלעכע און זיי לאָזן זיך דערקלערן בלויז מיט דער וויכטיקייט פון די יידן פאַר דעם האַנדלס־לעבן. אין די רירעוודיקע האַנדלס־באַציונגען צווישן מ אַ י נ ץ און די איבעריקע ריין־לענדישע שטעט, האָבן די יידן אין משך פון 11־טן י"ה גענומען אַ לעבהאַפטן

אָנטייל. צווישן די מאַינצער סוחרים, וואָס האָבן באַזוכט די ירידים אין קעלן, פלעגן זיך כּסדר געפינען אויך יידן, און נישט בלויז יידן־גבירים זענען עס געווען, וואָס האָבן געמאַכט די נסיעות קיין קעלן; אָרעמע יידן פלעגן — לויט העברעישע קוועלן פון יענער צייט — אויפנעמען הלוואות ביי די רייכע, אום צו קאָנען פאָרן צום קעלנער יריד. אָפט האָבן אפילו די פירשטן אַרויסגעהאָלפן די יידישע סוחרים מיט געלט, בכדי זיי זאָלן קאָנען „קויפן און פאַרקויפן". אַ באַדייטנדיקן אָנטייל אינם דייטשן האַנדל האָבן, אַחוץ די מאַינצער, געהאַט אויך די יידן פון וואָרמס. אין 11־טן י"ה באַגעגענען מיר די וואָרמסער יידן אויף האַנדלס־נסיעות קיין פראַנקפורט, באָפּאַרד, האַמערשטיין, דאָרטמונד, גאָסלאַר און אַנגערן. לויט אַ פּריווילעגיע פון י. 1074, וואָס איז באַנייט געוואָרן מיט אַ צייט שפּעטער (ביים אָנהויב פון 12־טן י"ה), זענען זיי אין די אויסגערעכנטע שטעט באַפרייט געוואָרן פון די צאָל־אָפּצאָלונגען. פון די האַנדלס־אַרטיקלען, מיט וועלכע די דייטשע יידן האָבן געהאַנדלט אין משך פון 11־טן י"ה, ווערן אין די קוועלן דערמאָנט: וויין, פאַרב־שטאָפן, רפואות, זאַלץ, פלייש, אַלזוי, דערעיקרשט לעבנס־מיטלען, וואָס מיט זיי האָבן געמעגט האַנדלען אויך אַזעלכע, וואָס האָבן נישט אָנגעהערט צו די קריסטלעכע סוחרים־גילדעס. אַחוץ דידאָזיקע ידיעות וועגן דעם יידישן טעריטאָריאַלן האַנדל, באַזיצן מיר פון 11־טן י"ה אויך אַ בינטל קוועלן־ידיעות וועגן דעם האַנדל, וועלכן די דייטשע יידן האָבן דעמאָלט געפירט מיט די סלאַוון־לענדער, ווי אויך מיט פראַנקרייך און שפּאַניע. אַזוי, אַ שטייגער, האָבן זיי פון די סלאַוון־לענדער אימפּאָרטירט, ווי אין די פריערדיקע צייטן, פוטערוואַרג און שקלאַפן. דעם לעצטן „אַרטיקל" פלעגן זיי אָפּזעצן ביי די פראַנצויזישע און שפּאַנישע יידן. לויט ווי ס'גיט אונז איבער די עלטסטע פוילישע כראָניק, האָט די פוילישע קעניגין יודיטאַ אַרום י. 1080 פאַרטון אַ סך געלט אויף אויסצוקויפן קריסטלעכע שקלאַפן פון די יידישע שקלאַפן־הענדלער. קלענערע „צדיקים" זענען געווען אינם דאָזיקן פרט די דייטשע מאַרק־גראַפן פון די מזרח־געגנטן: זיי האָבן דווקא אונטערגעשטיצט די פון דייטשלאַנד אָנגעפאָרענע יידישע שקלאַפן־הענדלער און זיי פלעגן אפילו אַליין צושטעלן דעם שקלאַפן מאַטעריאַל. אָפט האָבן די מאַרק־גראַפן פאַרקויפט צו די יידן זייערע אייגענע פויערים אַלס שקלאַפן.

אַן ענלעך בילד וועגן דער יידישער האַנדלס־טעטיקייט באַקומט זיך אויך פון די קוועלן פונם 12־טן און פון דער ערשטער העלפט פון 13־טן י"ה.

די האַנדלס־פרייהייטן וועלכע ווערן די דייטשע יידן פאַרגאַראַנ־טירט אין ספעציעלע פריווילעגיעס (למשל, אין דער וואָרמסער פריווילעגיע פון י. 1182 אָדער אין דער עסטרייכישער פריווי־לעגיע פון י. 1244) זענען נישט קיין קלענערע, ווי אין 11־טן י״ה. אַזוי, אַ שטייגער, באַקומען די וואָרמסער יידן פונם קיסר אַ פריווי־לעגיע (1182), וואָס גיט זיי דאָס רעכט צו קויפן און פאַרקויפן לויטן אַלטן שטייגער (antiquo more suo) כלערליי סחורות. אין אַ דאָקו־מענט פון י. 1207 ווערט דערמאָנט, אַז די יידן פון רעגענסבורג טרייבן אַ האַנדל מיט געלט און סחורות און אַז זיי צאָלן דערפון שטייערן. לויט דער עסטרייכישער פריווילעגיע פון י. 1244 (אַרטיקל 10) איז געווען די יידן דערלויבט פריי צו האַנדלען און צו פאַרקויפן די קריסטן אַזעלכע אַרטיקלען, ווי ווייַן, רפואות און פאַרב־שטאָפן. דיזעלבע באַשטימונג באַגעגענען מיר מיט העכער 150 יאָר פריער אין דער פריווילעגיע פאַר די יידן אין שפייער (1080). נישט געקוקט דערויף, וואָס אַ ריי דייטשע שטעט האָבן אין דערדאָזיקער צייט פאַר־מאָגט דאָס אַזויגערופענע „שטאַפּל־רעכט״ און זיי האָבן געקאָנט מיטן כוח פונם דאָזיקן רעכט צווינגען יעדן פרעמדן סוחר, ער זאָל פאַר־קויפן זיין סחורה אין דער שטאָט, דורך וועלכער ער האָט געמאַכט זיין רייזע — נישט געקוקט דערויף, האָט זיך דער גרויס־האַנדל פון די דייטשע יידן לגמרי נישט פאַרקלענערט. ער האָט צוליב דעם „שטאַפּל־רעכט״ בלויז געמוזט אַ טייל פון די גרויסע רווחים זיינע אָפּגעבן צו די שטעט. אין די קוועלן פון 12־טן און פון דער ערשטער העלפט פון 13־טן י״ה זענען אונז אויפגעהיט געוואָרן העכסט אינטע־רעסאַנטע ידיעות וועגן די גרויס־הענדלערישע באַציונגען, וועלכע די דייטשע יידן האָבן דעמאָלט געהאַט מיט אַזוינע לענדער, ווי אונגאַרן, איטאַליע, גריכנלאַנד און בולגאַריע. ביים אָנהויב פון 12־טן י״ה ווערט דערמאָנט אין די צאָל־טאַריפן ביי די צאָל־גרענעצן אין וואַלענטשאַדט און קאָבלענץ, אַז די יידישע שקלאַפן־הענדלער דאַרפן צאָלן פאַר יעדן שקלאַף צו 4 דענאַרן צאָל. דער יידישער שקלאַפן־האַנדל האָט געבליט נאָך ביים סוף פון 12־טן י״ה און ער האָט, ווי פריער, דערציקרשט באַזירט אויף די סלאַווישע שקלאַפן־מערק. אַזוי, אַ שטייגער, דערציילט אונז בנימין פון טו־דעלא אין זיין באַרימטער רייזע־באַשרייבונג (1150 — 1175), אַז די סלאַווישע מדינות ווערן גערופן „כנען״, מחמת די סלאַוון האָבן די מידה „צו פאַרקויפן זייערע זין און טעכטער צו פרעמדע פעלקער״. ר׳ אליעזר בן נתן, וואָס האָט לערך אין דערזעלבער צייט גע־

לעבט אין מ אַ י נ ץ, דערציילט אונז וועגן דייטשע יידן, וואָס פאָרן קיין פוילן. דאָסזעלבע גיט אונז איבער ר׳ י צ ח ק ב ן ד ו ר ב ל ה און ער באַמערקט דערביי, אַז ער אַליין איז געווען אין פוילן. וועגן פויליש-דייטשע האַנדלס-פאַרבינדונגען צווישן די יידן געפינען מיר ידיעות אויך ביי ר׳ מ א י ר מ ר אָ ט ע נ ב ו ר ג. מיר דערוויסן זיך אויך נאָך, אַז די יידישע סוחרים פון דייטשלאַנד פלעגן זיך באַהעפטן אין האַנדלס-קאָמפּאַניעס און פאָרן צוזאַמען קיין ר ו ס ן. אין רייסן פלעגן זיי מאַכן באַשטעלונגען אויף מלבושים און בפרט אויף מאַנטלען און זיי פלעגן פאָרויס איינצאָלן פאַר דער גאַנצער פּראָדוקציע. יידישע האַנדלס-קאָמפּאַניעס האָבן אין דערזעלבער צייט אויך אַרומגעפירט איבער אונגאַרן און געפירט פון דאָרטן דעם באַרימטן א ו נ ג אַ ר-ו ו י י ן, וועלכן זיי פלעגן ברענגען אין די ריין-לענדישע שטעט. אין „אור זרוע" (אָנהויב פון 13-טן י"ה) ווערן דערמאָנט יידישע סוחרים, וואָס פירן פון אונגאַרן „געזאַלצענע פיש" (הערינג?) און וואָס פאַרקויפן דידאָזיקע סחורה אין עסטרייך. דער מחבר פונם „אור זרוע" דערציילט אונז אויך וועגן יידישע האַנדלס-פאַרבינדונגען מיט בולגאַריע, וואָס ווערט פון די יידן גערופן „דאָס גריכישע כנען", ווי אויך וועגן יידישע האַנדלס-נסיעות קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל. וועגן די קעלנער יידן הערן מיר אין דערזעלבער צייט, אַז זיי האָבן געפירט איבערן ריין שיפן, באַלאָדענע מיט פיש-טראַנספּאָרטן. ביי די צאָל-גרענעצן אין ר אָ ז ע נ ב ע ר ג (אויבער-שלעזיע), אין ש י ע ו ו י ע ז ש (פוילן), דורך וועלכע עס האָבן געפירט די האַנדלס-טראַקטן קיין ר ו ס ן און א ו נ ג אַ ר ן, ווערן אין די צאָל-טאַריפן פון י. 1226 דערמאָנט יידישע סוחרים, וואָס קומען פון דייטשלאַנד אָדער קערן זיך אום קיין דייטשלאַנד, פירנדיק מיט זיך באַלאָדענע וועגן מיט סחורה. וועגן די יידן אין ל אַ י ב אַ ך (קראַין) דערמאָנט אַ דאָקומענט פון י. 1213, אַז זיי זענען אויסערגעוויינלעך רייך און אַז זיי פירן אַ גרויסן האַנדל מיט די ו ו ע נ ע צ י אַ נ ע ר, א ו נ ג אַ ר ן און ק ר אָ אַ ט ן".

אַחוץ דידאָזיקע ידיעות וועגן דעם יידישן אויסלענדישן גרויס-האַנדל, באַזיצן מיר פון דערדאָזיקער צייט נישט ווייניק ידיעות וועגן דעם צווישן-שטאָטישן האַנדל פון די דייטשע יידן, ווי אויך וועגן דעם קליין-האַנדל, מיט וועלכן עס האָבן זיך באַשעפטיקט די ווייניקער פאַרמעגלעכע עלעמענטן צווישן זיי. אין אַ אויטאָביאָגראַפישער שריפט, וואָס שטאַמט פון דעם משומד ה ע ר מ אַ ן (פון 12 י"ה), דערציילט אונז דער מחבר, אַז בשעת ער איז נאָך געווען אַ ייד, אין עלטער פון 20 יאָר (לערך אין י. 1127), פלעגט ער פאָרן פון קעלן קיין

מאַינץ, כדי זיך אָפּצוגעבן מיט מסחר, וואָרים „אַלע יידן פאַרנעמען זיך מיט מסחר” (Siquidem omnes iudaei negotiationi inserviunt).

אין אַ ש״ות פון י. 1199 ווערט דערמאָנט אַ געוויסער אַלעקסאַנדער פון אנדערנאך, וואָס פלעגט צוזאַמען מיט זיין שוועגער, אַ געוויסן ר׳ אשר, פאָרן קיין קאָבלענץ צוליב מסחר און פאַרקויפן דאָרט וויין. זייער כאַראַקטעריסטיש זענען פאַר דערדאָזיקער צייט די ווערטער פון דעם מאַינצער למדן ר׳ אליעזר בן נתן: „דער מסחר — דאָס איז דאָך אונזער עיקר־פּרנסה”. אַזוי איז עס אויך דעמאָלט אין דער אמתן געווען: דער גרויס- און קליין־האַנדל האָבן מיט זיך פאָרגעשטעלט די עיקר־באַשעפטיקונג פון די דייטשע יידן. אין פאַרגלייך מיט דעמדאָזיקן פּרנסה־צווייג האָבן אַנדערע באַשעפטיקונגען געשפּילט גאָר אַ קליינע ראָלע. פונדעסטוועגן פאַרדינען זיי אונזער אויפמערקזאַמקייט און מיר וועלן זיך ביי זיי דאָ ווייטער אָפּשטעלן.

אין צוזאַמענהאַנג מיטן האַנדל אַנטוויקלט זיך אין אונזער צייט ביי די יידן אַלס אַ וויכטיקער פּרנסה־צווייג דאָס אויסטוישן מטבעות פון פאַרשיידענע טעריטאָריעס. דאָס חלפנות, דאָס טוישן געלט, איז געווען אין מיטלאַלטער זייער אַ וויכטיק געשעפט אין דייטשלאַנד, וואָס איז געווען צעשפּליטערט אויף צענדליקער הערצאָגטימער, גראַפשאַפטן, מלוכה־שטעט וכדומה. בעת דעם מיטלאַלטער האָבן קורסירט כלערליי סאָרטן געלט קיין באַשטימטער געלט־קורס איז נאָך דעמאָלט נישט געווען. די גראַפן און הערצאָגן האָבן באַקומען אַליין מער אַ דעה אויף די מאָסן און מטבעות, אַזוי, אַז יעדע געגנט פון אַ גרויסן שררה האָט שוין אין 12־טן י״ה געהאַט אירע אייגענע נעלט־מינים. און דערביי האָט מען אין יעדן אָרט געמוזט צאָלן בלויז מיט יענע מינים געלט, וואָס זענען דאָרט אָנגעגאַנגען. דאָס האָט, פאַרשטייט זיך, געשאַפן אַברייט פעלד פאַר געלט־וועקסלער. אין די ערטער, וואו עס האָט זיך געפונען אַ מינצעריי, האָבן געמעגט טרייבן דאָס וועקסלער־געשעפט בלויז די אָנגעשטעלטע ביי דער מינצעריי. אָבער אפילו אין אַזעלכע ערטער זענען געמאַכט געוואָרן אין משך פון אונזער פעריאָד אויסנאַמען פאַר די יידן. אַזוי, אַ שטייגער, ווערט אין די פּריווילעגיעס, וועלכע עס האָבן באַקומען די יידן אין שפּייער (אין די יאָרן 1084 און 1090), אין וואָרמס (אין די יאָרן 1090 און 1165), אין רעגענסבורג (1182), אין עסטרייך (1244) און אַז. וו., פאַרגאַראַנטירט די יידן דאָס רעכט צו טוישן געלט אין די דערמאָנטע שטעט און טעריטאָריעס, הגם אַזאַ רעכט איז דאָרט געווען אויסשליסלעך אין רשות פון די מינצער. דאָס האָט מיט דער צייט אין גע-

ווייסע ערטער דערפירט צו שאַרפע קאָנקורענץ-קאַמפן צווישן די מינצער און די יידישע געלט-וועקסלער. אַזוי, אַ שטייגער, ווערט אַרום דער העלפט פון 12-טן י״ה איבערגעגעבן פון קעלן ביים ריין, אַז די מינצער האָבן דאָרט צוליב קאָנקורענץ-טעמים באַשולדיקט די יידן, אַז זיי פאַרשפרייטן פאַלשע מטבעות. די שררות האָבן אָבער געלייגט ווייניק געוויכט אויף אַזעלכע באַשולדיקונגען און זיי פלעגן נישט זעלטן אָנטרויען די יידן שטעלעס אין דער מינץ-פאַרוואַלטונג גופא. פון 12-טן י״ה זענען אונז פאַרבליבן צוויי מטבעות, וואָס זאָגן עדות וועגן דער טעטיקייט פון יידן אַלס מינץ-מייסטער: איין טורעם-מטבע פון אַ גראַף פון מ אַ נ ס פ ע ל ד מיט אַ העברעיִשער אויפשריפט און אַ צווייטע, אַ לייבן-מטבע פונם זאַקסישן הערצאָג ב ע ר נ ה אַ ר ד 1 מיט אַן אויפשריפט, וואָס אירע אותיות האָבן אַן ענלעכקייט צו העברעיִשע. אַרום י. 1194 ווערט אין די קוועלן דערמאָנט אַלס מינץ-מייסטער פונם עסטרייכישן הערצאָג ל ע אָ פ אָ ל ד V דער רייכער ייד „ש ל אָ ם״ (שלמה). אַרום דערזעלבער צייט באַגעגענען מיר יידישע מינץ-מייסטער אויך אין ט ר י ע ר און ו ו י ר צ ב ו ר ג. צוליב די אָפטע באַשולדיקונגען וועגן געלט-פעלשן, מיט וועלכע עס פלעגן אָפּפירן די קריסטלעכע מינצער קעגן זייערע יידישע קאָנקורענטן, האָט דער רבנים-ועד, וואָס איז אין י. 1220 צונויפגערופן געוואָרן קיין מאַינץ, באַשלאָסן אַרויפצולייגן גרויסע שטראָפן אויף יעדן יידן, וואָס וועט זיך באַנוצן ביים געלט-טוישן מיט פאַלשע אָדער באַשניטענע מטבעות.

די געניטקייט פון די יידן אין האַנדלס- און געלט-ענינים האָט מאַנכע שררות באַוואויגן צו פאַרווענדן יידישע סוחרים און געלט-וועקסלער נישט בלויז אַלס מינץ-מייסטער, נאָר אויך אויף אַנדערע צווייגן פון דער טעריטאָריאַלער פינאַנץ-פאַרוואַלטונג. אַזוי, אַ שטייגער, טרעטן אַרויס אין דער ערשטער העלפט פון 13-טן י״ה אַ געוויסער ייד מיטן נאָמען ט ע ק אַ, וואָס פאַרנעמט אין הויף פונם עסטרייכישן הערצאָג די שטעלע פון „קאַמער-גראַף״ (comes camerae), פון אַ מין פינאַנץ-מיניסטער. אין י. 1235 פאַרוועט דער עסטרייכישער הערצאָג צוליב דער מלחמה מיט אונגאַרן און טשעכיע, אַרויסצופירן פונם לאַנד ווייַן און תבואה, — און די קוועלן, וואָס דערציילן וועגן דעם, באַמערקן אויסדריקלעך, אַז דער הערצאָג האָט דעמדאָזיקן באַרעכטיקטן פאַרבאָט אַרויסגעגעבן, מחמת זיינע יידישע פינאַנץ-באַאַמטע האָבן אים אַזוי געראָטן. אַרום י. 1237 זענען זיך ביים הערצאָג משתדל די ווינער בירגער, ער זאָל זיי נישט אויפצווינגען קיין יידישן פינאַנץ-באַאַמטן, און דער הערצאָג איז מרוצה דערויף (פאַרגלייך דעם

אַרטיקל 3 פון דער ווינער פּריווילעגיע פון י. 1237). די עסטרייכישע האַרן זענען נישט געווען קיין אויסנאַם אין דער פראַגע פון באַנוצן יידן אַלס באַאַמטע. פון אַ ביל, וואָס איז פאַנאַנדערגעשיקט געוואָרן אין י. 1233 דורכן פּויפּסט גרעגאָר IX, דרינגט אַרויס, אַז דעם ביישפּיל פון די עסטרייכישע הערצאָגן פלעגן נאָכמאַכן אויך אַנדערע דייטשע שררות. אין דעם ביל באַקלאָגט זיך, נעמלעך, דער פּויפּסט, אַז די דייטשע האַרן געטרויען אָן די יידן פלעריי עפנטלעכע אַמטן.

אַחוץ די געשילדערטע פּרנסה־צווייגן, קומען פאַר די דייטשע יידן אין דעם באַהאַנדלטן פּעריאָד נאָך אין באַטראַכט צוויי יניקה־קוואַלן: ערד־באַזיץ און קרעדיט־געשעפטן.

ענלעך, ווי די קריסטלעכע שטאָט־לייט פונם 11־טן און 12־טן י"ה, זענען אויך די דייטשע יידן זייער נאָענט געשטאַנען צו דער לאַנדווירטשאַפט: פאַר די טויערן פון די שטעט פלעגן זיי האָבן אַקער־פעלדער און ווייַנגערטנער און זיי פלעגן דאָרט באַשעפטיקן זייערע פאַמיליעס אָדער אַליין אַרבעטן, — אויב זיי האָבן זיך אומגעקערט פון די האַנדלס־נסיעות אין די ווייטע לענדער אָדער פון די שכנותדיקע ירידים. אין דידאָזיקע פאַרהעלטענישן קומט פאַר אַן איבערברוך ערשט אין 13־טן י"ה. זיינע ערשטע סימנים ווייזן זיך אין די ריין־געגנטן, און וואָס שפּעטער, אַלץ ווייטער קיין מזרח דערגרייכט דער אַרויסשטויסונגס־פּראָצעס. אין די ריין־געגנטן ווערן די יידן פאַרדרענגט פון זייער פעלדער־ און גערטנער־באַזיץ שוין אַרום דער העלפט פון 12־טן י"ה. אַזוי, אַ שטייגער, הערן מיר פון ר' אליעזר בן נתן, וואָס האָט אַרום דערדאָזיקער צייט געלעבט אין מאַינץ, אַז די יידן האָבן זיך גענומען צו אַזאַ פּרנסה, ווי דאָס באָרגן אויף ציַנזן, „מחמת אין אונזער צייט האָבן די יידן נישט מער קיין פעלדער אָדער ווייַנבערג, אַז זיי זאָלן דערפון קאָנען ציען זייער יניקה". דאַקעגן איז אין די מזרח־געגנטן פון דייטשלאַנד נאָך אין דער ערשטער העלפט פון 13־טן י"ה געווען פאַר די יידן אַ מעגלעכקייט צו דערשלאָגן זיך צו לאַנדווירטשאַפטלעכע באַלעבאַטישקייטן. אַנישט, וואָלט, אַ שטייגער, נישט געהאַט קיין שום זין און קיין באַרעכטיקונג דער מוסר פון ר' יהודה פון רעגענסבורג (געלעבט אין דער ערשטער העלפט פון 13־טן י"ה), וואָס פאָדערט פון די יידן, אַז זיי זאָלן זיך נישט אָפּגעבן מיט באָרג־געשעפטן, ווילאַנג ס'איז נאָך פאַראַן אַ מעגלעכקייט צו האָבן פּרנסה פון ערד־באַזיץ (זע דעם מוסר אינעם באַרימטן „ספר־חסידים"). אויסדריקלעכע באַווייזן, אַז אַ טייל יידן האָבן אַרום דערזעלבער צייט געלעבט פון אַזעלכע הכנסה־קוואַלן, ווי

דער באַזיץ פון פעלדער און וויינגערטנער, זענען אונז אויפגעהיט געוואָרן פון עסטרייך. דער ווינער ייד „שלאָם" (שלמה), וועלכן מיר קענען שוין אַלס מינץ-מייסטער פונם הערצאָג לעאָפּאָלד I, האָט ביים סוף פון 12-טן י"ה געפירט אַ פּראָצעס קעגן אַ קלויסטער ביי ווינער ביישטאָט, אין וועלכן עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן אַ וויינגאָרטן, וואָס אַ ווינער בירגער האָט געהאַט פאַרשריבן לטובת דעם קלויסטער אַרום י. 1190. דער וויינגאָרטן איז צוגעפּסקנט געוואָרן דעם קלויסטער, הגם „שלאָם" האָט, ווי ס'דערציילן די קוועלן, געגעבן אַ סך מתנות און נאָך מער מתנות צוגעזאָגט. „שלאָם", וויצלט זיך די קוועלע, האָט געהאַט אַפּעטיט צום וויינגאָרטן, ער איז אָבער געבליבן בלויז ביים אַפּעטיט" (vineam habere voluit, sed non voluit). סוף-כל-סוף האָט זיך דער ענין געענדיקט מיט אַן אויסגלייך, און „שלאָם" האָט באַקומען פאַרן וויינגאָרטן 20 פונט און די הכנסה, וועלכע דער וויינגאָרטן האָט געגעבן אין משך פון איין יאָר. פונם געשילדערטן פּראָצעס ווייזט זיך בולט אַרויס, אַז די יידן אין עסטרייך זענען אין יענער צייט פּרינציפּיעל נישט געווען אויסגעשלאָסן פון ערד-באַזיץ אויפן פלאַכן לאַנד.

וויאַזוי עס האָט אויסגעזען דער אַרויסשטויסונגס-פּראָצעס פון די יידן פון דעם ערד-באַזיץ אויסערהאַלב די שטעט, לאָזט זיך נישט פעסטשטעלן צוליב די שוויגנדיקע קוועלן. דערפאַר אָבער באַזיצן מיר גענויערע ידיעות וועגן דעם אַרויסשטויסונגס-פּראָצעס פונם באָדן-באַזיץ אין די שטעט און מען קאָן דערפון אַ סך אָפּלערנען אויך בנוגע די יידישע באַזיץ-פאַרהעלטענישן אין די דערפער און פאַרשטעט. עס איז, בעמלעך, פאַרבליבן אַ רייכער קוועלן-מאַטעריאַל פון קעלן און ווירצבורג, וואָס אילוסטרירט אונז גענוי די פּראַגע פונם יידישן באָדן-באַזיץ אין דידאָזיקע שטעט סיי בעת דעם 12-טן י"ה, סיי בעת די ווייטערע 150 יאָר. אויפן גרונט פון דעמדאָזיקן מאַטעריאַל לאָזט זיך פעסטשטעלן, אַז ביז לערך דער העלפט פונם 12-טן י"ה האָבן די יידן געהאַט גלייכע זכיות מיט די קריסטלעכע שטאָט-לייט בנוגע זייערע נחלאות אין די שטעט. אין דער צווייטער העלפט פון 12-טן י"ה ענדערט זיך אָבער די סיטואַציע. אין דער צייט צווישן 1145 — 1159 באַגעגענען מיר אין די קעלנער אַקטן לויטער אָפּמאַכן, וואו די יידן פאַרקויפן זייער באָדן-באַזיץ און עס ווערט אין זיי נישט פאַרנאָטירט קיין איינציקע קניה פון אַ נחלה דורך אַ ייד. זייער כאַראַקטעריסטיש איז אויך אַן אָפּמאַך, וואָס ווערט אַרום דערזעלבער צייט פאַרשריבן אין די קעלנער אַקטן און וואָס אַנטהאַלט

לגבי אַ הויז, אויסערהאַלב דעם יידישן קוואַרטאַל, אַ באַוואָרעניש, אַז „קיין שום ייד טאָר אינם הויז נישט וואוינען", נישט אַכטנדיק דעם רויף, וואָס דאָס הויז איז פאַרקויפט געוואָרן צו אַ יידן. עס איז, אַלזוי, קלאָר, אַז צום אומבאַגרענעצטן רעכט פון די קעלנער יידן, צו פאַרשאַפן זיך פּאָססעסיעס אין שטאָט, אין דער צווייטער העלפט פון 12-טן י"ה, האָט גענומען אַ סוף. נאָך דייטלעכער זעט מען די דאָזיקע אַנטוויקלונג איןווירצבורג. אין דער צייט, ווען אין אַ דאָקומענט פון י. 1119 טרעטן אַרויס די ווירצבורגער יידן ווי גלייכבאַרעכטיקטע מיט די קריסטלעכע שטאָט-לייט, לאָזט זיך, זינט לערך דער העלפט פון 12-טן י"ה, מערקן, אַז זייערע רעכט זענען נישט מער דיזעלבע, וואָס די רעכט פון דער איבעריקער שטאָטישער באַפעלקערונג. ביזן מיטן פון 12-טן י"ה הערשט אין די דאָקומענטן וועגן קויף פון אומבאַוועגלעכע גיטער דער פּרינציפּ פון קעגנזייטיקייט. דאַקעגן טרעט אַרויס אין די דאָקומענטן פון דער צווייטער העלפט פון 12-טן י"ה די מערקווירדיקע דערשיינונג, אַז יידן פאַרשרייבן זייערע הייזער און נחלאות אויפן נאָמען פון אַ קירכע און באַקומען די אומבאַוועגלעכע גיטער דערנאָך צוריק מיטן באַדינג, אַז זיי וועלן פון זיי צאָלן צינזן לטובת דער קירכע. אַלס מאָטיוו פון דערדאָזיקער האַנדלונג ווערט אין די דאָקומענטן אָנגעגעבן: „האָפנדיק אויף שוץ און טובות... האָט דער ייד... איבערגעגעבן זיין באַזיץ דעם קלויסטער פון הייליקן קיליאַן". אָדער דער ייד האָט איבערגעגעבן זיין פּאָססעסיע דער קירכע, „בכדי עס זאָל אים נישט קענען טרעפן דער האָס פונם שונא". דאָס באַנוצן זיך מיט דער קירכע, צו וועלכער מען פאַרשרייבט דאָס אייגנטומס-רעכט פון די פּאָססעסיעס, און דאָס באַנוגענען זיך מצד די יידן מיט דעם רעכט צו קאָנען עקספּלאָאַטירן די פּאָססעסיע פאַר יאָרלעכע צינזן, וועלכע די קירכע נעמט אַלס באַווייז פון איר אייגנטומס-רעכט — דידאָזיקע פּראָצעדור, וואָס ווערט אין דער דעמאָלטיקער יורידישער טערמינאָלאָגיע באַצייכנט אַלס פּראָצעדור פון באַנוצן זיך מיט „סאַלמאַנען", ווייזט אונז דייטלעך, אַז דאָס אומבאַשרענקטע אייגנטומס-רעכט פון די יידן לגבי אומבאַוועגלעכע גיטער איז דעמאָלט אָפּגעשאַפט געוואָרן. דאָסזעלבע באַווייזן אויך אייניקע ווירצבורגער דאָקומענטן פון סוף 12-טן י"ה, אין וועלכע עס ווערן דערמאָנט פאַרשיידענע בוי-באַגרענעצונגען בנוגע די יידישע הייזער.

מיר שטעלן זיך אָפּ ביי דער לעצטער ווירטשאַפטלעכער פּאָזיציע פון די דייטשע יידן, וואָס ווערט אונז אילוסטרירט דורך דעם קוועלן-מאַטעריאַל פון דעם באַהאַנדלטן פּעריאָד. מיר זעענען אויסן די

יידישע קרעדיט-געשעפטן. ווי עס איז שוין אָנגעמערקט געוואָרן, שפּילט דידאָזיקע פּאָזיציע נאָך אַ גאַנץ קליינע ראָלע. זי איז אָבער אינם ווירטשאַפטס-לעבן פון די דייטשע יידן שוין פאַראַן און וואָס שפּעטער, אַלץ גרעסער וועט ווערן איר באַדייטונג.

דער צום מערסטן כאַראַקטעריסטישער שטריך פון די יידישע קרעדיט-געשעפטן בעת דעם באַהאַנדלטן פּעריאָד איז, וואָס די קליענטעלע פון די יידישע פּראָצענטניקעס רעקרוטירט זיך פון די סאַמע פאַרמעגלעכסטע שיכטן. דערעיקרשט זענען עס געווען הויכע גייסטלעכע האַרן און וועלטלעכע שררות, וואָס האָבן גענומען ביי די יידן הלוואות אויף צינזן. איידער דער פּויפּסט גרעגאָריוס דער VII-טער איז אַרויסגעטרעטן מיט זיין ענערגישן קאַמף קעגן דער סימאָניע (האַנדל מיט גלחישע שטעלעס), איז דאָס איינהאַנדלען קירכלעכע אַמטן געטריבן געוואָרן אין דייטשלאַנד גאָר אין גרויסן מאַסשטאַב. דער סאַלישער הויף פלעגט האַנדלען מיט הויכע און נידעריקע גלחים-שטעלעס, ווי מיט שטייער-אַרענדעס. דעריבער האָט אַ גלח געשטרעבט צו אַ פעטן ביסן אין דער פאָרם פון אַ הויכן קירכלעכן אַמט. ער האָט זיך קודם-כל געמוזט פאַרשאַפן דאָס נויטיקע געלט, כדי צו קויפן דעם אַמט. אין אַזאַ פאַל פלעגט ער געוויינלעך אָנקומען צו די יידן און באָרגן ביי זיי געלט אויף צינזן. נישט ווייניקער האָט די קירכע-שררות געטריבן צו די יידישע פּראָצענטניקעס דער גרויסער לוקסוס, מיט וועלכן זיי פלעגן אַרויסטרעטן אויף זייערע שטעלעס. אָט איז אַ בינטל ידיעות פון אונזער פּעריאָד וועגן גייסטלעכע שררות, וואָס זענען געווען פאַרשולדיקט ביי יידן. דער ביאָגראַף פונם ערצבישאָף האַנאָ פון קעלן (צווייטע העלפט פון 11-טן י״ה) דערציילט אונז, אַז דער ערצבישאָף האָט געמאַכט גרויסע חובות ביי יידן און קריסטן. דער ערצבישאָף פון ברעמען, אַדאַלבערט (סוף פון 11-טן י״ה), וואָס זיין חלום איז געווען אויפצובויען אַ קירכע באַפּוצט מיט גינגאָלד, פלעגט זיך אין זיינע געלט-געשעפטן באַנוצן מיט אַ געוויסן פּאַולוס, אַ געוועזענעם ייד. אַרום י. 1107 פאַרמשכּונט דער פּראַגער בישאָף הערמאַן 5 טייערע מאַנטלען ביי די יידן אין רעגענסבורג און ער באַקומט דערויף 500 מאַרק זילבער. נישט זעלטן פלעגן אָנקומען צו די יידישע באַנקירן הויכע וועלטלעכע שררות. אַזוי, אַ שטייגער, האָט ביים סוף פון 12-טן י״ה געשפּילט אַ וויכטיקע ראָלע, אַלס באַנקיר פונם עסטרייכישן הערצאָג, דער אונז שוין באַוואוסטער ווינער ייד „שלאָם". ביים אָנהויב פון 13-טן י״ה פאַרנעמט זיין אָרט אין ווינער הערצאָגלעכן הויף דער אונגאַרישער ייד טעקאַ, וואָס

פּירט דורך פאַרן הערצאָג לעאָפּאָלד V פאַרשיידענע געלט־טראַנזאַקציעס אויף הויכע סומעס, ווי, אַ שטייגער (אין י. 1228), אויף אַ סומע פון 2000 מאַרק זילבער (לערך 200,000 היינטיקע דייטשע מאַרק). צווישן די יידישע קליענטן באַגעגענען מיר, זינט דעם 12־טן י״ה, אַמאָל אויך רייכע סוחרים פון די שטעט.

די יידן האָבן געבאָרגט אין אונזער פּעריאָד ענטוועדער אויף היפּאָטעקן אָדער אויף באַוועגלעכע משכנות. שולד־בריוו האָבן דעמאָלט נאָך געשפּילט אַ נישטיקע ראָלע אינם יידישן געלט־געשעפט. וואָס שייך די יידישע הלוואות אויף אומבאַוועגלעכע גיטער, זענען אונז וועגן זיי פאַרבליבן מער ידיעות ערשט פונם סוף פון 12־טן און פון דער ערשטער העלפט פון 13־טן י״ה. אַזוי, אַ שטייגער, איז ביים סאַמע סוף פון 12־טן י״ה אין דער ריינישער געגנט געווען פאַרמשכונט צו אַ ייד ר׳ אליהו אַ מאַיאָנטעק, וואָס איז באַשטאַנען פון אַקער־פעלדער, ווייַנבערג, לאָנקעס און הייזער. אַרום דערזעלבער צייט האָט אַ קריסטלעכער בירגער פאַרמשכונט צו אַ ווירצבורגער יידן אַ הויז, נעמענדיק אַ הלוואה פון 35 מאַרק. זינט דעם 13־טן י״ה זענען אין מערב־דייטשלאַנד שטאַרק באַגרענעצט געוואָרן די רעכט פון די יידישע מלווים, צו נעמען אַלס משכנות אומבאַוועגלעכע גיטער. געשטאַנען איז דאָס אין צוזאַמענהאַנג מיט דער אונז שוין באַוואוסטער דערשיינונג, וואָס אין מערב־דייטשלאַנד זענען, זינט דער העלפט פון 12־טן י״ה, די אייגנטומס־רעכט פון די יידן בנוגע דאָרפישן אָדער שטאָטישן באָדן אַלץ מער באַגרענעצט געוואָרן. סוף־כל־סוף האָט די אַנטוויקלונג דערפירט דערצו, אַז די יידן האָבן געמעגט אַ פאַרמשכונטע פּאָסעסיע, וואָס איז ביי זיי נישט אויסגעקויפט געוואָרן, באַנוצן נישט לענגער ווי „איין יאָר און איין טאָג", דהיינו, איין יאָר און 6 וואָכן. נאָך דעמדאָזיקן טערמין האָבן זיי געמוזט די פּאָסעסיע פאַרקויפן צו קריסטן. אַזוי איז געווען די פּראָצעדור אין מערב־דייטשלאַנד שוין ביים אָנהויב פון 13־טן י״ה. אַנדערש האָט עס אויסגעזען אין עסטרייך. פאַר יידישע הלוואות אויף היפּאָטעקן זענען דאָ נישט געווען קיין שום באַגרענעצונגען און די פּריווילעגיע פון די עסטרייכישע יידן פון י. 1244 האָט זיי אויסדריקלעך געגעבן דאָס רעכט צו נעמען אַלס משכנות אומבאַוועגלעכע גיטער. איבעריקנס, באַזיצן מיר פון דער ערשטער העלפט פון 13־טן י״ה אייניקע עסטרייכישע דאָקומענטן, וואָס אילוסטרירן אונז די יידישע געלט־געשעפטן אויף היפּאָטעקן. אַזוי, אַ שטייגער, איז געווען אין י. 1235 צו דעם אונז שוין באַוואוסטן באַנקיר און „קאַמער־גראַף", דעם ייד ט ע ק אָ אָדער ט ע כ אַ נ ו ס פאַרמשכונט אַ גרויסער שטח פעלדער אין איבער־

און מיטל-גרונט (עסטרייך). אויף דעמזעלבן שטייגער ווערט אונז אי-בערגעגעבן פון י. 1239, אַז ביי אַ געוויסן ייד מיטן נאָמען „ביבאָס“(?) זענען געווען פאַרמשכונט איין גוט און 2 וויינבערג אין דער געגנט פון פּאַסאַו.

וואָס שנעלער עס איז געגאַנגען דער האַנדל, אַלץ מער האָט זיך איינגעבירגערט דער מנהג ביי יידן און קריסטן, צו געבן און צו נעמען געלט אויף באַוועגלעכע משכּנות. פאַרן דאָזיקן מין געלט-געשעפטן אויף מטלטלים האָט עקזיסטירט אַ ספּעציעל „יידן-רעכט“, וואָס האָט רעגו-לירט דאָסדאָזיקע געביט פון קרעדיט-געשעפטן. צום אויספּירלעכסטן ווערט אין אונזער פּעריאָד דאָסדאָזיקע „יידן-רעכט“ באַהאַנדלט אין דער עסטרייכישער פּריווילעגיע פון י. 1244. דאָ געפינען מיר אויך צום פריסטן אויפן דייטשן באָדן אויסגעדריקט דעם פּרינציפּ, אַז ביי דעם יידן טאָר נישט צוגענומען ווערן עפּעס אַ זאַך, וואָס ער האָט געקויפט אָדער באַקומען אַלס משכּון, נישט וויסנדיק, אַז דידאָזיקע זאַך שטאַמט פון רויב אָדער גניבה. דערדאָזיקער פּרינציפּ פון שוץ האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַן אומגעהויערן פּראָגרעס אין דעם האַנדלס- און קרעדיט-לעבן און ער האָט געלייגט דעם וועג פאַר הע-כערע שטאַפּלען פון דידאָזיקע ווירטשאַפטס-געביטן, ווערנדיק דער יסוד פאַרן האַנדל מיט אינהאַבער-פּאַפּירן (וועקסלען). אגב, איז דער פּרינצי-פּ אַריבער צו די מיטלאַלטערלעכע יידן-פּריווילעגיעס פונם תּלמודישן רעכט, וואָס האָט אים צום פריסטן אַנטוויקלט (זע דעם שולחן-ערוך ח"מ שנ"ו).

דעם יידישן מלווה איז אין דייטשלאַנד דערלויבט געווען צו נעמען אַלס משכּון איטלעכע זאַך, אפילו קירכלעכע חפצים און צלמים. היות אָבער, ווי דאָס נעמען אַזעלכע משכּנות, ווי קירכלעכע כּלים, גלחישע בגדים א. ד. גל. פלעגט פאַרשטאַרקן דעם האַס פון די קריסטן, האָט אַן אסיפה פון רבנים, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַרום דער העלפט פון 12-טן י"ה, אַרויסגעגעבן אַן איסור, אַז קיין שום ייד זאָל זיך נישט דערוועגן צו קויפן אָדער צו נעמען אַלס אַ משכּון אַזעלכע זאַכן. דערדאָזיקער איסור איז אין 13-טן י"ה איבערגעחזרט געוואָרן דורך די רבנים-צוזאַמענפאָרן, וואָס זענען פאָרגעקומען אין מאַינץ אין די יאָרן 1223 און 1245.

וואָס שייך די הויך פון די צינזן, וועלכע מען פלעגט צאָלן די יידישע פּראָצענטניקעס, האָט זיך די וועלטלעכע מאַכט אין דייטש-לאַנד אָנגעהויבן דערמיט צו אינטערעסירן ערשט אַרום דער העלפט פון 13-טן י"ה. לויט דער עסטרייכישער יידן-פּריווילעגיע

פון י. 1244 איז פאַר די יידן באַשטימט געוואָרן אַלס העכסטע נאָרמע — 173,33%.

אין אַלגעמיין האָט דאָס יידישע קרעדיט־געשעפט אין דייטש־לאַנד ביז דער העלפט פון 13־טן י״ה נישט אַרויסגערופן קיין שום פּראָטעסטן. מיר הערן נישט אין דערדאָזיקער צייט קיין שום טענות וועגן וואוכערישער עקספּלאָטאַציע מצד די יידן. כאַראַקטעריסטיש אָבער זענען אינם דאָזיקן פּרט די ווערטער פונם באַרימטן בערנאַרד פון קלערוואָ, וואָס האָט אין זיין מאַניפעסט בעתן קרייץ־צוג פון י. 1146 אויפגעפאָדערט די באַפעלקערונג נישט צו רודפן די יידן, „מחמת דאָרט, וואו קיין יידן זענען נישטאָ, טרייבן די קריסטלעכע וואוכערניקעס זייער פּראָפעסיע אַ סך ערגער". („sicubi desunt (iudei) peius iudaizare dolemus christianos feneratores").

קאַפּיטל פופצן

די סאָציאַלע אוןווירטשאַפטלעכע לאַגע פון די יידן אין דייטשלאַנד זינט דעם 11=טן י״ה ביז דער העלפט פון 14=טן י״ה.

(סוף)

44 § דאָס יידישע ווירטשאַפטס=בילד פון דער העלפט פון 13=טן י״ה ביז צום „שוואַרצן טויט".

דעם איבערברוך, וואָס קומט פאָר בעת דעמדאָזיקן פעריאָד אינם ווירטשאַפטס=לעבן פון די דייטשע יידן, האָבן מיר אין אַלגעמיינע שטריכן שוין כאַראַקטעריזירט ביים אָנהויב פונם פאָריקן קאַפּיטל. עס בלייבט אונז דעריבער זיך אָפּצושטעלן ביי די קוועלן=ידיעות, וואָס כאַראַקטעריזירן די פאָרגעקומענע ענדערונגען.

אמבולטסטן טרעט אַרויס דער איבערברוך אויפן געביט פון יידישן האַנדל. אין דער צווייטער העלפט פון 13=טן י״ה האָבן שוין די דייטשע שטעט, בפרט די שטעט אין מערב=דייטשלאַנד, פאַרמאָגט פעסטע פראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציעס. צום בעסטן זענען דעמאָלט געווען אָרגאַניזירט די רייכע סוחרישע עלעמענטן — דער פאַטריציאַט, וואָס האָט אין יענער צייט געוועלטיקט אין דער שטאָטישער זעלבסט=פאַרוואַלטונג. גרויס דערפאָלג האָט אָבער אויך געהאַט די אָרגאַניזירונג פון די וויניקער באַמיטלטע שיכטן, ווי אַ שטייגער, פון די קרעמער און בעלי=מלאָכות, וואָס פלעגן זיך פאַרייניקן אין צעכן. דער יידישער סוחר האָט אַזויאַרום באַקומען שטאַרקער צו פילן דעם דרוק פון דער אָרגאַניזירטער קריסטלעכער קאָנקורענץ, וואָס האָט צומאָל אויך געהאַט די מעגלעכקייט אָנצווענדן קעגן אים אַזעלכע מאַכט=פאַקטאָרן,

ווי די שטאָטישע געריכטן און פאַרוואַלטונגס־אָרגאַנען, וואָס דער צוגאַנג צו זיי איז פאַר דעם יידן געווען פאַרמאַכט.

צום ווייניקסטן זענען געווען פאַראינטערעסירט אַרויסצושטופן דעם יידישן סוחר די רייכע עלעמענטן פון דער שטאָט, די פּאַטריציער. האָבנדיק אין זייער רשות דאָס אונז שוין באַוואוסטע „שטאַפּלרעכט", האָבן זיי פון דעם יידישן גרויס־האַנדל געקאָנט געניסן אין אַ ברייטער מאָס פאַר זייער אייגענעם נוצן, וואָרים זיי האָבן געקאָנט צווינגען יעדן פאַרבייפאָרנדיקן יידישן סוחר, ער זאָל זיי צו אַנטשפּרעכנדיקע פּרייזן אָפּטרעטן אַזויפיל סחורות, וויפיל זיי האָבן געברויכט. דעריבער האָט זיך אויך דער יידישער גרויס־האַנדל נישט אָנגעשטויסן אויף קיין שום שטערונגען. אַנדערש איז אָבער געוואָרן די לאַגע בנוגע דעם יידישן דעטייל־האַנדל. וואו עס האָבן זיך נאָר געהאַט געגרינדעט צעכן פון די קריסטלעכע קרעמער, האָבן זיי תיכף געוואָלט פאַרוואַנדלען דעם קליין־האַנדל אין אַ מאָנאָפּאָל פאַר זיך און פאַרשטויסן פון דידאָזיקע פּאָזיציעס די יידישע קאָנקורענטן. אין מאַגדעבורג, אַ שטייגער, האָבן די שניט־קרעמער שוין אין י. 1183 געהאַט אַרויסבאַקומען פונם שטאָט־האַר, דעם מאַגדעבורגער ערצבישאָף, אַ פּריווילעגיע, אַז מיט שניט־קרעמעריי טאָר זיך אין דער שטאָט נישט פאַרנעמען קיין פרעמדער, וואָס באַלאַנגט נישט צו זייער צעך.

אין מאַינץ האָט אין י. 1239 עקזיסטירט אַ פעסטע צאָל אָרגאַניזירטע שניט־קרעמער, וואָס זענען געווען אָרגאַניזירט אין אַ צעך און וואָס האָבן געהאַט דעם מאָנאָפּאָל אויף צו פירן אַ דעטייל־האַנדל מיט שניט־סחורות. אין די עסטרייכישע געביטן קומט פאָר דערדאָזיקער אַרויסשטויסונגס־פּראָצעס פון פרעמדע קרעמער און בפרט פון יידישע קליינהענדלער ביים אָנהויב פון 14־טן י"ה. אַזוי, אַ שטייגער, באַקומען אַרויך די קריסטלעכע סוחרים פון ווינער ביישטאָט אַ פאַראָרדענונג פונם הערצאָג פרידריך דעם 1־טן, אַז קיין ייד טאָר זיך אין דער שטאָט נישט פאַרנעמען מיט „געוואַנד־שניידן", דאָס הייסט מיט שניט־קרעמעריי, און אויב אַ ייד וועט עובר זיין אויף דערדאָזיקער פאַראָרדענונג, וועט ביי אים קאָנפיסקירט ווערן זיין גאַנצע קראָם (1316). אַנדערע שטעטלעך, וואָס האָבן באַלאַנגט צו די עסטרייכישע הערצאָגן, באַפרייען זיך פון דער קאָנקורענץ מצד די יידישע דעטייל־הענדלער אויף אַזאַ אופן, וואָס זיי פּועלן אויס פאַראָרדענונגען, לויט וועלכע ס'ווערט די יידן פאַרווערט צו קומען מיט זייערע סחורות אויף די שטעטלשע ירידים. אַזעלכע פאַרבאָטן האָבן, אַ שטייגער, אויסגעפּועלט די שטייערמערקישע שטעטלעך: קניטעלפעלד (1302), לעאָבען,

(1305), פאיטסבערג (voitsberg) (1307), בירקפעלד (1330), ענסטאַל און ראָטעמאַנו (1351).

ס׳פאַרשטייט זיך, אַז דער אַרויסשטויסונגס־פּראָצעס, וואָס איז פאָרגעקומען בנוגע דעם יידישן דעטייל־האַנדל, איז נישט געבליבן אָן השפּעה אויף דעם יידישן גרויס־האַנדל, וואָס האָט אין פריערדיקן פעריאָד באַהעפּט די יידן פון פאַרשיידענע שטעט און מדינות. צוליב דעם „שטאַפּל־רעכט", וואָס האָט געצוואונגען די יידישע גרויס־הענדלער צו טיילן זיך מיט די רווחים מיט די פּאַטריצער, האָט זיך דער יידישער גרויס־האַנדל אַזויאַרום נישט געקענט האַלטן, און דעריבער ווערט אויך פאַרשטענדלעך, פאַרוואָס די קוועלן, וואָס האָבן אונז אינם פאָריקן פעריאָד אַזויפיל געהאַט צו דערציילן וועגן די ווייטע האַנדלס־נסיעות פון די דייטשע יידן, פאַרשווייגן בעת דער צייט, וועלכע מיר באַהאַנדלען דאָ, כמעט אינגאַנצן די טעטיקייט פון די יידישע גרויס־הענדלער. דאָס איינציקע, מיט וואָס די יידן האָבן נאָך געמעגט אין אונזער פעריאָד פריי האַנדלען, זענען געווען די פאַרפאַלענע משכנות, און היות, ווי דאָס וואוכעריי־געשעפט האָט דעמאָלט פאַרנומען דעם אויבנאָן אין יידישן ווירטשאַפטס־לעבן, האָט זיך פאַרן דאָזיקן משכנות־האַנדל געעפנט אַ זייער ברייט פעלד. זייער אָפט זענען די משכנות, וועלכע מען פלעגט געבן די יידן, באַשטאַנען פון די אַרטיקלען פון ערשטן געברויך. אַזוי, אַ שטייגער, דערציילן אונז די יידן־אַקטן פון פראַנקפורט ביים מאין וועגן אַזעלכע משכנות, ווי קאָרן, ווייץ, שטרוי, קוילן, האָלץ, זעק, אייל, ווייַן וכדומה. אַמאָל ווערן אין די אַקטן פאַרשריבן אָפּמאַכן צווישן יידן און קריסטן. לויטן לשון מאַכן זיי אפילו אַן איינדרוק פון אַליי־אָפּמאַך. אין דער אמתן אָבער זענען דאָס קויף־ און פאַרקויף־געשעפטן, און דער ליי־קאָנטראַקט איז בלויז אַ פאַרשלייערונג. צו אַזעלכע פאַרשלייערטע געשעפטן געהערן, למשל, אָפּמאַכן, וואו דער קריסט פאַרמשכונט ביים יידן תבואה און ער נעמט אויף זיך די התחייבות צו באַצאָלן סיי דעם אַנטליענעם קאַפּיטאַל, סיי די אָנגעוואַקסענע פּראָצענטן. דאָסזעלבע איז אויך מיט תבואה־ליפערונגען. אונטער אַזאַ מין צודעק־מאַנטל האָט זיך לייכט געקאָנט אַנטוויקלען אַ נישקשהדיקער יידישער תבואה־האַנדל. אין די עסטרייכישע געביטן, וואו די יידן האָבן אין אונזער פעריאָד נאָך פאַרמאָגט אייגענע ווייַנבערג, לאָזט זיך דאָקומענטאַריש באַווייזן אַ ברייטערער יידישער ווייַן־האַנדל. אַן אָנשפּאַר האָט אויך געהאַט דער דאָזיקער האַנדל אין די יידישע קרעדיט־געשעפטן. אַזוי, אַ שטייגער, ווערט אונז פון י. 1347 איבערגעגעבן, אַז דער מאַרק־

גראַף פֿון טיראָל האָט אַ געוויסן ייִדן, ר׳ שמואל, באַצאָלט די חובות זיינע אָנשטאָט געלט — מיט וויין-ליפֿערונגען, וואָס זענען געווען פֿאַרלאָדן אויף 13 פֿורן. אויף אַ ענלעכן אופֿן האָט זיך בעת אונזער פּעריאָד אַנטוויקלט אין די ניימאַרקער-געביטן אַ ייִדישער האַנדל מיט קאָרן, פֿערד און שטאָפֿן. אַ פּריווילעגיע פֿונם ניימאַרקער מאַרקגראַף לודוויק (1341) האָט סאַנקציאָנירט דעמדאָזיקן צושטאַנד און געגעבן די ייִדן אויך אויף להבא דאָס רעכט, צו נעמען פֿון די בעלי-חובות, אַלס אָפּצאָל, די דערמאָנטע 3 אַרטיקלען און זיי ווייטער צו פֿאַרקויפֿן.

זעענדיק די סכּנה, וואָס קאָן אַנטשטיין פֿאַר דעם „נאַציאָנאַלן" האַנדל ביי דידאָזיקע ייִדישע קרעדיט-געשעפֿטן, האָבן מאַנכע שטעט שוין אין אונזער פּעריאָד געמאַכט אָנשטרענגונגען, אַז די ייִדן זאָל פֿאַרווערט ווערן צו נעמען געוויסע האַנדלס-אַרטיקלען אַלס משכּנות. אַזוי, אַ שטייגער, האָבן די שטאָט-לייט פֿון נירנבערג דורכגעזעצט, אַז די ייִדן זאָלן מעגן פֿריי קויפֿן און פֿאַרקויפֿן בלויז פֿלייש און פֿערד. אויך האָבן זיי דורכגעפֿירט אַ פֿאַראָרדענונג, וואָס האָט פֿאַרווערט די ייִדן צו באָרגן אויף אַזעלכע משכּנות, ווי קאָרן, ווייץ, גערשטן, האָבער און אַנדערע סאָרטן תּבֿואה.

פּונקט אַזוי אומגינסטיק, ווי אויפֿן געביט פֿון ייִדישן האַנדל, האָבן זיך אַנטוויקלט די פֿאַרהעלטענישן אויך אויף אַזעלכע ווירטשאַפֿטלעכע פּאָזיציעס פֿון די דייטשע ייִדן, ווי ערד-באַזיץ, צאָל-אַרענדעס און אַנדערע שטעלעס אין דער פֿינאַנץ-פֿאַרוואַלטונג.

וואָס איז שייך דעם ייִדישן ערד-באַזיץ אויפֿן פֿלאַכן לאַנד, באַגעגענען מיר אים בעת אונזער פּעריאָד בלויז אין די מזרח-געביטן פֿון דייטשלאַנד, דערהויפּט אין די עסטרייכישע געגנטן, וואו די באַציונגען צווישן די ייִדן און דער אַרומיקער באַפֿעלקערונג זענען נאָך נישט געווען אַזוי פֿאַרשאַרפֿט, ווי אין מערבֿ- און מיטל-דייטשלאַנד און וואו די ווירטשאַפֿטלעכע קולטור איז נאָך געווען הינטערשטעליק אין פֿאַרגלייך מיט די ריין- אָדער מאַין-פּראָווינצן. וועגן דעם ייִדישן ערד-באַזיץ אויסערהאַלב די עסטרייכישע גרענעצן איז אונז פֿון דעמדאָזיקן פּעריאָד פֿאַרבליבן בלויז איין איינציקע ידיעה. זי ווערט געבראַכט אין אַ דאָקומענט פֿון י. 1312 און מיר דערוויסן זיך פֿון אים, אַז דער ערצבישאָף פֿון מאַגדעבורג האָט דעמאָלט פֿאַרקויפֿט צו אַ ייִדן אַקער-פֿעלדער אין זידענבורג (südenburg) פֿאַר אַ הויכן פּרייז פֿון 100 מאַרק זילבער. פֿון עסטרייך באַזיצן מיר פֿון דערזעלבער צייט אַ ריי דאָקומענטן, וועלכע

באַווייזן, אַז די יידן האָבן דאָ פּונקט, ווי אין פּאָריקן פּעריאָד, גע־
מעגט זיך פריי איינאָרדענען אַלס באַלעבאַטים פון אומבאַוועגלעכע גי־
טער. אין י. 1292 באַזיצט אַ ווינער ייד, ר' יצחק, אַ ווייַנגאָרטן לעבן
דער שטאָט. אַרום דערזעלבער צייט קויפט דער קלויסטער פון אַד־
מאָנט ביי אַ מאַרבורגער יידן אַ ווייַנגאָרטן פאַר 22 מאַרק זילבער.
אין אַ דאָקומענט פון י. 1318 ווערט דערמאָנט, אַז דער ווינער ייד
ר' גוטמאַן האָט פאַרמאָגט 72 מאָרג ווייַנבערג ביי כלייציינג (Chłaitzing)
און זאַנדלייטען (Sandleiten) און אַז ער האָט פונם דאָזיקן באַזיץ
געצאָלט אַן אָפּצאָל לטובת דער קירכע (וואַרשיינלעך האָבן מיר
דאָ צו טון מיט דער אונז שוין באַוואוסטער „סאַלמאַנען"־אינ־
סטיטוציע). אין י. 1331 ווערט אין די אַקטן דערמאָנט אַ ווינער
ייד, אַ געוויסער צאַטרייסער, וואָס האָט געהאַט אַ גוט ביי גומ־
פּאָלדסקירכען. צו אומבאַוועגלעכע מאַיאָנטקעס זענען די עסט־
רייכישע יידן אין אונזער צייט נישט זעלטן געקומען אַ דאַנק די
קרעדיט־געשעפטן זייערע אויף אומבאַוועגלעכע משכנות, וואָס זענען
דאָ אויסדריקלעך דערלויבט געוואָרן דורך דער באַרימטער פּריווי־
לעגיע פון י. 1244 (פרודעריציאַנום). אַזוי, אַ שטייגער, איז אַרום י.
1275 געווען פאַרמשכונט צו דער יידישקע דרעזלינאַ אַ ווייַנבאַרג
אין נוסדאָרף. אַרום י. 1303 באָרגט דער ווינער ייד לייבמאַן
50 פונט אויף אַ גוט אין ענפּאָלטאַ און אויף אַ ערד־שטח, וואָס איז
געלעגן ווי אַן אינזל אינמיטן דעם דאַנאַי־טייך. אין דערזעלבער צייט
איז צו דעם ווינער יידן שווערצליין פאַרמשכונט געוואָרן אַ
ווייַנבאַרג אין קלאָסטערנייבורג פאַר 46 פונט ווינער פּעניג. אין י. 1304
ווערט אַן אַנדערן ווינער ייד מיטן נאָמען שענמאַן איבערגעגעבן
אַלס משכון אַ ווייַנבאַרג אויפן קאַלענבאַרג ביי ווין.

דיזעלבע דערשיינונג, וואָס ביים יידישן ערד־באַזיץ, לאָזט זיך
אויך מערקן בנוגע אַזעלכע יידישע חיונה־קוואַלן, ווי אַרענדעס און
בכלל שטעלעס אין דער פינאַנץ־פאַרוואַלטונג: אין
מערב־ און מיטל־דייטשלאַנד ווערן די יידן אַלץ מער און מער באַ־
זייטיקט פון אַזעלכע שטעלעס. דערפאַר אָבער באַגעגענען מיר זיי אין
אונזער פּעריאָד אַלס פינאַנץ־באַאַמטע גענוג אָפט אין עסטרייך. אין י.
1259 באַשליסט אַ גלחים־צוזאַמענפאָר אין מאַינץ, אַז די יידן דאַרפן
באַזייטיקט ווערן אין דער מאַינצער פּראָווינץ פון אַלע כיבודים און
עפנטלעכע אַמטן. פונדעסטוועגן הערן מיר ביים סוף פונם 13־טן און
אָנהויב 14־טן י"ה, אַז מאַנכע הויכע קירכען־האַרן האָבן זיך נישט גע־
רעכנט מיט די קירכלעכע פאַרבאָטן און האָבן טיילמאָל אָנגעטרויט

די יידן וויכטיקע שטעלעס אין דער פאַרוואַלטונג פון זייערע מאַיאָנטקעס. אַזוי, אַ שטיינער, האָט דער ערצבישאָף פון טריער געהאַט ביים אָנהייב פון 14=טן י״ה זיינעם אַ יידישן הויף=באַנקיר, דעם רייכן יעקב=דניאל, וועלכן ער האָט איבערגעגעבן די פאַרוואַלטונג מיט די וועלטלעכע הכנסה=קוואַלן פונם ערצבישאָפטום. אין י 1343 נעמען איבער צוויי יידן פון בינגען אין אַרענדע די צאָל=אָפּצאָלונגען אין בינגען. זייער אָפּמאַך איז חל אויף 2 יאָר און זיי צאָלן אַרענדע=צינזן 150 גילדן יאָרלעך. נישט געקוקט אויף די באַשלוסן פונם ווינער גלחים=צוזאַמענפאָר פון י. 1267, וואָס האָבן, פונקט ווי די מאַינצער באַשלוסן פון י. 1259, באַפוילן אויסצושליסן די יידן פון עפנטלעכע אַמטן, האָבן זיך דאָך די עסטרייכישע הערצאָגן באַנוצט מיט יידן אַלס צאָל=אַרענדאַרן און מינץ=מייסטער. אין דער צווייטער העלפט פון 13=טן י״ה פאַרנעמט אין ווין און ווינער ניישטאָט וויכטיקע פינאַנץ=שטעלעס דער ייד לובלין (יהודה=לייב) און דער ברודער זיינער נעקלאָ. ביידע ווערן זיי טיטולירט אַלס „קאַמער=גראַפן פונם עסטרייכישן הערצאָג" (comites camerae dueis Austriae), און זיי זענען בכלל גרויסע פריצים, וואָס באַזיצן ירושה=גיטער. אין די יאָרן 1308 — 1311 טרעפן מיר אין טיראָל א קאָנסאָרציום פון יידן (יצחק פון לינץ, באָנאיזאַק פון גערץ און מאיר פון מעראַן), וואָס אַרענדירן די מינצעריי אין מעראַן. דיזעלבע יידן האָבן אויך אין אַרענדע דעם צאָל ביי לוג (Lug). אין י. 1327 ווערן דערמאָנט יידישע צאָל=אַרענדאַרן ביי טיל (טיראָל). די גלחים אָדער שטאָט=לייט האָבן נישט געקענט גובר זיין דעם ווילן פון די עסטרייכישע הערצאָגן און דעריבער איז אויך נישט קיין חידוש, וואָס די באַשלוסן פונם ווינער גלחים=קאָנציל זענען געבליבן בלויז אויפן פאַפיר... נישט קיין בעסער מזל האָט אויך געהאַט דאָס שטאָטישע געזעץ פון ווינער ניישטאָט (צוזאַמענגעשטעלט אין די י״י. 1251—1278), וואָס האָט אין הסכם מיט די קירכע=באַשטימונגען פאַרווערט צו באַשעפטיקן יידן אויף עפנטלעכע אַמטן. רודאָלף פון האַבסבורג האָט דידאָזיקע קאָדיפיקאַציע נישט באַשטעטיקט.

אַרויסגעשטויסן מיטן אויפבלי פון די מערב= און מיטל=דייטשע שטעט פון די האַנדלס=פּאָזיציעס, אַלץ מער באַגרענעצט אינם ערד=באַזיץ אויפן פלאַכן לאַנד, זעלטן ווען צוגעלאָזט צו שטעלעס אין דער פינאַנץ=פאַרוואַלטונג, קאָנצענטרירן זיך די דייטשע יידן אין אונזער פעריאָד אַלץ מער און מער אויפן געביט פון קרעדיט=געשעפטן. אויך אין די עסטרייכישע געגנטן, וואו די ווירטשאַפטלעכע טעטיקיי=

פון די יידן האָט געהאַט אַ סך ברייטערע מעגלעכקייטן, ווי אין אַנ⸗
דערע דייטשע טעריטאָריעס, רוקט זיך אַרויס דאָס קרעדיט⸗געשעפט
אַלץ מער אין פאָדערגרונט. חוץ אַזאַ שטאַרקן גורם, ווי די באַ⸗
פעסטיקונג פון די שטאָטישע אויטאָנאָמיעס און די פאַרשטאַרקונג
פון די קריסטלעכע גרויס⸗ און קליין⸗הענדלערישע פראָפעסיאָנעלע אָר⸗
גאַניזאַציעס, האָבן אין דער געשילדערטער אַנטוויקלונג פון דער יידי⸗
שער עקאָנאָמיק אויך מיטגעווירקט אַזעלכע פאַקטאָרן, ווי דער פאַר⸗
שטאַרקטער שטייער⸗דרוק מצד די יידישע שוץ⸗האַרן און דאָס סיס⸗
טעם צו פאַרמשכונען דעם יידישן רעגאַל, וואָס נישט זעלטן האָט עס
דערפירט דערצו, אַז דאָס אוממיטלבאַרע „אפּוטרופּסות" איבער די
יידן איז איבערגעגעבן געוואָרן אין די הענט פון זייערע האַנדלס⸗
קאָנקורענטן, דאָס הייסט אין די הענט פון די שטאָטישע עלעמענטן.

וואָס אָנבאַלאַנגט אַזאַ גורם, ווי דער פאַרשטאַרקטער שטייער⸗
דרוק מצד די שוץ⸗האַרן, איז גענוג צו דערמאָנען די כלערליי מינים
געלט⸗אויספּרעסונגען, מיט וועלכע עס האָבן זיך טרויעריק באַרימט גע⸗
מאַכט אין דעם באַהאַנדלטן פּעריאָד, אַ שטייגער, אַזעלכע מאַכטהאָ⸗
בער, ווי רודאָלף פון האַבסבורג און לודוויק דער
בייער. מיר האָבן זייער סיסטעם פון עקספּלאָאַטירן דעם יידישן
רעגאַל שוין פריער באריכות באַהאַנדלט, און מיר ווילן דאָ בלויז אי⸗
בערגעבן אַ ציטאַט פון אַ העברעישער קוועלע פון 13⸗טן י"ה, וואָס
אילוסטרירט אונז זייער בולט די שייכות צווישן דעם שטייער⸗סיסטעם
און די יידישע וואוכער⸗געשעפטן. אַזוי געפינען מיר אין דעם באַ⸗
רימטן „אור זרוע" אַ שטעלע, וואו דער פרומער מחבר באַרעכטיקט
די יידישע וואוכער⸗געשעפטן מיט אַזעלכע אַרגומענטן: „מיר האָבן
אין די היינטיקע צייטן אויסצושטיין אַ סך גזירות און מיר בייטיקן
זיך אין גרויסע געלטער, — מחמת מיר קאָנען נישט פאַרויסזען, וויפל
שטייערן דער קעניג וועט נאָך פאַרלאַנגען פון אונז". עס קומט דאָ צום
אויסדרוק די טרויעריקע לעבנס⸗דערפאַרונג פון אַ יידן אַ למדן, וואָס האָט
באַרייזט אַ סך יידיש⸗דייטשע און יידיש⸗טשעכישע ישובים און וואָס
האָט אַ סך געזען און אַ סך פאַרשטאַנען. געלט, וואָס מער געלט! —
דאָס איז געוואָרן צוליב דער געענדערטער לאַגע אין דייטש⸗
לאַנד דער לאָזונג פון די יידישע האַנדלס⸗סביבות. געלט — דאָס איז
געוואָרן דאָס צויבער⸗מיטל, וואָס האָט געקאָנט מילדער מאַכן דאָס
האַרץ פון די באַדריקער און העלפן די יידישע קאַמער⸗קנעכט אין
אַ וועלט פון רויבגיריקע „אפּוטרופּסים".

מיר פאַרשפּאָרן אויך לענגער זיך אויפצוהאַלטן ביי אַזאַ פאַק⸗

טאָר פון דער יידישער וואוכערייַ אין דייטשלאַנד, ווי דער איבער־גאַנג פון דעם אוממיטלבאַרן „אַפּוטרופּסות" איבער די יידן — צו גרעסערע און רייכערע שטעט. ביישפּילן, וואָס אילוסטרירן דעמדאָזיקן איבערגאַנג, האָבן מיר געבראַכט אינעם פאָריקן קאַפּיטל. דאָ ווילן מיר די ביישפּילן בלויז דערגאַנצן מיט אייניקע פאַקטן, וועלכע באַווייזן, אַז מאַנכע דייטשע שטעט האָבן געגומען באַלעבאַטעווען מיטן דעם יידישן רעגאַל, נאָך איידער זיי האָבן באַקומען דערצו דאָס רעכט אויף אַ לעגאַלן וועג. אַזוי, אַ שטייגער, באַקומט שטראַסבורג ערשט אין י. 1338 דאָס רעכט אויפצונעמען יידן אַלס שטאָט־איינוואוינער („בירגער") און צו באַשטייערן זיי לטובת דער שטאָט. אָבער שוין פון י. 1261 איז אונז פאַרבליבן אַן אָנקלאָג פון דעם דעמאָלסטיקן שטאָט־האַר, דעם שטראַסבורגער בישאָף, אַז דער מאַגיסטראַט צווינגט די יידן צו צאָלן פּלעריי שטייערן, הגם ער איז דערצו נישט באַרעכטיקט. אויף אַן ענלעכן אופן פאַרפירט אין י. 1253 דער ווירצבורגער בישאָף, דער שוץ־האַר פון די ווירצבורגער יידן, אַ פּראָצעס קעגן דער שטאָט דער־פאַר, וואָס זי האָט זיך אַליין גענומען דאָס רעכט צו משפטן די יידן און צו נעמען פון זיי שטראָפגעלטער. אין פאַל, ווען עס איז נישט געווען קיין אַנדערע מעגלעכקייט זיך צו דערשלאָגן צו דער עקספּלאָאַ־טאַציע פון דעם יידישן רעגאַל, פלעגן די שטעט פאַרלייגן דעם שוץ־האַר, ער זאָל זיי איבערלאָזן פאַר אַ געהעריקער סומע די יידן אַלס „משכון", מיט דעם רעכט צו קאָנען עקספּלאָאַטירן דעמדאָזיקן „משכון" אויף אַ לענגערער צייט. אַזוי האָט דער קיסר קאַרל דער IV־ער (1349) פאַרמשכונט צו דעם שטאָט־ראַט פון פראַנקפורט ביים מאַין די פראַנקפורטער יידן און באַקומען אויפן דאָזיקן משכון אַ הלוואה פון 15,200 פונט העלער. לויטן אָפּמאַך האָבן די פראַנקפורטער בירגער געמעגט אַזוי לאַנג באַנוצן דעם „יידישן משכון", ביז דאָס געלט וועט זיי צוריקגעגעבן ווערן.

די אַנטוויקלונג, וואָס האָט אַלץ מער און מער געטריבן די יידן צו קרעדיט־געשעפטן, האָט זיי געצוואונגען צו מאָביליזירן וואָס מער באַוועגלעכע קאַפּיטאַלן, ד. ה., וואָס מער געלט. ווען מען קוקט־אַדורך די טויזנטער קוועלן־פאַרצייכענונגען וועגן די יידישע הלוואה־געשעפטן בעת דעם באַהאַנדלטן פּעריאָד, באַקומט זיך אין פלוג דער איינדרוק, אַז די יידן האָבן דעמאָלט געמוזט זיין זייער רייך, אויב זיי האָבן צו יעדער צייט געקאָנט דינען זייערע קליענטן מיט הלוואות, וואָס אָפט זענען זיי באַשטאַנען פון זייער גרויסע געלט־סומעס. דער־דאָזיקער איינדרוק איז אָבער בלויז... אַן אויבנאויפיקער! פאַקטיש האָבן זיך צווישן די טויזנטער יידישע וואוכערער געפונען בלויז גע־

ציילטע, וואָס האָבן געהאַט אין זייער רשות גרעסערע קאַפּיטאַלן. די איבערוועגנדיקע מערהייט איז אָבער באַשטאַנען פון ווייניק פאַרמעגלעכע מענטשן, און נישט זעלטן טרעפט אַ פאַרצייכענונג, וועלכע ווייזט אונז, אַז אַזאַ קליינער וואוכערניק איז אין דער אמתן געווען אַ קרעמער, אַ בעל־מלאכה, אָדער גאָר אַ משרת, צי אַ מלמד, וואָס פלעגט פון צייט צו צייט אויסלייען זיינע אָפּגעשפּאָרטע גראָשנס אויף פּראָצענטן. זייער געזנוי לאָזט זיך דאָס פעסטשטעלן אויפן סמך פון דער רייכער זאַמלונג פון די מיטאַלטערלעכע „יידן־אַקטן“ אין פראַנקפורט ביים מאַין, וועלכע זענען אויף אַ מוסטערהאַפטן אופן אַרויסגעגעבן געוואָרן פון י. קראַקויער. אָבער אויך די רייכע פּראָצענטניקעס האָבן נישט תמיד אָפּערירט מיט זייערע אייגענע געלטער. דערויף קען עדות זאָגן דער פאַקט, וואָס ביי גרעסערע געלט־געשעפטן פלעגן זיך מערערע יידישע וואוכערניקעס צונויפבינדן אין אַ שותפות־געזעלשאַפט און צוזאַמען שאַפן דעם נויטיקן קאַפּיטאַל. דערדאָזיקער פאַקט קאָן אילוסטרירט ווערן דורך הונדערטער קוועלן־פאַרצייכענונגען פון אונזער פעריאָד. אַ סך וויכטיקער איז אָבער פאַר דער באַרירטער פראַגע אַ צווייטער פאַקט, וואָס ווערט אויך באַשטעטיקט דורך אַ ריי דאָקומענטאַלע באַווייזן, נעמלעך, אַז די יידישע וואוכערניקעס האָבן נישט זעלטן אָפּערירט מיט געלטער, וואָס פלעגן איינגעלייגט ווערן ביי זיי דורך „שטילע שותפים“, רייכע פּאַטריציער און סתם קריסטן, וואָס האָבן געזוכט אַ לייכטן פּראָפיט פון קאַפּיטאַלן. אַזוי, אַ שטייגער, באַמערקט ר׳ מרדכי בן הלל אין איינער פון זיינע ש״ות (פון 13־טן י״ה): „עס ווייס דערפון דער קעניג און עס ווייסן דערפון אויך אַלע פירשטן, אַז די יידן מאַכן געווינלעך זייערע געלט־געשעפטן מיט פרעמדע קאַפּיטאַלן“... און ווי אַ באַשטעטיקונג פון דערדאָזיקער אויסערסט ווערטפולער באַמערקונג, קומט אַ החלטה פונם גלחים־צוזאַמענפאָר אין סאַנט פעלטן (עסטרייך) פון י. 1284, וואָס פאָדערט אויף אַלע פרומע, זיי זאָלן מעלדן די גלחים וועגן יעדן קריסט, וועלכער גיט די יידן געלט אויף צו וואוכערן דערמיט. אַזאַ קריסט וועט לויט דער החלטה שטרענג באַשטראָפט ווערן! דאָס האָט אָבער די קריסטן נישט אָפּגעהאַלטן פון זייערע געהיימע געשעפטס־פאַרבינדונגען מיט די יידן. מען פלעגט דאָס „קריסטלעכע געוויסן“ באַרואיקן מיט אַ געהעריקן אויסטייטש פון די קירכלעכע פאַראָרדענונגען, וואָס פאַרווערן צו נעמען ציַנזן פון אויסגעבאָרגטע קאַפּיטאַלן. מען פלעגט דאָס אויסטייטשן אויף דעם אופן, אַז די קירכע פאַרווערט אַ קריסט צו נעמען ציַנזן בלויז פון זיינעם אַ קריסטלעכן ברודער, אָבער לגמרי נישט פון אַן „אומ-

גלוביקן", א יידן... עס זענען, איבעריקנס, באַוואוסט פארשיידענע פאָרמען פון פארשלייערטע וואוכער-געשעפטן, וועלכע עס פלעגן דעמאָלט מאכן די קריסטן נישט בלויז מיט יידן, נאָר אויך מיט זייערע קריסטלעכע ברידער גופא (א שטייגער, דאָס קויפן יאָרלעכע רענטעס, וואָס האָבן צוזאמען אויסגעמאכט א סך מער, ווי דער קאפּיטאל, פאר וועלכן מען האָט זיי געקויפט).

מען דאַרף אָבער נישט לייגן צופיל געוויכט אויף דעם קירכלעכן צינזן-פארבאָט, ווי אויף א גורם, וואָס האָט שטארק מיטגעווירקט צו דער אנטוויקלונג פון דער יידישער וואוכעריי. אויפן דאָזיקן געביט האָבן די יידן, פונקט ווי אין אנדערע לענדער, אויך אין דייטשלאנד נישט געהאט קיין „מאָנאָפּאָל". אדרבה, אין דייטשלאנד ווי אין ענגלאַנד, פראנקרייך און איטאליע, האָבן לעבן די יידישע וואוכערניקעס זייער אינטענסיוו און לעגאל געארבעט, אחוץ די שוין דערמאָנטע „שטילע שותפים" פון די יידן, א סך קריסטלעכע וואוכערניקעס. און דאָס זענען געווען קריסטלעכע סוחרים און באנקירן פון דעם שטעטל קאהאָר (Cahors), וועלכע מען פלעגט אין דייטשלאנד רופן „קאהאָרסינער", „קאווערטשן" אָדער „גאווערטשן". אויב די יידן האָבן אינם קאָנקורענץ-קאמף מיט די „קאווערטשן" מער אויסגענומען ביי די אדל-לייט, פּאטריציער און די אנדערע קליענטן זייערע, האָבן דערצו גורם געווען גאנץ פשוטע טעמים: די יידן האָבן זיך באנוגנט מיט קלענערע פּראָצענטן און עס איז בכלל געווען לייכטער אויסצוקומען מיט זיי, ווי מיט די „קאווערטשן", וואָס זייענדיק גלייכצייטיק „פויפּסטלעכע קאָלעקטאָרן" (איינמאָנער פון דעם קירכלעכן אָפּצאָל, וואָס האָט זיך גערופן „דער פּעטרוס-פּעניג"), האָבן זיי געקאָנט אָנווענדן קעגן די בעלי-חובות זייערע, חוץ דער וועלטלעכער מאכט, אויך די קירכלעכע מאכט-פאקטאָרן. מיר ברענגען דאָ ווייטער א קליינע טאבעלע, וועלכע אילוסטרירט אונז דעם צינז-פוס, לויט וועלכן די יידן און „קאווערטשן" פלעגן אין דייטשלאנד אויסלייען געלט אין דער צווייטער העלפט פון 13-טן און אין דער ערשטער העלפט פון 14-טן י"ה.

יידן האָבן געבאָרגט			„קאַווערטשן' האָבן געבאָרגט		
אין יאָר	אין דער שטאָט אָדער מדינה	אויף פּראָצ.	אין יאָר	אין דער שטאָט	אויף פּראָצ.
1255	אין די ריינגעגנטן	33,3 פּראָצ.	1276	אויגסבורג	87 פּראָצ.
1256	אין בייערן	$43 \frac{1}{3}$ פּראָצ.	1296	קעלן ביים ריין	54 פּראָצ.
1251-1278	אין ווינער-ניישטאָט	86,66 פּראָצ.	סוף פון 13-טן י"ה	אָבערוועזעל	108 פּראָצ.
1338	אין ווין	65 — $86 \frac{2}{3}$ — פּראָצ.			
1338	אין פראַנקפורט ביים מאַין	$32 \frac{1}{2}$ — $43 \frac{1}{3}$ — פּראָצ.			

דידאָזיקע טאַבעלע, וואָס איז צונויפגעשטעלט געוואָרן אויפן סמך פון דערהאַלטענע קוועלן־ידיעות, ווייזט אונז בולט, אַז דער יידישער קרעדיט איז געווען אַ סך ביליקער, ווי דער קרעדיט, וועלכן עס האָבן געגעבן די „קאַווערטשן". איז טאַקע נישט קיין חידוש, וואָס די שררות פלעגן נישט זעלטן דורך ספּעציעלע הנחות ווירקן אויף די רייכע יידישע באַנקירן, זיי זאָלן זיך באַזעצן אין זייערע פּריציִשע געביטן. אינטערעסאַנטעביישפּילן זענען אונז אין דעם פּרט פאַרבליבן פון עסטרייך. אַזוי, אַ שטייגער, באַקומט אין י. 1328 אַ יידישע געזעלשאַפט אין איזאַלגע אַ פּריווילעגיע פונם קעניג היינריך צו באַזעצן זיך אין קראַין און צו האָבן דאָרט דאָס אויסשליסלעכע רעכט צו באָרגן אויף משכנות. מיט 20 יאָר פריער האָט אַן אַנדערע קאָמפּאַניע פון איטאַליענישע יידן באַקומען אַן ענלעכע פּריווילעגיע אויף צו טרייבן קרעדיט־געשעפטן אין טיראָל. אין מאַנכע מערב־דייטשע שטעט פלעגן די יידישע וואוכערניקעס אויפגענומען ווערן, אום צו דערפילן דאָרט די פונקציע פון אַ מין שטאָטישער ליי־קאַסע. אין אַזעלכע פאַלן פלעגט מען די יידן צווינגען אויסצולייען געלט יעדן איינעם, וואָס וועט צו זיי אָנקומען וועגן אַ הלוואה — און מען פלעגט גלייכצייטיק באַשטימען ספּעציעלע צינזן־נאָרמעס פאַר די יידישע קרעדיט־געשעפטן. ביישפּילן פונם דאָזיקן מין זענען אונז באַוואוסט פון אַזעלכע שטעט, ווי שטראַסבורג, ווינטערטור און אויגסבורג.

די גרעסטע יידישע קרעדיט־טראַנזאַקציעס באַגעגענען מיר בעת דעם באַהאַנדלטן פּעריאָד אין די דייטשע געגנטן, וואָס האָבן זיך געגרענעצט מיט פראַנקרייך, און אין די געביטן פון די עסטרייכישע הערצאָגן. אין שטראַסבורג ווירקן אין דער ערשטער העלפט פון

14טן י״ה איינציקע יידישע באנקירן, וואָס האָבן אַ שם אין גאַנץ דייטשלאַנד און אין אויסלאַנד. צו אַזעלכע גערלט־מאַגנאַטן האָבן דע־מאָלט געהערט דער „רויטער" פיוועלין און יעקעלין, ווי אויך דער הויף־ייד פונעם טריערער ערצבישאָף, י ע ק ב ד נ י א ל ס. די קאַפּיטאַלן פון ר׳ יעקב דניאלס און פון דעם רויטן פיוועלין זענען אַזוי גרויס, אַז זיי האָבן אין י. 1339 געקאָנט בשותפות איבערנעמען אַזאַ גראַנד־יעזע טראַנזאַקציע, ווי די הלוואה אין דער הויך פון 61.000 גאָלד־פלאָרענען, וועלכע זיי האָבן דעמאָלט אויסגעצאָלט דעם ענגלישן קעניג עדוואַרד דעם III־טן. אין י. 1344 באַרגט פיוועלין דעם גראַף פון צווייבריקען 1090 פונט. אין י. 1332 ווערט פאַרצייכנט אַ הלוואה פון 1200 פונט העלער, וועלכע יעקעלין פון שטראַסבורג האָט געגעבן דעם שררה פון פפאַרצהיים. א חוץ די דערמאָנטע שטראַסבורגער און טריִ־ערער גבירים באַגעגענען מיר אין אונזער פעריאָד אַזעלכע גרויסע קאַ־פּיטאַלן בלויז ביי איינציקע עסטרייכישע יידן. דעם אויבנאָן פאַרנעמען צווישן די לעצטע די אונז שוין באַוואוסטע „קאַמער־גראַפן", די ברידער ל ו ב ל י נ ו ס און נ ע ק ע ל אָ (2־טע העלפט פון 13־טן י״ה), וועגן וועלכע עס ווערט אונז איבערגעגעבן, אַז זיי האָבן געהאַט אַ שם נישט בלויז אַלס געניטע פינאַנץ־באַאַמטע, נייערט אויך אַלס באַנקירן, וואָס האָבן געטריבן מיט בישאָפן און וועלטלעכע שררות גרויסע געלט־גע־שעפטן אויף היפּאָטעקן. אַזוי, אַ שטייגער, איז אונז באַוואוסט אַ פּראָ־צעס, אין וועלכן דידאָזיקע באַנקירן האָבן געמאָנט ביים בישאָף פון פ ר י י ז י נ ג — 16 לאַנדווירטשאַפטלעכע מאַיאָנטקעס, וואָס זענען גע־ווען ביי זיי פאַרמשכונט.

וואָס איז שייך די פאָרמען פונעם יידישן קרעדיט, לאָזט זיך אין אונזער פעריאָד מערקן א צוריקגאַנג פון יידישע הלוואה־געשעפטן צו אומבאַוועגלעכע גיטער. אין מערב־דייטשלאַנד באַגעגענען מיר זיי כמעט אינגאַנצן נישט, דאַקעגן קומען זיי נישט זעלטן פאָר אין די עסטריי־כישע געגנטן. בדרך כלל באָרגן דעמאָלט די דייטשע יידן אויף שולד־בריוו (שטרות) אָדער אויף באַוועגלעכע משכנות.

מיר האָבן אויסגעשעפּט די וויכטיקסטע קוועלן ־ ידיעות, וואָס ווייזן אונז דייטלעך דאָס ווירטשאַפטס־לעבן פון די דייטשע יידן זינט די קרייץ־צוגן ביז צו דער מוראדיקער קאַטאַסטראָפע אין די יאָרן 1348—1349. די קוועלן ווייזן אונז, — ווי מיר האָבן דאָס געזען, — א ברייט בילד פון די ווירטשאַפטלעכע באַציונגען צווישן די יידן און דער אַרומיקער קריסטלעכער וועלט, דערפאַר אָבער לאָזן זיי אונז

זעלטן אריינקוקן אין די ווירטשאַפטלעכע און סאָציאַלע באַציִונגען און קעגנזאַצן, וואָס האָבן געהערשט צווישן די יידן גופא. בלויז ווי דורך א צופאל שווימט וואו נישט וואו ארויס א ידיעה פון דער באהאנדל־טער תקופה, וואסווארפט א ביסל ליכט אויף דעמדאָזיקן טונקעלן פונקט אין דער יידישער סאָציאַל־ און ווירטשאַפטס־געשיכטע; אזא מין ידיעה דארף, נאטירלעך, באהאנדלט ווערן מיט א באזונדערער אויפ־מערקזאמקייט. איינע פון דעם מין ידיעות איז אונז פארבליבן פון י. 1220, און ווי א זעלטענע דערגאנצונג צו איר קומען אייניקע ש״ות פון ר׳ מנחם פון מערזעבורג אויס דער ערשטער העלפט פון 14־טן י״ה, וואָס ווערן ציטירט אין די ש״ות פון מהר״י ווייל (פון 15־טן י״ה). ר׳ מנחם פון מערזעבורג גיט אונז איבער וויכטיקע פרטים וועגן דער יידישער אויטאָנאָמיע אין דייטשלאנד און וועגן די פינאנצ־יעלע אויפגאבן אירע. מיר דערוויסן זיך, אז די קהילה־פאָרשטייער־שאפטן האָבן געהאט די אויפגאבע צו זאָרגן, אז עס זאָלן צונויפגע־קליבן ווערן סיי די סכומים, וואָס זענען געווען נויטיק פאר דער אויסהאלטונג פון די קהילה־אנשטאלטן, סיי די געלטער („מס״), וועלכע מען האָט געדארפט צאָלן די שוץ־הארן. צוליב דעם האָבן די פאָר־שטייערשאפטן געהאט דאָס רעכט צו באשטייערן יעדן איינעם, וואָס האָט באלאנגט צו דער קהילה, מיט אנטשפרעכנדיקע שטייערן. אין צוזאמענהאנג מיט די פינאנציעלע אויפגאבן פון דער קהילה איז אויך געשטאנען די פאָראָרדענונג, אז באזעצן זיך אין א קהילה אָדער זיך ארייסציען פון איר האָט מען געמעגט נאָר מיט דעם הסכם פון דער קהילה־פאָרשטייערשאפט. די רעגולערע קהילה־שטייערן, וואָס זענען גע־גאנגען אויף אויסצוהאלטן קהלשע אינסטיטוציעס (מען פלעגט אזעלכע שטייערן רופן „סכום״), האָט מען איינגעטיילט ענטוועדער לויט די דעקלאראציעס פון די צאָלער, וויפל איינער האָט זיך אליין געשטעלט,— אָדער די ראשי־הקהל האָבן אליין געקאָנט באשטימען, וויפל יעדער דארף צאָלן. דעם שטייער פאר די שוץ־הארן („מס״) האָט מען פון די קהילה־מיטגלידער גענומען אין דער פאָרם פון א הכנסה־שטייער, דערביי פלעגט מען נישט אריינרעכענען די אומבאוועגלעכע גיטער, ווי א שטייגער, די הייזער, וואָס האָבן באלאנגט צו דעם צאָלער.

עד כאן די אינפאָרמאציעס פון ר׳ מנחם פון מערזעבורג, וואָס, אגב, אילוסטרירן זיי נישט בלויז די פארהעלטענישן אין אָנהויב פונם 14־טן י״ה, נאָר אויך די פארהעלטענישן אין 13־טן י״ה. פון דידאָזיקע אינפאָרמאציעס לאָזט זיך משער זיין, אז אין די דייטשע קהילות איז פאָרגעקומען אן ענלעכער קאמף ארום דעם שטייער־ענין, ווי אין שפאניע.

אויף דערדאָזיקער השערה פּירט אונז ארויף די אינפאָרמאציע וועגן דער דאָפּלטער שטייער־טעכניק, לויט וועלכער מען האָט אין די דייטשע קהילות איינגעשאַצט די צאָלער: ענטוועדער אויפן סמך פון שטייער־דעקלאַראַציעס, וועלכע די צאָלער אליין האָבן אויסגעשטעלט — אָדער אויפן גרונט פון שאַצונגען, וואָס זענען געמאַכט געוואָרן דורך די קהילה־פאָרשטייערשאַפטן. פאַר דעם ערשטן סיסטעם האָבן, וואַרשיינלעך, געקעמפט די ווייניקער באַמיטלטע שיכטן, בעת דעם צווייטן סיסטעם האָבן פאַרטיידיקט די גבירים. אַ בולטן באַווייז, אז עס האָבן זיך ארום דער שטייער־פראַגע אנטוויקלט שאַרפע קאָנפליקטן אין די יידיש־דייטשע ישובים, פאַרמאָגן מיר פון דעם שוין דערמאָנטן יאָר 1220. פונם דאָזיקן יאָר איז אונז, נעמלעך, פאַרבליבן אַ תקנה, וואָס איז אָנגענומען געוואָרן דורך דער אספּת־רבנים אין מאַינץ קעגן די יידן־גבירים, וועלכע האָבן באַציונגען מיט די שררות און נוצן אויס די פּראָטעקציע פון די שוין־האָרן, כדי זיך צו באַפרייען פון די שטייערן. דאַדורך ווערט געשאַפן, — לייענען מיר אין דער תקנה, — אַ שטאַרקער שטייער־דרוק אויף די ווייניקער באַמיטלטע שיכטן, מחמת זיי מוזן טראָגן אויף זיך די גאַנצע שטייער־משא. די תקנה טאַדלט שאַרף די האַנדלונג פון די „הויף־יידן" און באַטאָנט, אז אלע, אָן שום אויסנאַם, זענען מחויב צו נעמען אויף זיך די לאַסט פון די שטייערן.

פאַראַן נאָך אַ ווייטערע פלאַך פון סאָציאַלע און ווירטשאַפטלעכע קאָנפליקטן, וואָס ווערט אונז אנטפּלעקט דורך די תקנות פון דער מאַינצער אספּת־רבנים. די קהילה־פאָרשטייערשאַפטן זענען געווען אין דייטשלאַנד (פּונקט ווי אין אַנדערע לענדער) געקליבענע, און היות ווי די ראשי־הקהל האָבן געהאַט וויכטיקע שטייער־קאָמפּעטענצן, ווי אַ שטייגער, דאָס רעכט איינצושאַצן, וויפל יעדער קהילה־מיטגליד דאַרף איינצאָלן „סכומים" און „מס", איז פאַרשטענדלעך, אז די גבירים האָבן געשטרעבט צו אָקופּירן די קהילה־פאָרשטייערשאַפטן און צו שאַפן אַ מין „פּאַטריציער־רעזשים" אין די גמינעס. עס ווייזט אָבער אויס, אז די מיטעלע שיכטן, די „פּלעבייער" צווישן די דייטשע יידן, האָבן נישט זעלטן ביי די וואַלן דערגרייכט נצחונות און נישט דערלאָזט די „פּאַטריציער" צו די פאַר זיי אַזוי וויכטיקע כּיבודים. פלעגט אָבער טרעפן, אז די „פּאַטריציער" האָבן אין אַזעלכע פאַלן גערופן צו הילף די שררות, מיט וועלכע זיי זענען געשטאַנען אין געשעפטלעכע פאַר־בינדונגען, און דער סוף איז געווען, אז זיי פלעגן מיט דער פרעמ־דער הילף זיך אָנוואַרפן אלס קהילה־פאָרשטייער. וועגן אַזעלכע מיסברויכן איז טאַקע געקומען צו רייד אויף דער מאַינצער אספּת־רבנים און ס'איז

אָנגענומען געוואָרן אַ באַשלוס, וואָס פאַרווערט צו פאַרכאַפּן קהלשע כּיבודים מיט אויסערלעכער הילף.

45 § די מאַסן-רדיפות אויף יידן אין דייטשלאַנד און זייער סאָציאַל-ווירטשאַפטלעכער הינטערגרונט.

האָבנדיק זיך באַקענט מיט די ווירטשאַפטלעכע פאָרמען, וועלכע דאָס יידישע לעבן האָט אָנגענומען אין דייטשלאַנד זינט די קרייצצוגן ביז דער העלפט פון 14-טן י״ה און ווייסנדיק אויך, וואָס פאַר א פאַקטאָרן עס האָבן געווירקט אויף דעם פאַרנעם און ריכטונג פון דער יידישער ווירטשאַפט, וועלן מיר איצט אַנאַליזירן די סיבות, וואָס האָבן גורם געווען צו די מוראַדיקע רדיפות, וועלכע די דייטשע יידן האָבן געהאַט אויסצושטיין בעת דער באַהאַנדלטער תּקופה. דער ערשטער געלערנטער, וואָס האָט געפּראוווט צו באַגרינדן דעם סאָציאַל-ווירטשאַפטלעכן כאַראַקטער פון דידאָזיקע רדיפות, איז געווען דער דייטשער נאַציאָנאַל-עקאָנאָם **ווילהעלם ראָשער**. אין אַ ספּעציעלער אָפּהאַנדלונג, וואָס איז געווידמעט די יידן אין מיטלאַלטער און וואָס האָט אַלס כאַראַקטעריסטישן אויסגאַנגס-פּונקט „די אַלגעמיינע האַנדלס-פּאָליטיק״ פונם מיטלאַלטער, פאָרמולירט ראָשער דעם צוזאַמענהאַנג צווישן די רדיפות אויף די יידן אין דער אַלגעמיינער ווירטשאַפטלעכער סיטואַציע אויפן פאָלגנדיקן אופן: „אַ סך רדיפות אויף די יידן אין די שפּעטערדיקע צייטן פון מיטלאַלטער, בעת וועלכע עס איז געגאַנגען דערהויפּט וועגן פאַרניכטן זייערע וועקסלען, דאַרפן אויפגעפּאַסט ווערן אַלס **קרעדיט-קריזיסן** פון אַ זייער באַרבאַרישן מין, אַלס מיטלאַלטערלעכע פאָרם פון דערזעלביקער דערשיינונג, וועלכע מען באַצייכנט ביים היינטיקן טאָג אַלס סאָציאַלע רעוואָלוציע״. דידאָזיקע אויפפאַסונג איז אין איר אַלגעמיינער פאָרמולירונג אַ ריכטיקע. פונדעסטוועגן קאָן זי אונז ביים היינטיקן צושטאַנד פון דער קוועלן-אויספאָרשונג נישט מער באַפרידיקן: זי שעפּט נישט אויס דעם גאַנצן קאָמפּלעקס פון די צוזאַמענהאַנגען און לייגט דעם טראָפּ אויף דעם קעגנזאַץ צווישן בעל-חוב און מלווה, צווישן פּאַופּעריזם און קאַפּיטאַליזם, בעת ביי די רדיפות האָט אין נישט קיין קלענערער מאָס מיטגעווירקט דער קאַמף אַרום דעם יידישן רעגאַל און דער איבערגאַנג פונם רעכט אויף צו עקספּלאָאַטירן די יידן פון איין מאַכטפאַקטאָר צו אַ צווייטן. אין אונזערע ווייטערע אויספירן וועלן מיר דאָס געניויער באַווייזן.

מיר באנוצן זיך מיטן כראָנאָלאָגישן סדר און שטעלן זיך אָפּ קודם־כּל ביי די מאסן־רדיפות בעת די ערשטע צוויי קרייץ־צוגן, אין די יאָרן 1096 און 1146. דער ווירטשאפטלעכער מאָמענט שפּילט בעת דידאָזיקע רדיפות אַ גאנץ קליינע ראָלע. די דייטשע יידן ווערן דע־מאָלט בארויבט און אויסגעפּלינדערט ס׳רוב פון קרייץ־ציגלער, וואָס קומען אָן פון דער פרעמד (דערעיקרשט פון פראנקרייך) און וואָס זענען מיט די דייטשע יידן נישט געשטאנען אין קיין שום ווירטשאפט־לעכן פארקער. בכלל האָבן מיר דאָ צו טון מיט א סיטואַציע, ווי בעת א מלחמה, ווען דאָס באַרויבן און באפאַלן דעם שוואכן געהער צו די געוויינלעכע דערשיינונגען. אלס א מין סאָציאלע באוועגונג קענען די יידן קאָנען די דעמאָלטיקע גזילות און הריגות לגמרי נישט אויפגע־פאסט ווערן. פונם סאָציאַל־ווירטשאפטלעכן שטאנדפונקט איז בעת די־דאָזיקע געשעענישן בלויז די פאָלגנדיקע דערשיינונג א וויכטיקע און אינטערעסאנטע: בעת די רדיפות אויף יידן אין יאָר 1096 זעען מיר אין א סך שטעט פון דער ריין־געגנט, ווי די פּאטריציער, דהיינו, די רייכע סוחרים פון די שטעט פארטיידיקן די יידן, ווי זיי גיבן זיי שוץ און באהאלטן זייערע פארמעגנס, עס זאָל זיי נישט צונעמען דער ראַבירנדיקער המון. דאַקעגן לאָזט זיך מיט 50 יאָר שפּעטער, דהיינו, בעת דעם קרייץ־צוג פונם י. 1146, מערקן, אז די פּאטריציער זענען געשטימט קעגן די יידן און זיי איילן זיך נישט אָפּצוראטעווען יידישע לעבנס און פארמעגנס. וואָס אזוינס האָט געקאָנט גורם זיין צו דער־דאָזיקער ענדערונג פון די שטימונגען ביי די פארמעגלעכע שטאָט־מענטשן? לויט אלע סימנים האָבן מיר דאָ צו טון מיט א דערשיינונג, וואָס שטייט אין ענגן צוזאמענהאנג מיט דעם קאמף ארום דעם יידישן רעגאַל. בעת דעם ערשטן קרייץ־צוג (1096) זענען די פּאטרי־ציער געווען נאָך צו שוואך ארויסצורייסן פון די שטאָטישע הארן, פון די ערצבישאָפן, גראפן און באראָנען, דאָס רעכט אויף צו עקס־פּלאָאטירן די יידן. צו זיי, צו דידאָזיקע הארן, האָט דער קעניג אין יענער צייט איבערגעגעבן די הכנסה פון די יידן. די פּאטריציער האָבן מורא פאר דעם גרימצאָרן פון שררה און האָבן נישט געוואָלט ריזיקירן, אז ער זאָל זיי פארן שאָדן, וועלכן ער האָט געליטן צוליב דער „יידן־שלאכט״, צוציען צו פאראנטוואָרטונג און באשטראָפן מיט הויכע געלט־שטראָפן. האנדלען זיי טאקע אינם אינטערעס פונם שטאָ־טישן שררה. וואָס ווייטער אָבער, אלץ שטארקער ווערט די אָפּאָזיציע מצד דעם פּאטריציאט קעגן דעם שטאָטהאר, אלץ פעסטער קאָנסאָלי־דירט זיך זיין אָרגאַניזאַציע (גילדעס!), אַלץ דרייסטער וויקלט זיך פאַ־

באַנדער דער עמאַנציפּאַציע־קאַמף זיינער, וואָס האָט צווישן אַנדערע לאָזונגען אויך פאַרמאָגט דעם לאָזונג וועגן אַרויסרייסן דעם יידישן הכנסה־קוואַל פון דעם שרדהס הענט. און אָט זעען מיר, ווי די יידן באַצאָלן אין י. 1146, ווען דער פּאַטריציאַט האָט זיך שוין דערפילט אַ סך פעסטער און דרייסטער, ווי מיט 50 יאָר צוריק, די קאָסטן פונם דאָזיקן עמאַנציפּאַציע־פּראָצעס. דער פּאַטריציאַט שיצט זיי נישט מער, ער קוקט זיך צו גלייכגילטיק צו די הריגות און באַרויבונגען, און אַמאָל העלפט ער אַפילו צו די פּאָגראָמשטשיקעס. וואָס ווייניקער האָב און גוטס עס וועט בלייבן ביי די יידן, — קלערט דער פּאַטריציאַט — אַלץ ווייניקער וועט דער שררה זיין פאַראינטערעסירט אין דעם יידישן רעגאַל; וואָס טייערער עס וועט דעם שררה אָנקומען דער שוץ פון „זיינע יידן", אַלץ לייכטער וועט ווערן פאַר די פּאַטריציער צו שליסן מיט אים אַן אָפּמאַך וועגן אויסקויפן פון אים דעם יידישן רעגאַל אָדער אַרויסקריגן דעם רעגאַל אַלס משכון פאַר אַן אַנטשפּרעכנדיקער הלוואה...

אין אַ נייער פאַזע טרעטן אַריין די רדיפות אויף יידן זינט לערך דער צווייטער העלפט פונם 13־טן י"ה. אין מערב־ און מיטל־דייטשלאַנד האָט דאָס יידישעווירטשאַפטס־לעבן דעמאָלט געהאַט אָנגענומען די פריער שוין באַריכטע כאַראַקטעריזירטע ווענדונג, וואָס האָט גורם געווען דערצו. אַז דער ייד זאָל ווערן אַ סינאָנים פון אַ וואוכערער, דערביי האָט דער יידישער קרעדיט אַלץ מער אָנגענומען דעם כאַראַקטער פון אַ קאָנסום־קרעדיט, מיט וועלכן עס פלעגן זיך אַלץ עפטער באַנוצן די נידעריקע שיכטן פון דער באַפעלקערונג, ווי קרעמער, האַנטווערקער, פּויערים און צומאָל אויך פאַראָרעמטע ריטער. עס פאַרטיפט זיך אַלץ מער דער תהום צווישן דעם בעל־חוב און דעם ייד — דעם מלווה, צווישן אָרעם און „רייך" (מיר באַצירן דאָס וואָרט „רייך" מיט גענזנפיסלעך, מחמת עס איז אונז פון די פריערדיקע אויספירן שוין באַוואוסט, אַז די יידישע עשירות איז געווען ס'רוב א שיינבאַרע, ווארים די יידן פלעגן טרייבן זייערע קרעדיט־געשעפטן געוויינלעך מיט דער הילף פון קריסטלעכע קאַפּיטאַלן, וואָס זענען ביי זיי איינגעלייגט געוואָרן אויף ציינזן). דער דאָזיקער קעגנזאַץ קומט שוין זייער בולט צום אויסדרוק בעת די רדיפות אויף יידן ביים סוף פון 13־טן י"ה און בפרט בעת די מוראַדיקע שחיטות, וואָס זענען אין י. 1298 אָרגאַניזירט געוואָרן דורך דעם טרויעריק־באַרימטן פּאָגראָם־העלד רינדפלייש און וואָס האָבן געמאַכט אַ תל פון לערך 140 קהילות אין פראַנקען, בייערן און עסטרייך. דאָסזעלבע

איז אויך נוגע די פּאָגראָמען, מיט וועלכע עס האָט אין די יאָרן 1336—1338 אָנגעפירט דער „קעניג פון די ארמלעדער", א שענקער מיט נאָמען צימבערלין און וואָס האָבן זיך אַריבערגעטראָגן פון עלזאס קיין ביירן, עסטרייך און בעמען.

צום בולטסטן אנטפּלעקט זיך דער סאָציאַל-ווירטשאַפטלעכער קעגנזאץ בעת דעם „שווארצן טויט" אין די יאָרן 1348—1350. דאָס, וואָס עס קומט דעמאָלט פאָר, איז שוין טאקע א סאָציאַלע רעוואָלוציע! בכדי ריכטיק צו פארשטיין די געשעענישן פון יענער טראגישער צייט, מוז מען האָבן אין אויג פאָלגנדיקע מאָמענטן:

א) אין א גרויסער צאָל דייטשע שטעט האָט דעמאָלט דאָס פאקטישע רעכט אויף צו עקספּלאָאטירן דעם יידישן רעגאַל באַלאַנגט נישט מער צו די שררות, נייערט צו דער שטאָטישער מאכט, צו די שטאָט-ראטן און מאגיסטראטן.

ב) אין די מאגיסטראטן און שטאָט-ראטן האָבן ווידער פארנומען דעם אויבנאָן די פּאטריצישע עלעמענטן, דהיינו, רייכע סוחרים און פארמעגלעכע האנטווערקער.

ג) בכדי צו האלטן אין צוים די פּלעבייאישע עלעמענטן, די אָרעמע האנטווערקער, קרעמער, געזעלן און איינגעוואַנדערטע פויערים, פלעגט זיך דער פּאטריציאט באנוצן מיט דעם יידן-רעגאַל, ווי מיט א כּלי-זיין פון אונטערדריקונג. מיט דער הילף פון די אונז שוין באַוואוסטע „יידן-שטעטיקייטן" פלעגט ער צווינגען די יידן, זיי זאָלן נעמען אויף זיך די פונקציע, וועלכע עס דערפילן ביים היינטיקן טאָג שטאָטישע ליי-קאסעס, לאָמבאַרדן. דידאָזיקע ליי-קאסעס, וואָס האָבן געארבעט כּלפּי-חוץ אונטער יידישע פירמעס, פלעגט ער באזאָרגן אין א נויט-פאל מיט געלט, פאר וועלכן ער האָט זיך געלאָזט צאָלן היפשע פּראָצענטן. נישט צו פארגעסן איז דערביי דער פאקט, וואָס די שטעט (דהיינו, דער רעגירנדיקער פּאַטריציאַט) פלעגן אין די אָפּמאכן מיט די יידן וועגן פארבלייבן אונטערן שטאָטישן שוץ ארויפלייגן אויף זיי א מוז אויסצובאָרגן געלט יעדן איינעם, וואָס קומט אָן צו זיי מכּוח א הלוואה. כאראקטעריסטיש איז אויך דער פאקט, וואָס די יידן האָבן לויט דיזעלבע אָפּמאכן — „שטעטיקייטן" געמוזט אָפּצאָלן לטובת די שטעט א געוויסן פּראָצענט פון יעדן הלוואה-געשעפט, וואָס זיי האָבן געמאכט אין זייערע לאָמבאַרדן. די כּוונות פון אזא יידן-פּאָליטיק זענען קלאָרע: די פּאטריציער זענען מיט איר אויסן געווען סיי א ווירטשאַפטלעכן און סיי אַ סאָציאַל-פּאָליטישן נוצן פאר זיך. פון איין זייט זענען די לאָמבאַרדן אונטער די יידישע פירמעס געווען פאר דעם

רעגירנדיקן פּאטריציאט א רייכער הכנסה־קוואַל, פון דער צווייטער זייט, ווידער, האָבן זיי מיט זיך פאָרגעשטעלט א כּלי־זיין אָפּצושוואַכן עקאָנאָמיש די פּלעבייאישע עלעמענטן און אויף צו האַלטן זיי אין א פּאָליטישער פארשקלאַפונג ביי די פּאטריציער.

ד) מיט דער אנטוויקלונג פון די צעכן, אין וועלכע ס'אָרגאַניזירן זיך די פּלעבייאישע שיכטן, ווערן די לעצטע אַלץ דרייסטער אין זייערע ארויסטרעטונגען קעגן דעם רעגירנדיקן פּאטריציאט און זיי פארלאנגען אנטשפּרעכנדיקע פאָרשטייערשאַפטן אין די שטאָטישע מאכט־אָרגאַנען.

אריבערגייענדיק פון די אויבנאָנגעגעבענע אַלגעמיינע באַמערקונגען צו די פּאסירונגען בעת די מוראדיקע יאָרן פונם „שווארצן טויט“, שיילן מיר אויס פון דעם גרויסן מאַטעריאַל, וואָס באַלאַנגט צו יענער צייט, פּאָלגנדיקע כאראַקטעריסטישע פּרטים:

אין די כראָניקעס פון יענער צייט געפינען מיר נישט זעלטן אָפּנהאַרציקע אָפּשאַצונגען, אַז מען האָט דעמאָלט די יידן מאַסנווייז געברענט אויף שייטערהויפנס נישט אַזוי צוליב די ברונעמס, וועלכע זיי האָבן כלומרשט פאַרסמט, ווי צוליב די גרויסע פאַרמעגנס, וואָס זענען געווען אָנגעזאַמלט אין יידישע הענט („propter divitias corum (Judaeo־rum) cupiosissimas“) — אַזוי ווערט די סיבה אָנגערופן אין איינער אַ מיטלאַלטערלעכער כראָניק). אַלזוי: דער קעגנזאַץ צווישן אָרעם און „רייך“! דאָס איז אָבער נאָך נישט דער גאַנצער אמת פון די טרויעריקע געשעענישן. צו דעם אָנגעמערקטן קעגנזאַץ קומט נאָך צו דער סאָציאַלער קאַמף צווישן די פּלעבייער און פּאַטריציער, אַ קאַמף, וואָס אין אים זענען אויף אַ טראַגישן אופן אַריינגעצויגן געוואָרן אויך די יידן.

אין שטראַסבורג זענען דער פאַקטאָר, פון וועלכן ס'גייט אַרויס דער לאָזונג, אַז מען זאָל די יידן אויסראָטן, די האַנטווערקער־צעכן. זיי ווענדן זיך תּחילת מיט דעראָזיקער פאָדערונג צום שטאָט־ראַט, און לייגן אים פאָר, אַז ער זאָל דערויף מיט גוטן מסכּים זיין. אין שטאָט־ראַט, וואו עס זיצט אַ מערהייט פונם פּאַטריציאַט, איז מען אָבער קעגן דעם. לטובת די יידן האַלטן רעדעס סיי דער בירגער־מייסטער קאָנראַד פון ווינטערטור, סיי דער ריכטער שטורם, סיי דער רייכער האַנטווערקער שוואַרבער. די צעכן לאָזן אָבער נישט אָפּ פון זייער פאָדערונג און מען גייט איין סוף־כּל־סוף אויף אַ קאָמפּראָמיס, אַז וועגן דער פראַגע זאָל אַנטשיידן אַ ספּעציעלער צוזאַמענפאָר פון עלזאַסישע שטאָט־פאַרטרעטער צוזאַמען מיט פאַרטרעטער

פון עלזאַסישע ריטער און גלחים. דער צוזאַמענפאָר קומט פאָר אין חודש יאַנואַר 1349. די האַנטווערקער־צעכן דערגרייכן אַ מערהייט פאַר זייער פאָדערונג אַ דאַנק דעם, וואָס זיי ווערן אויף דעם צוזאַמענפאָר געשטיצט דורך די גלחים און ריטער, וועלכע האָבן זיך מיט דער הילף פון דער „ייִדן־שלאַכט" געוואָלט באַפרייען פון די ייִדישע תביעות. די ייִדן ווערן דערקלערט אַלס „פייגל־פריי" און באַלד דערויף צעפלאַקערט זיך די „ייִדן־שריפה" אין גאַנץ עלזאַס.

דאָסזעלבע קומט אויך פאָר אין באַזעל: איידער עס איז דאָ געקומען צו דער „ייִדן־שריפה", אָדער ווי מען האָט דאָס דעמאָלט גערופן צום „ייִדן־בראַנד", האָבן די האַנטווערקער־צעכן אָרגאַניזירט אַ פראָצעסיע מיט פענער, וואָס האָט זיך אַ לאָז געטון אויפן פלאַץ פאַרן ראָטהויז. זי האָט אַרויפגעשיקט דעלעגאַטן צו די פאַטריצישע שטאָט־הערן און געגעבן אָנצוהערן, אַז דאָס „פאָלק" פאַרלאַנגט דעם „ייִדן־בראַנד".

פונקט אַזאַ פראָצעסיע קומט אויך פאָר אין פרייבורג און ברייסגאַו: דער פאַטריצישער שטאָט־ראַט פילט זיך נישט בכוח אָפּצושטעלן דעם שטורעם פון די צעכן און ער פרואווט צו ראַטעווען, וואָס עס לאָזט זיך נאָך אָפּראַטעווען. ער גייט איין אויפן „ייִדן־בראַנד" בתנאי, אַז די וועקסלען, וואָס געפינען זיך אין די ייִדישע לאָמבאַרדן, ווי אויך די משכּנות, וועלן נישט צוגערויבט ווערן, נייערט זיי וועלן איבערגעגעבן ווערן דעם מאַגיסטראַט. דערפאַר זאָגן צו די שטאָט־הערן אַן אַנטשפּרעכנדיקע רעדוקציע פון די ייִדישע תביעות.

ווי אַן אָרגאַניזירטער אויפברויז פון די האַנטווערקער־צעכן קעגן די פאַטריציער און „זייערע ייִדן", זעען אויך אויס די געשעענישן אין מאַינץ, קעלן און בכלל אין דער ריין־געגנט. אין מאַינץ און קעלן פרואווט דער פאַטריציאַט צו פאַרטיידיקן די ייִדן, אָבער די כוואַליע פאַרגיסט אים אינגאַנצן און ער מוז נאָכגעבן. אין די שטעטלעך ביים אויבער־ריין פועלן אויס די האַנטווערקער־צעכן ביי די פאַטריציער, אַז די פאַרמעגנס, וואָס וועלן איבערבלייבן נאָך דעם „ייִדן־בראַנד, זאָלן צעטיילט ווערן צווישן ביידע צדדים און אַז די ייִדישע געלט־תביעות זאָלן אינגאַנצן סקאַסירט ווערן.

אין נירנבערג איז אוממיטלבאַר פאַר דעם „ייִדן־בראַנד" פאָרגעקומען אַן איבערקערעניש אינם שטאָטישן רעזשים. די פאַטריציער זענען דאָ מיט געוואַלד אַראָפּגעוואָרפן געוואָרן דורך די האַנטווערקער פון די שטאָטישע בענקלעך. וואָס אמת, האָבן די פאַטריציער באַלד דערויף באַקומען אַ באַוואָפנטע הילף פון קיסר און זיי האָבן צוריק

פאַרכאַפּט די מאַכט, אָבער זיי האָבן נישט געוואָלט מער איינרייסן מיט די האַנטווערקער, און דעריבער האָבן זיי אויך איינגעשטימט אויפן „יידן־בראַנד", ווען די האַנטווערקער זענען אַרויס מיט דערדאָזיקער פאָדערונג.

בכלל לאָזט זיך פעסטשטעלן, אַז צום וויייניקסטן זענען פאָרגעקומען „יידן־שריפות" אין צפון־ און מזרח־דייטשלאַנד, דערפאַר אָבער צום מערסטן אין מערב־ און דרום־דייטשלאַנד. און שטיין שטייט דאָס אין אַ צוזאַמענהאַנג מיט דעם פאַקט, וואָס די צעכן־אָרגאַניזאַציעס זענען דעמאָלט געווען אַ סך יינגער און שוואַכער אין צפון־ און די מזרח־געגנטן פון דייטשלאַנד און וואָס אַ דאַנק דעם, האָבן די פריצישע אָדער פאַטריצישע שטאָט־הארן געקאָנט אַ סך לייכטער דערשטיקן די „סאָציאַלע רעוואָלוציע" פונם פלעבייער־קלאַס. אַזוי, אַ שטייגער, ווערט אונז איבערגעגעבן, אַז אין מזרח־פראַנקען איז די אנטי־יידישע באַוועגונג מיט כוח דערשטיקט געוואָרן דורך דעם בורג־גראַף פון נירנבערג. א דאנק דעם זענען נישט פאָרגעקומען קיין „יידן־שריפות" אין אזעלכע גרויסע קהילות, ווי ראָטנבורג ביי דער טאובער און ווירצבורג. פארשוינט איז אויך געבליבן די גרויסע קהילה אין רעגענסבורג, וואו דער פאַטריצישער שטאָט־ראט האָט מיט דערפאָלג זיך אנטקעגנגעשטעלט דער העצע, וואָס איז געגאנגען פון די אונטערשטע שיכטן. וויייניק האָבן אויך געליטן פון דער באַוועגונג די קהילות אין עסטרייך. דער עסטרייכישער הערצאָג האָט אָרגאַניזירט אַ געהעריקע פאַרטיידיקונג פאַר זיינע יידישע קאַמער־קנעכט. אַ דאַנק דעם איז אָפּגעראַטעוועט געוואָרן די ווינער קהילה, וואָס איז, אגב, אין יענער צייט געווען די גרעסטע פון אַלע קהילות אויף די דייטשע טעריטאָריעס.

קאַפּיטל זעכצן

דאָסווירטשאַפטס־לעבן פון די יידן אין בעמען, מערן און שלעזיע.

(ביז דער העלפט פון 14־טן י״ה)

§ 46 די אַנטוויקלונג פונם יידישן ווירטשאַפטס־לעבן אין בעמען און מערן.

וועגן בעמען און מערן איז שוין פון 10־טן י״ה באַוואוסט, אַז יידן פלעגן איבער דידאָזיקע מדינות מאכן נסיעות אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם דעמאָלט בליענדיקן יידישן גרויס־האנדל מיטן ווייטן אָריענט. א וויכטיקע סטאציע אויפן דאָזיקן האנדלס־וועג האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט די שטאָט פּראָג, וועגן וועלכער ס'דערמאָנט שוין דער באַוואוסטער יידישער רייזנדער איבראַהים איבן יעקב (965), אַז יידן פלעגן דאָרט אָנקומען פון ווייטן מזרח און פון ביזאַנץ, מיטפירנדיק מיט זיך כלערליי סחורות און ביזאַנטינישע מינצן, פאַר וועלכע זיי פלעגן ביי דער אָרטיקער באַפעלקערונג איינהאנדלען תבואה, צין, פעלן וכדומה. א חוץ פּראָג באַגעגנט מען יידן ביז לערך דעם סוף פון 12־טן י״ה נאָך אין אייניקע ערטער אין מערן. אַזוי, אַ שטייגער, האָבן יידן שוין אין 11־טן י״ה געלעבט אין פּראָסניץ, באָסקאָוויטץ און ניקאָלסבורג. וועגן דעם זאָגן אונז עדות אייניקע מצבות פון 11־טן י״ה, וואָס זענען אויסגעגראָבן געוואָרן אין דידאָזיקע מקומות. ווי עס גיט אונז איבער דער בעמישער כראָניסט האַיעק, זאָלן האָבן דעמאָלט געלעבט אין בעמען עטוואָס מער, ווי 5000 יידן, הוץ קינדער אונטער 2 יאָר. היות אָבער, ווי דער בעמישער פירשט האָט אויף זיין טעריטאָריע נישט געוואָלט האָבן מער, ווי

1000 יידן, האָבן לויט דעמזעלבן באַריכט איבער 4000 יידן געמוזט פאַרלאָזן דאָס לאַנד. ביז לערך דער העלפט פון 13־טן י״ה איז, ווי ס׳ווייזט אויס, די יידישע באַפעלקערונג אין בעמען און מערן בכלל געווען זייער קליין אין צאָל. דערצו האָבן גורם געווען רדיפות און אויסוואַנדערונגען, וואָס זענען, לויט די באַריכטן פון מיטלאַלטערלעכע כראָניקעס, פאָרגעקומען אין די יאָרן 1090, 1098, 1161, 1163 און 1235. ערשט זינט דער העלפט פון 13־טן י״ה, און בפרט זינט דעם י. 1254, ווען דער קעניג אָטאָקאַר האָט דורך אַ פריווילעגיע פאַרגאַראַנטירט די יידן אַ ריי פרייהייטן (לויטן מוסטער פון דער באַרימטער עסטרייכישער פריווילעגיע פון י. 1244), לאָזט זיך מערקן אַ געוויסער אויפשוואונג אין דער אַנטוויקלונג פון די יידישע קיבוצים אויף די בעמיש־מעריש שטחים. אין משך פונם פאָלגנדיקן יאָרהונדערט ווערן דורך די קוועלן דערמאָנט נייע יידישע קיבוצים אין ברין (1268), אָלמיץ (1278), נייהאַוס (1294), דייטשבראָד (1310), און צווישן די יאָרן 1322—1348: אין צוויטאַו, קרעמזיער, ווישאו, מיגליץ, בראַונאַו, עגער, זנאַים, קאַורים, ניי־פילזען, בודוייס, הראַדיש און איגלאַו.

די בעמיש־מעריש יידן בילדן, ווי אין מערב־אייראָפּע, אַ רעגאַל פון דעם מאַכטהאָבער און ווערן אויסדריקלעך באַצייכנט אַלס „קאַמער־קנעכט“ אין דער דערמאָנטער פריווילעגיע פון י. 1254. ביז דעם אָנהויב פון 14־טן י״ה איז דער יידישער רעגאַל קאָנצענטרירט אויסשליסלעך אין די הענט פונם מאַכטהאָבער. ערשט אין י. 1322 ווערט פאַרנאָטירט דער ערשטער פאַל, אַז דער קעניג טראָגט אַריבער געוויסע רעכט, וואָס זענען אַ פועל־יוצא פון דעם רעגאַל, אויף אַנדערע מאַכט־פאַקטאָרן. אַזוי באַקומט אינם דאָזיקן יאָר דער אָלמיצער בישאָף דאָס רעכט אויפצונעמען אין די שטעטלעך פון זיין דיעצעזיע יידן אַלס איינוואוינער און צו נעמען פון זיי שטייערן און אָפּצאָלונגען. אין י 1334 באַקומט אַן ענלעך רעכט דער מאַגנאַט פעטער פון ראָזענבערג. אין י. 1341 גיט אַרויס דער קעניג אַזאַ רעכט דער שטאָט בודוייס, און אין י. 1348 — דעם קלויסטער אין בראַונאַו.

דער הכנסה־קוואַל, וועלכן עס שטעלן מיט זיך פאָר די יידן, שטראָמט אַריין אין דעם אוצר פונם „שוץ־האַר“ סיי אַלס נאָרמאַלע שטייערן און לייסטונגען און סיי אַלס אויסערגעוויינלעכע שטייערן און אויספּרעסונגען. לויט אַ דאָקומענט פון דער צייט 1273/8 הייסן די נאָרמאַלע יידישע שטייערן און לייסטונגען: „Collecta“ (אָדער „Steure“) און „Servitus“. דער כאַראַקטער פון דער „Collecta“

איז אונז נישט באַוואוסט. אין דער ערשטער העלפט פון 14־טן י״ה פלעגט דער קעניג איבערגעבן די נאָרמאַלע שטייערן פון זיינע יידישע־קאַמער־קנעכט אין אַרענדע צו אַ רייכן יידישן באַנקיר. אַזוי, אַ שטייגער, האָט זיי אין י. 1347 אַרענדירט דער פּראַגער ייד טראָסטלין דער זון פון ר׳ פּנחס „דעם גרויסן״. די מיטלען, מיט וועלכע דער בעמישער שוך־האַר האָט אָפּערירט, בכדי אויסצופּרעסן ביי זיינע קאַמער־קנעכט גרויסע געלטער, ווערן אילוסטרירט דורך פאָלגנדיקע פאַקטן: אין י. 1124 האָט דער הערצאָג וולאַדיסלאַוו 1 איינגעזעצט אין תּפיסה צוליב אַ בלבול איינעם פון די גרעסטע חשובים ביי די בעמישע יידן, אַ געוויסן יעקב אַפּעלאַ. ווען די יידן האָבן זיך משתדל געווען, מען זאָל באַפרייען דעם פאַראַרעסטירטן, האָבן זיי דאָס אויסגעפועלט ערשט דאַן, ווען זיי האָבן באַצאָלט דעם הערצאָג די ממש אומגלויבלעכע סומע פון 3000 פונט זילבער און 100 פונט גאָלד. אין יאָר 1298, ווען די בעמישע יידן האָט געדראָט באַפאַלן צו ווערן פון באַנדעס פּאָגראָמשטשיקעס, אָנגעפירט פון דעם באַוואוסטן „יידן־שלעגער״ רינדפלייש, האָט דער שוך־האַר זייערער אויסגענוצט די געלעגנהייט און מ׳האָט אויסגעפּרעסט פון די יידן „אָן אַ שיעור געלט״ פאַר דער הבטחה, אַז ער וועט זיי באַשיצן (recepit ab Judaeis pecuniam infinitam" — שרייבט וועגן דעם דער כראָניסט פּעטער פון ציטאַו). אין יאָר 1336, ווען דער בעמישער קעניג יאָאַן דער לוקסענבורגער האָט זיך געגרייט אין געלט אויף צו פירן מלחמה מיט עסטרייך, האָט ער פון די פּראַגער יידן אויסגעפּרעסט 2000 מאַרק גאָלד און זילבער און האָט גלייכצייטיק געלאָזט איינזעצן אין תּפיסה די יידן פון די איבעריקע שטעט, בכדי אַרויסצובאַקומען פון זיי וואָס גרעסערע סומעס. פון די געבראַכטע ביישפּילן ווערט גענוג בולט, אַז די בעמישע שוך־הערן זענען געווען געטרייע תּלמידים פון די מערב־אייראָפּעישע יידן־פּאַטראָנען... זיי באַווייזן אָבער אויך, אַז די בעמישע און מערישע יידן זענען אין דער באַהאַנדלטער תּקופה געווען זייער רייך.

פאַנאַנדערקלייבנדיק זיך אין די אויפגעהיטע קוועלן־ידיעות, וואָס שילדערן אונז דיווירטשאַפטלעכע טעטיקייט פון די יידן אין בעמען און מערן (פאַרן משך צייט ביזן יאָר 1350), באַקומט מען אַ ווירטשאַפטס־בילד, וואָס איז אין די עיקר־פּרטים זייער ענלעך צו דעם אונז שוין באַקאַנטן ווירטשאַפטס־בילד אין עסטרייך. מיר זעען די יידן כמעט אויף אַלע ווירטשאַפטס־געביטן און עס לאָזט זיך ביז צום סוף פון דער באַהאַנדלטער תּקופה נישט מערקן, אַז דאָס יידישע ווירטשאַפטס־לעבן זאָל דאָ האָבן באַקומען אַן איינזייטיקע אַנטוויקלונגס־

טענדענץ, ווי מיר האָבן דאָס, אַ שטייגער, פעסטגעשטעלט פאַר די יידישע ישובים אין מערב-אייראָפּע (חוץ שפּאַניע). דאָ ווייטער ברענגען מיר אַ בינטל כאַראַקטעריסטישע פּרטים, וואָס באַגרינדן דידאָזיקע אויפפאַסונג.

פונקט ווי אין עסטרייך, באַגעגענען מיר אויך אין בעמען און מערן די יידן אַלס אַרענדאַרן פון מלוכהשע שטייערן און אָפּצאָלונגען און בכלל אַלס אָנגעשטעלטע אין דער מלוכהשער פינאַנץ-פאַרוואַלטונג. וועגן דעם פריער שוין דערמאָנטן יעקב אַפּעלאַ ווערט אונז איבערגעגעבן, אַז ער איז געוועזן אין י. 1096 און אויך אַ צייט שפּעטער אַ "vicedominus", ד. ה. אַ הויכער פינאַנץ-באַאַמטער פונם בעמישן הערצאָג. אין י. 1273 באַקלאָגט זיך דער בישאָף פון אָלמיץ, אַז די יידן ווערן אין מערן אָנגעשטעלט „אַלס עפנטלעכע באַאַמטע און בפרט אַלס צאָל-אַרענדאַרן און מינץ-פאַרוואַלטער" („publica exercent (Judaei) officia, telonearü, monetarü fiunt") אין פּראָג באַגעגענען מיר יידן אַלס שטייער-אַרענדאַרן נאָך אין דער ערשטער העלפט פון 14-טן י"ה. די קוואַליפיקאַציעס פאַר דידאָזיקע פאַראַנטוואָרטלעכע שטעלעס האָבן די יידן דערוואָרבן אַ דאַנק זייער אַלטער דערפאַרונג אין האַנדלס- און געלט-וועקסל-געשעפטן. ווי מיר האָבן דערויף שוין אָנגעוויזן ביים אָנהויב פונם דאָזיקן קאַפּיטל, ווערן יידישע הענדלער דערמאָנט אין פּראָג שוין אין 10-טן י"ה. ענלעכע באַריכטן האָבן מיר אויך פונם 11-טן און 12-טן י"ה. אין אַ דאָקומענט פונם י. 1057 ווערן די פּראָגער יידן כאַראַקטעריזירט אַלס געניטע וויין- און זאַלץ-סוחרים, און אין אַ באַריכט פון י. 1090 ווערן זיי געשילדערט אַלס „הענדלער און געלט-וועקסלער, וואָס האָבן די גרעסטע סכומים גאָלד און זילבער און וואָס זענען די רייכסטע צווישן די סוחרים פון אַלע אומות". צווישן די אַרטיקלען, מיט וועלכע די יידן האָבן דעמאָלט געהאַנדלט אין בעמען, ווערן אין אַ באַריכט פון י. 1124 אויסדריקלעך דערמאָנט שקלאַפן. דער יידישע שקלאַפן-האַנדל האָט אין בעמען געבליט נאָך ביים סוף פון 12-טן י"ה. אַ ראיה — די באַריכטן פון די באַרימטע יידישע רייזנדער בנימין פון טודעלאַ און ר' פּתחיה פון רעגענסבורג, וואָס דערמאָנען וועגן דעם שקלאַפן-האַנדל אין די סלאַווישע לענדער, אַז צוליב אים הייסן דידאָזיקע לענדער „כנען". אויך פון 13-טן און פון דער ערשטער העלפט פון 14-טן י"ה פעלן נישט קיין קוועלן-ידיעות וועגן דעם יידישן מסחר אין בעמען און מערן. אין י. 1226 ווערן דערמאָנט יידישע סוחרים, וואָס

קומען פון ווייטן מזרח און וואָס ציען מיט זייערע קאַראַוואַנעס איבער דער שלעזישער גרענעץ ביי ראָזענבערג. דאָסזעלבע געפינען מיר אויך לערך פון דערזעלבער צייט אַ ידיעה אין אַ העברעישער קוועלע („אור זרוע“), אַז קיין פּראָג קומען אָן יידישע סוחרים פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל און פון דעם לאַנד בולגאַר, וואָס ווערט אויך גערופן „דאָס גריכישע כנען“. מען קאָן משער זיין, אַז די בעמישע יידן האָבן אינם דאָזיקן אויסלענדישן האַנדל געהאַט אַ באַדייטנדיקן חלק. יעדנפאַלס איז זייער כאַראַקטעריסטיש, וואָס זיי האָבן זיך משתדל געווען אין י. 1254, אַז דער קעניג אָטאָקאַר זאָל זיי אין דער שוין דערמאָנטער פּריווילעגיע פונם דאָזיקן יאָר פאַרגאַראַנטירן די פולסטע האַנדלס־פרייהייט. שטיצנדיק זיך אויף דער פּריווילעגיע, האָבן די יידן נאָך אין דער ערשטער העלפט פון 14־טן י״ה געטריבן האַנדלס־געשעפטן. אַזוי, אַ שטייגער, ווערט אונז איבערגעגעבן אין אַ באַריכט פון י. 1330, אַז די פּראָגער יידן האָבן דעמאָלט געמסחרט מיט ווייַן, מעד און ביר און אַז זיי האָבן דערפאַר געצאָלט ספּעציעלע אָפּצאָלונגען לטובת דער שטאָט.

די קרעדיט־געשעפטן פון די בעמישע און מערישע יידן ווערן בעלויכטן דורך די קוועלן ערשט פון דער העלפט פון 13־טן י״ה. די אָפטער שוין דערמאָנטע פּריווילעגיע פון י. 1254 רעגולירט אויספירלעך דידאָזיקע געשעפטן און באַשטימט, אַז די יידן מעגן אויסלייען געלט נישט בלויז אויף באַוועגלעכע, נאָר אויך אויף אומבאַוועגלעכע משכנות. די הויך פונם דערלויבטן ציננז ווערט אין דער פּריווילעגיע נישט פעסטגעשטעלט, דערפאַר אָבער ווייסן מיר פונם פּראָגער שטאָטישן געזעץ, וואָס איז אַרויס אין י. 1269, אַז די יידן האָבן דעמאָלט גענומען נעמען פון 1083% ביז 1444% און 1805%. מיט קרעדיט באַזאָרגן די יידן בעת דער באַהאַנדלטער תקופה דער־עיקרשט די העכערע שיכטן פון דער באַפעלקערונג. צווישן די בעלי־חובות זייערע באַגעגענען מיר דעם קעניג, מאַגנאַטן און רייכע קלויסטערס. פאַר די רייכסטע און רירעוודיקסטע באַנקירן האָבן דעמאָלט געשמט די יידן אין עגער. טיילמאָל באַזאָרגן זיי מיט געלט אויך די אויסלענדישע מאַגנאַטן (ווי, א שטייגער, אין י. 1341 דעם בורגגראַף יאָאַן פון נירנבערג). אין פּראָג האָבן די יידישע פּראָצענטניקעס אָפּערירט מיט פרעמד געלט, וואָס קריסטן פלעגן ביי זיי איינלייגן, צו מאַכן דערמיט געשעפטן. אין י. 1328 האָט דער שטאָט־ראַט פאַרווערט די קריסטן צו באַטייליקן זיך אין די יידישע וואוכער־געשעפטן. עס איז אָבער אַ גרויסער ספק, צי די פאַראָרדענונג פון דעם

שטאָט־ראט האָט געהאט אווירקונג אין לעבן. אַ דאנק דער געזעצלע־כער באשטימונג, אז יידן מעגן געבן היפּאָטעק־קרעדיט, האָבן זייערע געלט־געשעפטן מיט רייכע מאגנאטן — ערד־באזיצער באקומען א פעסטן יסוד. די אומבאוועגלעכע גיטער, וואָס זענען אריבער אין רשות פון א יידישן באנקיר צוליב די חובות, האָט דער לעצטער נישט געטאָרט פארקויפן אָן דער הסכמה פון קעניג, אויב דאָס זענען נאָר געווען ירושה־גיטער. אזוי האָט באשטימט אין י. 1348 דאָס געזעץ, וואָס ווערט גערופן „Maiestas Carolina“.

§ 47 דאָס ווירטשאפטס־לעבן פון די יידן אין שלעזיע.

שלעזיע באַלאַנגט אין דער באַהאַנדלטער צייט צו אַ ריי פירשטן פון דער פוילישער דינאַסטיע פּיאַסט. ערשט אינם י. 1327 באַמיט זיך דער קיסר זיגמונט דער לוקסנבורגער צו באַקו־מען די שלעזישע הויפּט־שטאָט ברעסלע אונטער זיין מאַכט. דאָס גיט זיך אים אָבער איין נישט פריער, ווי אין י. 1335. מיט 20 יאָר שפּעטער גייען אַריבער אין רשות פון די לוקסענבורגער אויך די אי־בעריקע שטעט און שטחים פון שלעזיע.

די פריסטע ידיעות וועגן די יידן אין שלעזיע זענען אונז אויפ־געהיט געוואָרן פון 12־טן י״ה. אין די שלעזישע שטעט הויבן זיך אָן די יידן צו באזעצן ביים סוף פונם דאָזיקן יאָרהונדערט. אזוי, א שטיי־גער, האָבן יידן געוואוינט אין ברעסלע שוין אין י. 1200. אין דעם שטעטל באָלעסלאוו באגעגענען מיר זיי נאָך פריער (אין י. 1190); אין בייטן באזעצן זיי זיך ארום י. 1227; אין שווײדניץ (1270), אין גלאָגאו (1280), אין טראָפּאו (1281), אין מינסטערבערג (1285), אין גלאַץ (1300). בעת דער ער־שטער העלפט פון 14־טן י״ה קומען נאָך צו קהילות אין ליגניץ, גאָלדבערג, הײנאו, נאַמיסלאַו, נימפּטש, בריג און ניי־מאַרק. די צאָלרייכסטע קהילה איז געווען אין ברעסלע. לויט אַ שטייער־רשימה פון יאָר 1345 האָבן זיך דעמאָלט געפונען אין ברעסלע 53 יידישע באַלעבאַטישקייטן, ד. ה. ביי אַ 320 — 350 נפשות. דידאָזיקע צאָל ווערט באַשטעטיקט דורך אַ באַריכט פון י. 1350, לויט וועלכן עס זענען בעתן „שוואַרצן טויט“ אומגעקומען אין ברעסלע 61 יידישע משפחות, און אַ וואָסערע פינף משפחות איז געלונגען צו אַנטלויפן.

די עפנטלעך־רעכטלעכע לאַגע פון די שלעזישע יידן איז רעגו־לירט געוואָרן דורך אַ זייי פּריווילעגיעס פון באָלקאָ דעם I־טן

(1295), פון היינריך III פון גלאָגאו (1299) און פון באָלקאָ II (1328), וואָס באַזירן אויף דער באַוואוסטער עסטרייכישער פּריווילעגיע פון י. 1244 און ווענדן אָן לגבי די יידן דעם פּרינציפּ פון קאַמער־קנעכטשאַפט.

אין דער אַנטוויקלונג פונם יידישן ווירטשאַפטס־לעבן אין שלעזיע, לאָזן זיך אויסטיילן צוויי תקופות: איינע, וואָס גרייכט לערך ביז דער העלפט פון 13־טן י״ה און די צווייטע, וואָס נעמט אַרום דאָס לעצטע יאָרהונדערט פון דעם באַהאַנדלטן פּעריאָד (דהיינו, פון לערך 1250 ביז 1350). אין דער ערשטער תקופה באַשעפטיקן זיך די שלעזישע יידן דערעיקרשט מיט לאַנדווירטשאַפט; דאַקעגן, דערשיינען זיי אין דער צווייטער אַלס סוחרים און באַנקירן.

לאָמיר זיך אָבער אָפּשטעלן ביי די קוועלן־ידיעות, וואָס אילו־סטרירן דידאָזיקע אַנטוויקלונג.

אין די קוועלן פון 12־טן און אָנהויב 13־טן י״ה געפינען מיר בולטע באַווייזן, אַז די שלעזישע יידן האָבן דעמאָלט געצויגן זייער חיונה אַלס ערד־באַזיצער אָדער פּויערים. אַזוי, אַ שטייגער, האָט אַרום י. 1150 דאָס דאָרף קליין־טיניעץ באַלאַנגט צו יידן. אין י. 1200 געהערט דאָס דאָרף סאָקאָלניקי צו די יידן כאַסקל און יוסף. אין דעם אָפּמאַך, וואָס איז אין י. 1227 געשלאָסן געוואָרן מיטן ברעסלער בישאָף, באַשטימט דער שלעזישער פירשט היינריך I, אַז די יידן־פּויערים, וואָס אַקערן אויף פירשטלעכע פעלדער אין דער געגנט פון ביטן, זענען מחויב צו צאָלן לטובת דעם בישאָף אַ ממשותדיקן מעשר פון יעדן סנאָפּ. וועגן די שלעזישע יידן פון יענער תקופה שרייבט דער גרינטלעכער פאָרשער פון זייער געשיכטע, מ. בראַן: „זיי זענען געווען ערד־אַרבעטער און במנוחה האָבן זיי געאַרבעט אויף זייערע פעלדער. צי האָבן די יידן פאַר דעם אָנפאַל פון די מאָנגאָלן (1241) געטריבן אויך האַנדלס־געשעפטן, איז שווער צו געבן אַזאַ תשובה, וואָס זאָל זיך סומך זיין אויף קוועלן". אַזוי פּאַסט אויך אויף די פאַרהעלטעניש דער היסטאָ־ריקער ל. עלסנער. די קוועלן פון 12־טן און 13־טן י״ה, וואָס דערמאָנען יידישע ערד־באַזיצער אין שלעזיע, באַפעסטיקן נישט די סברה פון אַ טייל פאָרשער (אַראָניוס, לאַנדסבערג), אַז דידאָזיקע יידן זענען נישט געווען קיין זעלבשטענדיקע ערד־באַזיצער, נייערט אַז זיי האָבן כלומרשט בלויז איינגעמאָנט די הכנסות פון די פירשטלעכע ערד־שטחים.

דאָס בילד ענדערט זיך אָבער לגמרי, ווען מיר שטעלן זיך אָפּ

ביי די קוועלן פון דער צווייטער העלפט פון 13־טן און פון דער ערשטער העלפט פון 14־טן י״ה. עס פאַרשווינדט יעטוועדער שפור פון די יידישע ערד־באַזיצער א די יידן באַווייזן זיך אוּן פויערים אויסשליסלעך אין דער ראָלע פון סוחרים און וואוכערניקעס. צו דעמדאָזיקן איבערברוך האָט, אַפּנים, גורם געווען דער שנעלער אויפבלי פון די שלעזישע שטעט, וואָס קומט פאָר גראָד אין יענער צייט.

אויף דעם מ ס ח ר פון די שלעזישע יידן זאָגט עדות דער פאַקט, וואָס זיי האָבן זיך באַזעצט ביי די הויפּט־וועגן, דורך וועלכע עס האָט זיך געצויגן דער האַנדל קיין מערן און בעמען. ווי ס׳ווייזט אויס, האָט זייער האַנדל אין 13־טן י״ה געמוזט זיין גאָר אַ גרויסער, וואָרים דער בישאָף טאָמאַש פון ברעסלע באַקלאָגט זיך אין אַ דאָקומענט פון י. 1286, אַז די יידן, וואָס באַלאַנגען צו דעם שלעזישן פירשט היינריך דעם IV-טן, געפינען זיך אין בעסערע באַדינגונגען איידער די גלחים. זיי לעבן — שרייבט דער בישאָף — פראַנק און פריי אין דער מדינה און פירן אָן שום שטערונגען זייערע מסחרים, בעת איבער די גלחים הענגט תמיד אַ פחד... משמעות, זענען די תרעומות פונם בישאָף געבליבן אָן אַ פעולה, וואָרים אין עטלעכע יאָר אַרום באַווייזן זיך די פּריווילעגיעס פון ב אָ ל ק אָ I, דעם פירשט פון ש ו ו י י ד נ י ץ און פון ה י י נ ר י ך IV, דעם פירשט פון ג ל אָ ג אַ ו, וואָס פאַרזיכערן די יידן פולע האַנדלס־פרייהייט און באַשטימען חוץ דעם זייער גינסטיקע פאָרשריפטן בנוגע זייערע הלוואות־געשעפטן. דאָקומענטאַריש לאָזט זיך אַרום דערדאָזיקער צייט דערווייזן אַ פאַרצווייגטער יידישער האַנדל מיט שטאָפן. די ערשטע באַגרענעצונגען פונם יידישן מסחר אויפן שלעזישן באָדן באַווייזן זיך ביים אָנהויב פון 14־טן י״ה, זיי באַלאַנגען אָבער נישט צום גרויסן מסחר, נייערט צום דעטייל־האַנדל. אַזוי, אַ שטייגער, ווערט אונז איבערגעגעבן פון י. 1301, אַז די שטאָט ברעסלע האָט דעמאָלט פאַרווערט די יידן צו האַנדלען לאַהדים מיט שניט־סחורה.

יידישע ג ע ל ט ־ אָ פּ ע ר אַ צ י ע ס זענען, ווי ס׳ווייזט אויס, געווען אין שלעזיע שוין זייער פרי פאַרצווייגט. נאָך איידער די יידן האָבן באַקומען די שוין דערמאָנטע פּריווילעגיעס, דערציילן אונז די קוועלן וועגן הלוואות, וואָס די ניי־געגרינדעטע שטאָט ב אָ ל ע ס ל אַ ו ו (בונצלאַו) האָט גענומען ביי די יידן, בכדי אויפצובויען מויערן אַרום דער שטאָט (1190). אין משך פון 13־טן י״ה באַווייזן זיך ידיעות וועגן יידישע הלוואות אויף א ו מ ב אַ ו ו ע ג ל ע כ ע ג י ט ע ר, וואָס באַווייזן אויף זיכער, אַז די באַשטימונג פון די שלעזישע פּריווילעגיעס

25 §), וואָס האָט גאַראַנטירט אַזעלכע הלוואה-געשעפטן, האָט גע־האַט אַ סמיכה אין דער לעבעדיקער פּראַקטיק. אַזוי, אַ שטייגער, האָט דער ערד-באַזיצער ש צ י ב אָ ר אין י. 1295 פאַרמשכונט ביים ייד מ ע ר ק ע ל י ן פון מינסטערבערג אַ נחלה פאַר 66 מאַרק. די נחלה איז דערנאָך אַריבער אין רשות פון דעם ייד, מחמת שציבאָר האָט די הלוואה נישט געסילוקט. די הויפּט בעלי-חובות פון די שלעזישע יידן זענען געווען די פירשטן. אין י. 1285 פאַרמשכונט דער פירשט היינ־ריך ביי די יידן 40 פערד און 30 שטיק בהמות. אין י. 1329 פאַר־משכונט ב אָ ל ע ס ל אַ ו ו III פון ליגניץ די שטאָט ה י י נ אָ ו ו ביי די יידן. ביי די יידן זענען אויך אין פאַרשידענע יאָרן געווען פאַר־משכונט די שטעט: י אַ ו ו ע ר (1330), ג אָ ל ד ב ע ר ג (1320 און 1333), ל ע ו ו ע נ ב ע ר ג (1341) און ש ו ו י י ד נ י ץ (1347). אַלס אילו־סטראַציע פון דעם גרויסן מאַסשטאַב, אויף וועלכן די שלעזישע יידן פלעגן פירן זייערע קרעדיט-עסקים מיט די פירשטן, קען דינען אַ ידיעה פונם י. 1345, נעמלעך, אַז אַ יידישער באַנקיר האָט אַליין, אָן שותפים, געגעבן דעם ליגניצער פירשט באָלעסלאַוו אַ הלוואה, וואָס האָט באַטראָפן די אין יענע צייטן לעגענדאַרישע סומע פון 8000 מאַרק (לערך 150.000 דאָלאַר). פון אַ גרויסן פאַרנעם זענען אויך די געלט-עסקים, וועלכע די יידן האָבן געהאַט מיט די שלעזישע שטעט. זיי ציען זיך נאָך פון דער פריסטער התחלה פון שטאָטישן לעבן און זענען פאַר אונז באַזונדערס אינטערעסאַנט, מחמת זיי ווייזן אונז קלאָר, וואָס פאַר אַ וויכטיקער פאַקטאָר ס׳זענען געווען די יידישע קאַפּיטאַלן אין דער סאַמע פריסטער אַנטוויקלונגס-תקופה פון די שטעט. זייער לעבעדיק אַנטפּלעקט זיך דידאָזיקע זייט פון דער יידישער ווירטשאַפט אין די עלטסטע ביכער פון דער שטאָט ברעסלע. די שטאָטישע אונטערנעמונ־גען, וואָס האָבן זיך פון יאָר צו יאָר געמערט אין די יונגע שטעט, האָבן אָפט אַריינגעשטייגט אין זייער גרויסע סומעס. דעריבער פלעגן די שטאָט-פאַרזאָרגערס אין אַזעלכע פאַלן זיך ווענדן צו די יידן, אָדער ווי מען האָט דעמאָלט גערופן „גיין צו די יידן". דער יידישער באַנקיר האָט, ווילנדיק, נישט-ווילנדיק, געמוזט עפענען דער טייסטער. אמת, מען האָט אים געצאָלט פּראָצענטער און אָפטמאָל טאַקע גאָר גרויסע, אָבער וואָס פאַר אַ ווערט האָט דאָס געהאַט, ווען ער האָט זיך כסדר געמוזט רעכענען מיטן פאַקט, אַז פריער אָדער שפּעטער וועט אים אַ טייל פונם קאַפּיטאַל פאַרפאַלן ווערן לעולם ועד. אָט, אַ שטייגער, האָבן די יידן געגעבן דער שטאָט ברעסלע אין די יאָרן 1300 — 1334 פאַרשיידענע הלוואות, וואָס האָבן באַטראָפן אַן ערך

1500 מאַרק; דערפון האָט די שטאָט אין משך פון אָט דער צייט נישט געדעקט אפילו קיין דריטל פון קרן. די חובות פון דער שטאָט זענען כסדר געוואַקסן, זיי האָבן זיך פאַרצווייפאַכט און פאַרדרייפאַכט צוליב די צינזן און מיט דעם וואוקס פון די חובות איז אויך גע־וואַקסן די שנאה פון די שטאָט־לייט צו די יידישע מלווים.

48 § דער קאַמף פון די שטעט אַרום דעם יידישן רעגאַל און די „יידן־שריפות".

די „יידן־שריפות", וואָס קומען פאָר אין אַ ריי בעמישע, מע־רישע און שלעזישע שטעט אין דער ערשטער העלפט פון 14־טן י"ה, און בפרט אין די מגיפה־יאָרן 1348 — 1350, שטייען אין אַן ענגן צוזאַמענהאַנג מיט דעם קאַמף, וועלכן דידאָזיקע שטעט האָבן געפירט אום פטור צו ווערן פון דער אפוטרופסות מצד די שררות, די שטאָט־הארן און צו באַקומען אין זייער רשות דעם יידישן הכנסה־קוואַל. זייער בולט אַנטפּלעקט זיך דערדאָזיקער צוזאַמענהאַנג אויפן פאַן פון די שלעזישע פאַרהעלטענישן. אַזוי ווי די יידן זענען געווען אונטער־טאַנען פון די שלעזישע פירשטן, האָבן די שטעט אין פרינציפּ זיי נישט געקאָנט נויטן אָפּצוצאָלן די שטאָטישע שטייערן. וואָס מער עס איז אָבער אויסגעוואַקסן די שטאָטישע זעלבסטפאַרוואַלטונג, אַלץ דרייס־טער ווערט דער שטאָטישער פּאַטריציאַט אין זיין שטרעבונג דורכצו־ברעכן דעמדאָזיקן פּרינציפּ, וואָס איז געווען אַ פּועל־יוצא פון דער יידישער קאַמער־קנעכטשאַפט. בראש פון דער באַוועגונג שטעלט זיך די גרעסטע שלעזישע שטאָט ברעסלע. דער ברעסלער שטאָט־ראַט נוצט אויס די אומגענויאיקייטן פון די פּריווילעגיעס, וועלכע די פירשטן האָבן געגעבן די יידן, און ער פּשטלט: די יידן זענען טאַקע קאַמער־קנעכט און באַלאַנגען צום פירשט, אָבער אין די פּריווילעגיעס איז נישט פאַראַן קיין איסור אַרויפצולייגן אויף זיי שטאָטישע שטייערן. מיט דערדאָזיקער אויסטייטשונג טרעט אַרויס ברעסלע גאַנץ אָפן אין אַ באַלערונג וועגן רעכט (גערופן "tveistum„), וואָס דידאָזיקע שטאָט האָט געגעבן אין יאָר 1315 דעם שטעטל גלאָגאַו אויף זיינעם אַנ־פרעג. פון דערזעלבער תשובה דערוויסן מיר זיך גלייכצייטיק, אַז ברעסלע האָט דעמאָלט גענומען פון די יידן אַ ריי שטייערן און אָפּ־צאָלונגען, דהיינו, אַ פערסאָנאַל־שטייער, אַ גרונט־שטייער פון די יידישע הייזער און פּלעצער, ווי אויך אָפּצאָלונגען אויף אויסצוהאַלטן די שטאָטישע שמירה. ס'ווייזט אָבער אויס, אַז ברעסלע האָט צוגעצויגן די יידן צו צאָלן שטאָטישע שטייערן נאָך אין דער צווייטער העלפט פון 13־טן

י״ה, וואָרים מיר באַגעגענען אין די ברעסלער שטאָט־ביכער אַ פּאָזיציע „יידישע שטייערן״ (ceusus iudaici) שוין ביים סוף פון 13־טן י״ה. אין דערזעלבער צייט האָבן די ברעסלער שטאָט־לייט דורכגעפירט אויך אַ צווייטן פרינציפּ, וואָס איז געשטאַנען אין אַ סתירה מיט די יידישע פּריווילעגיעס. זיי האָבן, נעמלעך, דורכגעזעצט, אַז די יידן זענען מחויב זיך צו שטעלן פאַר דעם שטאָטישן געריכט. דערמיט באַקומט דער שטאָט־ראַט אַ וויכטיקן כלי־זיין אין האַנט אַריין, מיט וועלכן ער קאָן קלאַפּן איבער דער קעשענע פון די יידישע באַנקירן, ביי וועלכע ער איז פאַרשולדיקט, ווי מיר האָבן דאָס שוין געזען, איבער די אויערן. מען קאָן זיך לייכט אויסמאָלן די לאַגע פון די יידישע מלווים, וויבאַלד זיי זענען געווען געצוואונגען אָנצוקלאָגן דעם שטאָט־ראַט — דעם בעל־חוב — פאַר אַ געריכט פון לאַוניקעס, וואָס זענען אויסגעקליבן געוואָרן פון דעם אָנגעקלאָגטנס צד... ס׳פאַרשטייט זיך, אַז די געשילדערטע דערגרייכונגען זענען נישט אָנגעקומען לייכט און אַז די יידן האָבן זיך אַלץ פעסטער אָנגעשפּאַרט אָן זייערע פירשטלעכע שוץ־האַרן, בכדי צו פּאַראַליזירן די שטרעבונגען פון די שטעט, וואָס האָבן איבער זיי געוואָלט ווערען די אַפּוטרופּסים. אין אַזאַ שטאָט, ווי ברעסלע, האָבן די יידן אַ סך שווערער געקאָנט דורכזעצן זייערע תּביעות, ווי אין די קליינע שטעטלעך. זיי פלעגן דעם פירשט, צו וועלכן ס׳האָבן באַלאַנגט די שטעטלעך, מהנה זיין מיט גרויסע הלוואות, ער זאָל זיי איבערגעבן די הכנסות פון די שטעטלעך אין אַרענדע. ווי מיר האָבן עס שוין אינם פריערדיקן פּאַראַגראַף אויפגעוויזן, זענען טאַקע אין דער ערשטער העלפט פון 14־טן י״ה צו די יידן איבערגעגעבן געוואָרן אַ ריי שלעזישע שטעטלעך אַלס משכנות און דאָס האָט די יידן געגעבן די מעגלעכקייט, צו ווערן די פאַרוואַלטערס פון די שטאָטישע פינאַנצן און צו האַלטן די שטאָט־ראַטן פון די פאַר־משכונטע ערטער אין צוים. דער אינטערעסן־קעגנזאַץ צווישן די שטעט און די יידן איז אָבער דאַדורך געוואָרן אַלץ טיפער. „ווייניק גוטס און רעכט געשעט דער שטאָט פון אַזעלכע לייט!״ („wennigk rat oder recht geschiet der Stat von solchen leuten!”) — אַזוי דריקט זיך אויס וועגן די יידן דער שטאָט־ראַט פון שווידניץ אין אַ מאַני־פעסט („Handfeste”) פון י. 1328. דידאָזיקע ווערטער דאַרף מען באַטראַכטן אַלס אַן אויסדרוק פון דער אַלגעמיינער שטימונג, וואָס האָט געהערשט אין די שלעזישע שטאָט־פאַרוואַלטונגען לגבי די יידן אין דער ערשטער העלפט פון 14־טן י״ה. דער באָדן איז געווען וואולקאַניזירט ביז גאָר. ווילנדיק, נישט־ווילנדיק, זענען די יידן

אַריינגעצויגן געוואָרן אין דעם עמאַנציפּאַציע־קאַמף, וועלכן די שטעט האָבן געפירט קעגן די שטאָטישע שררות — די פירשטן. און וואָס גרעסער עס זענען געווען די נצחונות פון די שטעט, אַלץ בלוטיקער האָבן דערפאַר געמוט צאָלן די יידן. אַזוי, אַ שטייגער, האָבן אין י. 1319 די ברעסלער שטאָט־לייט נישט געוואַרט ביז דער פירשט וועט אַרויסטרעטן מיט זיין אינטערווענץ לטובת די יידישע מלווים, ביי וועלכע די שטאָט האָט זיך פאַרבאָרגט איבער דער מאָס, נייערט זיי האָבן די יידן אַרויסגעטריבן מיט געוואַלד פון דער שטאָט און צוגענומען די איבערגעבליבענע יידישע הייזער און פאַרמעגנס. אמת, דער פירשט האָט דערפאַר צוגעצויגן די שטאָט־לייט צו פאַראַנטוואָרט־לעכקייט, און די יידן האָבן זיך צוריק באַזעצט אין ברעסלע, אָבער דאָס איז בלויז געווען אַ דערוווייטערונג פון דער קאַטאַסטראָפע אויף אַ פּאָר צענדליק יאָר. אין י. 1327 מאַכט נאָך די שטאָט ב ר י ג דעם ברעסלער ביישפּיל פון י. 1319. אַרום די יאָרן 1348—1350 שפּרינגט טאַקע אַרויס די קאַטאַסטראָפע, און עס צעפלאַקרן זיך „יידן־שריפות" אין אַ ריי שלעזישע שטעט. אין ברעסלע אַליין זענען דעמאָלט אומגעקומען 61 יידישע משפחות פון דער צאָל 66 משפחות, דאָס הייסט פון דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג אין דער שטאָט. מיט אַ פאַרשפּעטיקונג פון לערך 200 יאָר חזרט זיך איבער דערזעלבער פּראָצעס בעת דעם צווייטן קרייץ־צוג אין די ריין־געגנטן, ווען עס האָבן ענלעכע מאָטיוון גורם געווען דערצו, אַז די שטעט זאָלן זיך גלייכגילטיק צוקוקן צו די מאַסן־רדיפות אויף יידן און זאָלן נישט זעלטן אַליין זיך באַטייליקן אין זיי.

קאַפּיטל זיבעצן

די אַנטוויקלונג פון די יידישע ישובים אין מזרח־אייראָפּע און זייערווירטשאַפטלעכער כאַראַקטער.
אונגאַרן, פּוילן און רייסן.

(פון דעם צוזאַמענבראָך פון דער כוזרישער ממשלה ביז דער העלפט פון 14־טן י״ה).

49 § די ישובים אין אונגאַרן.

אין דער תקופה, וועלכע מיר באַהאַנדלען דאָ, אַנטשטייען די יידישע ישובים אין אונגאַרן אַ דאַנק דער איינוואַנדערונג, וואָס גייט פון צוויי זייטן: פון מזרח און פון מערב. די מזרחדיקע איינוואַנדערונגס־כוואַליע ברענגט אַריין אין לאַנד דערעיקרשט כוזריש־יידישע עלעמענטן און איז עלטער, ווי די איינוואַנדערונג פון מערב, וואָס באַשטייט פון אַשכנזישע יידן.

די עלטסטע שפורן פון דער כוזריש־יידישער אימיגראַציע קיין אונגאַרן לאָזן זיך אויפזוכן באַלד נאָכן חורבן פון דער כוזרישער מלוכה. אַרום י. 970 קומט אָן קיין אונגאַרן אַ כוזריש־יידישער שבט, וועלכער פלעגט אין דער צייט פון דער כוזרישער ממשלה בילדן דעם אַוואַנגאַרד פון דער כוזרישער אַרמעע און וועלכן מען פלעגט דעריבער רופן „חלוצים״. דידאָזיקע „חלוצים״, וואָס זייער נאָמען איז נאָכדעם פאַרוואַנדלט געוואָרן אין „כאַליציער״, באַזעצן זיך אין צפון־אונגאַרן און פאַרשפּרייטן זיך פון דאַנען אויך איבער אַנדערע טיילן פונם לאַנד. אַלס בולטע סימנים פון זייער פאַרשפּרייטונג קאָנען באַטראַכט ווערן חוץ דעם אונגאַרישן שטח, וואָס האָט זיך אין משך פון לאַנגע יאָרהונדערטער גערופן „כאַליציע״, אויך אַ ריי זיבענבירגער אין אונגאַרישע דערפער מיט די כאַראַקטעריסטישע אָרטיקע נעמען, ווי

„קאָזאַר", „קאָזאַרד", וואָס שטאַמען פון זייערע עלטסטע כוזרישע איינוואוינער. אַזוי, אַ שטייגער, ווערט אין מיטלאַלטערלעכע קוועלן דערמאָנט אַ זיבנבירגער דאָרף „קאָזאַרי", און מיר באַגעגענען נאָך ביים היינטיקן טאָג דערפער מיט אַזעלכע נעמען, ווי „קאָזאַר", „קיס־קאָזאַרד" און „ראַטש־קאָזאַרד".

וואָס איז שייך דער איינוואַנדערונג פון מערב, לאָזט זי זיך צום פריסטן דערווייזן ביים סוף פון 11־טן י"ה. עס ווערט אונז, נעמלעך, איבערגעגעבן דורך דעם טשעכישן כראָניסט קאָסמאַס, אַז אין בעמען זענען אַרום י. 1098 פאָרגעקומען רדיפות אויף יידן, מחמת אַ ריי משומדים האָבן זיך צוריק אומגעקערט צום יידנטום, און אַז צוליב די רדיפות האָבן מחנות יידן אויסגעוואַנדערט, אַ טייל קיין פּוילן, אַ טייל, ווידער, קיין אונגאַרן. אין משך פון 13־טן י"ה לאָזט זיך פעסטשטעלן אַ נאָענטע באַציונג צווישן די אונגאַרישע און עסטרייכישע יידן, וואָס דאָס לאָזט משער זיין, אַז אַרום דער צייט איז פאָרגעקומען אַ געוויסע איינוואַנדערונג פון עסטרייכישע יידן קיין אונגאַרן.

די עלטסטע יידישע ישובים אין אונגאַרן האָבן געטראָגן, ווי מיר וועלן עס נאָך ווייטער דערווייזן, — אַ דאָרפישן כאַראַקטער. אָבער שוין ביים סוף פון 11־טן און אָנהויב 12־טן י"ה הויבן זיך אָן די יידן צו באַזעצן אויך אין די שטעט. לויט אַ געזעץ, וואָס דער קעניג קאָלאָמאַן האָט אַרויסגעגעבן אין יאָר 1100, איז די יידן דערלויבט געוואָרן זיך צו באַזעצן בלויז אין די בישאָפלעכע שטעט, ד.ה. בלויז אין אַזעלכע שטעט, וואו עס איז געווען די רעזידענץ פון אַ בישאָף. ווי מיר ווערן אינפאָרמירט דורך די פאַרבליבענע דאָקומענטן, האָבן בעת דער באַהאַנדלטער תקופה עקזיסטירט יידישע קהילות אין שטולווייסנבורג (1256), אייזנשטאַדט (1263), פּרעשבורג (1291), טרענטשען (1300), עדענבורג־שאָפּראָן (1324), האַימבורג (1342), מאַרכעג (1342), בודאַ (1349). די איינגעקלאַמערטע דאַטעס באַצייכענען די יאָרן, אין וועלכע די קהילות ווערן צום פריסטן דערמאָנט דורך די קוועלן. ווי ס'ווייזט אויס, האָט די גרעסטע קהילה דעמאָלט עקזיסטירט אין פּרעשבורג, וואָרים אין אַ דאָקומענט פון י. 1335 באַגעגענען מיר אַ כאַראַקטעריסטישע באַמערקונג, אַז אין דערדאָזיקער שטאָט „לעבט אַ גרויסע צאָל יידן" („magna copia iudaeorum").

ביז לערך דער העלפט פון 13־טן י"ה זענען די אונגאַרישע יידן באַהאַנדלט געוואָרן, ווי פרייע עלעמענטן. אַ ראיה — די ידיעות פון יענער צייט, אַז זיי האָבן געמעגט אָן שום שטערונגען באַזיצן ערד־שטחים און שקלאַפן און זיך באַשעפטיקן אין עפנטלעכע אַמטן. אין די

יאָרן 1251—1256 באַקומען די יידן פונם קעניג בעלאַ IV פּריווי־לעגיעס, אין וועלכע זייער עפנטלעך־רעכטלעכע לאַגע ווערט (לויטן מוסטער פון דער באַרימטער עסטרייכישער פּריווילעגיע פון י. 1244) פאָרמולירט אויפן יסוד פון „קאַמער־קנעכטשאַפט". נישט געקוקט דע־רויף, האָט זיך אָבער ווייניק וואָס געענדערט אין דעם יידישןווירט־שאַפטס־לעבן, און די יידן האָבן אויך ווייטער גענאָסן פון אַ סך ווירטשאַפטלעכע פרייהייטן.

די פריסטע קוועלן־ידיעות וועגן דעם ווירטשאַפטלעכן לעבן פון די יידן אין אונגאַרן הויבן אָן צו שטראָמען פונם סוף פון 11־טן און אָנהויב 12־טן י"ה און זיי באַווייזן, אַז די יידן האָבן דעמאָלט גע־שפּילט אַ באַדייטנדיקע ראָלע סיי אין דער לאַנדווירטשאַפט, סיי אינם האַנדל און קרעדיט. אַזוי, אַ שטייגער, דערוויסן מיר זיך פון אַ החלטה, וואָס די אונגאַרישע קירכע האָט אָנגענומען אין י. 1092 אויף אַ סינאָד אין שאַבאָלטש (Szabolcs), אַז די יידן באַזיצן אייגענע לאַנדווירטשאַפטלעכע באַלעבאַטישקייטן און אַז זיי באַנוצן צו די פעלד־אַרבעטן קריסטלעכע שקלאַפן. די קירכע אָפּאָנירט נישט קעגן דעם יידישן ערד־באַזיץ, זי פאַרלאַנגט בלויז, אַז די יידן זאָל פאַרווערט ווערן צו האַלטן קריסטן פאַר שקלאַפן און צו אַרבעטן אין דער חגא־צייט. דעמזעלבן שטאַנדפּונקט נעמט אויך אָן דער קעניג קאָלאָמאַן, וועלכער באַשטימט אין אַ געזעץ פון י. 1100, אַז די יידן מעגן בלייבן ביי זייער ערד־באַזיץ.

דאַקעגן איז זיי נישט דערלויבט צו באַנוצן קריסטלעכע שקלאַפן ביי די פעלד־אַרבעטן. אויב זיי ווילן זיך פאָרט באַ־נוצן מיט שקלאַפן, קענען עס נאָר זיין געצנדינער. עד כאן די באַשטימונג פונם י. 1100, וואָס איז אויף אַ כאַראַקטעריסטישן אופן באַטיטלט מיט די ווערטער: „וועגן דער לאַנדווירטשאַפט פון די יידן" („de agricultura iudaeorum"). ווי ס'ווייזט אויס, האָבן זיך די אונ־גאַרישע יידן דערציקרשט אָפּגעגעבן מיט וויינגערטנערייי, וואָרים די עלטסטע ידיעות, וואָס באַלאַנגען צום יידישן האַנדל אין אונגאַרן, שטעלן אין פאָדערגרונט דעם וויינהאַנדל. אַזוי, אַ שטייגער, דערציילט אונז ר' אליעזר בן נתן אין אַ באַריכט לערך פון י. 1140, אַז די יידן פלעגן עקספּאָרטירן אונגאַרישע וויינען ביז ווייט אין די שטעט פון דער ריין־געגנט און דאָרט מיט דערפאָלג קאָנקורירן מיט די פראַנ־קישע וויינען. אויך וועגן דער באַטייליקונג פון די יידן אין קרעדיט־געשעפטן איז אונז פאַרבליבן אַ ידיעה פון אָט דער פריער תקופה. פאַראַן, נעמלעך, פונם יאָר 1110 אַ ספּעציעלער דעקרעט פונם שוין

דערמאָנטן קעניג קאָלאָמאַן „וועגן הלוואות פון קריסטן און יידן“ („decretum de mutuis christianorum et iudaeorum“). דער דעקרעט האָט פאָרגעשריבן, אַז הלוואה־געשעפטן צווישן יידן קריסטן דאַרפן אָפּגעשלאָסן ווערן אין דער קעגנוואַרט פון עטלעכע יידישע און קריסטלעכע עדות. אין פאַל פון אַ סכסוך בנוגע דעם סכום פונם אַנט־ליענעם געלט האָט זייער עדות־זאָגן מכריע געווען. די געניטקייט פון די יידישע האַנדלס־ און קרעדיט־געשעפטן האָט שוין אין 12־טן י״ה גורם געווען דערצו, אַז די אונגאַרישע קעניגן זאָלן זיי אָנגעטרויען וויכטיקע שטעלעס אין דער מלוכהשער פינאַנץ־פאַרוואַלטונג. די קירכע און די אַדל־לייט האָבן דערין געזען אַן אָפּשוואַכונג פונם קריסטלעכן גלויבן, אַז יידישע פינאַנץ־באַאַמטע זאָלן האָבן אַ דעה איבער קריסטן. דער נוצן פון די יידישע באַאַמטע איז אָבער געווען אַזוי גרויס פאַר דער מלוכה, אַז די פּראָטעסטן פון די קירכלעכע און וועלטלעכע שררות זענען געבליבן אין משך פון גאַנצן 12־טן י״ה אָן אַ ווירקונג. ערשט אין י. 1222 האָט זיך געלאָזט דער קעניג אַנדרעאַס II באַאיינ־פלוסן דורך זיינע אַדל־לייט, און ער האָט אין דעם באַרימטן „גאָל־דענעם ביל“ פאַרווערט די יידן צו פאַרנעמען עפנטלעכע שטעלעס. ס׳ווייזט זיך אָבער אַרויס, אַז אינגיכן האָט דער קעניג אַליין געבראָכן דעם „ביל“, וואָרים זינט דעם י. 1225 באַגעגענען מיר אין זיין הויף אייניקע יידישע פינאַנץ־מאַגנאַטן, וואָס שטאָלצירן מיט דעם טיטל „קאַמער־גראַפן“ (Comites Camerae) און ווערן פונם קעניג באַנוצט אין פאַרשיידענע מלוכהשע אָפּעראַציעס. איינער פון דידאָזיקע קאַמער־גראַפן איז געווען דער ייד טעקאַנוס, וואָס האָט אויך ביי די עסט־רייכישע הערצאָגן אַ געוויסע צייט פאַרנומען אַ הויכע שטעלע. טעקאַ־נוס באַזיצט אין אונגאַרן אייניקע דערפער: איין דאָרף „Rubtukeuri“ נישט ווייט פון שאָפּראָן, אַ צווייט דאָרף, גערופן Besseneu, וואָס ער האָט באַקומען בירושה פון זיין פאָטער, ווי אויך אַ דאָרף, וואָס ווערט אין די אַקטן באַצייכנט מיטן נאָמען Chenke. אין יאָר 1225 טרעט אַרויס דער יידישער „קאַמער־גראַף“ אַלס פאַרמיטלער פון געלט־געשעפטן צווישן דעם אונגאַרישן קעניג און עסטרייכישן הערצאָג, און ער נעמט איבער פאַר דעם הערצאָג אַ געלט־גאַראַנטיע אויף אַ סומע פון 2000 מאַרק. וועגן דער טעטיקייט פונם דאָזיקן געלט־מאַגנאַט לאָזן זיך אין די אַקטן אויסגעפינען ידיעות ביז דעם יאָר 1243. די ראָלע, וועלכע ער האָט געשפּילט אין דער מלוכה, האָט גורם געווען דערצו, אַז דער אונגאַרישער ערצבישאָף האָט אין י. 1231 אָפּגעשיקט צום פּויפּסט גרעגאָר IX אַ גאַנצן מאמר וועגן דעם, אַז יידן געוועלטיקן איבער

לאַנד, ווי אין אַן אייגענער מלוכה. אָבער אויך דער פּויפּסט האָט ווייניק וואָס געהאָלפן. נאָכן טויט פון טעקאַנוס באַגעגענען מיר אַן אַנדערן ייד אַלס קאַמער-גראַף מיטן נאָמען הענעל (Henel). דער קעניג רופט אים אין די אַקטן אויסדריקלעך „Comes camerae nostrae". הענעל האָט באַזאָרגט די פינאַנץ-געשעפטן פונם קעניג ביז לערך 1265. נאָך זיין טויט שטייט דער קעניג אין געשעפטלעכע באַציונגען מיט זיינע זין וועלוועלין, אַלטמאַן און נעקעל, ביי וועלכע ער מאַכט גרויסע הלוואות, און פאַרמשכונט זיי טיילמאָל גאַנצע שטעטלעך. אין יאָר 1280 ווערט אין די אַקטן דערמאָנט אַ ייד מיטן נאָמען פרעדמאַן אָדער פרידמאַן אַלס קאַמער-גראַף. ער איז נישט בלויז אַ שטייער-פאַרוואַלטער און פינאַנץ-אַגענט פונם קעניג, נאָר אויך אַ הויפישער באַנקיר און אַ גרויסער ערד-באַזיצער. אין די קוועלן ווערן דערמאָנט צוויי דערפער „Guetze," און „Sygarth", וועלכע ער האָט באַקומען פונם קעניג אַלס ירושה-גיטער. פרעדמאַן איז דער לעצטער „קאַמער-גראַף", וועגן וועלכן ס'באַריכטן אונז די קוועלן פון דער באַהאַנדלטער תקופה. ס'ווייזט אויס, אַז ביים אָנהויב פון 14-טן י"ה האָט דער קעניג געמוזט מאַכן אַ קאָנצעסיע די מאַגנאַטן און דער קירכע און באַזייטיקן די יידן פון מלוכהשע פינאַנץ-שטעלעס. דאָס קאָלעקטיווע יידישע ווירטשאַפטס-לעבן האָט, ווייזט אויס, ווייניק דערפון געליטן. אין דער ערשטער העלפט פון 14-טן י"ה בליען אויף אין אונגאַרן נייע יידישע ישובים און די קוועלן אינפאָרמירן אונז, אַז דער יידישער האַנדל און קרעדיט האָבן זיך דעמאָלט אַנטוויקלט אָן שום שטערונגען. פון אַ פוילישן דאָקומענט פון י. 1327 דערוויסן מיר זיך, אַז יידן האָבן זיך באַטייליקט אינם פויליש-אונגאַרישן האַנדל, וואָס איז געגאַנגען מיטן אַזויגערופענעם „גריכישן שליאַך" איבער די מערבדיקע קאַרפּאַטן קיין סאַנדעץ און קראָקע. וואָס איז שייך, ווידער, די קרעדיט-געשעפטן, זעען מיר אין דער ערשטער העלפט פון 14-טן י"ה אַ לעבהאַפטן געלט-פאַרקער צווישן די יידן און די שטאָט-מענטשן. די לעצטע פאַרמשכונען ביי די יידן נישט בלויז ווערטפולע חפצים, נאָר נישט זעלטן אויך אומבאַוועגלעכע גיטער, פעלצער, פעלדער און וויינגערטנער.

די „מגיפה-יאָרן" 1348—1350 זענען אַריבער אין אונגאַרן אָן „יידן-שריפות".

50 § די ישובים אין פוילן און רייסן פון דעם סוף פון 10־טן י״ה ביזן יאָר 1241.

אין דער אַנטוויקלונג פון די פויליש־רייסישע ישובים און פון זייערווירטשאַפטלעכן לעבן לאָזן זיך ביז דער העלפט פון 14־טן י״ה אויסטיילן צוויי תקופות: איינע, וואָס נעמט אַרום די צייט זינט דעם צוזאַמענברוך פון דער כּוזרישער ממשלה ביז צו דעם פאַרמאַרש פון די קיפּטשאַקער כאַנען אין י. 1241 — און אַ צווייטער, וואָס גרייכט פון י. 1241 ביז צו דער „שוואַרצער מגיפה״ אין י. 1349.

לויט די אויספאָרשונגען פון הרכּבי, קוניק, שאַפאַריק, קאַסל און וואַמבערי, האָבן די גרענעצן פון דער כּוזרישער מלוכה, קורץ פאַר איר צוזאַמענברוך, אַרומגענומען פון דער צפון־מערבדיקער זייט די לענדער פון די פּאָליאַנען לעבן קיעוו און די שטחים פון די שויערזשאַנער און ראַדימיטן, וואָס זענען געווען אונטערגעוואָרפן צו די כּוזרים. צו דרום־זייט האָבן זיי דערגרייכט ביז צום דניעסטער און אפילו ביז צו די קאַרפּאַטן אין מזרח־טייל פון היינטיקן קליין־פוילן. לויט פיל סימנים און ראיות, ביי וועלכע מיר וועלן זיך אָפּשטעלן מער באריכות, האָט זיך נאָך דער ירידה פון דער כּוזרישער מלוכה, וואָס איז פאָרגעקומען אין י. 969, אָנגעהויבן אַ וואַנדער־באַוועגונג פון די כּוזריש־יידישע עלעמענטן. די־דאָזיקע וואַנדער־באַוועגונג האָט געהאַט צוויי ריכטונגען: קיין דרום־מזרח (קרים, קאַווקאַז און אַזיע) און קיין דרום־מערב (בוקאָווינע, אונגאַרן, רייסן, פוילן און ווייטער קיין מערב ביז לאַוזיץ, קראַין, איסטריע און דאַלמאַציע). דאָ אינטערעסירט אונז דערעיקרשט די מערבדיקע עמי־גראַציע, וואָרים אַ דאַנק איר האָבן זיך באַפעסטיקט אייניקע אַלטע און ס׳זענען אַנטשטאַנען אייניקע נייע ישובים אויף די סלאַווישע און בפרט אויף די פויליש־רייסישע שטחים. שפּורן פון דערדאָזיקער וואַנ־דערונג ווערן אונז אָנגעוויזן דורך אַ ריי צעזייטע קברים און ישובים, וואָס שטאַמען פון אַמאָליקן כּוזרים־לאַנד, מיט אַ נאָמענקלאַטור, וואָס איז געשאַפן געוואָרן פונם נאָמען „כאַזאַר״, „קאַזאַר״, „קאָזאַר״, „קאָוויאַרי״, „קאַוויאַרי״. דידאָזיקע ישובים ציען זיך אין צוויי שורות, פון וועלכע איינע לויפט אין דער לענג פון דער דרומדיקער זייט פון די קאַרפּאַטן צו דעם דרומדיקן סלאַוון־לאַנד, פאַרצווייגנדיק זיך פון דאַנען אויף קראַין און איסטריע. די צווייטע, ווידער, לויפט פון כאַרקאָוו און קיעוו איבער די רייסישע, פוילישע,

מאַזאָווישע לענדער קיין בעמען און ווייטער קיין מערב ביז צו די לאַוזיצער (Lausitz) שטחים. דעם בונד־קנופ צווישן די דערמאָנטע צוויי שורות בילדן אין אַ געוויסער מאָס די קאָבאַרישע (קאַוויאָרישע) ישובים אין קראָקעווער און צויזמערער (Sandomierz) קרייז, וואָס זענען געגרינדעט געוואָרן דורך דעם כוזרישן שבט „קאָבאַרן" — „חברים". אויף אייניקע רינגען פון דער דרומדיקער קייט האָבן מיר שוין אָנגעוויזן, בעת מיר האָבן באַטראַכט די אַנטוויקלונג פון די יידישע ישובים אין אונגאַרן. דאָ ווייטער מערקן מיר אָן די רינגען פון דער צפון־מערבדיקער קייט. דאָס זענען זיי: די „כוזרישע קברים" אין פאַרשידענע געגנטן פון דרום־רוסלאַנד, בפרט „קאָגאַנאָווע" (גענומען פון טיטל „כאַגאַן", וועלכן ס'האָט געטראָגן דער כוזרישער מלך), נישט ווייט פון כאַרקאָוו און „דער כוזרישער וואַל" אין דער וואָראָניעזשער געגנט; „קאָזאַראָוויטשע" אַ ישוב אין דער קיעווער געגנט; „קאָזאַרקאַ" און קאָזאַרי ישובים אין נאָוואָגראָדער געגנט; קאָזאַרקאַ", אַ טייכל, וואָס פאַלט אַריין אין טייך ביסטזשיצאַ; „קאָזאַראָוושטשיזנאַ" — אין אָשמיאַנער קרייז; „קאָזאַראָוו" — אין יאַנאָווער קרייז; „קאָזיאַרי" (Koziari) אין בראָדניצער קרייז; קאָזאַראַ" — לעבן לעמבערג; „קאָזיאַרי" — לעבן האַליטש; „קאָזאַזשע" (Kozar: e) — אין קראָקעווער קרייז; קאָזאַזשע" — ביים טייך נורעץ אין מאַזאָוויע; „קאָזאַרעק" — ביי דער פויליש־פרייסישער גרענעץ. מיר געפינען אַ ריי ישובים מיט אַ כוזרישער נאָמענקלאַטור אין בעמען און צולעצט „קאָזאַרצי" אין לאַוזיץ (דאָס היינטיקע Kaseritz). בנוגע די „קאַבאַרישע" בונד־קנופן צווישן ביידע קייטן קענען מיר דערמאָנען אַ דאָרף „Kawiori" הינטער קראָקע און אַ דאָרף „Kawyary", הינטער צויזמער. די כוזרישע אָפשטאַמונג פון די דערמאָנטע נעמען ווערט דערוויזן — חוץ אַלגעמיינע היסטאָרישע פאַקטן — אויך דורך דעם פאַקט, וואָס אין אַ באַדייטנדיקער מאָס טרעטן זיי שוין אַרויס אין מיטלאַלטערלעכע קוועלן. אויך לאָזט זיך אין אייניקע פאַלן גענוי פעסטשטעלן דער צוזאַמענהאַנג צווישן דעם נאָמען פונם ישוב און דער כוזרישער קאָלאָניזאַציע. אַזוי, אַ שטייגער, באַזיצן מיר אין די מיטלאַלטערלעכע קוועלן באַווייזן דערויף, אַז אין „Kawiory" הינטער קראָקע און אין דעם דאָרף „Kawjari" הינטער צויזמער*) האָבן זיך

*) Długosz: Libri beneficiorum I, 387 און Fr. Pickosiński: Kodeks dyplomatyczny Krakowa I, Nr. 92

געפונען ייִדישע בית־עולמס. נאָך מער, מען קען אפילו פעסטשטעלן די צייט און דעם וועג, דורך וועלכן די „קאָבאַרן"—„חברים" זענען אָנגעקומען אין דידאָזיקע געגנטן. פון דער כּוזרישער געשיכטע איז אונז, נעמלעך, באַוואוסט, אַז אַרום דער העלפט פון 9־טן י"ה האָבן די כּוזרים געפירט אַ מלחמה מיט די פּיעטשינגען. אין צוזאַמענהאַנג מיט דידאָזיקע קאַמפן האָבן דעמאָלט אויסגעוואַנדערט קיין אונגאַרן די מאַדיאַרן און מיט זיי אויך דער כּוזרישער שבט, וואָס ווערט אין די גריכישע קוועלן אָנגערופן „קאַבאַראָי" און וואָס איז לויט פּאַול קאַסל אידענטיש מיט די כּוזרישע „חברים". פון אונגאַרן האָבן די „חברים"־„קאַבאַרן" עמיגרירט דורך דעם אַזויגערופענעם „גריכישן וועג", דהיינו, דורכן טאָל פון פּאָפּראַד און דונאַיעץ דורך די טאַטראַ־בערג (מערבדיקע קאַרפּאַטן) ביז צו די געגנטן פון קראָקע און צווימער. אויף די כּוזרישע ישובים, וואָס געפינען זיך אין די מערב־געגנטן פון די סלאַוון־לענדער, וואַרפט אויך אַן אינטערעסאַנט ליכט דער אַזויגערופענער „צווייטער כּוזרישער בריוו" פון י. 1096, וואָס באַווייזט אונדז די כּוזרים אַלס נאָענטע שכנים פון די אשכּנזים, דאָס הייסט פון די דייטשלאַנד. אויפן פּאָן פון דער געבראַכטער נאָמענקלאַטור פון די „קאָזאַרישע" און „קאַבאַרישע" ישובים אין פאַרשיידענע געגנטן פון די סלאַוון־לענדער, און בפרט אין רייסן און פּוילן, טרעט גאַנץ בולט אַרויס דער פאַקט, אַז דאָ איז געגאַנגען אַ כּוזריש־ייִדישע איינוואַנדערונג סיי פאַר דער צייט פון דער כּוזרישער ממשלה און סיי שפּעטער, שוין נאָכן חורבן פון דער כּוזרישער מלוכה. צום שפּעטסטן פאַלט אויס די אַנטשטייונג פון די כּוזריש־קאָבאַרישע ישובים אויפן 11־טן אָדער 12־טן י"ה, ווען די זכרונות וועגן די כּוזרים זענען נאָך געווען פרישע.

די כּוזריש־ייִדישע קאָלאָניזאַציע האָט זיך על־פּי־רוב אַנטוויקלט אין די מזרח־געגנטן פונם הייַנטיקן פּוילן און אין דער אוקראַינע, ד. ה. אין יענע געביטן, וואָס זענען געלעגן צום נאָענטסטן ביי די גרענעצן פון דער אַמאָליקער כּוזרישער מלוכה און וואָס אַ טייל פון זיי איז אַפילו געשטאַנען אַ צייט אונטער דער הערשאַפט פון די כאַגאַנען. דאָס ווערט אונדז באַזונדערס קלאָר פון צוויי פאַקטן: ראשית, פון דעם שוין אָנגעמערקטן פאַקט, אַז די גרעסטע צאָל ישובים מיט אַ כּוזרישער נאָמענקלאַטור באַגעגענען מיר אין די אוקראַינישע, ווייסרוסישע און מזרח־פּוילישע שטחים — והשנית, פון דעם פאַקט, אַז די עלטסטע זיכערע ידיעות, וועלכע זענען צו אונדז דערגאַנגען וועגן ייִדישע ישובים אין רייסן און פּוילן, באַלאַנגען צו אַזעלכע

ישובים, ווי קיעוו, טשערניכאָוו, לודמיר (וולאָדזימיעזש אין וואָלין), האַליטש און פּזשעמישל. אַזוי, אַ שטייגער, דערמאָנט ר׳ יהודה הכהן אין זיין „ספר הדינים" (פון 11־טן י"ה) וועגן אַ יידיש יינגל, וועלכן מען האָט אין זיין צייט געבראַכט פון „פּרימיט"—פּזשעמישל קיין פּראָג, וואו מען האָט אים געוואָלט פאַרקויפן פאַר אַ שקלאַף. אין נאָך פריערע צייטן, אַ שטייגער, אין 8־טן י"ה, דערציילט אַן אַנדערע העברעישע קוועלע פון אַ יידישן ישוב „היילאַ", „האַל" אין „סביניא", וואָס לאָזט זיך אידענטיפיצירן מיט האַליטש אין „סלאַוואָניע", דהיינו אינם סלאַוון־לאַנד. דער יידישער ישוב אין קיעוו לאָזט זיך פעסטשטעלן שוין אַרום יאָר 1113. וועגן דעם, אַז אין טשערניכאָוו האָט עקזיסטירט אַ יידישער ישוב שוין אין 12־טן י"ה, קאָן מען משער זיין לויט אַ באַריכט פון אַ העברעישער קוועלע. דאָרט ווערט דערציילט, אַז אַרום יאָר 1181 האָט זיך צווישן די תּלמידים פון דער דעמאָלט באַרימטער לאָנדאָנער ישיבה געפונען איינער מיטן נאָמען אברהם פון טשערניכאָוו. אין דערזעלבער צייט עקזיסטירט אויך אַ יידישער ישוב אין לודמיר, וואָרים אין י. 1171 באַגעגענען מיר אויף די ירידים אין קעלן ביים ריין אַ ייד מיטן נאָמען ר׳ בנימין פון לודמיר. אין דעמזעלבן צוזאַמענהאַנג איז נאָך כדאי צו ברענגען דאָס פאָלגנדיקע ביגטל קוועלן־ידיעות פון 12־טן און 13־טן י"ה: דער יידישער למדן ר׳ משה פון קיעוו וואַנדערט אין 12־טן י"ה פון זיין רייסישער היים ווייט קיין מערב, בכדי אויפצוזוכן די ישיבה פון רבני יעקב תּם. רייסישע ישיבה־בחורים באַגעגענען מיר אין דערזעלבער צייט אין שפּאַנישע ישיבות, ווי אַ שמייגער, אין דער ישיבה פון טאָלעדאָ. אין י. 1124 שרייבט אַ רייסישער למדן, ר׳ שמואל פון רייסן, אַ באור צום חומש. ביים אָנהויב פון 13־טן י"ה ווערן דער־מאָנט 4 למדנים פון פּוילן און רייסן, דהיינו, ר׳ יצחק, ר׳ מרדכי און ר׳ משה בן חסדאי פון פּוילן און ר׳ יצחק פון רייסן. די אַלע געבראַכטע ידיעות באַווייזן, אַז דאָס יידישע לעבן האָט זיך אין דער צייט, זינט דעם סוף פון 10־טן י"ה ביז דעם י. 1241 קאָנצענטריט אין רייסן און אין די מזרחדיקע שטחים פון פּוילן.

אין די מיטלערע און מערבדיקע שטחים פון פּוילן האָבן דעמאָלט עקזיסטירט בלויז געציילטע יידישע ישובים. צו די לעצטע באַלאַנגען די פון אונז שוין דערמאָנטע „קאַבאַרישע", דהיינו, כּוזריש־יידישע דערפער לעבן צווימער און קראָקע, ווי אויך אייניקע דערפער מיט דער יידישער נאָמענקלאַטור "Żidowo" וואָס ווערן דורך די קוועלן דערמאָנט ביים

אָנהויב פון 13-טן י״ה. דאָס זענען: דאָס דאָרף Zidowo לעבן
גנעזן (דערמאָנט אין די קוועלן אין י. 1205), Żidowo לעבן
קאַליש (1213) און דאָס דאָרף Żidowo לעבן שאַמאָטולי (פאַרן
י. 1257). דער נאָמען Żidowo נעמט זיך בלי ספק פון די ייִדישע
קאָלאָניסטן, וואָס האָבן זיך באַזעצט אין דידאָזיקע דערפער, און ער
שטעלט מיט זיך פאָר אַן אַנאַלאָגישע דערשיינונג צו די אַזויגערופענע
„Judendörfer", וועלכע מיר באַגעגענען בעת דעם 12-טן און 13-טן
י״ה אין אַ גרויסער צאָל אין די דרום-דייטשע, און בפרט אין די
עסטרייכישע לענדער. אַחוץ די אויסגערעכנטע גרויס-פוילישע „ייִדן-
דערפער" („Żidowo"), זענען נאָך באַוואוסט אייניקע ישובים מיט
דעמזעלבן אָדער מיט אַן ענלעכן נאָמען אין קליין-פוילן,
קויאַוויע און רויט-רייסן, ווי, למשל, Żidow, Żydatycze villa,
Żydow vilea, Żydowska Wola, אמת, די עלטסטע קוועלן-
ידיעות וועגן זיי שטאַמען ערשט פון 14-טן און 15-טן י״ה. אָבער אָן
אַ ספק זענען מאַנכע פון זיי אַנטשטאַנען שוין אין 13-טן י״ה.

וואָס איז שייך דעם ייִדישן עלעמענט, וואָס האָט באַוואוינט
די דערמאָנטע קאָבאַרישע און „ייִדישע" דערפער אויפן פוילישן באָדן,
לאָזט זיך משער זיין, אַז ער האָט זיך גענומען פון צוויי איינ-
וואַנדערונג-שטראָמען, וואָס האָבן זיך דאָ געמוזט באַגעגענען שוין
אין 11-טן י״ה. איינער פון די שטראָמען האָט זיך געטראָגן פון מזרח,
און אַ דאַנק אים זענען אַנטשטאַנען די כוזריש-ייִדישע קאָלאָניעס ביי
צוויזמער און קראָקע, דהיינו, די אונז שוין באַוואוסטע „קאָבאַרן"-אָדער
„חברים"-דערפער. דער צווייטער שטראָם איז געגאַנגען פון מערב
איבער בעמען און שלעזיע און האָט אַריינגעבראַכט קיין פוילן
אשכנזישע עלעמענטן. די עלטסטע דאָקומענטאַלע ידיעות וועגן דער-
דאָזיקער איינוואַנדערונג פון מערב-זייט באַווייזן זיך ביים סוף פון
11-טן און אין משך פון 12-טן י״ה. אַזוי ווערט דורך אַ בעמישער
בראָניק איבערגעגעבן, אַז אין י. 1098 זענען אַ סך ייִדן אַנטלאָפן,
צוליב די רדיפות, פון בעמען און אַז אַ טייל פון זיי האָט איינ-
געוואַנדערט קיין פוילן. אין י. 1161 ברעכן אויס אין פראָג
פאָגראָמען אויף ייִדן און דאָס טרייבט ווייטער די וואַנדערונג-כוואַליע
קיין פוילן. אין י. 1187 ווערט אונז איבערגעגעבן, אַז מחמת מורא
פאַר אַ מגיפה און רדיפות האָבן אַ סך ייִדן עמיגרירט פון פראָג, און
מען קאָן משער זיין, אַז אויך דאָס מאָל האָט זייער וועג געפירט
קיין פוילן.

האָבנדיק זיך באַקענט מיט דער אַנטשטייונג און אַנטוויקלונג

פון די עלטסטע יידישע ישובים אין די רייסיש-פוילישע לענדער, וועלן מיר זיך איצט אָפּשטעלן ביי די עפנטלעך-רעכטלעכע און ווירטשאַפטלעכע באַציונגען זייערע. וועגן די ווירטשאַפטלעכע פאַרהעלטענישן אין די יידיש-רייסישע ישובים גיבן אונז די קוועלן פונם באַהאַנדלטן פעריאָד זייער ווייניק ידיעות. וויסנדיק אָבער, אַז דער כוזריש-יידישער עלעמענט האָט זיך אין דער אַמאָליקער כוזרישער מלוכה פאַרנומען מיט לאַנדווירטשאַפט און אַז ער פלעגט איבערלאָזן דעם מסחר פאַר „פרעמדע", בפרט פאַר די מערב-אייראָפּעישע וועלט-הענדלער („ראַדאַניטן"), קאָנען מיר משער זיין, אַז די קאָלאָניזאַציע, וואָס האָט נאָכן חורבן פון דער כוזרישער מלוכה דערפירט צו דער אַנטשטייונג פון נייע און צו דער באַפעסטיקונג פון אַלטע כוזריש-יידישע ישובים אין רייסן און מזרח-פוילן, האָט געטראָגן דערעיקרשט אַ לאַנדווירטשאַפטלעכן כאַראַקטער. מיט דער אַנטוויקלונג פון גרעסערע ישובים, ווי אַ שטייגער, אין קיעוו און לודמיר, האָט זיך אָבער אַ טייל פון די יידיש-כוזרישע קאָלאָניסטן געמוזט נעמען אויך צום האַנדל. זיכערע ידיעות האָבן מיר וועגן דעם ערשט פון דער צווייטער העלפט פון 12-טן י"ה, און מיר קאָנען פעסטשטעלן, אַז דער האַנדל זייערער האָט געפירט איבער די אַלטע שליאַכן פון די „ראַדאַניטן" ווייט קיין מזרח און מערב. אויף דער מערב-זייט האָט ער דערגרייכט ביז די ריין-געגנטן, ווי מיר זעען עס פון דער שוין געבראַכטער ידיעה פון י. 1171 וועגן אַ געוויסן ר' בנימין פון לודמיר, וואָס האָט צו יענער צייט געהאַנדלט צוזאַמען מיט אַ פראַנצויזישן ייד, אַ געוויסן ר' אברהם פון קאַרענטאַן, אויף די ירידים אין קעלן ביים ריין. צוזאַמען מיט די „ראַדאַניטן" פלעגן די יידן פון די רייסישע לענדער עקספּאָרטירן שקלאַפן, פעלן און זאַלץ און איינהאַנדלען דערפאַר אויף די מערב-אייראָפּעישע ירידים פלערליי שטאָפן. אַזוי, אַ שטייגער, ווערט אונז אין העברעישע קוועלן פון 12-טן י"ה איבערגעגעבן, אַז יידן פלעגן אויף די ריין-לענדישע ירידים איינקויפן גרויסע טראַנספּאָרטן פלאַנדרישע שטאָפן, וועלכע זיי פלעגן דאַן עקספּאָרטירן קיין „רוסיאַ", וואו זיי פלעגן אויפקויפן פאַר די שטאָפן טייערע פוטערוואַרג. אין צוזאַמענהאַנג מיט דידאָזיקע טראַנזאַקציעס איז פאַרשטענדלעך, פאַרוואָס דער דערמאָנטער ר' בנימין פון לודמיר האָט געמאַכט אַזאַ ווייטע נסיעה קיין קעלן ביים ריין. וואַרשיינלעך האָבן זיך רייסישע יידן אויך באַטייליקט אינם יידישן האַנדל, וואָס האָט ביים סוף פון 12-טן און ביים אָנהויב פון 13-טן י"ה — לויט אַ באַריכט פון „אור זרוע" — געפירט קיין בולגאַריע און קאָנסטאַנטינאָפּאָל און פון דאַנען מיטן „גריכישן שליאַך"

קיין פראָג. פון דעם פאַקט, אַז די רייסישע יידן האָבן געמעגט, באַזיצן שקלאַפן און אויך האַנדלען מיט זיי, קאָן מען אַרויסדרינגען אַז די יידן האָבן אינם עפנטלעך־רעכטלעכן זין — גענאָסן פון געוויסע פרייהייטן, וואָרים דער באַזיץ פון שקלאַפן איז דעמאָלט געווען אַ פריווילעגיע אויסשליסלעך פון פרייע עלעמענטן.

אַ פרייער עלעמענט זענען אין דער באַהאַנדלטער תקופה אויך געווען די פוילישע יידן. ווי עס איז אונז מודיע דער פוילישער כראָניסט פון 12־טן י״ה ווינצענטי קאַדלובעק, איז דעמאָלט פאַר דערהרגענען אַ יידן באַשטימט געווען אַ שטראָף, וואָס האָט געהייסן „Septuaginta“ — און וואָס מיט איר פלעגט מען אייגנטלעך באַשטראָפן אויך פאַר מאַיעסטעט־באַליידיקונג אָדער חילול־השם. דערזעלבער כראָניסט גיט אויך איבער, אַז פאַר אָנפאַלן אויף יידן האָט מען דעמאָלט באַשטראָפט מיט גרויסע געלט־סומעס, ווי פאַר אַ שווערן פאַרברעך, אָדער מיט פאַרשיקן אין די גרובנס צו שווערע אַרבעטן. דאָס אַלץ באַווייזט, אַז די יידן זענען דעמאָלט, אין פוילן, געווען נישט ערגער געשיצט, ווי די ריטערלעכע שיכט. זייער גינסטיקע לאַגע אַלס פרייער עלעמענט דרינגט אויך אַרויס פון דעם פאַקט, וואָס זיי האָבן, פונקט ווי די רייסישע יידן, געמעגט האַנדלען מיט שקלאַפן און — ווי מיר וועלן דאָס באַלד זען — אפילו מיט קריסטלעכע שקלאַפן.

וואָס איז שייך דעם ווירטשאַפטלעכן כאַראַקטער פון די פויליש־יידישע ישובים, איז משער צו זיין, אַז די „יידן־דערפער“ און „קאַבאַרן־דערפער“, וועלכע מיר באַגעגענען בעת דעם באַהאַנדלטן פעריאָד אין גרויס־פוילן, קליין־פוילן און קויאַוויע, האָבן געהאַט פונקט אַזאַ געמישטן פרצוף, אַ האַלב־שטאָטישן און האַלב־דאָרפישן, ווי די „יידן־דערפער“, וועלכע האָבן אין דערזעלבער צייט עקזיסטירט אין די דרום־דייטשע געביטן. די יידן פון די דאָזיקע דערפער פלעגן זיך פאַרנעמען טיילווייז מיט מסחר, טיילווייז מיט ערד־אַרבעט, גערטנעריי און פי־צוכט. ווי נישט איז, האָבן די יידן שוין אין 11־טן און 12־טן י״ה געשפילט אַ באַדייטנדיקע ראָלע אינם פוילישן ווירטשאַפטס־לעבן, זייענדיק די טרעגער פון דער יונגער געלט־ווירטשאַפט אין פוילן. פון י. 1085 ווערט אונז דורך דעם כראָניסט גאַלוס איבערגעגעבן, אַז יהודית, דאָס ווייב פונם פיאַסטישן פירשט וולאַדיסלאַוו הערמאַן, האָט זיך דעמאָלט באַמיט אויסצוקויפן קריסטלעכע שקלאַפן פון יידישע הענט. עס איז אָבער נאָך אַ פראַגע, צי מיר האָבן דאָ צו טון מיט אָרטיקע יידישע שקלאַפן־

הענדלער. גיכער זענען דאָס געווען יענע מערב־אייראָפּעישע ייִדן, וועלט־הענדלער („ראַדאַניטן”), וואָס פּלעגן — לויט די באַריכטן פון בנימין דע טודעלאַ און ר' פּתחיה מרעגענסבורג — זיך אַראָפּלאָזן אין די סלאַוון־לענדער, וואו עס איז געווען אַ גרויסע מעגלעכקייט איינצוהאַנדלען שקלאַפן. די באַדייטונג פון די פּוילישע ייִדן פאַר דעם אויפבלי פונם האַנדל און פון דער געלט־ווירטשאַפט אין די דעמאָלט נאָך „יונג־פּרווילעכע” רויע פּוילישע געביטן, אַנטפּלעקט זיך צום בולטסטן אויפן פּאָן פון די העכסט־וויכטיקע אַרכעאָלאָגישע אויסגראָבונגען, וואָס זענען אין פאָריקן יאָרהונדערט געמאַכט געוואָרן אין אייניקע פּוילישע געגנטן, ווי בעקעראָוו, וויעניצאַ און גלענבאָקאַ. מען האָט דאָרט, נעמלעך, אויסגעגראָבן אוצרות מטבעות, צווישן זיי אויך אַ היפּשע צאָל מטבעות מיט העברעישע איבערשריפטן אָדער מיט פּוילישע טעקסטן, נאָר אויסגעשטעלט מיט העברעישע אותיות, ווי אַ שטייגער, „משקאָ קרול פּאָלסקי” („מיעשקאָ דער קעניג פון פּוילן”), „קרל לישקוס” („קעניג לעשעק”), אָדער „משקא מלך” און אַז. וו. דיזאָזיקע מטבעות מיט העברעישע אותיות שטאַמען פון 12־טן און 13־טן י"ה און זיי זאָגן עדות, אַז די פּיאַסטישע מאַכטהאָבער, אַ שטייגער, מיעשקאָ III (1173—1209), קאַזשימיעזש דער גערעכטער (1194), באָלעסלאַוו קיענדזשיעזשאַווי (1201) און לעשעקאָ דער ווייסער (1205) פּלעגן די מינצן זייערע איבערגעבן צו די ייִדן אין אַרענדע. זייער אויפפאַלנדיק איז דערביי די צייט, אין וועלכער ס'באַווייזן זיך די ייִדישע מינץ־אַרענדאַרן און מינץ־מייסטער אין פּוילן. מיר באַגעגענען זיי, נעמלעך, אוממיטלבאַר נאָך די פּאָגראָמען און אויסוואַנדערונגען פון די פּראָגער ייִדן, וואָס זענען פאָרגעקומען אין די יאָרן 1161 און 1187. וועגן די פּראָגער ייִדן ווייסן מיר אָבער, אַז צווישן זיי האָבן זיך — לויט די ווערטער פונם בעמישן כראָניסט קאָסמאַס — געפונען „די סאַמע רייכסטע מינץ־מייסטער („monetarü opulentissimi“). ס'איז דעריבער זייער וואַרשיינלעך, אַז די ייִדישע מינץ־מייסטער פון די דערמאָנטע פּוילישע פירשטן האָבן געשטאַמט פון יענע געניטע סוחרים, רייכע געלט־וועקסלער און דערפאַרענע מינץ־מייסטער, וואָס האָבן געמוזט אין די טראַגישע יאָרן 1161 און 1187 פאַרלאָזן זייער פּראָגער היים און אויסוואַנדערן קיין פּוילן.

עס וואָלט געווען פאַלש ביז גאָר, ווען מיר זאָלן דאָס ביסל ידיעות וועגן די ייִדישע שקלאַפן־הענדלער און מינץ־מייסטער, וואָס מיר פאַרמאָגן אין פּוילן פון דעם 11־טן, 12־טן און 13־טן י"ה

געגעראַליזירן און באַהויפּטן, אַז מסחר און מינץ־אַרענדעס זענען דע־מאָלט געווען די הויפּט־באַשעפטיקונגען פון די פּוילישע יידן. אין דער אמתן האָבן צו יענער צייט די סוחרים און מינץ־אַרענדאַרן פאַר־געשטעלט מיט זיך אַ פאַרשווינדנדיקע מינדערהייט אינם פּוילישן יידנטום. ס׳רוב האָבן זיך דעמאָלט די פּוילישע יידן פאַרנומען מיט פּרנסות, וואָס גיבן קליינע פאַרדינסטן, ווי, אַ שטייגער, מיט לאַנדווירטשאַפט און גערטנערײַ. ביים אָנהויב פון 13־טן י״ה זענען די יידיש־פּוילישע ישובים געווען אַזוי אָרעם, אַז זיי האָבן נישט געהאַט די נויטיקע געלטער, בכדי אָנצושטעלן ביי זיך רבנים. זיי האָבן געמוזט אָנגעטרויען פּראָסטע מלמדים אי די פונקציעס פון אַ רב, אי די פונקציעס פון אַ חזן און אַ שוחט, און אַזאַ מלמד, וואָס איז גלייכצייטיק געווען אי אַ רב, אי אַ חזן, אי אַ שוחט, האָט דאָך נישט באַקומען קיין שטענדיקן געהאַלט פון דער קהילה, נאָר ער האָט זיך געמוזט באַנוגענען מיט גוטוויליקע געלטער, וועלכע יידן פלעגן אים געבן ביי אַ חתונה, אַ ברית וכדומה. וועגן דעם לייענען מיר אין אַ באַריכט, וואָס איז אַרום יאָר 1200 אָנגעשריבן געוואָרן פון ר׳ אליעזר בן יצחק פון בעמען צום באַרימטן ר׳ יהודה החסיד פון רעגענסבורג. מיר האָבן נישט קיין שום גרונט צו שטעלן אין ספק די וואָרהייט פונם בילד, וואָרים געשילדערט האָט עס אַ ייד אַ למדן, וואָס האָט געלעבט אין יענע צייטן און וואָס האָט דאָסדאָזיקע בילד געצייכנט אויפן סמך פון זיין אייגענער ראיה!

§ 51 יידישע ישובים אין פוילן און רייסן און זייער ווירטשאַפטס־בילד אין דער צייט פון 1241—1350.

נישט אָן אַ וויכטיקער סיבה האָבן מיר אויסגעוויילט דאָס יאָר 1241 אַלס ווענד־פונקט אין דער געשיכטע פון די פּויליש־רייסישע יידן. די דעמאָלטיקע טאָטערישע אָנפאַלן, די אויבערהערשאַפט פון די קיפטשאַצקער כאַנען איבער רייסן, וואָס האָט זיך צו יענער צייט אָנגעהויבן און וואָס האָט געדויערט איבער צוויי הונדערט יאָר, דער אַריינמאַרש פון באַטי־כאַן קיין פוילן — אָט די אַלע דערשיטערונגען זענען אַוודאי נישט געבליבן אָן אַ השפעה אויף דער אַנטוויקלונג פון די יידישע ישובים אין פוילן און אין רייסן. ס׳איז גענוג אַ קוק צו טון אויף דער יידישער קאָלאָניזאַציע, וואָס איז פאָרגעקומען אין פוילן און רייסן פון די יאָרן 1241—1350, אַז מען זאָל גלייך דערקענען די שפּורן פון דעם טאָטערישן אויפמאַרש און פון דער ממשלה פון די

קיִפּטשאַקער כאַנען אין רייסן. אין ווייס־ און רויט־רייסן איז צו יענער צייט אין קול ואין עונה וועגן יידן. ס'זענען אָפּגעמעקט געוואָרן פון דער ערד די יידישע ישובים, וואָס האָבן פריער עקזיסטירט אין קיעוו, טשערניכאָוו און לודמיר. ס'ווערן אויך כלה אַלע ידיעות וועגן יידישן האַנדל און וואַנדל אין יענע מקומות, הגם ביז נישט לאַנג זענען קיעוו און לודמיר געווען וויכטיקע פונקטן אויפן האַנדלס־שליאַך פון יידן־„ראַדאַניטן". ערשט אין יאָר 1288 ווערט אין די קוועלן אַרויסשווימען אַ ידיעה וועגן אַ נייער יידישער קאָלאָניזאַציע אין לודמיר, און אַ סך שפּעטער, ערשט אין י. 1356 ווען זיך לאָזן אויפזוכן די ערשטע שפּורן פון אַ יידישן ישוב אין לעמבערג. אַ חוץ די דאָזיקע צוויי קהילות לאָזן זיך אין רייסן פאַר דער גאַנצער צייט פון די יאָרן 1241—1350 נישט אויפווייזן קיין שום אַנדערע ישובים.

מיט אַ לעבעדיקערן דופק קלאַפּט, דאַקעגן, דאָס יידישע לעבן אויף די שטחים פון די פּיאַסטן: אין קליין־ און גרויס־פּוילן, ווי אויך אין מאַזאָווּשע און שלעזיע. ס'אַנטשטייען דאָ נייע, פריער נישט באַקאַנטע קהילות, ווי אַ שטייגער: די קהילה אין פּלאָצק (מאַזאָווּשע 1237), די קהילה אין קאַליש (1287), ווי אויך די קהילות אין קראָקע און פּוזן (כמעט אין די זעלבע יאָרן). דער גרעסטער אויפבלי פונם יידישן עלעמענט לאָזט זיך דערמאָלט באַמערקן אין יענע פּיאַסטן־פירשטנטומס, וואָס זענען געלעגן אין שלעזיע: די צאָל יידישע קהילות האָט דאָ אויסגעמאַכט אין 12־טן י"ה בסך הכל 3, דאַקעגן אין 13־טן י"ה שוין 8 און אין דער ערשטער העלפט פון 14־טן י"ה — גאַנצע 19. פון די געבראַכטע פאַקטן דרינגט בפירוש אַרויס, אַז דער צענטער פונם יידישן לעבן אויף דעם ווייטן סלאַווישן שטח, וואָס האָט זיך ביזן יאָר 1241 געפונען אין רייסן, האָט זיך איצט אַריבערגעטראָגן אין די מערב־פּוילישע און שלעזישע געביטן.

נאָך בולטער טרעט אַרויס די ענדערונג, וואָס איז פאָרגעקומען צוליב דעם אויפמאַרש פון די טאָטערן (וואָס איז, ווי באַוואוסט, אויפגעהאַלטן געוואָרן ערשט אין שלעזיע אין דער באַרימטער שלאַכט ביי ליגניץ), ווען מיר שטעלן זיך אָפּ ביי דעם פריער אַזוי פאַרצווייגטן וועלט־האַנדל פון די יידן־ראַדאַניטן, וואָס איינער פון זיינע הויפּט־שליאַכן האָט געפירט איבער פּוילן און רייסן. מחמת די נישט זיכערע פאַרהעלטענישן אין רייסן, וואָס האָט זיך אין אונזער תקופה געפונען אונטער דער איבערהערשאַפט פון די טאָטערישע כאַנען, הערן אויף די האַנדלס־נסיעות קיין קיעוו און לודמיר. די „ראַדאַניטן" פאַרשווינדן כמעט אינגאַנצן פון די פּויליש־רייסישע טעריטאָריעס. דער מזרח־

האַנדל גייט, זינט דער העלפט פון 13־טן י״ה, כּמעט אויסשליסלעך איבער אונגאַרן, און ער באַרירט פּוילן בלויז פון דער מערבֿ־זייט און פאַרקערעוועט זיך אויפן אַזויגערופענעם „גריכישן שליאַך" איבער דעם טאָל פון פּאָפּראַד און דונאַיעץ אין די מערבדיקע קאַרפּאַטן, בכדי זיך דאַן צו ווענדן איבער אַלט־סאַנץ און קראָקע קיין שלעזיע און פון דאַנען איבער פּראָג ווייטער קיין מערבֿ, דהיינו, קיין עסטרייך און דייטשלאַנד. אויף דעמדאָזיקן וועג, וואָס ווערט אָן transito קליין־פּוילן, באַגעגענען מיר יידישע סוחרים שוין אין דער ערשטער העלפט פון 13־טן י״ה. בשפּעדיקע ידיעות וועגן זיי שטראָמען אָבער אָן ערשט זינט דער מיט פונם דאָזיקן י״ה. דערביי טרעט אַרויס אַ זייער כאַראַקטעריסטישע דערשיינונג: אויפן אָרט פון די אַמאָליקע יידישע סוחרים, דהיינו, פון די מערבֿ־אייראָפּעישע „ראַדאַניטן" באַווייזן זיך איצט יידישע הענדלער פון ווייטן מזרח און פון גריכנלאַנד. מיר זעען אויך, אַז אין צוזאַמענהאַנג מיט די נסיעות איבער פּוילן, שלעזיע און מערן באַזעצן זיך דאָ מאַנכע פון דידאָזיקע סוחרים אויף שטענדיק.

און אָט זענען קוועלן־אילוסטראַציעס פאַר די געבראַכטע פאַקטן.

אין אַ פּריווילעגיע, וואָס איז אין י. 1327 אַרויסגעגעבן געוואָרן דורכן פּוילישן קעניג וולאַדיסלאַוו לאָקיעטעק פאַר דער שטאָט סאַנץ, ווערן דערמאָנט יידישע סוחרים, וואָס פאָרן פון אונגאַרן מיטן „גריכישן שליאַך" קיין סאַנץ און קראָקע. זיי זענען באַפרייט פון כל המינים מכסים. אַ ראיה, אַז דער פּוילישער קעניג האָט געלייגט אַ סך געוויכט דערויף, אַז דער יידישער אָריענט־האַנדל זאָל זיך פריי באַוועגן אויפן קליין־פּוילישן וועג איבער קראָקע און סאַנץ קיין אונגאַרן.

לויט אַ ידיעה, וואָס שטאַמט פון „לקט יושר" (בערלינער אויסגאַבע 1903), טרייבן יידישע סוחרים אין 14־טן י״ה אַ לעבעדיקן האַנדל פון גריכנלאַנד איבער אונגאַרן און דעם מערבֿ־קאַנט פון פּוילן קיין נידער־עסטרייך. דורך זייער פאַרמיטלונג קומט אָן קיין ווינער ניישטאָט צוקער און רייז פון קאַנדיע.

אין דעם קהל־פּנקס פון קרעמזיר, וואָס דערלאַנגט מיט זיינע עלטסטע פאַרשרייבונגען ביז דעם 14־טן י״ה, פיגורירן אַלס עלטסטע קהילה־מיטגלידער יידן מיט אַזעלכע כאַראַקטעריסטישע נעמען, ווי: קלונימוס, כלב־יקר, אבא־מארי וכדומה. נישט שווער צו דערקענען אין זיי גריכישע און אַזיאַטישע יידן. בלי ספק זענען זיי געקומען קיין קרעמזיר (מערן) אַ דאַנק די געשילדערטע מסחרים, וואָס זיי האָבן געפירט פונם אַזיאַטישן מזרח און גריכנלאַנד איבער אונגאַרן, מערבֿ־פּוילן און שלעזיע קיין מערן און עסטרייך.

אין שלעזיע באַגעגענען מיר אין די אַקטן פון 14־טן י״ה אַזעלכע יידישע נעמען, ווי „קאָבאָס״ (פאַרדאָרבן פונם גריכישן „יאַקאָבאָס״—יעקב), Sabday (זבדי), yla (אליה). די לעצטע צוויי נעמען באַווייזן זיך צום פריסטן אין קרים (שוין אין 4־טן י״ה), און זיי זענען דאָ געווען זייער פּאָפּולער צווישן די יידן. זיי זענען אָבער אויך געווען שטאַרק פּאָפּולער אין דערדאָזיקער תקופה ביי די שלעזישע און פּויליש־רייסישע יידן.

עד כאן די קוועלן־מאַטעריאַלן, וואָס אילוסטרירן דעם איבערברוך אין דער אַנטוויקלונג פון די יידיש־רייסישע ישובים און פון דעם יידישן אָריענט־האַנדל אין צוזאַמענהאַנג מיט די געשעענישן אין יאָר 1241.

מיט דער הילף פון די געבראַכטע מאַטעריאַלן האָבן מיר באַוויזן, אַז סיי דער צענטער פון יידישן לעבן, סיי דער הויפּט־טראַקט פון דעם יידישן מזרח־האַנדל זענען זינט דעם י. 1241 אַריבערגערוקט געוואָרן פון רייסן (קיעווער און לודמירער געגנט) קיין פּוילן און שלעזיע. איצט וועלן מיר זען, פון וואָס פאַר אַ עלעמענטן עס זענען באַשטאַנען די יידישע ישובים, וואָס האָבן אין דער באַהאַנדלטער תקופה גענומען אויפבליען אויף די טעריטאָריעס פון די פּיאַסטן. אויף איינעם אַן איינוואַנדערונגס־שטראָם האָבן מיר שוין אָנגעוויזן, און דאָס איז דער שטראָם, וואָס האָט זיך צוזאַמען מיטן יידישן מזרח־האַנדל געטראָגן פון אַזיע און גריכנלאַנד און וואָס אַ דאַנק אים לאָזן זיך אין דער באַהאַנדלטער תקופה פעסטשטעלן אַזיאַטישע און גריכישע יידן אויף די פּויליש־שלעזישע טעריטאָריעס. דער צווייטער איינוואַנדערונגס־שטראָם איז אַהערגעקומען פון מערב און צו אים באַלאַנגט אויך די דעציזירנדיקע ראָלע ביים אויספורעמען דאָס יידישע לעבן אין פּוילן. פון דער באַהאַנדלטער צייט באַזיצן מיר צוויי מינים קוועלן־ידיעות, וואָס גיבן אונז די שפּורן פון דערדאָזיקער איינוואַנדערונג פון מערב־זייט: א) איין מין פון די קוועלן בילדן די נעמען פון די פּוילישע יידן, וועלכע מיר געפינען אין די פּוילישע אַקטן פון דער ערשטער העלפט פון 14־טן י״ה. ס׳רוב זענען די נעמען דייטשע אָדער העברעישע מיט דייטשע פאַרקלענער־ענדונגען (דימינוטיוון). אַזוי, אַ שטייגער, הייסן דעמאָלט די קראָקעווער יידן: מערקלין, קאָסלין, מושין (פון משה), יאַקאָלא וכדומה. דיזעלבע נעמען באַגעגענען מיר אין דערזעלבער צייט ביי די יידן אין נירנבערג און ווין, ווי אויך ביי די יידן אין די שטייערמערקישע, טשעכישע און שלעזישע שטעט; ב) די עלטסטע פּריווילעגיעס פון די פּוילישע

יידן בילדן דעם צווייטן מין קוועלן, וואָס קומען דאָ אין באַטראַכט. דאָס זענען: די פּריווילעגיע פונם פירשט באָלעסלאַוו פון קאַליש, געגעבן די יידן אין י. 1264 און די פּריווילעגיע, וועלכע קאַזשימיערזש דער גרויסער האָט דערלאַנגט די יידן אין י. 1334. ביידע פּריווילעגיעס זענען זיך סומך אויף דער באַוואוסטער עסטרייכישער פּריווילעגיע פון י. 1244 און זיי פאַרמאָגן אינם אַריינפיר אַ כאַראַקטעריסטישע באַמערקונג, אַז זיי זענען געגעבן געוואָרן „צוליב דער התשתדלות פון די יידן" (ad peticiones Judaeorum). בכן איז די איניציאַטיוו געקומען פון די יידן גופא. די יידן אַליין האָבן זיך נאָכגעזוכט אַ מוסטער פאַר די פּריווילעגיעס, און אויב זיי האָבן זיך אויסגעקליבן אַלס מוסטער דעם באַרימטן עסטרייכישן פּריווילעג פון י. 1244, איז דאָס אַ באַווייז, אַז זיי זענען געשטאַנען אין אַן ענגן קאָנטאַקט מיטן דייטשן יידנטום, זייענדיק אין אַ געוויסער מאָס אַ מזרחדיקע פאַרצווייגונג פונם לעצטן.

גייען מיר אָבער איבער צו דער סאָציאַלער אוןווירטשאַפטלעכער לאַגע פון די יידן אין פּוילן בעת דער באַהאַנדלטער תקופה.

אונטער דער השפעה פון די מערב־אייראָפּעישע מוסטערן, וואָס ווערן איבערגעפלאַנצט אין פּוילן אינאיינעם מיט דער דייטשער קאָלאָניזאַציע, הערן די יידן אויף צו זיין אַ פרייע שיכט און עס ווערן לגבי זיי אָנגעווענדט דער פּרינציפּ פון „קאַמער־קנעכטשאַפט". צום פּריסטן ווערט דערדאָזיקער פּרינציפּ אויסגעדריקט אין דער שוין דערמאָנטער קאַלישער פּריווילעגיע פון י. 1264. אין דער פּראַקטיק פירט דאָס אָבער נישט אין פּוילן צו יענע טרויעריקע קאָנזעקווענצן פון מערב־אייראָפּע. אין ענינים מיט קריסטן און עניני־נפשות זענען די פּוילישע יידן אונטערגעוואָרפן געוואָרן דעם געריכט פון די וואָיעוואָדעס, וועלכע האָבן פאַרטרעטן אין אַזעלכע פאַלן דעם קעניג.

לויטן מוסטער פון מערב זענען די פּוילישע יידן אין דער באַהאַנדלטער צייט אָרגאַניזירט געוואָרן אין קהילות, וואָס ווערן געפירט דורך די אַזויגערופענע „יידן־בישאָפן" (episcopi iudaeorum). אין ענינים צווישן זיך (מיטן אויסנאַם פון עניני־נפשות) ווערן די יידן געמשפּט דורך אויטאָנאָמע יידישע געריכטן, וואָס פּסקענען לויטן יידישן דין.

אין די דאָקומענטן, וואָס באַלויכטן דאָס ווירטשאַפטלעכע לעבן פון די פּוילישע יידן, אַנטפּלעקן זיך בעת דעם באַהאַנדלטן יאָרהונדערט די ערשטע ידיעות וועגן יידישע קרעדיט־אָפּעראַציעס. דער יידישער קרעדיט איז רעגולירט געוואָרן לויטן דייטשן מוסטער, דורך די פּריווי־

לעגיעס פֿון י. 1264 און 1334. די שליאַכטע, וואָס שטעלט מיט זיך פֿאָר די הויפּט־קליענטעלע פֿון די יידישע באַנקירן, מאַכט אָנשטרענגונגען, אַז עס זאָל אויף די יידישע קרעדיט־געשעפֿטן אַרויפֿגעלייגט ווערן אַ צוים, בעת דער קעניג, דער שוץ־האַר, לאָזט זיי לחלוטין פֿריי, „מחמת די יידן, אַלס אונזערע קאַמער־קנעכט, זענען מחויב צו האָבן גרייט געלט פֿאַר אַנדערע אונזערע (דהיינו: קעניגלעכע) הצטרכותן". להיפּוך צו די פּריווילעגיעס, וועלכע די יידן האָבן באַקומען פֿון די פּוילישע מאַכטהאָבער און וועלכע באַרירן נישט די פֿראַגע וועגן דעם צינזן־פֿוס פֿון די הלוואות ביי יידן, „באַוועלטיקט" די שליאַכטע „די אומגעזעטיקטע תאווה פֿון די פּראָצענטניקעס", באַשטימענדיק אויף אַ צוזאַמענפֿאָר אין י. 1347, אַז די יידן מעגן פֿון די תביעות זייערע באַרעכענען נישט מער, ווי 54 פּראָצ. אין דער ווירקלעכקייט אָבער פֿלעגט מען די יידן צאָלן צוויי מאָל אַזויפֿיל, דהיינו 108 פּראָצ. די די יידן פֿלעגן לייען אויף האַנט־משכּנות און אויף היפּאָטעקן. דער היפּאָטעקן־קרעדיט איז דורך די פּריווילעגיעס פֿון די יאָרן 1264 און 1334 אויסדריקלעך דערלויבט געוואָרן. זייער פֿאַרשפּרייט זענען אויך געווען יידישע הלוואות אויף שטרות און אויף ערבֿות.

אמת, די שליאַכטע האָט אויף דעם שוין דערמאָנטן צוזאַמענפֿאָר אין יאָר 1347 פֿאַרלאַנגט, אַז עס זאָלן אָפּגעשאַפֿט ווערן די הלוואות אויף שטר־חובֿות און זי האָט אויך אָנגענומען אַ באַשלוס אין דעמדאָזיקן זין, אָבער נישט געקוקט דערויף, האָט זיך דידאָזיקע פֿאָרם פֿונם יידישן קרעדיט איינגעבירגערט אין לעבן און די געריכטן פֿלעגן אָנערקענען די שטר־חובֿות. די געריכטן פֿלעגן אויך צופּסקענען די יידן געלטער, וועלכע זיי האָבן אַנטליען מינדער־יעריקע, הגם די שליאַכטע האָט אינם קליין־פּוילישן סטאַטוט פֿון י. 1347 אַריינגעשטעלט אַ באַשטימונג, אַז אַזעלכע תביעות זאָלן באַהאַנדלט ווערן אַלס אומגעזעצלעכע. און פּונקט ווי די באַשטימונגען פֿון דער שליאַכטע, זענען אָן אַ ווירקונג פֿאַרבליבן אויך די החלטות פֿון דער פּוילישער קירכע, וואָס זענען אָנגענומען געוואָרן בנוגע דער יידישער וואוכעריי דורך די סינאָדן אין ב ר ע ס ל ע (1266) און ל ע נ ט ש י ץ (1285) און וואָס זענען אויך אַריינגענומען געוואָרן אין די סטאַטוטן פֿון די קראָקעווער בישאָפֿן נ אַ נ ק ע ר (1320) און י אַ ן ג ר אָ ט (1331). דאָס לעבן אין פּוילן האָט שוין דעמאָלט געהאַט דערגרייכט אַזאַ מדרגה, אַז די שטריק, מיט וועלכע מען האָט געוואָלט פֿענטן דאָס יידישע קרעדיט־געשעפֿט, האָבן מער נישט געהאַט קיין ממשות. אויך איז די באַגרענעצונג פֿונם יידישן קרעדיט־געשעפֿט נישט געלעגן

אינם אינטערעס פון דעם יידישן שוץ־האַר, און דער לעצטער איז דעמאָלט נאָך געווען גענוג שטאַרק, אום צונישט צו מאַכן אַלע שטערונגען, וואָס האָבן געקאָנט שאַטן דעם נוצן, וועלכן ער האָט געצויגן פון די קרעדיט־געשעפטן פון זיינע יידישע קאַמער־קנעכט.

אונזער תּקופה ענדיקט זיך מיט אַ קאַטאַסטראָפע, מיטן אַזויגערופענעם „שוואַרצן טויט”, וואָס האָט מיט אַלע זיינע טראַגישע באַגלייטדערשיינונגען דערשיטערט אויך די יידישע בנינים אין פּוילן. ווי דער פּוילישער כראָניסט, יאַן דלוגאָש גיט איבער (1348), איז איין דריטל באַפעלקערונג אין פּוילן אַוועקגעפאַלן פון דער מגיפה, — און די „אָליוועր כראָניק” ברענגט אונטערן יאָר 1349 די לאַקאָנישע, אָבער זייער אַ סך זאָגנדיקע ידיעה וועגן דעם, אַז יידן האָבן דעמאָלט „פאַרסמט קוואַלן און ברונעמס, על־כן זענען זיי כמעט אין גאַנץ פּוילן אויסגעשאָכטן געוואָרן: אַ טייל איז געפאַלן פון שווערד, אַנדערע זענען פאַרברענט געוואָרן אויף שייטער־הויפנס”. ענלעך קלינגט אויך אַ באַריכט וועגן די פאַסירונגען אין פּוילן, וואָס געפינט זיך אין דער כראָניק פונם איטאַליענער מאַטעאָ ווילאַני. דער לעצטער ברענגט נאָך אַזאַ פּרט, אַז די יידן זאָלן דעמאָלט האָבן דעם קעניג קאַזשימיעזש דעם גרויסן געשאָנקען אַ טייערע קרוין, ער זאָל זיי באַשיצן. פאַראַן אויך העברעישע קוועלן, אין וועלכע עס ווערן דערמאָנט קראָקע און קאַליש אַלס ערטער, אין וועלכע ס׳איז דעמאָלט פאַרגאָסן געוואָרן יידיש בלוט. די אַלע באַריכטן קלעקן אָבער נישט, כדי זיך צו שאַפן אַ קלאָרן באַגריף וועגן די פאַסירונגען, בפרט וועגן די סאָציאַל־ווירטשאַפטלעכע פאַקטאָרן, וואָס האָבן מיטגעווירקט ביי די מוראדיקע געשעענישן.

קאַפּיטל אַכצן

דער יידישער אָריענט און זיין ווירטשאַפטס-בילד.

(פון דעם 11-טן ביז דער העלפט פון 14-טן י"ה).

52 § די פאַרשפּרייטונג פון יידישע ישובים אין אַזיע.

בעת דער תקופה, וועלכע מיר באַהאַנדלען דאָ, לאָזן זיך פעסטשטעלן יידישע ישובים נישט בלויז אין די אַזיאַטישע פּראָווינצן פון די ביזאַנטינער, קרייץ-פאָרער און מאַכמעדאַנער, נאָר אויך אין קאַווקאַז, אינדיע, צענטראַל-אַזיע און אפילו אין כינע.

לויטן „ספר הקבלה" פון ר׳ אברהם איבן דאוד האָבן אין דער צייט פונם דאָזיקן מחבר, דהיינו, אין 11-טן י"ה עקזיסטירט יידישע ישובים אין פאַלעסטינע, אַראַביע, איראַק (שינעאר), כוסיסטאַן (אֵלם), פערסיע, דדאַן (קאַווקאַז?) גרגשים אָדער דשירדשן (דאָס אַלטע הירקאַניע ביים קאַספּישן ים), טאַבאַריסטאַן, דיילם (?) א. אַז. וו.

אַ גענויערן באַגריף וועגן דעם יידישן אָריענט באַקומען מיר ערשט ביים סוף פון 12-טן י"ה אַ דאַנק די באַרימטע רייזע-באַשרייבונגען פון ר׳ בנימין פון טודעלאַ און ר׳ פתחיה פון רעגענסבורג. לויט בנימינען זענען יידישע ישובים געווען פאַרשפּרייט, אַחוץ פאַלעסטינע און סיריע, אויך אין איראַק, פערסיע, כאָראַסאַן, יעמען, דיאַרבעק (אַרמעניע), ארם-נהרים צפון-מעסאָפּאָטאַמיע), כות (ביים אררט), אַלאַניע, קאַווקאַז "סיקביה" אָדער „שיכריה"), טורקמעניע („תגרמא"), היר-

ק אַ נ י ע („גרגשים״) ביז קיין ט י ב ע ט („טובות״) און א י נ ד י ע. מען קאָן מיט רעכט משער זיין, אַז קיין אינדיע האָבן די יידן איינגעוואַנדערט אין צוזאַמענהאַנג מיטן ווייט־פאַרצווייגטן אָריענט־האַנדל, וואָס זיין אַזיאַטישער צענטער איז געלעגן ביים פ ע ר ס י ש ן ים, דאָרט, וואו ס'קומען זיך צונויף די וועגן פון א י נ ד י ע, פ ע ר־ס י ע, אַ ר אַ ב י ע און אַנדערע אַזיאַטישע לענדער. דער וואַנדער־שליאַך, מיט וועלכן די יידן האָבן געוואַנדערט ביז קיין צענטראַל־אַזיע, האָט געפירט פון פערסיע. לויט מזרח־טערקישע כראָניקעס, איז שוין געווען אין 12־טן י״ה אַ יידישער ישוב אין כ אָ ט אַ ן, און ווי ס'ווייזט אויס, איז פון דאַנען געגאַנגען אַ ווייטערע וואַנדערונג ביז קיין כינע. ווי נישט איז, לאָזט זיך פעסטשטעלן, אַז די עלטסטע יידישע ישובים אין כינע זענען אויפגעשטעלט געוואָרן דורך יידיש־פערסישע עלעמענטן.

וואָס איז שייך דער צאָל און דער גרויס פון די יידישע ישובים אינם אַזיאַטישן אָריענט, ברענגען אונז די דערמאָנטע צוויי יידישע וועלט־רייזנדער פון סוף 12־טן י״ה פאָלגנדיקע ציפערן:

אין די יונגע מ ל ו כ ו ת פ ו ן ד י ק ר י י ץ־פ אָ ר ע ר, וואָס האָבן דעמאָלט אַרומגענומען גאַנץ פּאַלעסטינע און אַ טייל סיריע, האָט בנימין באַזוכט 19 שטעט מיט יידישע ישובים און ער אינפאָר־מירט אונז, אַז עס האָבן אין זיי געלעבט לערך 2440 — 2490 יידישע משפחות. חוצדעם, האָט בנימין אָנגעטראָפן 1500 משפחות פון שמרונים אין ש כ ם, ק י ס ר י ה און נ י י־אַ ס ק אַ ל אָ ן, ווי אויך 40 קאַראַיטישע משפחות אין ניי־אַסקאַלאָן. דעם גרעסטן יידישן ישוב האָט פאַרמאָגט די שטאָט ט י ר ו ס, וואו עס האָבן — לויט בנימינען — געלעבט 500 משפחות. אין אַזעלכע שטעט, ווי י ר ו ש ל י ם, ק י ס ר י ה, ל אַ אָ ד י צ ע אַ, אַ ק אָ (עכו), נ י י־אַ ס ק אַ ל אָ ן און ד ז ש ו־ב י י ל (גיבלת), האָט בנימין אָנגעטראָפן ביי אַ 200 יידישע משפחות אין יעדערער, און אין ר אַ מ אַ (רמה) און ט אָ ר אָ ן האָט ער אָנגע־ציילט ביז 300 יידישע משפחות. אין די איבעריקע מקומות האָבן אָבער גע־לעבט העכסטנס ביז 50 יידישע משפחות דער ישוב אין ירושלים, וואָס האָט אין בנימינס צייט געציילט 200 משפחות. האָט אין אַ צען יאָר אַרום אינגאַנצן אויפגעהערט צו עקזיסטירן, און ר' פתחיה האָט דאָ נישט אָנגעטראָפן מער קיין קהילה.

אינם אַ ר אַ ב י ש ן ט י י ל פ ו ן ס י ר י ע, ווי אויך אינם ב אַ ג ד אַ ד ע ר ק אַ ל י פ אַ ט ביז דער שטאָט ב אַ ס ר אַ, ביי־

פערסישן ים, האָט בנימין באַזוכט 28 מקומות מיט יידישע ישובים און האָט דאָ אָנגעציילט ל ע ר ך 140.000 י י ד ן, חוץ 400 שומרונים (אין דמשק) און קאַראַיטער (אויך אין דמשק). ווי ס'ווייזט אויס, באַציען זיך דידאָזיקע ציפערן אויף דער צאָל באַשטייערטע, וואָס האָבן געצאָלט דעם קאָפּ-שטייער, און היות, ווי עס זענען פונם דאָזיקן שטייער געווען באַפרייט סיי פרויען, סיי קליינע קינדער, דאַרף אָנגענומען ווערן, אַז די צאָל יידישע נפשות האָט באַטראָפן ל ע ר ך צוויי און אַ האַלב מאָל מער, דאָס הייסט, אַן ערך 350.000. ר' פתחיה פון רעגענסבורג גיט אָן פאַרן דאָזיקן גאַנצן שטח אַ יידישע באַפעלקערונג פון 600.000 נפשות, באַר די ציפער איז, אַפנים, שטאַרק איבערגעטריבן. דאָס רוב האָבן זיך — לויט בנימינען — קאָנצענטרירט די יידישע מאַסן אינם באַגדאַדער קאַליפאַט; די צאָלרייכסטע יידישע קהילות האָט ער באַגעגנט אין באַגדאַד (40.000 שטייער-צאָלער), כאַדראַ (15.000), אָקבאַראַ (10.000), הילאַס (10.000), באַסראַ (10.000), קופאַ (7.000), גאַזיגעם-רעזען (5.000) און פּומפּאַדיטאַ (3.000). אַ סך קלענער זענען געווען די יידישע ישובים אין מערב-זייט פון מאָסול. מאָסול האָט געציילט — לויט בנימינען — 7000 יידישע שטייער-צאָלער, יצירה — 4.000, ניסיביס — 1.000 (לויט ר' פתחיהן — 2800 נפשות), כלת-יבר — 2.000, באַלמירא — 2.000, אַלעפּאָ — 5.000, דמשק — 3.000 (לויט ר' פתחיהן — 10.000 נפשות).

פון באַגדאַד האָט ר' בנימין געמאַכט זיין נסיעה איבער דעם צפונדיקן טייל פון דער אַראַבישער מדבר און דאָס זענען די אינפאָרמאַציעס און סטאַטיסטישע ציפערן, וועלכע ער האָט בעת דערדאָזיקער נסיעה צונויפגעקליבן וועגן יידישע ישובים אויפן אַראַבישן האַלבאינזל. בנימין ווייסט אונז צו דערציילן וועגן צוויי אומאָפּהענגיקע יידישע פירשטנטומס, וואָס זענען רעגירט געוואָרן דורך צוויי ברידער: איינס דורכן פירשט חנון און דאָס צווייטע דורך דעם ברודער זיינעם שלמה. די שטאָט טיימאַ באַצייכנט בנימין אַלס רעזידענץ פונם ערשטן פירשטנטום און ער באַמערקט גלייכצייטיק, אַז אַ סך גרעסער איז געווען אינם דאָזיקן פירשטנטום די שטאָט טילמאַס. ווען עס האָבן לויט זיינע אינפאָרמאַציעס געלעבט 100.000 יידן. די רעזידענץ-שטאָט פון דעם צווייטן פירשטנטום איז געווען די שטאָט טאַנאַע. סך-הכל האָט דאָסדאָזיקע פירשטנטום געציילט 40 שטעט און 200 קלענערע מקומות מיט אַ יידישער באַפעלקערונג, וואָס האָט געציילט ביז 300.000 נפשות. 3 טעג נסיעה אין דרום פון טילמאַס

איז, לויט בנימינען, געשטאַנען די שטאָט כייבאַר (כבור) מיט אַ יידישן ישוב, וואָס האָט געציילט 50.000 נפשות.

זייער געגנוי איז אונזער וועלט־רייזנדער אָריענטירט אין די פאַרהעלטענישן פון פערסיע: ער געפינט דאָ גרויסע יידישע ישובים אין גהאַזנאַ (80.000), סאַמאַרקאַנד (50.000), האַמאַדאַן (30.000), אַמאַדיאַ (25.000), רודבאַר (20.000), איספאַהאַן (15.000), שיראַס (10.000), סוזאַ (7.000), דאַבאַביסטאַן (4.000) און אַ ישוב ביים טייך האָלוואַן (4.000). סך־הכל גיט עס אַ ציפער פון 245.000. ווי ס'ווייזט אויס, באַלאַנגט דידאָזיקע ציפער — פונקט ווי די ציפערן, וועלכע בנימין גיט אָן פאַר סיריע, מעסאָפּאָטאַמיע און איראַק — צו דער צאָל באַשטייערטע, וואָס האָבן געצאָלט דעם קאָפּ־שטייער. בנימין באַמערקט אויסדריקלעך וועגן די יידן אין אַמאַדיאַ, אַז יעדער מאַסנפערזאָן, עלטער פאַר 15 יאָר, האָט געמוזט צאָלן צו איין גאָלדשטיק קאָפּ־שטייער. עס איז דעריבער אָנצונעמען, אַז די צאָל 245.000 שטייער־צאָלער אַנטשפּרעכט מער־ווייניקער אַ יידישער באַפעלקערונג פון לערך 600.000 נפשות און אַזאַ באַפעלקערונגס־ציפער געפינען מיר אויך אין די באַריכטן, וועלכע ס'ברענגט אונז ר' פתחיה פון רעגענסבורג וועגן די יידן אין פערסיע.

אָפּשטעלנדיק זיך אין די יידישע ישובים ביים פערסישן ים, דערמאָנט בנימין וועגן דער האַנדלס־שטאָט קאַטיפאַ, וואָס ליגט אויפן מזרחדיקן ברעג פונם אַראַבישן האַלב־אינזל, ווי אויך וועגן דעם אינזל קיש. אין קאַטיפאַ האָבן, לויט זיין באַריכט, געלעבט לערך 5000 יידן, אויף דעם אינזל קיש, ווידער, אַן ערך 500 יידן.

צולעצט געפינען מיר ביי בנימינען ידיעות וועגן צוויי יידישע ישובים אין אינדיע: מיר דערוויסן זיך פון זיין רייזע־באַריכט, אַז אין דער האַפן־שטאָט Quilon (כולם), ביים דרום־ברעג פון מאַלאַבאַר, האָבן געלעבט עטלעכע טויזנט יידן און אַז אויף דעם אינזל ציילאָן האָבן די יידן אין דער שטאָט איבריג געשאַפן אַ ישוב, וואָס האָט אין בנימינס צייט געציילט ביז 3000 נפשות (?).

עד כאַן די ידיעות, וואָס זענען אונז דערהאַלטן געוואָרן אין די באַריכטן פון די צוויי באַרימטע יידישע וועלט־רייזנדער ביים סוף פון 12־טן יאָרהונדערט.

אויפן סמך פון אַנדערע קוועלן לאָזן זיך די באַריכטן דערגאַנצן בנוגע די יידן בלויז אין כאָטאַן (צענטראַל־אַזיע) און כינע. אונזערע וועלט־רייזנדער האָבן נישט געוואוסט, אַז עס האָבן זיך אין זייער צייט געפונען יידישע ישובים אויך אין צענטראַל־אַזיע, וואָס זענען

אַנטשטאַנען אַ דאַנק יידיש־פּערסישע אויסוואַנדערער. וועגן דעם יידישן ישוב אין כאָטאַן אינפאָרמירן אונז, — ווי שוין דערמאָנט ביים אָנהויב פונם דאָזיקן קאַפּיטל — מזרח־טערקישע כראָניקעס שוין פון 12־טן י״ה. וואָס איז שייך, ווידער, די יידן אין כינע, איז באַוואוסט, אַז זיי האָבן זיך אין 12־טן י״ה קאָנצענטרירט אין דער שטאָט קאַי־פונג־פאָאָ, וואו ס׳איז אין י. 1163 אויפגעבויט געוואָרן אַ שול. לויט אַ קוועלע פון 15־טן י״ה איז דאָ דער יידישער ישוב אַנטשטאַנען אַ דאַנק דער איינוואַנדערונג פון 70 משפחות, וואָס זענען אָנגעקומען אין דער שטאָט פון מערב. אין דערזעלבער קוועלע ווערט אויך דערציילט, אַז די איינוואַנדערער האָבן דעם קיסר דערלאַנגט מלבושים פון באוול, אַלס אָפּצאָל פאַר דער דערלויבעניש אויף צו באַזעצן זיך אין דער שטאָט און צו לעבן דאָ לויטן יידישן דת.

די ענדערונגען, וואָס זענען פאָרגעקומען מיט די געשילדערטע יידישע ישובים אין משך פונם 13־טן און פון דער ערשטער העלפט פון 14־טן י״ה, זענען אונז זייער אומגענוי באַוואוסט. ווי נישט איז, לאָזט זיך אָבער דאָך פעסטשטעלן, אַז די גרעסטע ענדערונגען זענען אין דערדאָזיקער צייט פאָרגעקומען מיט די ישובים אין פּאַלעסטינע, סיריע און באַבילאָניע (איראַק).

פּאַלעסטינע און סיריע האָבן אַרום דער העלפט פון 13־טן י״ה דורכגעמאַכט אַן אינוואַזיע פון טאָטערן, וואָס האָט גורם געווען צו דער צעשטערונג פון אַ סך ישובים און צו אויסוואַנדערונגען קיין עגיפּטן און פּערסיע. דער רמב״ן, וואָס האָט אַרום י. 1267 באַזוכט פּאַלעסטינע, האָט באַגעגנט אין ירושלים סך־הכל צוויי יידישע משפחות און ער מערקט אויך אָן וועגן די איבעריקע ישובים, אַז זיי האָבן מיט זיך פאָרגעשטעלט אַן אמתן חורבן. ערשט ביים אָנהויב פון 14־טן י״ה, ווען די האַנדלס־רעפּובליק וועגעדיק האָט אויסגעברייטערט איר נעץ איבערן אָריענט, האָבן גענומען אויפבליען אייניקע יידישע ישובים, און דאָס זענען געווען די ישובים אין די האַפן־שטעט עכּו (אַקאָ) און יפה, ווי אויך די ישובים אין רמלה, חברון, טבריה און צפת. אויסדריקלעך ווערט עס באַטאָנט אין דעם ווערק „כפתר ופרח״, וואָס איז אַרום י. 1322 אָנגעשריבן געוואָרן דורך עסטאָרי פּרחי. פונם לעצטן דערוויסן מיר זיך פאַר איינוועגס וועגן אייניקע בליענדיקע ישובים אין סיריע, פון וואַנען יידן פלעגן עולה־רגל זיין קיין ירושלים. געווען זענען דאָס די ישובים אין טאַראַבול (טריפּאָליס, ביים סירישן ברעג), האַמאַס, דמשק און אַלעפּאָ (חלב).

אין באַבילאָניע ווייזן זיך שוין ביים אָנהויב פון 13־טן י״ה סימנים, אַז דער בליענדיקער צושטאַנד פון די יידישע ישובים, וואָס ווערט געשילדערט דורך בנימינען, האַלט שוין ביים סוף. ר׳ יהודה אלחריזי, וואָס האָט אַרום י. 1220 באַזוכט דעם אָריענט, כאַראַקטעריזירט דעם ישוב אין באַגדאַד ווי אַ מקום מיט אַ פאַרבליטן שם. אַרום דער העלפט פון 13־טן י״ה נעמט אַ סוף צו דעם באַגדאַדער קאַליפאַט און מיט אים פאַרשווינדט אויך די הערלעכקייט פון די יידישע עגזילאַרכן. באַבילאָניע ווערט אינאייינעם מיט פערסיע אַ טייל פון דער מאָנגאָלישער מלוכה און עס דויערט אַ לענגערע צייט, ביז די יידישע ישובים האָבן זיך צוגעפּאַסט צו די נייע באַדינגונגען. ווי נישט איז, לאָזט זיך ביים סוף פון 13־טן און ביים אָנהויב פון 14־טן י״ה מערקן אַ וואַנדערונג פון באַבילאָנישע און פערסישע יידן; דידאָזיקע וואַנדערונג איז, פון איין זייט, געגאַנגען קיין עגיפּטן, און פון דער אַנדערער זייט — קיין צענטראַל־אַזיע און אינדיע.

וועגן די יידן אין אינדיע איז אונז פון סוף 13־טן י״ה פאַרבליבן אַ ווערטפולע ידיעה אין די רייזע־באַריכטן פונם באַרימטן וועניציאַנער וועלט־רייזנדער מאַרקאָ פּאָלאָ. מיר הערן, נעמלעך, אַז אין דער האַפן־שטאָט כולם (Quilon), אויפן דרום־ברעג פון מאַלאַבאַר, האָט דער וועלט־רייזנדער אָנגעטראָפן יידן. דערמיט ווערן באַשטעטיקט די ידיעות וועגן די אינדישע יידן, וועלכע עס האָט אונז מיט איין יאָרהונדערט פריער געבראַכט ר׳ בנימין.

אויך וועגן די יידן אין כינע געפינט זיך אַ קורצע ידיעה אין די באַריכטן פון מאַרקאָ פּאָלאָ. אַ סך ווערטפולער איז אָבער אַ באַריכט פונם אַראַבישן רייזנדער איבן באַטוטאַ, וואָס שטאַמט פון 14־טן י״ה. מיר לייענען דאָ וועגן אַ יידישן ישוב אין קינסאַי (האַנגטשאַו), וואָס האָט דעמאָלט געשמט אַלס באַדייטנדיקע האַנדלס־שטאָט.

§ 52 דאָס וירטשאַפטס־בילד, וואָס לאָזט זיך אַרויסבאַקומען פון די קוועלן, ווייזט אונז, אַז דאָסווירטשאַפטס־לעבן פון די יידן אינם אַזיאַטישן אָריענט האָט אין דער באַהאַנדלטער תקופה געהאַט אַ סך ענלעכע שטריכן מיט דעם יידישן ווירטשאַפטס־לעבן אין סיציליע, גריכנלאַנד און אויף די אינזלען אַרום גריכנלאַנד.

אין די מלוכות פון די קרייץ־פאָרער, דהיינו, אין פּאַלעסטינע און אין דעם מערב־טייל פון סיריע האָבן זיך די יידן אין דער תקופה פון די צוויי אָפּט־דערמאָנטע יידישע וועלט־רייזנדער (בנימין און פּתחיה) באַשעפטיקט מיט האַנטווערקעריי, שיפערריי און בלויז אין אַ קליינער מאָס מיט געלט־געשעפטן. אויף זיין רייזע־

וועג איבער פּאַלעסטינע און דעם קריסטלעכן טייל פון סיריע האָט ר׳ בנימין אָנגעטראָפן יידישע פאַרבער-משפּחות, צו וועלכע די מושלים האָבן איבערגעגעבן אין אַרענדע די מאָנאָפּאָליזירטע פאַרבעריי-וואַרשטאַטן. בנימין רעכנט אויס 5 מקומות אין פּאַלעסטינע, וואו עס האָבן געלעבט אַזעלכע פאַרבער-משפּחות, צווישן זיי ירושלים און קיסריה. אין טירוס און אַנטיאָכיע זענען, לויט בנימינען, אַ סך יידן געווען באַשעפטיקט ביי דער פּראָדוקציע פון גלאָז-פאַבריקאַטן, און זיי האָבן אינם דאָזיקן פאך זיך קונה שם געווען. טייל יידן האָבן זיך אין דידאָזיקע צוויי שטעט אויך באשעפטיקט מיט שיפערײ. וועגן יידישע הענדלער און געלט-אויסלייער אין די קרייץ-פאָרער-מלוכות ווערט ביי בנימינען נישט דערמאָנט מיט קיין איין וואָרט. ווי נישט איז, האָבן אָבער דער מסחר און דאָס געלט-געשעפט געמוזט שפּילן אַ געוויסע ראָלע אַלס יניקה-קוואַלן פון די דאָרטיקע יידן. זיכערע ידיעות האָבן מיר וועגן דעם ערשט אין דעם לעצטן פערטל פונם 13-טן י״ה. אין אַ דאָקומענט, וואָס איז אונז פאַרבליבן פונם יאָר 1274, ווערט דערמאָנט אַ יידישער באנקיר אליה, וואָס האָט געלעבט אין אַקאָ און וואָס האָט אַ קריסטלעכער פרוי, אַ געוויסער אַגנעס, געבאָרגט אַ היבשע סומע פון 2000 ביזאַנטינער. אַ צווייטער דאָקומענט פון י. 1280 אינפאָרמירט אונז, אַז דיזעלבע קריסטין איז געווען פאַרשולדיקט אויך ביי אַנדערע יידן און ביי אייניקע איטאַליענישע סוחרים. ביים סוף פון 13-טן און אין משך פון 14-טן י״ה ווערן די פּאַלעסטינער יידן אַלץ מער אַריינגעצויגן אין וועלט-האַנדל, וואָס האָט דעמאָלט, אַ דאַנק די האַנדלס-קאָלאָניעס פון די ווענעציאַנער, אָנגעשפּאַרט אין די אויפבליענדיקע האַפן-שטעט יפה און אַקאָ. אויך די יידישע האַנטווערקעריי אין פּאַלעסטינע האָט אַלץ מער אָנגעהויבן צו פּראָדוצירן פארן עקספּאָרט, בעת פריער האָט זי דערעיקרשט געאַרבעט פארן אינערלעכן מאַרק. אין רמלה און חברון זענען אנטשטאַנען יידישע וועבערייען און פאַרבערייען, וואָס האָבן געאַרבעט פאר סוחרים-אונטערנעמער. אין צוזאַמענהאַנג מיטן וועלט-האַנדל האָט אַרום דערזעלבער צייט אויך באַקומען אַ גרעסערן פאַרנעם די יידישע ויין- און אייל-פּראָדוקציע, וואָס האָט זיך דעמאָלט קאָנצענטרירט אין צפת, טבריה און אין נאָך אַ פּאָר שטעט אין גליל. וואַרשיינלעך איז דאָ אַוודאי אָפּגעשאַפט געוואָרן אַ בירגערלעכע באַגרענעצונג, וואָס איז חל געווען אויף די יידן אין דער תקופה פון די קרייץ-פאָרער-מלוכות (ביז לערך דער העלפט פונם 13-טן י״ה) און וואָס צוליב איר האָבן די יידן נישט געטאָרט קויפן קיין אומבאַוועגלעכע גיטער אַלס ירושה-פאַרמעגן.

מיר פאַרלאָזן די שטחים פון די אַמאָליקע קרייץ־פאָרער־מלוכות און מיר שטעלן זיך אָפּ ביי דעם ווירטשאַפטס־לעבן פון די גרויסע יידישע מאַסן, וועלכע די באַרימטע יידישע וועלט־רייזנדער (סוף פון 12־טן י״ה) האָבן אָנגעטראָפן אין די ווייט־אויסגעברייטערטע לענדער ביים טיגריס און עופראַט, ד. ה. אין מיזרחדיקן סיריע און אין בבל: לויט די באַריכטן פון ר׳ בנימינען און ר׳ פתחיהן איז דאַ די לאַגע פון די יידן געווען אין אַלגעמיין אַ גוטע. די יידן האָבן נאָך דעמאָלט געהאַט אַ ברייטע אויטאָנאָמיע און דער עגזילאַרך, וואָס זיין זיץ־פונקט האָט זיך געפונען — ווי אין די פריערדיקע צייטן — אין באַגדאַד, האָט פאַרנומען איינע פון די העכסטע שטעלעס אין דער מלוכה־היעראַרכיע. די עיקר־אויפגאַבע פונם עגזילאַרך איז געווען — איינ־צומאָנען פאַר דעם קאַליף די יידישע קאָפּ־שטייערן. ביי זיינע עפנט־לעכע אַרויסטרעטונגען פלעגט ער זיך ווייזן אין דער גאַנצער אָריענטאַלישער פראַכט. „ווען ער פאָרט צום גרויסמעכטיקן קעניג (ד. ה. צום קאַליף) — שרייבט ר׳ בנימין וועגן דעם ריש־גלותא ר׳ דניאל בן חסדאי — באַ־גלייטן אים יידישע און נישט־יידישע רייטער און זיי רופן אויס מיט זייער לשון אויפן קול: „מאַכט אַ וואַרע פאַר אונזער האַר, וואָס שטאַמט פון דוד המלך!“ דער ריש־גלותא רייט אויף אַ פערד, ער איז אָנגעטון אין געשטיקטע מלבושים פון זייד, אויפן קאָפּ טראָגט ער אַ הויכן טורבאַן מיט אַ ווייסן טוך אַרום דעם טורבאַן, אויפן האַלז האָט ער אַ קייט מיט אַן אויסגראַווירטן מאָהאַמעט־זיגל“. לויט דעמ־זעלבן באַריכט האָט דער עגזילאַרך געהאַט דאָס רעכט איינצומאָנען פאַר זיך ספּעציעלע אָפּצאָלונגען פון יידישע גאַסט־הייזער, ווי אויך באַזונדערע שטייערן פון יידישע געוועלבער און האַנדלס־פּלעצער. חוצדעם, האָט ער נאָך פאַרמאָגט רייכע הכנסה־קוואַלן פון זיינע ערד־שטחים, גערטנער, פּלאַנטאַציעס און פון פרייוויליקע מתנות. בקיצור: ער איז געווען איינער פון די גרעסטע יידישע פינאַנץ־מאַגנאַטן אין לאַנד. וואָס שייך די גרויסע מאַסן יידן, וואָס האָט לטובת אים גע־צאָלט פאַרשיידענע שטייערן, איז לויט די קוועלן משער צו זיין, אַז די האָט צום גרעסטן טייל געצויגן איר חיונה פון מלאכה, בעת אַ קלענערער טייל יידן האָט זיך מפרנס געווען פון האַנדל און לאַנד־ווירטשאַפט. שוין אַרום דער העלפט פון 9־טן י״ה ווערט באַמערקט פונם גאון ר׳ משה, אַז בלויז אַ קנאַפּער טייל יידן פאַרמאָגט נחלאות אין באַבילאָניע. ווי ס׳ווייזט אויס, איז די סיבה דערפון געווען די גרויסע באַשטייערונג פון ערד־שטחים. דערמיט דערקלערט זיך אויך די דערשיינונג, וואָס ווערט אַזוי בולט געמאַכט אין די באַריכטן פון

די יידישע וועלט־רייזנדער, אַז די יידישע מאַסע איז אין זייער צייט געווען קאָנצענטרירט אין גרויסע שטעט, באַזונדערס אין באַגדאַד, כּאַדאַראַ, קופא, מאָסול, דמשק וכדומה. אמת, דאָס באַדייט נאָך נישט, אַז די יידן האָבן זיך אינגאַנצן אָפּגעזאָגט פון לאַנדווירט־שאַפט. אדרבה, טייל יידן האָבן זיך ווייטער מפרנס געווען פון ערד־אַרבעט, אָבער דער רוב בנין און מנין האָט געלעבט פון מסחר און האַנטווערקעריי. אַזוי, אַ שטייגער, באַמערקט ר׳ פתחיה וועגן די יידן אין מאָסול אויסדריקלעך, אַז צווישן זיי האָבן זיך געפונען לאַנדווירטן, וואָס האָבן געהאַט זייער אייגנס אַקער־פעלדער און ווייַן־פּלאַנטאַציעס. וועגן דעם גרויסן ערד־באַזיץ פונם ריש־גלותא איז שוין פריער געווען דערמאָנט. אין אַ קוועלע פון לערך דעם סוף פון 13־טן י״ה ווערט שוין אָבער וועגן די סיריש־באַבילאָנישע יידן באַמערקט, אַז זיי לעבן ס׳רוב פון האַנטווערקעריי, און בלויז די פאַרמעגלעכערע צווישן זיי פאַר־נעמען זיך מיט שרייבעריי און מעדיצין. די ידיעה איז זיכער אַן איבערגעטריבענע, ווארים דער מסחר האָט אין יענער צייט אויף גע־וויס נאָך געשפּילט אַ באַדייטנדיקע ראָלע אין דעם ווירטשאַפטס־לעבן פון די פאָדער־אַזיאַטישע יידן. שוין די באַמערקונג פון ר׳ בנימינען, אַז דער ריש־גלותא האָט געקומען פאַר זיך אָפּצאָלונגען פון יידישע געוועלבער און האַנדלס־פּלעצער, באַווייזט, אַז אַ געוויסער פּראָצענט יידן האָט זיך פאַרנומען מיט האַנדלס־געשעפטן. אין די תשובות הגאונים פון דער באַהאַנדלטער תקופה זענען פאַראַן אַ שפּאַר ביסל ידיעות וועגן דעם, אַז טייל באַבילאָנישע יידן פלעגן מאַכן ווייטע האַנדלס־נסיעות, — ווי ס׳ווייזט אויס קיין פּערסיע, אַראַביע און אינדיע. צו דער אויסערגעוויינלעכער קאָנצענטראַציע פון די יידישע מאַסן אין אַזעלכע שטעט, ווי דמשק, מאָסול, באַגדאַד, אָקבאַב און דער האַפן באַסראַ האָט צווישן אַנדערע סיבות געוויס אויך גורם געווען דער וועלט־האַנדל, וואָס איז געגאַנגען איבער דידאָזיקע וויכטיקע האַנדלס־שטעט קיין אינדיע. דערדאָזיקער אָריענטאַלישער וועלט־האַנדל איז געווען אַ וויכטיקע שטויסקראַפט נישט בלויז פאַר דעם יידישן סוחרים־קלאַס אין סיריע און בבל, נאָר אויך פאַר דער יידישער מלאכה, וואָס האָט אין דידאָזיקע לענדער שטאַרק אויפגע־בליט און וואָס האָט זיכער אויך געאַרבעט פאַרן עקספּאָרט (צענלעך צו די יידישע גלאָז־פּראָדוצענטן און פאַרבער אין די שטחים פון די אַמאָ־ליקע קרייץ־פאָרער־מלוכות). בנימין און פתחיה ברענגען אונז, וואָס אמת, זייער קנאַפּע ידיעות וועגן דער יידישער מלאכה אין מאַכמעדאַנישן סיריע און אין בבל, דאַקעגן ווערן מיר וועגן איר זייער אויספירלעך

אינפאָרמירט דורך די תשובות הגאונים פון דער באַהאַנדלטער צייט און מיר דערוויסן זיך פון זיי, אַז יידן האָבן זיך אין דידאָזיקע לענ־דער פאַרנומען מיט אַזעלכע האַנטווערקעריי־פאַכן, ווי בעקעריי, וועבעריי, שניידעריי, פאַרבעריי, שלאָסעריי, טישלעריי וכדומה. עס ווערן אויך דערמאָנט יידישע גאָלד־ און זילבער־שמידן און רימער. לויט אַ באַריכט פון סוף 13־טן י״ה לאָזט זיך אַרויסדרינגען, אַז פאַרבער און שוסטער האָבן מיט זיך פאָרגעשטעלט דעם רוב בנין ומנין צווישן די דאָרטיקע יידישע האַנטווערקער.

אַ גאַנץ ספּעציפישן כאַראַקטער האָבן געהאַט די יידן פון פּאַלמיראַ — „תּדמר״. ווי ס׳גיט אונז איבער ר׳ בנימין, האָבן אין דערדאָזיקער סירישער שטאָט געוואוינט 2000 יידן (באַשטייערטע מענער), וואָס זענען געווען אַ „קריגערישער שבט״. ווי ס׳איז דערפון צו דרינגען, האָבן זיי געלעבט אויפן שטייגער פון בעדואינער.

אין די געשילדערטע ווירטשאַפטס־פאַרהעלטענישן איז נישט פאָרגעקומען קיין שום עיקרדיקע פאַרענדערונג, זינט די סיריש־באַבילאָנישע שטחים זענען דעראָבערט געוואָרן דורך די מאָנגאָלן. נישט זעלטן פלעגן די כאַנען אָנגעטרויען יידן וויכטיקע שטעלעס אין דער פינאַנץ־פאַרוואַלטונג. אַזוי, אַ שטייגער, איז באַוואוסט, אַז מיט יידישע פינאַנץ־באַאַמטע האָט זיך באַנוצט דער באַרימטער דזשינגיס־כאַן גופא. אַן אָפּשטאַם־שפּראָצל פון איינעם אַזאַ יידישן פינאַנץ־באַראַטער, וואָס האָט געווירקט אונטער דזשינגיס־כאַן, האָט אין י. 1284 באַקומען פון אַרגון־כאַן אַ פאַראַנטוואָרטלעכע מיסיע, צו רעאָרגאַניזירן די פינאַנץ־פאַרוואַלטונג אין באַבילאָניע. דערדאָזיקער פינאַנץ־מומחה האָט געהייסן סאַד אַל דאולאַ, און עס איז ווענן אים נאָך באַוואוסט, אַז ער איז אין י. 1291 אומגעקומען בעת אַ פּאָגראָם, וואָס איז דעמאָלט אויסגעבראָכן אין באַגדאַד. אונטער די נאָכפאָלגער פון אַרגון־כאַן איז דער העכסטער פינאַנץ־רעסאָרט געלעגן אין די הענט פון ראַשיד אַל דין סאַדולאַה איבן אלי (1299—1316) און פון זיין זון דזשיאַר אַל דין. דידאָזיקע הויכגעשטעלטע משפּחה האָט, אמת, זיך געמוזט אָפּזאָגן פון יידנטום, זי האָט אָבער נאָכן שמד נישט אויפגעהערט צו באַגינסטיקן אירע פריערדיקע גלויבנס־ברידער. אַ ראיה, אַז זי ווערט שטאַרק געריטמט אין די שירים פונם דעמאָלטיקן יידיש־פּערסישן דיכטער שאלים (שלום).

מיר באַגלייטן ר׳ בנימינען אויף זיין באַרימטער נסיעה איבערן יידישן אָריענט און מיר שטעלן זיך אָפּ ביי די יידן אויפן אַראַבישן האַלב־אינזל. ווען די אומאָפּהענגיקע יידישע שבטים,

וועלכע אונזער וועלט־רייזנדער האָט דאָ אויפגעזוכט, ווייסט ער אונז צו דערציילן, אַז זיי האָבן זיך באַשעפטיקט מיט אַקער־בוי און פי־צוכט און אַז זיי פלעגן פון צייט צו צייט אָרגאַניזירן קריגערישע אָנפאַלן, בכדי זיך צו באַרייכערן דורך רויב, ווי ס'פלעגן זיך נוהג זיין די בעדואינער.

זייער לאַקאָניש זענען די ידיעות, וועלכע ס'ברענגט אונז אונ־זער רייזנדער וועגן דעםווירטשאַפטס־לעבן פון די יידן אין פּ ע ר ס י ע: וועגן ס ו ז אַ (שושן) אין דער פּראָווינץ מ ע ד י ע באַמערקט ער, אַז די 7000 (באַשטייערטע) יידן, וועלכע ער האָט דאָ אָנגעציילט, האָבן זיך פאַרנומען מיט מסחר און אַז זיי זענען געווען זייער רייך. זייער רייכע יידן האָט ער אויך אָנגעטראָפן אין ס אַ מ אַ ר ק אַ נ ד מיט זיין גרויסן יידישן ישוב, וואָס האָט געציילט 50.000 (באַשטייערטע) מענער. דאָסזעלבע קאָן מען אויך משער זיין וועגן דעם גרעסטן יידישן ישוב אין פּערסיע, וועלכן בנימין האָט געפונען אין דער שטאָט ג ה אַ ז נ אַ (80.000). בנימין כאַראַקטעריזירט דידאָזיקע שטאָט אַלס אַ באַדייטנ־דיקן האַנדלס־פּונקט, און עס איז אָנצונעמען, אַז ער האָט דערביי גע־האַט אין אויג די גרויסע ראָלע, וועלכע ס'האָט אין איר געשפּילט דער יידישער מסחר. דאַקעגן באַמערקט בנימין וועגן די 20.000 (באַשטיי־ערטע) יידן, וועלכע ער האָט אָנגעציילט אין ר ו ד ב אַ ר, אַז זיי האָבן געהאַט צו ליידן אונטער אַ האַרטן דרוק. מיר דערוויסן זיך אָבער נישט, וואָס אַזעלכעס ער איז דערמיט אויסן. מסתמא האַנדלט זיך דאָ וועגן אַ שווערן שטייער־דרוק.

א י ן ד י ב ע ר ג פ ו ן פ ע ר ס י ע ס צ פ ו נ ד י ק ע ג ר ע נ ע ץ־ג ע ב י ט ן האָבן, לויט בנימינס באַריכט, געלעבט יידן אונטער אַן אייגענעם פירשט, ר' י ו ס ף אַ מ ר ק לַ א ה ל ו י. זיי האָבן זיך באַ־שעפטיקט מיט אַקער־בוי און פלעגן אויך אונטערנעמען קריגערישע עקספּעדיציעס צוליב רויב. מען איז משער, אַז מען האָט דאָ צו טון מיט אַ טערקיש־טאָטערישן שבט, וואָס האָט — אַזוי ווי די כוזרים — אָנגענומען דאָס יידנטום.

אויסערסט אינטערעסאַנט זענען די ידיעות, וועלכע ס'ברענגט אונז בנימין וועגן דעם ווירטשאַפטס־לעבן פון די י י ד י ש ע י ש ו־ב י ם ב י י ם פּ ע ר ס י ש ן י ם. אין דער האַפן־שטאָט ק אַ ט י פ אַ, אויפן מזרח־ברעג פון צפון־אַראַביע, האָט זיך, לויט בנימינס באַריכט, קאָנצענטרירט דער פּערל־פאַנג, וואָס האָט באַזאָרגט דעם אָריענטאַלישן וועלט־האַנדל מיט פּערל. בנימין האָט דאָ אָנגעטראָפן אַ ישוב פון 5.000 (באַשטייערטע) יידן, און עס איז משער צו זיין, אַז זיי זענען

געווען זייער באַהאַוונט אין דעם פערל־פאַנג. אַ ראיה, אַז דער פאַנג איז געשטאַנען — לויט בנימינס באַריכט — אונטער דער אויפזיכט פון אַ יידישן באַאַמטן. אַ וויכטיקער פונקט פאַרן אָריענט־האַנדל איז, חוץ קאַטיפאַ, געווען אויך דער אינזל קיש אויפן פער־סישן ים. בנימין האָט דאָ אָנגעטראָפן אַ ישוב פון 500 יידן און ער באַמערקט, אַז עס פלעגן דאָ אָנקומען סוחרים פון מעסאָפּאָטאַמיע, פערסיע און אַראַביע און איינהאַנדלען אינדישע בשמים פאַר כלערליי געוועבן פון זייד, פלאַקס, באַוול, וואָל וכדומה, ווי אויך פאַר תבואה און בכלל שפּייז־אַרטיקלען.

מיר דערנענטערן זיך צו דעם ענד־ציל פון די וועלט־סוחרים, וואָס האָבן אין בנימינס צייטן און אויך שפּעטער אונטערגעהאַלטן אַ לעבעדיקע פאַרבינדונג צווישן אייראָפּע און דעם אָריענט. מיר שטעלן זיך אָפּ ביי אינדיע און כינע.

לויט בנימינס באַריכט האָבן זיך די יידן פון דער אָפּט באַ־זוכטער האַפן־שטאָט קולם (ביים דרום־ברעג פון מאַלאַבאַר) פאַר־נומען מיט פלאַנטאַציעס. אַרום דער שטאָט האָבן זיך געצויגן גוט געפלעגטע פלאַנטאַציעס, וואָס האָבן אויף בנימינען געמאַכט אַ גרויסן רושם. ער באַשרייבט זיי מיט אַ סך בקיאות און ער אינפאָרמירט זיינע לעזער וועגן די פיל־געזוכטע אָריענטאַלישע בשמים, וואָס האָבן דאָ געוואַקסן. על־פי־רוב זענען עס געווען פלאַנטאַציעס מיט פעפער, אינגבער און קאַרדאַמאָם.

וואָס איז שייך די געציילטע יידישע ישובים אין כינע, האָבן זיי אין דער באַהאַנדלטער תקופה געלעבט פון מסחר, זייד־וועבעריי און פלאַנטאַציעס. דאָס זענען אַלץ באַשעפטיקונגען, וועלכע מען באַ־געגנט נאָך ביים היינטיקן טאָג ביי די פאַרשפּרייטע רעשטלעך יידן פון די אַלטע ישובים אין קאַי־פינג־פאָאָ און האַנג־כאַו (קינסאַי).

§ 53 דער יידישער ישוב אין עגיפּטן און זייןווירטשאַפטס־לעבן.

אַן אויסערסט וויכטיקער טייל פונם „יידישן אָריענט" איז גע־ווען אין דער באַהאַנדלטער תקופה דער יידישער ישוב אין עגיפּטן.

ווען בנימין האָט אויף זיין וועלט־רייזע באַזוכט עגיפּטן, האָט ער דאָ אָנגעטראָפן 2 גרויסע קהילות אין פאָסטאַט—קאַירא און אין אַלעקסאַנדריע, ווי אויך אַ ריי קלענערע קהילות און

13 עגיפּטישע שטעט. די סטאַטיסטישע ציפערן, וועלכע ער ברענגט פאַר די קהילות, זענען פאָלגנדיקע: פאָסטאַט—קאַיראָ — 7.000 יידן, אַלעקסאַנדריע — 3.000, דאַמירה — 700, מונה סיפתה — 500, מאַהאַלאט (אל מחלה) — 500, בעלבייס (בילבס) — 300, קוס — 300, האַלוואַן — 300, פאיום — 200, סאַמנו — 200, דאַמיעטע (דמיאט)—200, אל בוביציג—200, סימאַסים—100, בענהאַ (בנהא) — 60 און אויף דעם אינזל טאַניס — 40: צוזאַמען לערך 13.600 יידן. לויט אַנדערע קוועלן ווייסן מיר אָבער, אַז אַ חוץ די אויסגערעכנטע קהילות האָבן אין 11=טן און 12=טן י"ה עקזיסטירט נאָך אַ פּאָר קהילות אין עגיפּטן, ווי, אַ שטייגער, אין סאַהרוגט (צהרגת), דאמסיס (דמסיס), סאַמבוטיאַ (סמבסט), מיליג (מליג) וכדומה. אין אייניקע טעקסט=קריטישע אויסגאַבן פון בנימינס רייזע=באַריכט ווערן געבראַכט פאַר מאַנכע עגיפּטישע קהילות אנדערע ציפערן, ווי די אויבן=דערמאָנטע. אַזוי, אַ שטייגער, לייענען מיר אין דער ענגלישער אויסגאַבע (פון מ. אַדלער), אַז אין פאָסטאַט—קאַיראָ האָבן געלעבט 2.000 יידישע משפחות, אין אַלעקסאַנדריע — 3.000 משפחות, אין בעלבייס (בילבס)—3.000 יידן, אין אל=מחלה—5.000 יידן, פאיום — 20 משפחות. נעמענדיק אין באַטראַכט דידאָזיקע שינויים, קומען מיר צו אַ באַפעלקערונגס=ציפער פון לערך 35.700 נפשות, וואָס איז אַ סך וואַרשיינלעכער ווי די צאָל 13.600. וואָס שייך דעם צוזאַמענשטעל פון דער יידישער באַפעלקערונג אין עגיפּטן, ווערן מיר וועגן דעם אינפאָרמירט דורך אַ רשימה, וואָס איז אונז פאַרבליבן פון דער 2=טער העלפט פון 13=טן י"ה און וואָס באַלאַנגט צו דער באַבילאָנישער קהילה אין פאָסטאַט — קאַיראָ. פון דער רשימה איז, נעמלעך, צו זען, אַז די קהילה איז דעמאָלט באַשטאַנען פון יידן, וואָס זענען דאָ אַהערגעקומען פון כמעט אַלע לענדער ביים מיטללענדישן ים. מען קאָן משער זיין, אַז אַן ענלעך בילד האָבן מיט זיך פאָרגעשטעלט אויך די איבעריקע קהילות.

אין דעם ווירטשאַפטס=לעבן פון די עגיפּטישע יידן לאָזן זיך בעת דער באַהאַנדלטער צייט אויסטיילן צוויי פעריאָדן: איינער נעמט אַרום די תקופה פון דער פאַטימידן= און אַביובידן=דינאַסטיע און דערגרייכט ביז צו דעם יאָר 1260. דער צווייטער פעריאָד נעמט אַרום די תקופה פון דער מאַמעלוקן=דינאַסטיע און הויבט זיך אָן אין יאָר 1260, ווען ס'איז אַנטשטאַנען דידאָזיקע דינאַסטיע. דעם ערשטן פעריאָד קאָן מען גרייכלעך כאַראַקטעריזירן אַלס פעריאָד פון אויפשוואונג און אויפבלי, דערפאַר אָבער שטעלט מיט זיך פאָר

דער צווייטער פעריאָד א צייט פון ירידה און צוזאַמענבראָך.

מיר האָבן שוין פריער געשילדערט די גינסטיקע פּאָליטישע און ווירטשאַפטלעכע לאַגע, אין וועלכער ס'האָבן געלעבט די עגיפּטישע יידן אונטער די קאַליפן פון דער פאַטימידן־דינאַסטיע זינט דעם יאָר 969, ווען עגיפּטן איז פאַר דער דאָזיקער דינאַסטיע דעראָבערט געוואָרן דורך דעם אַרמעע־פירער דזשאַוהאַר (וואָס ווערט פון מאַנכע פאָר־שער אידענטיפיצירט מיט דעם ייד פּלטיאל, דעם וועזיר פון די קאַליפן אל־מואיס און אל־אסיס), ביז לערך דער צווייטער העלפט פון 11־טן י"ה. דערזעלבער בליענדיקער צושטאַנד האָט אויך געדויערט ביים סוף פון 11־טן, ווי אויך אין משך פון 12־טן און דער ערשטער העלפט פון 13־טן י"ה (ביז 1260). דער הויפּט־כאַראַקטעריס־טישער שטריך אינם יידישן ווירטשאַפטס־בילד פון אָט דער צייט איז דער, וואָס מיר זעען עגיפּטישע יידן אויף כלערליי פאַראַנטוואָרטלעכע שטעלעס אין דער פינאַנץ־פאַרוואַלטונג פון דער מלוכה. אַ שטריך, וואָס האָט זיך, אגב, געלאָזט מערקן שוין ביי דער אַנטשטייונג פון דער פאַטימידן־דינאַסטיע! אַלס נאָכפאָלגער פון די אונז שוין באַ־וואוסטע יידישע מלוכה־לייט פּלטיאל, שמואל—הוסאַין, יעקב איבן קיליס, מנשה, וואָס האָבן ביים סוף פון 10־טן י"ה און אין דער ערשטער העלפט פון 11־טן י"ה פאַרנומען שטעלעס פון ווע־זירן און גובערנאַטאָרן, באַגעגענען מיר אין עגיפּטן אין דעם לעצטן יאָרהונדערט פונם פאַטימידן־רעזשים (ביז 1174) אַ באַדייטנדיקע צאָל יידישע פינאַנץ־יועצים, פאָרשטייער פון וויכטיקע מלוכה־רעסאָרטן און אַז. וו. אַזוי, אַ שטייגער, איז (ביים סוף פון 11־טן און אין אָנהויב 12־טן י"ה) דער ייד אבו אל מנגא (מונאַדזשא) איבן שעיא געוועזן אָנגעשטעלט אַלס פאָרשטייער פונם מצרישן לאַנדווירטשאַפטלעכן אַמט. אַלס אַזעלכער האָט ער געלאָזט אויסבויען אינם דעלטא־געביט אַ גראַנדיעזן קאַנאַל, וואָס האָט געהאַט אַ גרויסע באַדייטונג פאַר דער באַוואַסערונג פון די אַרומיקע ערד־שטחים. דער קאַנאַל איז פאַר־ענדיקט געוואָרן אין י. 1112 און ער האָט אָפּגעקאָסט גרויסע געלטער. אבו אל מנגא (וואָס זיין העברעישער נאָמען איז געווען שלמה) איז צוליב די גרויסע הוצאות, וואָס דער קאַנאַל האָט אָפּגעקאָסט, אַריינגעזעצט געוואָרן אין תפיסה. אַרום דערזעלבער צייט הערן מיר וועגן אַ יידן, וואָס איז געווען אָנגעשטעלט אַלס פאָרשטייער פונם האַפן אין אַלעקסאַנדריע. אַן אַנדערער ייד, מיטן אַראַבישן נאָמען אל מוסטאַלי, איז דעמאָלט געווען אַ פינאַנץ־יועץ פונם מצרישן וועזיר אל אַפדהאַל. צווישן די יאָרן 1125—1131 האָט אין הויף

פונם קאַליף אל אַמיר געווירקט אַלס הויכער מלוכה־מאַן דער ייד איבן אבו אלדאם אליהודי. כדאַי אויך צו דערמאָנען די „נגידים" אָדער „שרים־השרים" פון יענער צייט, וואָס האָבן, ווי באַוואוסט, צווישן אַנדערע פונקציעס אויך געהאַט די אויפגאַבע אויפצוהיטן, אַז די שטייערן פון די קהילות זאָלן ווי געהעריק איינגעצאָלט ווערן אין די מלוכהשע קאַסעס. פון דידאָזיקע ראשים־הקהילות זענען אונז באַוואוסט פון דעם לעצטן יאָרהונדערט פון דער פאַטימידן־ממשלה: דער נגיד אבו מאַנסור (זיין העבערעישער נאָמען איז געווען שמואל בן חנניה), וואָס האָט פאַרנומען די שטעלע פון אַ לייב־דאָקטאָר ביים קאַליף אלהאפיס (1131—1149) און דער נאָכפאָלגער זיינער ר׳ נתנאל, וואָס ווערט דערמאָנט אין בנימינס רייזע־באַריכט.

הויכגעשטעלטע יידישע מלוכה־לייט באַגעגענען מיר אויך אין דער צייט פון דער אַביובידן־ממשלה (1174—1260). מיר ברענגען דאָ ווייטער אַ רשימה פון אייניקע יידישע נאָטאַבלען, וואָס ווערן אין דערדאָזיקער צייט דערמאָנט אין די קוועלן. ביים סוף פון 12־טן י״ה האָט דער ייד אַבאַלאַ פאַרנומען די שטעלע פון אַ סעקרעטאַר ביים מצרישן פירשט עמאַד עדין. ער איז געווען דער שווער פון איבן אַקני, וואָס האָט זיך געמאַכט אַ שם אַלס תלמיד פונם רמב״ם. אין דערזעלבער צייט האָט אין הויף פונם באַרימטן קאַליף סאַלאַדין פאַרנומען די שטעלע פון אַ הויף־סעקרעטאַר אַבו מאַאַלי, דער שוואָגער פונם רמב״ם. ביים אָנהויב פון 13־טן י״ה ווערן דערמאָנט אַלס הויכע מלוכה־באַאַמטע די יידן: אבו אל באַראַקאַט, ר׳ יהודה הכהן, זיין זון יקותיאל הרופא און אַ געוויסער ר׳ יצחק, וואָס איז געווען גלייכצייטיק אַ מלוכה־סעקרעטאַר און אַ האַנדלס־אינספעקטאָר. פון די „שרים־השרים" פון יענער צייט זענען ווערט צו דערמאָנען: דער רמב״ם, וואָס איז אין י. 1164 אָנגעקומען קיין עגיפּטן און האָט זיך דאָ אינגיכן געמאַכט אַ שם אַלס לייב־דאָקטאָר פונם קאַליף סאלאדין, ווי אויך דער זון פונם רמב״ם, דער נגיד ר׳ אברהם.

די גרויסע צאָל נאָטאַבלען, וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין דער מלוכה־פאַרוואַלטונג, לאָזט משער זיין, אַז די יידן האָבן דעמאָלט בכלל געשפּילט אַ באַדייטנדיקע ראָלע אינם עגיפּטישןווירטשאַפטס־לעבן. ווי ס׳ווייזט אויס, זענען זיי געווען באַזונדערס טעטיק אינם מסחר. עגיפּטן איז דעמאָלט געווען אַ וויכטיקער פונקט, וואו עס זענען זיך צונויפגעקומען די טראַקטן פון אָריענט־האַנדל, און דאָס איז געווען אַ געהעריקער שטויס־פאַקטאָר, אַז די מצרישע יידן זאָלן

ווערן די פאַרמיטלער אין די האַנדלס־באַציִונגען צווישן אייראָפּע און דעם ווייטן מזרח. בנימין באַשרייבט אַלעקסאַנדריע, ווי אַ האַנדלס־צענטער פון דער גאָרער וועלט, וואו ס׳קומען זיך צונויף סוחרים פון ווייטן אַזיאַטישן מזרח, איינשליסלעך אינדיע, און פון נישט ווייניקער ווי 28 אייראָפּעישע לענדער און פראָווינצן. „די שטאָט — שרייבט ער — איז פול מיטן געפּילדער פון האַנדל, און די סוחרים פון יעדער אומה האָבן דאָרט באַזונדערע קוואַטירן („פאָנדאַקאָס״). אַלס וויכטיקע האַנדלס־שטעט כאַראַקטעריזירט אונז בנימין אויך קאַירא, דאַמיעטע (דמיאַט) און בילבייס (בילבס), און ער באַמערקט וועגן די יידן אין קאַירא, אַז זיי זענען געווען זייער רייך. פון די פריער געבראַכטע ציפערן ווייסן מיר שוין, אַז אין די אויסגערעכנטע האַנדלס־שטעט האָט זיך דעמאָלט קאָנצענטרירט דער רוב בנין ומנין פון די מצרישע יידן. אַלס קאָנטראָלערן פונם האַנדל זענען דורך דער מלוכה באַשטימט געוואָרן ספּעציעלע יידישע באַאַמטע, וועלכע ווערן אין די העברעישע קוועלן פון יענער צייט גערופן „פּקידי הסוחרים״. אַן אינטערעסאַנטן צושטייער צו דער האַנדלס־געשיכטע פון די מצרישע יידן געפינען מיר אין די שריפטן פונם רמב״ם. דער רמב״ם גיט אונז, נעמלעך, איבער פון דער צייט, ווען ער איז געווען לייב־דאָקטאָר אין מצרישן קאַליפן־הויף, אַז דער יינגערער ברודער זיינער, דוד, פלעגט מאַכן ווייטע נסיעות קיין אינדיע, וואו ער פלעגט איינהאַנדלען איידלשטיינער און אַנדערע טייערע זאַכן. דער רמב״ם איז אַליין געווען באַטייליקט מיט אַ קאַפּיטאַל אין דעם ברודערס מסחרים, און דעריבער האָט אים דאָפּלט באַרירט די ידיעה, אַז דוד איז ביי איינער פון זיינע נסיעות אומגעקומען אינם אינדישן אָקעאַן.

ווי געזאָגט, איז אינם יידישן לעבן אין מצרים פאָרגעקומען אַ שטאַרקע ענדערונג, זינט דאָסדאָזיקע לאַנד איז אַריבער צו דער מאַמעלוקן־דינאַסטיע (1260). פאַר די יאָרן 1260—1350 ווערן אונז איבערגעגעבן טרויעריקע ידיעות וועגן אַ פאַרשאַרפטן אַנטי־יידישן קורס אין דער פּאָליטיק פון די מאַמעלוקן. ביים אָנהויב פון 14־טן י״ה קומט עס צו רדיפות אויף יידן אין אַריי מצרישע שטעט. אין י. 1324 ווערן די יידן אין קאַיראָ באַשולדיקט, אַז זיי האָבן גורם געווען אַ שריפה אין שטאָט און זיי ווערן געצוואונגען צו באַצאָלן 50.000 גאָלד־שטיק אַלס שטראָף. אַרום דערזעלבער צייט ווערן אויך אַרויסגעגעבן פאַראָרדענונגען, וואָס באַגרענעצן די יידישע רעכט אינם עפנטלעכן לעבן און אינם פאַרקער מיט די מאַכמעדאַנער. לויט איינער

אַזאַ פֿאַראָרדענונג ווערן די יידן באַזייטיקט פֿון די מלוכה־שטעלעס. דערמיט נעמט אויך אַ סוף צו דער תּקופֿה פֿון די יידישע מלוכה־לייט, וואָס האָבן געשפּילט אַזאַ באַדייטנדיקע ראָלע אין דער צייט פֿון דער כאַטימידן־ און אַביובידן־דינאַסטיע. אויפֿן יידישןווירטשאַפֿטס־לעבן לייגט זיך אַוועק, ווי אַן אומדערטרעגלעכע משא, אַ כּסדר וואַקסנדיקער שטייער־דרוק.

§ 54 אַנדערע יידישע ישובֿים אין אַפֿריקע.

אַחוץ עגיפּטן לאָזן זיך אין דער באַהאַנדלטער תּקופֿה פֿעסט־שטעלן יידישע ישובֿים נאָך אין צוויי לענדער פֿונם אַפֿריקאַנישן קאָנטינענט, דהיינו אין אַבעסיניע און אין בערבעריע (מאַראָקאָ, אַלזשיר, טוניס און טריפּאָליס).

לויט מאַנכע פֿאָרשער האָבן זיך אין אַבעסיניע געהאַט באַזעצט יידן נאָך אין 3־טן אָדער 4־טן י״ה. ביים אָנהויב פֿון 10־טן י״ה האָט זיך אַ יידישן שבט, וואָס האָט געוואוינט אין די בערג פֿון סעמיע (אין שכנות פֿון אַבעסיניע), איינגעגעבן צו דעראָבערן צפֿון־אַבעסיניע און צו באַפֿעסטיקן דאָ זיין ממשלה. אַן אַנדערער פֿרייער יידישער שבט האָט אין דערזעלבער צייט באַהערשט דרום־אַבעסיניע. אין בנימינס צייט, דהיינו, ביים סוף פֿון 12־טן י״ה, איז די יידישע ממשלה אין אַבעסיניע נישט מער געווען קיין פֿעסטע. בנימין וויסט אונז, נעמלעך, צו דערציילן וועגן פֿרייע יידישע שבֿטים אין דער געגנט פֿון אַדען, וואָס רייסן זיך אָפּט אַריין אין די שטחים פֿון אַבעסיניע. אַ ראיה, אַז זיי האָבן נישט מער געלעבט אין אַבעסיניע, נייערט אין דער געגנט אַרום אַבעסיניע זייער לעבנס־שטייגער איז דעמאָלט זיכער געווען נישט קיין אַנדערער, ווי דער לעבנס־שטייגער פֿון די היינטיקע „פֿאַלאַשעס״: זיי האָבן זיך פֿאַרנומען דערעיקרשט מיט לאַנדווירטשאַפֿט און מלאכה און טיילמאָל פֿלעגן זיי אויך אָרגאַניזירן באַוואָפֿנטע אָנפֿאַלן צוליב רויב.

אין בערבעריע, וואו עס האָט זיך אַרום דער העלפֿט פֿון 12־טן י״ה באַפֿעסטיקט די ממשלה פֿון די פֿאַנאַטישע אַלמאָהאַדן, איז די לאַגע פֿון די יידן ביז דער העלפֿט פֿון 13־טן י״ה געווען אַן אויסערסט געדריקטע. די יידן האָבן דאָ געמוזט לעבן אונטער דער מאַסקע פֿון שמד, און צוליב דעם האָבן אויך גרויסע טיילן פֿון די בערבערישע יידן גענומען אויסוואַנדערן קיין עגיפּטן און אין די שכנותדיקע דרום־אייראָפּעישע לענדער: קיין שפּאַניע, סיציליע און דרום־איטאַליע. אַ בולט בילד פֿון דער טראַגישער לאַגע, אין וועלכער

ס'האָבן געלעבט די בערבערישע יידן — אנוסים, געפינען מיר אין דער באַרימטער שריפט פונם רמב"ם „אגרת השמד". דער רמב"ם, וואָס האָט זיך אַ געוויסע צייט (1160—1165) אויפגעהאַלטן אין בערבעריע, געפינט נישט פאַר די דאָרטיקע ברידער זיינע קיין אַנדערע עצה, ווי אויסוואַנדערונג. דער רמב"ם גופא האָט דאָ נישט געקאָנט לאַנג אויס־האַלטן און האָט געמוזט נעלם ווערן פון לאַנד צוליב די שווערע רעליגיעזע רדיפות. אַ געוויסע פאַרלייכטערונג איז אַריינגעטרעטן אין דער לאַגע ערשט אַרום דער העלפט פון 13־טן י"ה, אַ דאַנק דעם צוזאַמענברוך פון דער אַלמאָהאַדן־ממשלה. פאַר דער צווייטער העלפט פון 13־טן און 14־טן י"ה זענען אונז פאַרבליבן ידיעות וועגן אַ לעבעדיקן מסחר צווישן בערבעריע און שפּאַניע, אין וועלכן ס'האָבן זיך באַטייליקט פון איין זייט — בערבערישע יידן, און פון דער אַנדערער זייט — יידן פון אַראַגאָניע און פון די באַלעאַרן־אינזלען. אַ שטאַרקן צוואוקס האָבן באַקומען די יידישע ישובים אין בערבעריע ביים סוף פון 14־טן י"ה. ווי ס'איינפאָרמירן אונז שפּאַנישע קוועלן פון יענער צייט, בפרט די ש"ות פון ר' יצחק בן ששת, האָבן צוליב די טראַגישע געשעענישן אין י. 1391 מחנות שפּאַנישע יידן אויס־געוואַנדערט קיין צפון־אַפריקע אין די בערבערישע טעריטאָריעס.

קאַפּיטל ניינצן

דער ווירטשאַפטלעכער חורבן פון די יידן אין קאַסטיליע און אַראַגאָניע און די פּראָבעס פון אויפריכטונג.

(1474—1391)

55 § די קאַטאַסטראָפע פון י. 1391.

כמעט אַ גאַנץ יאָרהונדערט איז צוגעגרייט געוואָרן די קאַטאַסטראָפאַלע ענדערונג, וואָס איז פאָרגעקומען אינם לעבן פון די יידן אין קאַסטיליע און אַראַגאָניע אין י. 1391. קלענערע אויפרייסן לאָזן זיך שוין מערקן אין דער ערשטער העלפט פון 14-טן י"ה בעת דער אַזויגערופענער „פּאַסטאָרעלן-באַוועגונג", אין די 20-קער יאָרן, ווי אויך בעת דעם „שוואַרצן טויט". די פלאַמען פון די „יידן-שריפות", וואָס האָבן דעמאָלט געפלאַקערט אין פראַנקרייך, האָבן זיך אַריבערגעטראָגן אויך אין אַ ריי שכנותדיקע געגנטן פון צפון-שפּאַניע. בעת די 50-קער און 60-קער יאָרן, ווען אין קאַסטיליע האָט געבושעוועט דער כסדרדיקער בירגער-קריג, איז דער ייד געוואָרן אַ מין הפקר-זאַך. אויך אין אַראַגאָניע האָט זיך כסדר וואולקאַניזירט דער באָדן. דער רעליגיעזער פאַנאַטיזם, וואָס דינט צומאָל ווי אַ דעקמאַנטל פאַר דער ווירטשאַפטלעכער קאָנקורענץ און שנאָה, האָט זיך דאָ צעפלאַקערט אין דער פאָרם פון פּראָצעסן וועגן האָסטיען-שענדונג, וואָס זענען פאַרפירט געוואָרן קעגן די יידן. וועגן אַזעלכע פּראָצעסן ווערט אונז איבערגעגעבן פון די יאָרן 1359, 1367, 1377 און 1383. אין די יאָרן 1375—6 איז דאָס לאַנד אויפגערודערט געוואָרן פון אַ הונגער-נויט און עס האָט געדראָאָט מיט אַרויסטרעטונגען קעגן יידן, וועלכע מען האָט בעשולדיקט, ווי דער שטייגער איז, אין

תבואה־שפעקולאַציעס. אין די 80־קער יאָרן זענען די יידן אין אַ ריי אַראַגאָנישע שטעט שוין אויף אַזוי ווייט אויסגעמאַטערט געוואָרן פון דעם מלוכהשן פיסקאַליזם און פון די קאָנקורענץ־קאַמפן מיט די מאַגיסטראַטן און צעכן, אַז זיי זענען געשטאַנען נאָענט ביים אָפּגרונט און האָבן געמוזט אָנקומען צום קעניג מיט בקשות, ער זאָל פאַר זיי באַווייליקן מאָראַטאָריומס לגבי זייערע געלט־מאָנער. אַרום דערזעלבער צייט האָט די קירכע מיט אַ פאַרדאָפּלטן דרוק גענומען אַרבעטן קעגן די „אומגלויביקע", ביז עס איז סוף־כל־סוף געקומען צו דעם געוואַלדיקן אויפרייס און צו דער קאַטאַסטראָפע פון י. 1391.

וועגן די פּאַסירונגען פון י. 1391 זענען אונז פאַרבליבן גענוג ידיעות, אַזוי, אַז מיר קאָנען זיך שאַפן אַ גאַנצן בילד פון זיי. קודם־כל איז זיכער, אַז די געשעענישן זענען צוגעגרייט געוואָרן אַ לאַנגע צייט פאַרן אויסברוך. זיכער איז אויך, אַז דער רעליגיעזער אויפברויז פון די מאַסן וואָלט נישט אָנגענומען אַזעלכע שאַרפע, אַכזריותדיקע פאָרמען, ווען עס וואָלטן דערביי נישט מיטגעווירקט טיפע ווירטשאַפטלעכע און סאָציאַלע מאָמענטן. מיר ברענגען דאָ ווייטער אַ בינטל פרטים, וואָס וועלן אונז אילוסטרירן דעם סאָציאַלן און ווירטשאַפטלעכן הינטערגרונט פון די טראַגישע פאָרפאַלן.

אָנגעהויבן האָט זיך די באַוועגונג אין ס ע ווי ל אַ. שוין אין י. 1388, ד. ה. דריי יאָר פאַר דעם אויסברוך, האָט זיך דאָ אָנגעהויבן די העצערישע אַקציע פונם טרויעריק באַרימטן אַרכידיאַקאָן מ אַ ר ט י נ ע ץ. אונטערן דרוק פון קעניג ווערט מאַרטינעץ אין י. 1389 אָפּגעשטעלט אין זיין קירכלעכן אַמט און עס ווערט אים פאַרווערט צו האַלטן זיינע דרשות. אַ צייט שפּעטער (1390) זעען מיר אים צוריק ביי דער „פרומער" אַרבעט. עס איז אַ צייט קורץ נאָכן טויט פון קעניג. דער רעגירונגס־אַפּאַראַט פונקציאָנירט נאָך נישט, ווי געהעריק. מאַרטינעץ נוצט אויס די סיטואַציע, ער שיקט פאַנאַנדער אויפרופן וועגן „דער צעשטערונג פון די שולן, אין וועלכע די פיינט פון גאָט און דער קירכע פראַוון זייער „געצן־דינסט". ער אָרגאַניזירט די אַקציע, האַלט פלאַמענדיקע דרשות און ווירקט אויף די פאָלקס־ליידנשאַפטן. דער פונק איז געוואָרפן געוואָרן און דאָס פולווער־פאַס עקספּלאָדירט. דעם 15־טן מערץ 1391 ברעכט אויס אַ מוראדיקער פּאָגראָם אין סעווילאַ. קורץ דערויף כאַפּט אַרום דאָס פּאָגראָם־פייער קרוב 70 קהילות אין קאַסטיליע, צווישן זיי אויך אַזעלכע אַלטע און גרויסע יידישע צענטערס, ווי ק אָ ר ד אָ וו אַ, ט אָ ל ע ד אַ און

בורגאָס. פון קאַסטיליע רייסט זיך אַריין די פּאָגראָם־כוואַליע קיין אַראַגאָניע און עס ווערן דאָרט חרוב לערך 33 קהילות, דערונטער די קהילות אין באַרצעלאָנאַ, געראָנאַ, לערידאַ, טאַראַ־גאָנאַ, סאַראַגאָסאַ *). פון דעם פּאָגראָם־פייער זענען צולעצט אויך צעשטערט געוואָרן די יידישע ישובים אויף דער אינזל מאַלאָרקאַ, צווישן זיי אויך די גרויסע קהילה אין דער הויפּט־שטאָט פון דעם אינזל פּאַלמאַ.

ווי באַטאָנט, איז דער פונק געוואָרפן געוואָרן דורך אַ גלח, אַ רעליגיעזן פאַנאַטיקער. בעת דעם „הייליקן קריג" האָט זיך אָבער אויך אַנטפּלעקט אַ קאָמפּלעקס פון גאָרנישט קיין „הייליקע" אינטערעסן און ליידנשאַפטן... די מחנות פּאָגראָם־העלדן זענען באַשטאַנען כמעט פון אַלע שיכטן פון דער קריסטלעכער באַפעלקערונג. אין די האַפן־שטעט ווירקן מיט רויבערישע מאַטראָזן־באַנדעס, וואָס זענען געווען באַשטימט פאַר דער מלחמה אין סיציליע און וואָס זענען אָבער פון די קאָמאַנדירן פריער אַרויסגעשיקט געוואָרן קעגן די יידן... אַ באַזונדערס שטאַרקן אָנטייל נעמען אין די פּאָגראָמען פויערים־מאַסן. אין מאַנכע געגנטן, ווי, אַ שטייגער, אין קאַטאַלאָניע און אויף די באַלעאַרן־אינזלען טראָגן די פּאָגראָמען אַ בולטן כאַראַקטער פון אַ פויערים־רעוואָלוציע: די פויערים, וואָס האָבן דעמאָלט געלעבט אין נויט און וואָס זענען צוליב דעם אומגעהויערן שטייער־דרוק געווען שטאַרק פאַרשולדיקט ביי די יידן, נוצן אויס די געלעגנהייט, בכדי אַראָפּ־צוואַרפן פון זיך דעם שווערן יאָך פון חובות. זיי שטורעמען נישט בלויז יידישע הייזער, נאָר אויך געריכטס־אַרכיוון און פאַרברענען די שטרות און פּראָצעס־אַקטן, וואָס זענען דאָרט געלעגן. אין די דערפער אַרום דאַראָקאַ ווערן יידן גערודפט און געשאָכטן, בעת זיי קומען צו די פויערים מיט שטרות און פּרואוון איינמאָנען די חובות.

---

*) לויט די דאָקומענטן, וואָס זענען פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין דער נייסטער קוועלן־זאַמלונג פון פריץ בער:

Die Juden im christlichen Spanien, Urkunden u. Regeten I Berlin 1929.

זענען אין יאָר 1391 פאָרגעקומען פּאָגראָמען אין פאָלגנדיקע 33 אַראַ־גאָנישע קהילות: Abarrazin, Alcira (Algecira), Ayusa, Barbus-tro, Barcelona, Berga, Besalu, Burriana, Cauquiliber, Cerdana, Cervera, Daroca, Figueras, Gerona, Jaca, Jativa, Lerida, Minorisa, Moureal, Murviedro, Perpignan, Puigcerda, Roussilon, Soria, Tamarit, Tarragona, Teruel, Tortosa, Valencia, Vich, Villareal, Villa franca del Panades, Zaragoza.

אין טערועל ווערט דער פּאָגראָם דורכגעפירט פּמעט אויסשליסלעך דורך פויערישע מאַסן פון די אָרומיקע דערפער. כאַראַקטעריסטיש איז אויך פאַר די געשעענישן, ווי אַזוי עס האָבן זיך אין מאַנכע שטעט פאַרהאַלטן די מאַגיסטראַטן און צעכן: אין כאַטיוואַ האָט דער מאַגיסטראַט נאָך מיט 2 יאָר פאַר דעם פּאָגראָם פאַווערט די יידן איינצואָרדענען האַנטווערקער־וואַרשטאַטן אין דער שטאָט. דער קעניג האָט אָבער דעם פאַרבאָט סקאַסירט. נוצט טאַקע אויס דער מאַגיסטראַט דעם „הייליקן קריג״, בכדי פּטור צו ווערן פון די יידישע האַנטווערקער. אין אַן אַנדער פּאָגראָם־שטאָט, אין אַלבאַראַזין, קומען פאָר קורץ פאַר דער קאַטאַסטראָפע שאַרפע קאָנפליקטן צווישן די שטאָט־לייט און די יידישע האַנטווערקער. דער שטאָט־ראַט שטרעבט אַרויסצורייסן דעם יידישן רעגאַל פון דעם קעניגס הענט און ער צווינגט די יידישע „שניידער און אַנדערע בעלי־מלאכות״ (Sartoreset alios ministrallos) זיך אונטערצוואַרפן די פאַראָרדענונגען פון דער שטאָט־מאַכט. אין פערפיניאַן הויבט זיך אָן די פּאָגראָם־באַוועגונג דערמיט, וואָס די ראַטמענער זאָגן פּלוצלונג אַרויס דעם „הייסן וואונטש״, אַז די אָרטיקע יידן זאָלן ווערן קריסטן... אין גערענאַ איז דער פּאָגראָם, ווי ס'ווייזט אויס, געשטאַנען אין אַ צוזאַמענהאַנג מיט אַ געוואַלד־אַקציע פון די צעכן קעגן דעם הערשנדיקן שטאָט־ראַט, וואָס איז דעמאָלט געשטאַנען אונטער דער ווירקונג פון רייכע סוחרים און האַנטווערקער־מייסטער (אויפן שטייגער, ווי אין אַ ריי דייטשע שטעט בעת דעם „שוואַרצן טויט״). אַ כאַראַקטעריסטישע באַלויכטונג באַקומט זיך פאַר די סיבות פון דער קאַטאַסטראָפע, ווען מען נעמט אין אַכט, אַז אַזעלכע גרויסע האַנדלס־שטעט, ווי באַרצעלאָנאַ, וואַלענציאַ, פּאַלמאַ וכדומה האָבן אַ לענגערע צייט נאָך די פּאָגראָמען געשטעלט אַן עקשנותדיקן ווידערשטאַנד די אַלע פּראָבעס צו גרינדן אין דידאָזיקע שטעט נייע יידישע ישובים. ווי ס'דרינגט דערפון אַרויס, האָט מען דאָ געוואָלט פּשוט פּטור ווערן נישט בלויז פון „אומגלויביקע״, נאָר אויך פון קאָנקורענטן אויפן געביט פון האַנדל, קרעדיט און שטייער־אַרענדעס. רויב־ און קאָנקורענץ־מאָטיוון האָבן אויך אין אַ גרויסער מאָס גורם געווען צו דער יידן־פיינטלעכער שטעלונג, וועלכע עס האָט אַרויסגעוויזן בעת די געשעענישן דער מלוכהשער פאַרוואַלטונגס־אַפּאַראַט. די צענטראַלע רעגירונג האָט פאַרשטאַנען, אַז די פּאָגראָם־כוואַליע צעשטערט אַ וויכטיקן הכנסה־קוואַל פון דער קעניגלעכער מאַכט און באַדראָט אירע דינאַסטישע אינטערעסן, האָט זי טאַקע, בפרט אין אַראַגאָניע, אָנגעווענדט אַלע מיטלען, בכדי

צו פֿאַרלעשן דאָס פֿייער. פֿון דעם קאַסטיליאַנישן און אַראַגאָנישן הויף זענען געגאַנגען כסדרדיקע שטאַפּעטן מיט באַפֿעלן און פֿאַר־אָרדענונגען צו די גובערנאַטאָרן, שטאָט־פֿאַרוואַלטער, מאַגיסטראַטן וכדומה. יידן האָבן נישט געזשאַלעוועט קיין געלט, אַז די הערשער זאָלן וואָס ענערגישער אַרויסטרעטן קעגן די פּאָגראָמען. אין אַראַגאָניע האָט נישט קיין אַנדערער, ווי דער באַרימטער פֿילאָזאָף חסדאי קרעסקעס (קרשקש) אַליין זיך געשטעלט בראש פֿון אַ געלט־אַקציע, צו שטיצן די שוץ־אָנשטרענגונגען פֿון דעם קעניג. עס האָט אָבער ווייניק וואָס געהאָלפֿן. דער אַפּאַראַט, וואָס האָט געזאָלט די יידן נעמען אין שוץ, איז אָדער געווען צו שוואַך, אָדער ער האָט פּראָסט־פּשוט געאַרבעט האַנט ביי האַנט מיט די פּאָגראָם־מחנות. אַזוי, אַ שטייגער, איז נאָך דעם „היילקן קריג" פֿאַרפֿירט געוואָרן אַ פּראָצעס קעגן דעם גובערנאַטאָר פֿון רוסילאָן, מחמת ער האָט טאָלערירט דעם פּאָגראָם אין דער שטאָט און געמאַכט דערביי אַ פֿיין געשעפֿט, פֿאַרכאַפּנדיק פֿאַר זיך דאָס גאָלד און זילבער, ווי אויך דאָס געלט און צירונג, וואָס מען האָט בעתן פּאָגראָם צוגעראַבעוועט ביי די יידן. אַזעלכע „אייפֿעריקע" באַאַמטע האָבן געבושעוועט אויך אין אַ סך אַנדערע שטעט און זיי זענען געווען „איבערצייגט", אַז זיי טוען דערמיט דעם קעניג אַ טובה... „דערעיקרשט פֿאַרדריסט אונז — שרייבט דער אַראַגאָנישער קעניג אין אַ דאָקומענט פֿון יענער טרויעריקער צייט, — וואָס מען באַמיט זיך צו פֿאַרשפּרייטן אַ קלאַנג, אַז די פּאַסירונגען (פּאָגראָמען) זאָלן אונז כּלומרשט געפֿעלן..."

אויף אַזאַ אופֿן האָבן זיך אין די טראַגישע געשעענישן פֿון י. 1391 אַנטפּלעקט אין זייער מוראדיקער ווירקונג די אַלע אויפֿרייס־כּוחות, וואָס האָבן באַדראָט די לאַגע פֿון די יידן זינט לערך דעם סוף פֿון 13־טן י"ה. עס האָט זיך בולט אַרויסגעוויזן, אַז די יידן זענען אין משך פֿון אַ לאַנגער צייט אַריינגעשטויסן געוואָרן אין דעם אָפּגרונט פֿון שאַרפֿע אינטערעסן־קאָנפֿליקטן כּמעט מיט אַלע שיכטן פֿון דער באַפֿעלקערונג. אין די קרייזן פֿון אַדל און פֿון רייכן שטאָטישן פּאַטריציאַט האָט מען זיי געהאַסט צוליב די מלוכה־שטעלעס, וועלכע זיי האָבן פֿאַרנומען אַלס געהאָרכזאַמע כּלי־זיין פֿון קעניג, בפֿרט אָבער צוליב די פֿעטע אַרענדעס פֿון שטייערן און אָפּצאָלונגען, ביי וועלכע די יידישע פֿינאַנץ־מאַגנאַטן פֿלעגן כּסדר פֿאַרגרעסערן זייערע פֿאַרמעגנס. די אָרעמע שיכטן, ווידער, דהיינו, די פּויערים־און שטאָטישע פֿלעבייער־מאַסן האָבן אויף זיי געקוקט, ווי עס קוקט געוויינלעך דער פּאַופּעריזם אויף קאַפּיטאַליסטן, ביי וועלכע מען איז

פאַרשוואַרצט...

פאַרשוּלדיקט, אָדער ווי ער קוקט אויף שטייער־איינמאָנער, וואָס צאַפּן אַרויס דעם „לעצטן גראָשן". דערצו זענען צוגעקומען די כסדרדיקע העצערייען מצד דער קירכע, וואָס האָבן אין שפּאַניע תּמיד געהאַט אַ גינסטיקן באָדן צווישן דער מאַסע מיט איר אַלטער טראַדיציע פון קאַמפן קעגן די „אומגלויביקע". האָט זיך טאַקע אין אַ אַנטשיידנדיקן מאָמענט אַנטפּלעקט דער טרויעריקער פאַקט, אַז די קעניגלעכע מאַכט מיט אירע דינאַסטישע אינטערעסן, וואָס האָבן מיט זיך פאַרגעשטעלט דעם איינציקן שטיץ־פּונקט אין לעבן פון די יידן, איז סוף־כּל־סוף געווען אַ צו שוואַכער יסוד, אַז דאָס יידישע לעבן זאָל זיך דערויף קאָנען האַלטן אָן טיפע דערשיטערונגען און שווערע קרבנות.

§ 56 דער צוזאַמענברוך פון די יידישע ישובים אין קאַסטיליע און אַראַגאָניע.

אַ שטאַרקע ירידה און אַ געוואַלדיקע פאַראָרעמונג פון דער יידישער באַפעלקערונג — דאָס זענען געווען די פאָלגן נאָך דעם אויפרייס אין י. 1391 אין די אַמאָל בליענדיקע יידישע ישובים פון קאַסטיליע און אַראַגאָניע. דער יידישער היסטאָריקער מ. קייזערלינג איז משער, אַז צוליב די הריגות און מאַסן־שמד האָבן דעמאָלט די קהילות פאַרלוירן אַן ערך 100.000 נפשות. דידאָזיקע אָנגעגעבענע צאָל איז העכסט וואַרשיינלעך, ווען מען נעמט אין אַכט, אַז די פּאָגראָמען האָבן זיך, ווי מיר האָבן דאָס שוין אָנגעמערקט, אָפּגעשפּילט אין אַן ערך 70 קאַסטילישע און 33 אַראַגאָנישע קהילות, ווי אויך אין די שטאַרק באַפעלקערטע יידישע ישובים אויף דער אינזל מאַלאָרקאַ. לויט ווי ס'באַרעכנט דער אויסגעצייכנטער קענער פון דער יידיש־שפּאַנישער געשיכטע, פּריץ בער, האָבן אין יעדער פּאָגראָם־שטאָט, ווי סעווילאַ, טאָלעדאָ, באַרצעלאָנאַ, וואַלענציאַ און פּאַלמאַ געלעבט קורץ פאַר דער קאַטאַסטראָפע ביי אַ 1000 יידישע משפּחות. די איבעריקע מיטעלע און קלענערע יידישע ישובים, וואָס זענען געפאַלן אַ קרבן פון דער פּאָגראָם־כוואַליע, האָבן געציילט לערך פון 200 ביז 400 משפּחות. אויפן סמך פון דידאָזיקע ציפערן קאָן מען משער זיין, אַז אין די עטוואָס מער ווי 100 פּאָגראָמירטע קהילות האָט פאַר דער קאַטאַסטראָפע געלעבט אַ יידישע באַפעלקערונג פון לערך 35.000 משפּחות אָדער 175.000 נפשות. די צאָל 100.000 פּאָגראָם־קרבנות (הרוגים און אנוסים) שטעלט, אַלזוי, פאַר קנאַפּע 60 פּראָצ. פון יער געליטענער יידישער באַפעלקערונג, און דאָס איז, ווי שוין נאַטאָנט, זייער נאָענט צום אמת. דערביי מוז נאָך גענומען ווערן אין

אַכט, אַז אַ טייל יידן און אנוסים האָבן אויסגעוואַנדערט פון די פּאָגראָם־לענדער (אין די קוועלן פון יענער צייט ווערט אויסדריקלעך דערמאָנט וועגן דער עמיגראַציע קיין פּאָרטוגאַל, נאַוואַראַ און צפון־אפריקע), אַזוי, אַז מען קאָן גריילעך באַרעכענען די צאָל פון די געליטענע יידישע ישובים אויף קרוב 2/7 פון זייער פריער־דיקער באַפעלקערונג.

אַ וויטערע ירידה פון דער יידישער באַפעלקערונג לאָזט זיך פעסטשטעלן אין צוזאַמענהאַנג מיט דער צווייטער פּאָגראָם־און שמד־כוואַליע, וואָס האָט פאַרפלייצט אַ ריי קאַסטילישע און אַראַגאָנישע קהילות בעת דער פּלאַגעלאַנטן־באַוועגונג, מיט וועלכער ס׳האָט אָנגע־פירט ווינצענטע פערער (1412—1414). קרוב 20,000 יידן זאָלן דעמאָלט האָבן אָנגענומען דעם שמד. אין קאַסטיליע זענען צוליבן שמד דערעיקרשט אָפּגעשוואַכט געוואָרן די ישובים אין וואַלאַדאָליד, סאַלאַמאַנקאַ, סעגאָוויאַ, אַווילאַ, בורגאָס און טאָלעדאָ. פון די אַראַגאָנישע קהילות, וואָס זענען געטראָפן געוואָרן דורך דעמ־זעלבן גורל, ווערן אין די קוועלן דערמאָנט: סאַראַגאָסאַ, געראָנאַ, טאָרטאָזאַ, וואַלענציאַ, מאָנזאָן, קאַלאַטאַיוד, איאוזאַ, טאַמאַריטע, טערועל, מאָנבלאַן.

פונקט ווי אין י. 1391 האָט די שמד־באַוועגונג אויך אין די יאָרן 1412—1414 אָפּגעריסן פונם יידיש־שפּאַנישן אָרגאַניזם די סאַמע רייכסטע טיילן. יענע יידן, וואָס האָבן געהאַט אַממייסטן צו פאַרלירן און וואָס זענען, אגב, אַ דאַנק זייער וואוילשטאַנד, געוועזן האַלב אָדער גאַנץ אַסימילירט מיט דער שפּאַנישער סביבה, האָבן בלויז אין זעלטענע פאַלן אַרויסגעוויזן געגנוג פעסטקייט, אַז זיי זאָלן זיך נישט בויגן צוליב דער סכנה פון מאַטעריעלע קרבנות. איז טאַקע מיט דער געוואַלדיקער פאַרמינערונג פון דער יידישער באַפעלקערונג צוגלייך געפאַלן אויך איר פאַרמעגן. עס האָבן אָבער אויך געווירקט אַנדערע סיבות, אַז די מאַטעריעלע לאַגע פון די יידן זאָל בעת דער באַהאַנדל־טער תקופה פאַרערגערט ווערן ביז גאָר. עס איז געגנוג אָנצומערקן, אַז בעת די ראַבירונגען און פּלינדערונגען אין די יאָרן 1391, 1412, 1414 האָבן די יידן, וואָס זענען געבליבן טריי צו זייער גלויבן, פאַרלוירן כמעט אַלץ, וואָס זיי האָבן דערוואָרבן אין משך פון דורות. אַ דראַסטיש בילד פון דעם עלנט, וואָס האָט געהערשט צווישן די יידן אין קאַסטיליע נאָך די טראַגישע געשעענישן, מאָלט אונז אויס שלמה אַלאַמי אין זיין „אגרת מוסר״, וואָס איז געשריבן געוואָרן אין י. 1415. דער מחבר האָט אַליין איבערגעלעבט די טראַגעדיע אין

פּאָגראָם־לאַנד, און ער שרייבט אַזוי וועגן דעם חורבן, וועלכן ער האָט צוגעזען נאָך די שחיטות און צעראַבירונגען: „די, וואָס האָבן געוואוינט אין פּאַלאַצן, האָט מען אַריינגעוואָרפן אין צרהדיקע דירות, אין נידעריקע, פינסטערע הייזלעך. אנשטאָט רייכע רוישנדיקע מלבושים האָבן מיר געמוזט אָנטון שמאַטעס, און מיר זענען געוואָרן צו שאַנד און צו שפּאָט... די אַמאָליקע שטייער־אַרענדאַרן זענען זייער פאַראָרעמט געוואָרן, מחמת זיי האָבן נישט געוואוסט פון קיין שום מלאכה, מיט וועלכער זיי וואָלטן זיך געקאָנט מפרנס זיין. אָבער אויך די בעלי־מלאכות האָבן נישט געפונען קיין חיונה. נויט און הונגער זענען געוואָרן אַן אַלגעמיינע דערשיינונג. קינדער זענען הונגעריקע און נאַקעטע אַוועקגעשטאָרבן אויף דער מוטערס שויס...” אַ בילד פון עלנט און נויט אַנטפּלעקן אונז אויך די אראגאָנישע אַקטן פון דער באַהאַנדלטער תקופה. אין אַ דאָקומענט פון י. 1415 לייענען מיר, אַז די יידן האָבן צוליב די רדיפות אויסגעוואַנדערט פון אַ ריי אראגאָנישע שטעט, בכדי צו זוכן חיונה אין די אַרומיקע דערפער. דאָסזעלבע ווערט דערציילט אין אַ דאָקומענט פון י. 1416, אַז די העצערישע אַרבעט פון די גלחים און די שטיצע, וועלכע זיי האָבן דערביי באַקומען מצד די קעניגלעכע באַאַמטע, האָבן גורם געווען דערצו, אַז די יידן האָבן גענומען אויסוואַנדערן פון די קעניגלעכע שטעט און זיך אַריבערטראָגן אין די שטחים פון געוויסע ריטער. אין י. 1415 האָבן זיך די יידן פון מאָנבלאַן אַרומגעטראָגן מיט אויסוואַנדערונגס־פּלענער, מחמת זיי האָבן זיך נאָך דעם מאַסן־שמד, וואָס איז דעמאָלט פאָרגעקומען אין דער שטאָט, נישט געפילט מער זיכער. בעת דעם באַרימטן דיספּוט אין טאָרטאָזא (1412–1413) זענען אַלע יידן אַנטלאָפן פון סאראגאָסא אויס מורא, אַז מען זאָל זיי נישט צווינגען צום שמד. אין טאָרטאָזאַ גופא זענען נאָך דעם דיספּוט סך־הכל פאַרבליבן 6 יידישע משפחות, אַלע איבעריקע האָבן זיך געשמדט. וועגן דער קהילה אין טערועל גיט אונז איבער אַ דאָקומענט פון דערזעלבער צייט, אַז זי איז צוליבן שמד פון אירע רייכע מיטגלידער אריינגעפאַלן אין גרויס עלנט און נויט. אין קאלאטאַיוד איז נאָך די רדיפות פון די יאָרן 1412—1414 געבליבן א נישטיק הייפעלע יידן („in paucissimo numers” — אַזוי רעדט זיך וועגן זיי אין אַ דאָקומענט פון י. 1418). אין לערידאַ האָט אין י. 1412 אויפגעהערט צו עקזיסטירן אַ קהילה: טייל יידן האָבן זיך אויסגעשמדט, דער רעשט האָט אויסגעוואַנדערט. וועגן די יידן אין געראָנאַ דערציילט אונז אַ דאָקומענט פון י. 1431, אַז זיי זענען נאָך דעם מאסן־שמד פאַרבליבן אין אַזאַ נישטיקער צאָל,

אַז עס קאָן מער נישט זיין קיין רייד וועגן אַ קהילה". ("Sunt ita pauci iudei, quod vix potest aut debet aliama nuncupari".) די אַמאָל בליענדיקע קהילה אין סאַראַגאָסאַ איז אין י. ç4ç7 געווען אַזוי פאַראָרעמט, אַז מיט דער קהילה־פאַרוואַלטונג האָבן אָנגעפירט ליטער האַנטווערקער און „געמיינע מענטשן". ("los menestrales e delos menores e ignorantes").

נישט בעסער האָט עס אויסגעזען אין סאַראַגאָסאַ מיט 40 יאָר שפּעטער: די קהילה איז דעמאָלט נאָך אַלץ געווען זייער אָרעם און דער קעניג האָט זי מיט אַ פאַראָרדענונג פון י. 1457 געמוזט באַפרייען אויף 10 יאָר פון אַלע שטייערן. ענלעכע פאַראָרדענונגען האָט דער קעניג אין אַ יאָר אַרום אַרויסגעגעבן פאַר די שטאַרק פאַראָרעמטע קהילות אין קאַלאַטאַיוד, הועסקאַ, טערועל, טאַראַזאָנאַ, טאַוסט, אַלבאַראַזין וכדומה.

§ 57 די אויפבוי־שטרעבונגען פון די קעניגן.

דער איינציקער אָנשפּאַר, וואָס איז געבליבן די יידן אין קאַסטיליע און אַראַגאָניע נאָך די געשעענישן אין די יאָרן 1391, 1412, 1414, איז געווען די קעניגלעכע מאַכט. די קעניגן האָבן וואויל פאַרשטאַנען, אַז די באַוועגונג, וואָס וויל אויסראָטן די יידן מיט זייער האָב און גוטס, איז געווענדט קעגן זייערע פיסקאַלישע — און אומדירעקט אויך — קעגן זייערע דינאַסטישע אינטערעסן. האָבן זיי דעריבער געמאַכט נישט קיין קליינע אָנשטרענגונגען, בכדי צוריק אויפצוריכטן די בנינים פון זייערע געטרייע „קאַמער־קנעכט" און צו שאַפן די נויטיקע באַדינגונגען, אַז דער יידישער שטייער־קוואַל זאָל צוריק ווערן אַ וויכטיקע פּאָזיציע אינם קעניגלעכן בודזשעט. צוליב דער אַלגעמיינער פאַראָרעמונג פון די יידן און דער כסדרדיקער סכנה פון אויסוואַנדערונג אין די שכנותדיקע לענדער אָדער אין די טעריטאָריעס פון מאַנכע יידן־פריינטלעכע גראַנדן, האָבן די קעניגן גענומען צו הילף פּראָמינענטע יידישע פערזענלעכקייטן און אָנגעטרויט זיי די מיסיע, צו אָרגאַניזירן די חרוב־געוואָרענע קהילות. גלייכצייטיק האָבן זיי מיט אַ ריי פאַראָרדענונגען גענומען שאַפן כלערליי פאַרזיכערונגען, ווי אויךווירטשאַפטלעכע און פיסקאַלישע פאַרלייכטערונגען פאַר די פרישע יידישע ישובים, בכדי צו באַזייטיקן אויף ווי ווייט מעגלעך די סיבות פון עלנט און עמיגראַציע.

אַזוי זעען מיר אין קאַסטיליע נאָך די פּאָגראָמען (1391) בראש פון דער אויפבוי־אַרבעט דעם הויף־ייד און מלוכה־רב (חכם־הכולל) דאָן

מאיר אַלגוואַדעס (אַלגואַדיץ, אַלגואַדיש). ער אַנטוויקלט זיין טעטיקייט לערך פון יאָר 1395 ביזן יאָר 1410 און באַזיצט פון קעניג ברייטע פולמאַכטן אויף איינצואָרדענען דאָס אויטאָנאָמע לעבן פון די קהילות און צו רעגולירן זייערע פינאַנצן. נאָכן טראַגישן טויט פון דאָן אַלגוואַדעס פאַרנעמט זיין אָרט דער מלוכה־רב (rabi de la corte) דאָן אַברהם בענווענִיסטע (בנבנשת). לויט זיין איניציאַטיוו קומט צושטאַנד אין י. 1432 אַ וועד פון קהילות־פאַרטרעטער פון גאַנץ קאַסטיליע און עס ווערן צוזאַמענגעשטעלט אויספירלעכע תקנות וועגן די יידישע אויטאָנאָמע אַנשטאַלטן, וועגן גמינע־שטייערן, „מלשנים" און אַז. וו. אין אַראַגאָניע זענען אין דערזעלבער צייט געווען פאַרנומען מיט די אויפריכטונגס־אויפגאַבן דער באַרימטער פילאָזאָף חסדאי קרעסקעס און דאָן בענווענִיסטע דע לאַ קאַוואַלעריאַ. חסדאי קרעסקעס איז געווען אָנגעשטעלט ביים קעניגלעכן הויף (ער ווערט אין אַ דאָקומענט פון י. 1391 באַצייכנט אַלס „judeu de castra nostra", ד. ה. אַלס „ייד פון אונזער (קעניגלעכן) הויף"). אין י. 1393 איז ער צוגעצויגן געוואָרן צו דער אויפבוי־אַרבעט. לויט אַ פאַרבליבענעם דאָקומענט פונם דאָזיקן יאָר האָט ער און נאָך 2 יידישע נאָטאַבלען פון סאַראַגאָסאַ און קאַלאַטאַיוד באַקומען פונם קעניג פולמאַכטן אויף צו באַזעצן אין די חרוב־געוואָרענע יידישע קוואַרטאַלן פון באַרצעלאָנאַ און וואַלענציאַ ביי אַ 60 יידישע משפחות. חסדאי קרעסקעס האָט געווירקט לערך ביזן י. 1410. אַ הויפישער ייד איז אויך געווען בענווענִיסטע דע לאַ קאַוואַלעריאַ. דאָקומענטאַליש לאָזן זיך זיינע באַציונגען מיטן קעניגלעכן הויף פעסטשטעלן שוין זינט דעם י. 1380. ער ווערט אַריינגעפירט אין הויף דורך זיין פאָטער שלמה, וואָס איז געווען אַ הויכער פינאַנץ־באַאַמטער. אין י. 1386 נעמט ער איבער דעם פאָטערס געשעפטן, אַרענדירט דעם אַרויספיר־צאָל פון אַראַגאָניע קיין קאַסטיליע און פאַרנעמט זיך מיט כלערליי ליפערונגען פאַרן הויף. אין דער אויפבוי־אַרבעט ווערט ער דורכן קעניג אַריינגעצויגן באַלד נאָך די פאָגראָמען פון י. 1391. דער קעניג האָט אים איבערגעגעבן די עובדא צו רעגולירן די צעשטערטע פינאַנצן פון די קהילות. ס'זענען אונז פאַרבליבן צוויי דאָקומענטן (פון די יאָרן 1394 און 1403), וועלכע אילוסטרירן די דאָזיקע טעטיקייט זיינע.

דאָס זענען די פאַרזיכערונגען און ווירטשאַפטלעכע פאַרלייכטערונגען, מיט וועלכע די רעגירונגען זענען אַרויסגעטרעטן, בכדי צוצואיילן דעם אויפבוי־פּראָצעס. אין קאַסטיליע גיט אַרויס דער קעניג היינריך III אין י. 1395 שטרענגע פאַראָרדענונגען וועגן צוציען צו

פאַראַנטוואָרטונג די רעדל־פירער פון די פּאָגראָמען און ער לאָזט איינ־
זעצן אין תּפיסה דעם טרויעריק בארימטן העלד פון די געשעענישן,
דעם אַרכידיאַקאָן פ ע ר א נ ד אָ מ אַ ר ט י נ ע ז. אין י. 1414, ווען עס
איז אריבער דער שטורעם־ווינט פון דער פלאַגעלאַנטן־באַוועגונג אונטער
ו י צ ע נ ט ע פ ע ר ע ר, האָט דער רעגירונגס־ראַט מבטל געמאַכט אַ
ריי אַנטי־יידישע פאַראָרדענונגען, וואָס זענען אין י. 1412 אַרויסגעגעבן
געוואָרן דורך דער קעניגין קאַטאַלינאַ אונטערן דרוק פון די העצערייען.
גלייכצייטיק האָט די רעגירונג פאַראָרדנט, אַז די יידן מעגן פריי
האַנדלען אויף ירידים און באַשעפטיקן קריסטלעכע אַרבעטער אין
זייערע לאַנדווירטשאַפטלעכע ווארשטאַטן. עס זענען אויך דורכגעפירט
געוואָרן מילדערע שנוים אין די פריערדיקע פאַראָרדענונגען וועגן דעם
יידישן שאַנד־צייכן. אין י. 1443, ווען די קלעריקאַלע גרופּירונגען אין
קאַסטיליע האָבן געהאַט אויסגעפּועלט ביים פּויפּסט ע ו ג ע נ י ו ס IV
אַ ביל, וואָס האָט געדראָט אונטערצוגראָבן די עקזיסטענץ פון די
יידן, האָט די רעגירונג אַרויסגעגעבן אַזאַ קונציק צונויפגעשטעלטן
פּירוש צו דעם ביל, אַז ער האָט אינגאַנצן פאַרלוירן זיין תּוך.

אַ סך גענויער זענען מיר אינפאָרמירט וועגן די שוץ־ און
אויפבוי־פאַראָרדענונגען פון דער רעגירונג אין א ר אַ ג אָ נ י ע: בעת די
געשעענישן אין יאָר 1391 אַנטוויקלט דער קעניג הואַן I אַן ענערגישע
אַקציע קעגן די פּאָגראָם־העלדן. ער שיקט פאַנאַנדער באַפעלן און פאַר־
אָרדענונגען צו די גובערנאַטאָרן, שטאָט־פאַרוואַלטער, מאַגיסטראַטן וכדומה,
לאָזט דורכפירן שטרענגע פּראָצעסן קעגן די שולדיקע און שאַנעוועט
נישט אַפילו אַזעלכע הויכגעשטעלטע באַאַמטע, ווי דער גובערנאַטאָר
פון רוסילאָן, וועלכן מען האָט באַשולדיקט אַלס אַ מיטהעלפער ביי
די פּאָגראָמען. זייער כאַראַקטעריסטיש איז אויך די פאַרבליבענע קאָ־
רעספּאָנדענץ, וועלכע דער קעניג האָט אין יענער טראַגישער צייט גע־
פירט מיטן ערצבישאָף פון סאַראַגאָסאַ וועגן אַרויסגעבן אַ געוויסן גלח,
וואָס האָט געהעצט בעת די פּאָגראָמען און וואָס איז געווען אַ ברו־
דער־זון פון פעראַנדאָ מאַרטינעז. ווען עס איז פאַרלאָשן געוואָרן די
שריפה, האָט דער קעניג באַלד גענומען זאָרגן פאַר אַ גיכן ווידער־
אויפבוי. אין י. 1393 גיט ער אַרויס די אונז שוין באַוואוסטע פאַר־
אָרדענונג וועגן דער אויפריכטונג פון יידישע ישובים אין ב א ר צ ע־
ל אָ נ א און ו אַ ל ע נ צ י אַ און ער ציט צו צו דער אויפבוי־אַרבעט
זיין הויף־ייד ח ס ד א י ק ר ע ס ק ע ס. אין דעמזעלבן יאָר פאַראָרדנט
ער לטובת דער קהילה אין ט אַ ר אַ ג אָ נ אַ, אַז זי זאָל באַפרייט ווערן פון
אַלע קעניגלעכע שטייערן אויף אַ צייט פון 5 יאָר. אין י. 1395 לאָזט

ער וויסן דורך אַ ספּעציעלער פאַראָרדענונג, אַז אַלע יידן און אנוסים, וואָס האָבן צוליב די רדיפות אויסגעוואַנדערט פון דעם אינזל מאַלאָרקאַ און וואָס האָבן זיך באַזעצט אין צפון־אַפריקע, מעגן זיך פריי אומקערן אין זייער אַראַגאָנישער היים. די צוריק־וואַנדערער — ווערט געזאָגט אין דער פאַראָרדענונג, — וועלן קאָנען פירן זייערע געשעפטן אין דער גאַנצער מלוכה, זיי ווערן באַפרייט פון אַלע אויסערגעוויינלעכע שטייערן און אַלטע חובות און עס וועלן קעגן זיי נישט פאַרפירט ווערן קיין שום פּראָצעסן. פון דעמזעלבן יאָר איז אונז אויך פאַרבליבן אַ קעניגלעכע פאַראָרדענונג לטובת דער קהילה אין Jaca: צוליב די שאָדנס, וועלכע זי האָט געליטן בעת די פּאָגראָמען, זאָגט איר צו דער קעניג, אַז ער וועט נישט באַוויליקן קיין מאָראַטאָריום פאַר אירע בעלי־חובות. אַן ענלעכע הבטחה גיט אויך דער קעניג מאַרטין (1400) דער קהילה אין ל ע ר י ד אַ, באַשטימענדיק גלייכצייטיק, אַז כל־זמן עס וועלן זיך אין דער קהילה נישט באַזעצן קיין 100 משפחות, וועט זי זיין פריי פון אַלע שטייערן. דער קעניג זאָרגט אויך דערפאַר, אַז די יידן זאָלן קאָנען אין ל ע ר י ד א אויפשטעלן הייזער פאַר זיך צו ביליקע פרייזן. געוואָר ווערנדיק, אַז די קעניגין מ אַ ר י אַ האָט בעת זיין אָפּוועזנהייט אַרויסגעגעבן יידן־פיינטלעכע פאַראָרדענונגען פאַר דער פּראָווינץ ק אַ ט אַ ל אָ נ י ע, האָט זיי דער קעניג תיכף ומיד מבטל געמאַכט. אַ גרעסערע צאָל אויפבוי־פאַראָרדענונגען זענען אַרויס פון דער קעניגלעכער קאַנצעלאַריע נאָך די העצערייען און רדיפות, וואָס זענען אָרגאַניזירט געוואָרן דורך ווינצענטע פערער (1412—1414). אין י. 1416 גיט אַרויס דער קעניג א ל פ אָ נ ס אַ באַפעל צו אַלע זיינע באַאַמטע, אַז זיי זאָלן די יידן העלפן אויפבויען די חרוב־געוואָרענע בנינים. אין משך פון די ווייטערע 6 יאָר ווערט אַרויסגעגעבן אַ ריי פאַראָרדענונגען, וואָס ברענגען שטייער־פאַרלייכטערונגען פאַר די קהילות אין ט אָ ר ט אָ ז א, ק אַ ל אַ ט אַ י ו ד, ט ע ר ו ע ל וכדומה, און דערלויבן אַנדערע קהילות צו באַצאָלן די חובות אין ווייטער גערוקטע טערמינען (מאָראַטאָריומס). היות, ווי עס זענען, אונטערן דרוק פון די געשעענישן אין י. 1414, אַרויסגעגעבן געוואָרן געוויסע רעאַקציאָנערע תקנות וועגן יידישע פּראָפעסיעס, ווערן זיי אין די רואיקערע צייטן (1419) צוריקגעצויגן. מען פאַרגעסט אויך נישט אין די הויפישע קרייזן צו ווירקן אויף די דאָמיניקאַנער, אַז זיי זאָלן איינהאַמעווען זייער העצע קעגן יידן (1422).

עד כאן די פאַראָרדענונגען פון די קעניגן, וואָס האָבן געדינט דעם אויפבוי־ווערק און דער פאַציפיקאַציע פון די פאַרהעלטענישן.

אין דעם צוזאַמענשטעל, אין וועלכן מיר האָבן זיי געבראַכט, מאַכן זיי דעם איינדרוק פון אַן אויסגעהאַלטענער ווירטשאַפטס־ליניע. אין דער אמתן זענען אָבער פון צייט צו צייט פאַרגעקומען אָפּווייכונגען פון דער ליניע, וואָס זענען געווען דורכאויס יידן־פייטלעך. ביי אַ גענויערן אַנאַליז ווייזט זיך אַרויס, אַז דער יידן־פיינטלעכער קורס אין דער פּאָליטיק פון די רעגירונגען האָט אין דער באַהאַנדלטער תקופה געטראָגן בלויז אַן ע פ י ז אָ ד י ש ן כאַראַקטער. די יידן־פיינטלעכע דעקרעטן פלעגן אַרויסגיין פון די קעניגלעכע קאַנצעלאַריעס אין אַ צייט פון אַ פאַרשטאַרקטן דרוק מצד דער קירכע און די קאָרטעס, ווען עס האָט זיך איינגעגעבן דידאַזיקע פאַקטאָרן אויפצורודערן די מאַסן און דערפירן צו אַנטי־יידישע באַוועגונגען אין „גאַס“. באַזונדערס שאַרפע דעקרעטן און אָרדאָנאַנסן האָבן די רעגירונגען אַרויסגעגעבן אין דער צייט פון ווי צ ענ טע פ ער ע ר ס אַרויסטרעטונגען און פון די דיספוטן אין ט אָ ר ט אָ ז אַ (פון י. 1412 ביז לערך 1415), ווען די רעליגיעזע ליידנשאַפטן האָבן סיי אין קאַסטיליע און סיי אין אַראַגאָניע זיך געוואַלדיק צעפלאַקערט. מיר ברענגען דאָ ווייטער אַלס אילוסטראַציע איניקע אַזעלכע קעניגלעכע פאַראָרדענונגען, וואָס האָבן זיך בעת דער באַהאַנדלטער תקופה באַוויזן אין קאַסטיליע און אַראַגאָניע.

אין י. 1395 באַשטימט דער קאַסטילישער קעניג ה יי נ ר יך III, אונטערן דרוק פון די קאָרטעס, וואָס זענען זיך דעמאָלט צונויפגעקומען אין וואַלאַדאָליד, אַז אַ העלפט פון אַלע יידישע תביעות ווערט סקאַסירט. גלייכצייטיק פאַראָרדנט ער, אַז דאָס עדות־זאָגן פון יידן קעגן קריסטן אין די געריכטן האָט נישט קיין שום ממשות און אַז די יידן זענען מחויב צו טראָגן די געהעריקע שאַנד־צייכנס. מיט נאָך שאַרפערע באַשטימונגען טרעט אַרויס אין י. 1412 די קאַסטילישע קעניגין־מוטער ד אָ נ אַ ק אַ ט אַ ל י נ אַ, וואָס האָט דעמאָלט רעגירט אין נאָמען פונם מינדעריאָריקן ה ו אַ ן II. אין אַ לאַנגן דעקרעט, וועלכן זי גיט ארויס, ווערט די יידן פאַרבאָטן צו פאַרנעמען מלוכה־שטעלעס, צו באַשעפטיקן זיך מיט מעדיצין, צו האַנדלען מיט אַרטיקלען פון ערשטן געברויך, ווי, אַ שטייגער, ברויט, פלייש און וויין, צו האַלטן ביי זיך קריסטלעכע באַדינער און קריסטלעכע לאַנדווירטשאַפטלעכע אָדער אינדוסטריעלע ארבעטער און אַז. וו. גלייכצייטיק ווערט פאַראָרדנט, אַז יידן מעגן וואוינען בלויז אין די פאַר זיי באַשטימטע קוואַרטאַלן און אַז זיי זענען מחויב אין משך פון איין וואָך זיך אַרויסצוציען פון אַלע הייזער מחוץ די יידן־קוואַרטאַלן. ווייטער ווערן פאַרשאַרפט די פאָרשריפטן וועגן דעם יידישן שאַנד־צייכן און עס ווערן אויך שטאַרק

באַגרענעצט די אויטאָנאָמע רעכט פון די קהילות. לסוף ווערט ז״ י יידן פארבאָטן צו עמיגרירן פון די קעניגלעכע טעריטאָריעס און עס ווערט יעדן שרה, וואָס וועט אויפנעמען אַזעלכע עמיגראנטן אויף זיין נחלה, געדראָט מיט אַ געלט-שטראָף ביז 150.000 מאַראַוועדי. ווי שוין באַמערקט, האָט זיך דערדאָזיקער שארפער דעקרעט געהאַלטן סך-הכל 2 יאָר. ווען עס האָבן זיך אין קאסטיליע אַ ביסל באַרואיקט די געמיטער, האָט דער רעגירונגס-ראט תיכף מבטל געמאַכט דעמדאָזיקן דעקרעט (1414).

אַ סך ענלעכע דעקרעטן באווייזן זיך אין דערזעלבער צייט אין אַראַגאָניע: אין י. 1397 פאראָרדנט די קעניגין מאַריאַ בנוגע די יידן אין דער קאַטאַלאָנישער פראָווינץ, אז זיי טאָרן זיך נישט געפינען אויף דער גאס בעת די קאטוילישע פראָצעסיעס, אז זיי זענען מחויב צו טראָגן שאַנד-צייכנס און אז אַ יידישער רופא מעג אונטערזוכן אַ קריסט בלויז אין דער אָנוועזנהייט פון אַ קריסטלעכן רופא. אין י. 1413 לאָזט ארויס דער קעניג פערנאַנדאָ 1 אַ פאראָרדענונג בנוגע די יידן אין מאַלאָרקא, וואָס „רעגולירט״ די יידן-פראגע אין גייסט פון דעם שוין דערמאָנטן קאסטילישן אָרדאָנאַנס פונם י. 1412. פון דעמזעלבן קעניג שטאמט אויך אַן אויספירלעך יידן-געזעץ פון יאָר 1415, אין וועלכן ס׳ווערן איבערגעחזרט פארשידענע אנטי-יידישע פאָרשריפטן, מיט וועלכע ס׳איז אין דעמזעלבן יאָר ארויסגעטרעטן דער פויפסט בענעדיקט XIII. די פאראָרדענונגען פון פערנאנדאָ זענען געווען מסוגל צו דערשטיקן דאָס יידישע לעבן אין אראגאָניע. זיי זענען אַן אויסדרוק פון די שטימונגען, וואָס האָבן געהערשט אין לאנד בעת דער אקציע פון וויצענטע פערער און די וויכוחים אין טאָרטאזא. מיט 4 יאָר שפעטער, ווען די ליידנשאפטן זענען שוין געווען אַ שפּאָר ביסל אָפּגעקילט, זענען די דערמאָנטע פאראָרדענונגען געענדערט געוואָרן דורכן קעניג אלפאָנס V לטובת די יידן.

קאַפּיטל צוואַנציק

די שוועריקייטן ביים יידישן אויפבוי־ווערק אין קאַסטיליע און אַראַגאָניע און די ירידה פון יידישןווירטשאַפטס־לעבן.

(1474 — 1391)

§ 58 דער ווידערשטאַנד מצד דער קירכע און די קאָרטעס.

די גרעסטע שוועריקייט, אויף וועלכער די קאַסטיליִשע און אַראַגאָנישע קעניגן פלעגן זיך אָנשטויסן ביי זייערע שטרעבונגען אויפצוריכטן דאָס חרוב־געוואָרענע יידישע לעבן, איז באַשטאַנען אין דעם ווידערשטאַנד מצד דער קירכע און די קאָרטעס. די קירכע האָט געהאַט צו פאַרצייכענען אַ ריי „טריומפן" איבער די יידן: דעם מאַסן־שמד פון טויזנטער יידישע משפחות, וואָס האָט פאַרגרעסערט די מחנות אַנוסים, דעם „נצחון איבערן יידנטום" בעת די וויכּוחים אין טאָרטאָזא, די קעניגלעכע פאַראָרדענונגען, וואָס האָבן די „פאַרעקשנטע יידן" געצוואונגען אויסצוהערן מיסיאָנערישע דרשות אין די קירכעס, דאָס פאַרשליסן די יידן אין באַזונדערע קוואַרטאַלן, די דערנידעריקלעכע דעקרעטן וועגן יידישע שאַנד־צייכנס און אַז. וו. די אַטמאָספערע, וואָס איז אויף אַזאַ אופן געשאַפן געוואָרן, האָט זיך, ווי אַ שווערע משא, אַרויפגעלייגט אויפן אויפבוי־ווערק. אין די צייטן פון רעליגיעזן אויפברויז, ווי אַ שטייגער, אין די יאָרן 1412—1415, איז אַ סך פון דעם אויפגעבויטן צוריק חרוב געוואָרן. די קעניגן האָבן געמוזט ווייניקסטנס אויף אַ געוויסער צייט קאַפּיטולירן, און ווען זיי האָבן שפּעטער ווידער גענומען פּראָטעזשירן זייערע יידישע קאַמער־קנעכט, זענען זיי נישט תמיד געווען אימשטאַנד צו האַלטן אין צוים די יידן־פיינטלעכע

כוחות, וואָס זענען בעת דעם „הייליקן קריג“ געקומען צום באַוואוסטזיין פון זייער מאַכט און באַדייטונג.

דאָ ווייטער וועלן מיר זיך אָפּשטעלן ביי אַ ריי כאַראַקטעריסטישע אַקציעס מצד דער קירכע און די שררות, ווי אויך מצד די שטעט און דער קעניגלעכער ביוראָקראַטיע, וואָס האָבן אין אַ גרויסער מאָס פּאַראַליזירט די אויפבוי־שטרעבונגען פון די קעניגן.

מיר הויבן אָן פון קאַסטיליע. אין י. 1395 איבן אויס די קאָרטעס, וואָס זענען זיך דעמאָלט צונויפגעקומען אין וואַלאַדאָליד, אַזאַ שטאַרקן דרוק אויפן קעניג, אַז ער באַשליסט זיך צו רעדוצירן אויף אַ העלפט אַלע יידישע תביעות, הגם דער קעניגלעכער אוצר האָט דערפון געהאַט גרויס שאָדן. אין י. 1410 ווערט צוליב דער פאַריימדערישער אַקציע מצד דעם טרויעריק באַרימטן משומד פּאַולוס פון בורגאָס באַזייטיקט דער מלוכהשער רב, ר׳ מאיר אלגואדיץ, וואָס איז דורכן קעניג באַשטימט געוואָרן דורכצופירן די אינערלעכע רעסטאַוראַציע פונם קאַסטילישן יידנטום. אויסנוצנדיק דעם דרוק פון דער פלאַגעלאַנטן־באַוועגונג פועלן אויס די שונאי־ישראל ביי דער קעניגין קאַטאַלינאַ דעם אונז שוין באַוואוסטן דעקרעט פון י. 1412. קוים ווערט דער דעקרעט אין י. 1414 צוריקגערופן דורכן רעגירונגס־ראַט, זענען זיך דיזעלבע יידן־פיינטלעכע עלעמענטן משתדל ביים פּויפּסט בענעדיקט דעם XIII-טן און זיי קריגן פון אים אַרויס אַ ביל 11/5 1415), וואָס חזרט איבער די פאַרשריפטן פונם סקאַסירטן דעקרעט און וואָס גיט נאָך צו אייניקע נייע אַנטי־יידישע פאַראָרדענונגען (אַ שטייגער, אַז יידן טאָרן זיך נישט פאַרנעמען מיט קיין שום מלאכות, אַז אין אַ קהילה טאָר זיך נישט געפינען מער, ווי איין קליינע שול, אַז יידן טאָרן נישט לערנען קיין תלמוד, אַז זיי מוזן הערן אין די קירכעס די דרשות פון גלחים און אַז. וו.). אין זעקס יאָר אַרום גיט זיך איין אויסצופועלן ביים פּויפּסט מאַרטין V ער זאָל סקאַסירן בענעדיקטס ביל און דערלויבן די יידן צו פאַרנעמען זיך מיט אַרענדעס און מעקלעריי, ווי אויך מיטן דאָקטאָר־פאַך און אַנדערע פּראָפעסיעס. אין לאַנד פירט דעמאָלט אָן מיט דער קעניגלעכער פּאָליטיק דער ליבעראַלער קאַנצלער אַלוואַראָ דע לונאַ און דאָס יידישע אויפבוי־ווערק רוקט זיך אַ ביסל פאָרויס. דער יידן־פיינטלעכער לאַגער רוט אָבער נישט, ער אינטריגירט כסדר קעגן דעם קאַנצלער און זוכט צו פּאַראַליזירן זיין יידן־פריינטלעכע פּאָליטיק. אין י. 1442 באַקומט ער אַרויס פונם פּויפּסט עווגעניוס IV אַ ביל, וואָס איז מבטל מאַרטינס ביל פון י. 1421 און באַנייט דעם אַלטן סיסטעם פון רעפּרעסיעס

קעגן יידן. אַלוואַראָ דע לונאַ פּאַראַליזירט די פּאַרשריפטן פונם בּיל
מיט דער הילף פון אַ קעניגלעכן דעקרעט (1443); דאָס צערייצט
אָבער נאָך מער זיינע קעגנער. גאַנצע צען יאָר דויערט נאָך דער
קאַמף מיט דעם ליבּעראַלן קאַנצלער, וואָס איז געווען אַ הייסער
פּראָטעקטאָר פונם יידישן אויפבּוי. סוף־כּל־סוף פאַלט דער קאַנצלער
אין י. 1453 אַ קרבּן פון די אינטריגעס, און די שונאי־ישראל געווי־
נען נייע מעגלעכקייטן פאַר אַנטי־יידישע העצערייען. אין משך פון די
נאָענטסטע יאָרן ווערט דורך די קאָרטעס דורכגעפירט אַ ריי באַגרע־
נעצונגען פונם יידישן האַנדל און קרעדיט. אין י. 1462 געווינט די
ליבּעראַלע פּאַרטיי די אויבּערהאַנט און די קאָרטעס שאַפן אָפּ די
באַגרענעצונגען, אָבער דער נצחון איז בּלויז אַ צייטווייליקער. אין
י. 1465 באַשטייט די מערהייט פון די קאָרטעס צוריק פון יידן־
פיינטלעכע עלעמענטן און עס ווערט דעם קעניג געשטעלט אַ פאָדע־
רונג, ער זאָל באַנייען דעם דעקרעט פון דער קעניגין קאַטאַלינאַ פון
י. 1412. דער קעניג איז, אפנים, באַשטאַנען דערויף, האָט מען טאַקע
בּעת די קומענדיקע באַראַטונגען פון די קאָרטעס ווידער געטומלט וועגן
די יידן. אַזוי, אַ שטייגער, האָבּן די קאָרטעס אין י. 1469 אָנגענומען
אַ ריי פּראָטעסטן־רעזאָלוציעס קעגן דעם, וואָס די יידן ווערן פּראָטע־
זשירט דורכן קעניג און צוגעלאָזט צו אַרענדעס. בּכדי צו פאַרשאַרפן
דעם דרוק אויף דער קעניגלעכער פּאָליטיק לגבי די יידן, ווערן אין
דערזעלבער צייט אָרגאַניזירט עלילת־דם־פּראָצעסן און פּאָגראָמען, ווי
אַ שטייגער, אין י. 1461 אין וועדינאַ דעל קאַמפּאָ (בּיי וואַלאַ־
דאָליד) און אין י. 1473 אין קאַרמאָנאַ, האַען, סעגאָוויאַ
וכדומה.

ענלעך איז דאָס בּילד פונם כּוחות־שפּיל אויך אין אַראַגאָניע:
חוץ דער קירכע אַרבּעטן דאָ קעגן דעם יידישן אויפבּוי־ווערק צום
שטאַרקסטן די שטאָט־ראַטן און מאַגיסטראַטן. עס איז שוין אויף אַן
אַנדער אָרט דערמאָנט געוואָרן, אַז די גרעסטע אַראַגאָנישע האַפנס־
שטעט, ווי בּאַרצעלאָנאַ, וואַלענציאַ און פּאַלמאַ האָבּן נאָך
דער קאַטאַסטראָפע פון י. 1391 עקשנותדיק געקעמפט, כּדי צו בּלייבּן
„יידן־ריין" און נישט צו דערלאָזן צו דער אנטשטייונג פון נייע
יידישע ישובים. אין דערזעלבער ריכטונג זענען אויך געגאַנגען די
בּאַמיונגען פון אַ ריי אַנדערע שטעט, גרעסערע און קלענערע. ווען
עס זענען אין די שטעט, אַ דאַנק די פאַראָרדענונגען פון די קעניגן,
פאָרט אַנטשטאַנען יידישע קיבּוצים, האָבּן זיך די מאַגיסטראַטן אויף
פלערליי אופנים בּאַמיט צו פאַרשווערן די לאַגע פון די יידישע

איינוואוינער. אַזוי, אַ שטייגער, פּראָטעסטירט אין י. 1397 דאָס שטעטל טאָרטאָזאַ קעגן אַ קעניגלעכן דעקרעט, וואָס האָט אַנטהאַלטן שפּעטער אייניקע באַשטימונגען לטובת די יידן. אין י. 1408 באַדריקט דער מאַגיסטראַט אין לערידאַ די אָרטיקע יידן מיט אַזעלכע שווערע שטייערן, אַז דער קעניג מוז אָנווענדן שאַרפע מיטלען קעגן דעם. אין יאָר 1419 איז דער מאַגיסטראַט אין גערָאנאַ שטאַרק אויפגערעגט געוואָרן, וואָס דער קעניג האָט דערלויבט די יידן זיך צו באַשעפטיקן מיט אַרענדעס, מעקלעריי, באַנקיר-געשעפטן וכדומה, און די שטאָטישע פאָרשטייער שרייבן אין אַ דאָקומענט פונם דאָזיקן יאָר מיט גרויס פאַרביטערונג, אַז „די יידן האָבן פון קעניג אַלץ אַרויסבאַקומען, וואָס זיי האָבן נאָר פאַרלאַנגט"... די יידן-פיינטלעכע שטימונגען, וואָס האָבן געהערשט אין די שטעט, און די כּסדרדיקע העצעס מצד דער קירכע האָבן גורם געווען דערצו, אַז די אויספירנדיקע אָרגאַנען פונם קעניג-לעכן אדמיניסטראַציע-אַפּאַראַט זאָלן וואָס מער אַריינגעצויגן ווערן אין דעם השפעה-קרייז פון די שונאי-ישראל. פון דעם פּאָגראָם-יאָר 1414 איז אונז פאַרבליבן אַ ריי דאָקומענטן, וועלכע באַווייזן, אַז די פּאָגראָמען וואָלטן דעמאָלט נישט געהאַט אַזאַ גרויסן פאַרנעם, ווען די קעניגלעכע באַאַמטע וואָלטן זיך נישט באַטייליקט אין זיי. אַזוי, אַ שטייגער, לאָזט דעמאָלט דער קעניגלעכער באַיולוס (שטאָט-פאַרוואַלטער) פון דאַראָקאַ אַרעסטירן אַלע יידן פונם שטעטל. ער מאַכט דאָס אונטער דעם אויסרייד, אַז די יידן ווילן כּלומרשט אַנטלויפן פון דעם שטעטל און ער זאָגט די יידן צו, אַז ער וועט זיי באַפרייען, אויב זיי וועלן אָננעמען דאָס קריסטנטום. ביי די מאַסן-אַרעסטן העלפן דעם באַיולוס צו אַ פינף-זעקס אונטערגעאָרדנטע באַאַמטע. אין קאַלאַטאַיוד שטיצן די באַאַמטע די אָרטיקע באַפעל-קערונג ביים אָרגאַניזירן פּאָגראָמען אויף יידן. דאָסזעלבע זעען מיר אויך אין אַנדערע שטעט. דער קעניג האָט אפילו טיילמאָל אין אַזעלכע פאַלן צוגעצויגן זיינע באַאַמטע צו פאַראַנטוואָרטונג. אַ גרויסער טייל אָבער פון די נידעריקע באַאַמטע איז ווייטער געבליבן ביי דער „קירכלעכער איינשטעלונג" וואָס האָט אים, אגב, נישט זעלטן געבראַכט גאַנץ באַדייטנדיקע מאַטעריעלע נוצן. זייער כאַראַקטעריסטיש איז אין דעמדאָזיקן פּרט אַ דאָקומענט פון י. 1415, וועלכער אינפאָרמירט אונז, אַז די באַאַמטע, וואָס האָבן געזאָלט אויפן סמך פון געריכטלעכע משפּטים איינמאָנען ביי קריסטן יידישע געלט-תּביעות, פלעגן זיך ווענדן צו די גלחים מיט דער שאלה, צי יענע זענען מסכּים צו דער עקזעקוציע און די באַאַמטע פלעגן איינמאָנען די געלטער בלויז

דעמאָלט, ווען זיי האָבן באַקומען אזא הסכמה. סוף־כּל־סוף איז דער קעניג געווען געצוואונגען אַרויסצוגעבן אַ שאַרפע פאַראָרדענונג, אין וועלכער ער פאַרווערט די באַאַמטע אַרויסצובאַקומען אַזעלכע קירכלעכע הסכמות, מחמת דאָס שוואַכט אָפּ דעם אויטאָריטעט פון די קעניגלעכע געריכטן און „ס׳איז אויך אַ פאַרשוועכונג פון די קעניגלעכע רעכט״. עס איז נישט באַוואוסט, וואָס פאַר אַ פּעולה עס האָט געהאַט די קעניגלעכע פאַראָרדענונג, איין זאַך בלייבט אָבער קלאָר, אַז דער שטאַב באַאַמטע, וואָס האָט געדאַרפט דעם קעניג מיטהעלפן ביי דעם יידישן אויפבוי־ווערק, האָט זיך, צוליב דעם כּוחות־שפּיל צווישן דער קירכע און דעם קעניג, אַלץ מער און מער אויסגעדרייט פון דער־דאָזיקער אויפגאַבע.

§ 59 דאָס יידישע ווירטשאַפטס־בילד.

נאָכדעם, ווי מיר האָבן באַטראַכט די גרויס פונם חורבן, וואָס איז אַנטשטאַנען נאָך די געשעענישן אין די יאָרן 1391, 1412 און 1414, און מיר האָבן זיך אויך אָפּגעשטעלט ביי די אויפבוי־פּראָבעס און זייערע שוועריקייטן, וועלן מיר איצט נאָכזען, ווי אַזוי עס האָט זיך אין דער באַהאַנדלטער תּקופה אַנטוויקלט דאָס ווירטשאַפטס־לעבן פון די קאַסטילישע און אַראַגאָנישע יידן. ביים איצטיקן צושטאַנד פון די קוועלן־פּובליקאַציעס זענען מיר געגויער אָריענטירט בלויז וועגן די פאַר־העלטענישן אין אַראַגאָניע. דאַקעגן זענען אונזערע ידיעות וועגן דער לאַגע אין קאַסטיליע זייער בּצמצומדיקע. מען קאָן אָבער מיט גרויס באַרעכטיקונג משער זיין, אַז דאָס יידישע ווירטשאַפטס־לעבן איז אין קאַסטיליע כּלל נישט געווען אַנדערש, ווי אין אַראַגאָניע.

פון די פּובליקירטע מאַטעריאַלן באַקומט זיך דער איינדרוק, אַז די גרויסע מאַסע קאַסטילישע און אַראַגאָנישע יידן איז בעת דער באַהאַנדלטער תּקופה באַשטאַנען פון האַנטווערקער, קליינע הענדלער, פּעדלער, פּויערים און באַזיצער פון וויין־גערטנער. בלויז אַ קליין הייפעלע יידן האָט געלעבט אין וואוילשטאַנד. געווען זענען דאָס געציילטע יידישע משפּחות, וואָס זייערע מיטגלידער האָבן זיך מפרנס געווען אַלס מעדיצין־דאָקטוירים, אַרענדאַרן פון מלוכהשע שטייערן, אינדוסטריעלע אונטערנעמער און באַנקירן פונם הויף און פאַרשיידענע וועלט־לעכע און גייסטלעכע שׂררות. אינם משך צייט פון י. 1391 ביז לערך 1430 זענען אונז פון אַראַגאָניע באַוואוסט בלויז אַ פּאָר צענדליק אַזעלכע יידישע „גאָטאַבלען״. ס׳רוב שטאַמען זיי פון די סאַראַגאָסער משפּחות דע קאַוואַלעריאַ (בן לביא) איבן עבּאַס (Abenabez)

אַלפּואַל (Altavell), נ ג אַ ר י (Nageri, Najari), כ ו ל ו ף (Golluf, Guluf), ג אַ ל י פּ אַ פּ אַ (Gallipapa) — און פון די באַרצעלאָנער משפחות קרשקש (Cresques), בנבנשת (Benvenist), א ש ת ר ו ק (Astrug, Astruch), ב ו נ ד א ב י (Bondavi). פון די קוועלן־ידיעות ווערן מיר געוואָר, אַז אין י. 1391 זענען געווען טעטיק אַלס באַנקירן פונם קעניגלעכן הויף די באַרצעלאָנער יידן וויוואַן צאָפּען (Vivan Cofen), אברהם בנבנשת און (א) שתרוק בונדאַבי. אין יאָר 1393 מאַכט דער סאַראַגאָסער ייד מאָמעט דאָלץ אלפואל (Momet Dolc Alfavell) אַ נסיעה קיין סיציע, בכדי צו באַזאָרגן אַלס הויף־באַנקיר געוויסע געשעפטן פון אינפאַנט. גלייכצייטיק פּאָרט דער ייד משה גבאי אין הויף־ענינים קיין מאַראָקאָ. אין י. 1399 טרעטן אַרויס די ברידער שמואל און יום־טוב (Gento) נגאַרי אַלס אַרענדאַרן פון די צאָל־אָפּצאָלונגען אין גאַנץ אַראַגאָניע. מיט־יידער פון דער משפחה נגאַרי באַגעגענען מיר אַלס הויף־יידן. אָך אין י. 1414. ביים סוף פון 14־טן און ביים אָנהויב 15־טן י״ה באַגעגענען מיר נאָך פאַלגנדיקע יידן, וואָס שטייען אין געשעפטלעכע באַציונגען מיטן אַראַגאָנישן הויף: אלעזר כולוף, חסדאי קרשקש, בנבנשת און בונפוש דעלא קאַוואַלעריאַ, משה איבן עבאַס, טודרוס אבנצברא (Abencabra) אויס קאַלאַטאַיוד, מאיר אַבלעפיאַ (Abonafia), יוסף שתרוק בוניט (Jucef Struch Benet) אויס גערונאַ, וידאל בן לביא, יום־טוב גאַליפּאַפּאַ (Jento Gallipapa) און אַ ייד מיטן נאָמען Rahiz אויסערדעם, זענען נאָך דאָ אין די אַקטן נעמען פון 8 יידישע הויף־דאָקטוירים, וואָס האָבן געווירקט צווישן די יאָרן 1387—1405. מאַנכע פון די אויסגערעכנטע הויף־באַנקירן און קעניגלעכע געשעפטס־פירער זענען, חוץ דעם אַראַגאָנישן הויף, געשטאַנען אין געשעפטלעכע פאַרבינדונגען אויך מיט די הויף־קרייזן אין נאַוואַראַ און פּאָרטוגאַל. צו אַזעלכע האָבן געהערט: אלעזר כולוף, משה גבאי, חסדאי קרשקש און משה איבן עבאס. דער דערמאָנטער מאיר אַבלעפיא טרעט אַרויס אַלס באַנקיר פונם אראגאָנישן הויף זינט דעם יאָר 1403. פריער איז ער געווען אַ באַנקיר פון דעם קעניגלעכן הויף אין קאַסטיליע. וועגן יוסף שתרוק בוניט איז אונז פון י. 1417 פאַרבליבן אַ ידיעה, אַז ער איז געווען דער רייכסטער ייד אין גערונאַ. אין י. 1413 האָבן די סאַראַגאָסער „גרויס־יידן" בונפוש בן לביא (דע לאַ קאַוואַלעריאַ) און משה איבן עבאס, ווי אויך ר׳ טודרוס אבנצברא אויס קאַלאַטאַיוד אַרענדירט אַלע שטייערן, וועלכע די

אַראַגאָנישע יידן האָבן דעמאָלט געצאָלט לטובת דעם קעניגלעכן אוצר. דער הויף־באַנקיר ר׳ וידאל בן לביא טרעט אַרויס אין י. 1422 ווי אַ שתדלן פון די אַראַגאָנישע יידן. וועגן די באַנקירן און קעניגלעכע געשעפטספירער חסדאי קרשקש און דאָן בנבנשת דע לאַ קאַוואַלעריאַ איז אונז שוין באַוואוסט, אַז יעדער פון זיי האָט גלייכצייטיק אויך פאַרנומען די שטעלע פונם אַראַגאָנישן מלוכה־רב. רב יום־טוב גאַליפּאַפּאַ איז אין י. 1431 נאָמינירט געוואָרן דורכן אַראַגאָנישן קעניג אַלס „נאָטאַריוס פאַר האַנדלס־אָפּמאַכן".

אין די ידיעות וועגן די אויסגערעכנטע אַראַגאָנישע „גרויס־יידן" פאַלט אויף, וואָס זיי פאַרנעמען זיך ס׳רוב מיט ריין באַנקירישע ענינים און באַזאָרגן דעם הויף מיט געלט־הלוואות. דאַקעגן באַגעגענען מיר צווישן זיי זייער זעלטן אַרענדאַרן פון מלוכהשע שטייערן און אָפּצאָלונגען. נישט אַריינרעכנענדיק די אַרענדאַרן פון די יידישע שטייערן, וועלכע מיר באַגעגענען אין משך פון 15־טן י״ה, קאָן וועגן די ברידער שמואל און יום־טוב נגארי, וואָס האָבן, ווי דערמאָנט, אין י. 1399 אַרענדירט אַלע אַראַגאָנישע צאָל־אָפּצאָלונגען, גרייליך געזאָגט ווערן, אַז זיי זענען די לעצטע באַוואוסטע יידן, וועלכע מען האָט אויפן אַראַגאָנישן פעסט־לאַנד אָנגעטרויט מלוכהשע אַרענדאַרן־שטעלעס. פון שפּעטערע צייטן ווערן אַזעלכע יידישע שטייער־אַרענדאַרן אין די אַראַגאָנישע אַקטן נישט מער פאַרצייכנט. אַ ראיה, אַז ביים אָנהויב פון 15־טן י״ה איז די קריסטלעכע סוחרים געלונגען צו דערגרייכן אַן ענדגילטיקן נצחון אין דעם לאַנגן קאַמף אַרום די מלוכהשע שטייער־אַרענדעס. דער צוגאַנג צו דידאָזיקע פעטע הכנסה־קוואַלן איז פאַר די אַראַגאָנישע יידן געוואָרן פאַרשלאָסן און עפּעס האָט אים געקאָנט נאָר דער שמד... דערמיט דערקלערט זיך אפשר אויך דער פאַקט, וואָס מיר באַגעגענען אין די יאָרן 1417—1418 צוויי פון די פריער אויפגעציילטע אַראַגאָנישע „גרויס־יידן" נישט מער אַלס אָפּענע יידן, נייערט אַלס אנוסים. מיר מיינען דאָ דעם צאָל־אַרענדאַר ר׳ שמואל נגארי און דער גביר פון געראָנאַ, ר׳ יוסף שתרוק בוניט. װאַרשיינלעך איז דאָס דערוויטערן די יידן פון די שטייער־אַרענדעס אויך געווען די סיבה דערפון, וואָס אייניקע פון די דערמאָנטע יידישע קאַפּיטאַליסטן האָבן אויסגעוואַנדערט פון אַראַגאָניע און זיך באַזעצט אין די שכנותדיקע לענדער, וואו די יידן האָבן דעמאָלט נאָך געמעגט אַרענדירן מלוכהשע הכנסה־קוואַלן. אַזאַ אויסוואַנדערונג לאָזט זיך דאָקומענטאַליש פעסטשטעלן לגבי משה גבאי, אברהם בנבנשת, משה איבן עבאס און שתרוק בונדאבי. דעם ערשטן

באַגעגענען מיר שפּעטער אין פּאָרטוגאַל, די ווייטערע צווײַ אין נאַוואַראַ, דעם לעצטן אין סאַרדיניע. וואָס אמת, האָט דער אראַגאָנישער קעניג אין אַ פאַראָרדענונג פון י. 1419 צווישן די פּראָפעסיעס, מיט וועלכע יידן האָבן זיך געמעגט פאַרנעמען, אויך דערמאָנט וועגן שטייער־אַרענדעס, אָבער ווי ס׳ווייזט־אויס, איז די דאָזיקע פאַראָרדענונג געבליבן בלויז אויפן פּאַפּיר, וואָרים אין די רייכע קוועלן־פּובליקאַציעס, וועלכע מיר פאַרמאָגן בנוגע דער יידיש־אַראַגאָנישער געשיכטע, פעלן, זינט לערך דעם אָנהויב פון 15־טן י״ה, לגמרי ידיעות וועגן יידישע שטייער־אַרענדאַרן. פון די מער שפּעדיקע פּרנסות זענען פאַר די אַראַגאָנישע יידן — לויט דער דערמאָנטער פאַראָרדענונג פונם י. 1419 — געבליבן בלויז דאָס מעקלערײַ און באַנקיר־געשעפט און דער דאָקטאָר־פאַך. וואָס שייך דעם דאָקטאָר־פאַך, זענען אונז פאַר די י״י 1428 — 1487 באַוואוסט מיט די נעמען 19 יידישע דאָקטוירים אין אַראַגאָניע — אַ צאָל, וואָס אַז מען פאַרגלייכט זי מיט דער שוין דערמאָנטער צאָל פון 30 באַוואוסטע יידישע דאָקטוירים פאַר די יאָרן 1405—1387, קומט מען צום אויספיר, אַז עס האָט זיך אויך אויף דעם געביט אָנגעהויבן אַ ירידה. אין די 20־קער יאָרן פון 15־טן י״ה לאָזט זיך דאָסזעלבע פעסטשטעלן אויך לגבי די יידישע באַנקיר־ און מעקלערײַ־געשעפטן. די יידישע קאַפּיטאַלן האָבן זיך ענטוועדער אַריבערגעטראָגן אינאיינעם מיטן יידישן בלוט צו די אנוסים, אָדער זיי האָבן צוזאַמען מיט זייערע רעפּרעזענטאַנטן אויסגעוואַנדערט קיין פּאָרטוגאַל, נאַוואַראַ, סאַרדיניע, סיציליע וכדומה, וואו זיי האָבן נאָך געקענט געפינען אַ גינסטיקערן באָדן פאַר זיך. אין אַראַגאָניע איז בלויז געבליבן די יידישע אָרעמקייט, וואָס האָט זיך שווער געמוזט ראַנגלען מיט די יידן־פײַנטלעכע באַאַמטע, מאַגיסטראַטן און קריסטלעכע האַנטווערקער־צעכן.

ווי שוין פריער באַטאָנט, האָט דער רוב בנין ומנין אַראַגאָנישע יידן, זינט דער קאַטאַסטראָפע פון י. 1391, געלעבט פון האַנטווערקערײַ, פון קליינעם מסחר און פון לאַנדווירטשאַפטלעכער אַרבעט.

פון די יידישע בעלי־מלאכות ווערן אין די אקטן ס׳רוב דערמאָנט: וועבער, שניידער, שוסטער, בוכבינדער, בעקער וכדומה. פון צייט צו צייט שווימען אויך אַרויס ידיעות וועגן יידישע גאָלד־און זילבער־שמידן, מוזיקער און קונסט־מאָלער. אַזוי, אַ שטייגער, ווערן אין יאָר 1399 דערמאָנט: אַ געוויסער ר׳ אַברהם מאַיאָר (Mayor), וואָס האָט צוזאַמען מיט זײַנע 2 זין געשפּילט אין דער קעניגלעכער מוזיק־קאַפּעליע און אַ געוויסער שלמה באַרבוט (Barbut), אַ זילבער־שמיד, בײַ וועלכן

הויף־לייט און גייסטלעכע שררות פלעגן מאַכן באַשטעלונגען. פון יאָר 1406 איז אונז פאַרבליבן אַ ידיעה וועגן אַ געוויסן ר׳ אברהם דע שלינס (Salinas), וואָס איז געווען אַ קונסט־מאָלער (pintor). ווי שטאַרק ס׳איז געווען פאַרשפּרייט די מלאכה צווישן די אַראַגאָנישע יידן, באַווייזט דער דאָקומענט פון י. 1417, וואָס איז שוין ציטירט געוואָרן אין אַן אַנדער צוזאַמענהאַנג. אין דעמדאָזיקן דאָקומענט רעדט זיך וועגן דעם, אַז די מערהייט פון דער קהילה־פאַרוואַלטונג אין סאַראַגאָסאַ איז דעמאָלט באַשטאַנען פון האַנטווערקער און סתם „געמיינע מענטשן”. דאָס לעבן פון די יידישע בעלי־מלאכות אין סאַראַגאָסאַ איז געווען גאָר אומדערטרעגלעך, מחמת דער אָרטיקער שטאָט־ראַט האָט זיי מזכה געווען מיט פּלערליי שטייערן און בכלל זיי געהאַלטן פאַר זיין אייגנס, הגם זיי האָבן פּונקט ווי אַלע איבעריקע יידן באַלאַנגט צום קעניג. וועגן קאָמפּעטענץ־קאָנפליקטן, וואָס זענען צוליב דעם אַנטשטאַנען צווישן דעם קעניגלעכן שוץ־האַר און דעם סאַראַגאָסער שטאָט־ראַט, הערן מיר שוין אין י. 1391. מיר דערוויסן זיך ביי דער געלעגנהייט, אַז על־פּי־רוב זענען דעמאָלט די יידישע בעלי־מלאכות אין סאַראַגאָסאַ באַשטאַנען פון שוסטער. פון דערזעלבער צייט איז אונז אויך פאַרבליבן אַ ידיעה וועגן אַ יידישן וועבער־וואַרשטאַט (operatorium pannorum) אין סאַראַגאָסאַ, וואָס האָט אָנגעהערט צו אייניקע יידן, צווישן זיי אויך אייגער אַ הויף־כירורג, מיטן נאָמען הונעך טריגאָ, אַלס שותף. יידישע וועבער־וואַרשטאַטן האָבן דעמאָלט אויך עקזיסטירט אין באַרצעלאָנאַ. אין אַ דאָקומענט פון י. 1391 ווערט דאָ דערמאָנט אַ יידישער וועבער־מייסטער (taxillorum magister) מיטן נאָמען שמואל ווידאַל. מיט דער אַנטוויקלונג פון די קריסטלעכע האַנטווערקער־צעכן איז דער קיום פון דער יידישער מלאכה געוואָרן אַלץ מער און מער באַדראָט. אַזוי, אַ שטייגער, אינפאָרמירט אונז אַ קוועלע פון י. 1461, אַז דער קריסטלעכער שניידער־צעך אין מאַנזאָן האָט פאַרטריבן פון שטעטל דעם ייד יום־טוב בירוויעסקאַ, מחמת ער האָט דאָ געוואָלט עפענען אַ שניידער־וואַרשטאַט.

וואָס שייך דעם יידישן מסחר אין אַראַגאָניע, האָט ער אין דער באַהאַנדלטער תקופה אינגאַנצן פאַרלוירן דעם פריערדיקן גלאַנץ זיינעם. אין די אַראַגאָנישע קוועלן פון אונזער צייט פעלן לגמרי ידיעות וועגן יידישע האַנדלס־נסיעות קיין אויסלאַנד. די יידן פאַרנעמען זיך דעמאָלט דערעיקרשט מיט אַ לאָקאַלן האַנדל. די אָרטיקלען, מיט וועלכע זיי האַנדלען, זענען מאַסן־אַרטיקלען פונם ערשטן געברויך: אויף דער אינזל מאַלאָרקאַ האַנדלען זיי מיט בהמות, אין הועסקאַ און סאַראַגאָסאַ

מיט תבואה, ווייַן און שטאָפן. פונקט ווי לגבי די יידישע האַנט־ווערקער, לאָזט זיך אויך לגבי די יידישע הענדלער פעסטשטעלן אַ וואַקסנדיקער דרוק מצד די שטאָטישע אָרגאַנען און אָרגאַניזאַציעס. אַזוי, אַ שטייגער, ווערט אונדז איבערגעגעבן פון יאָר 1460, אַז אין טאַראַצאָנאַ האָבן די אַרענדאַרן פון די שטאָטישע שטייערן געשטערט די יידן אינעם רוֹאיקן באַזיץ פון זייערע קראָמען, הגם דאָס איז געווען קעגן דעם ווילן פון קעניג.

אויפן סמך פון אייניקע זייער אינטערעסאַנטע דאָקומענטן לאָזט זיך פעסטשטעלן, אַז די לאַנדווירטשאַפט און גערטנערײַ האָט בעת דער באַהאַנדלטער תקופה נאָך געשפּילט אַ געוויסע ראָלע אינעם ווירטשאַפטס־לעבן פון די אַראַגאָנישע יידן. אַזוי, למשל, ווערט אין אַ דאָקומענט פון י. 1414 באַמערקט, אַז די קהילה פון סאַראַגאָסאַ איז אין חודש אויגוסט געווען שטאַרק באַשעפטיקט מיט דער אַרבעט אין די וויינ־גערטנער. פון אַן אַנדער דאָקומענט, וואָס שטאַמט פון י. 1436, ווערן מיר געוואָר, אַז אַ גרויסער טייל יידן, וואָס האָבן געלעבט אין הועסקאַ, האָט זיך מפרנס געווען פון פעלד־אַרבעט און פון וויין־גערטנערײַ. אין י. 1460 ווערן דערמאָנט יידישע מילן־באַזיצער.

עד כאן די ידיעות, וואָס זענען אונדז פאַרבליבן וועגן דעם ווירטשאַפטס־לעבן פון די אַראַגאָנישע יידן.

אין קאַסטיליע זענען די פאַרהעלטענישן געווען עטוואָס גינסטיקער, הגם אין אַלגעמיין זענען זיי געווען זייער ענלעך צו די אַראַגאָנישע. דער אונטערשייד איז באַשטאַנען בלויז דערין, וואָס אין קאַסטיליע האָט מען דערווייטערט די יידן פון די אַרענדעס נישט אַזוי שטרענג און קאָנזעקווענט, ווי אין אַראַגאָניע. אַ סך האָט דערביי מיט־געהאָלפן דער ליבעראַלער קורס, וואָס געהערשט אין קאַסטיליע אין דער צייט, ווען דער מלוכה־רודער איז געלעגן אין די הענט פון דעם קאַנצלער אַלוואַראַ דע לונאַ (1418—1453). דער קאַנצלער פלעגט אָנשטעלן יידן אַלס אַרענדאַרן פון מלוכהשע שטייערן און אין אַ באַגרענעצטער מאָס פלעגט דאָס אויך טון דיעגאָ אַריאַס דאַווילאַ, דער פינאַנץ־מיניסטער פונם קעניג היינריך IV (1457—1474), וואָס אונטער זיין רעזשים באַגעגענען מיר יידן אַלס נידעריקע באַאַמטע אין דער פינאַנץ־פאַרוואַלטונג. אַזוי, למשל, זענען אונדז באַוואוּסט אייניקע יידן, וואָס האָבן אונטער דיעגאָ דאַווילאַ פאַר־נומען מלוכהשע אַמטן. דאָס זענען: די ברידער יוסף און משה קאַלעס, שמואל פּאַכון, יוסף איבן אתף (Atof), אַלע פון פּלאַצענציאַ, ווי אויך דער ייד דאָן גאון אָדער כהן פון

ו י ט אָ ר י אַ. אין דערזעלבער צייט האָבן געווירקט אַלס שטייער-אַרענדאַרן די יידן י ו ס ף ק אַ ס ט ע ל אַ נ אָ און מ ש ה פ ו ן ב ר י ו ו י ע ס ק אַ. דעם ביישפיל פון דעם פינאַנץ-מיניסטער האָבן נאָכגעטון מאַנכע גייסטלעכע שררות: זיי פלעגן איבערגעבן צו די יידן די פאַרוואַלטונג פון קירכלעכע גיטער. אין י. 1469 איז דערדאָזיקער ענין באַהאַנדלט געוואָרן אויף די קאָרטעס-באַראַטונגען. מען האָט זיך שאַרף אַרויסגעזאָגט קעגן דעם, וואָס דער קעניג און די קירכע-האַרן פּראָטעזשירן די יידן און באַנוצען זיי אַלס פאַרוואַלטער. עס איז אָבער נישט באַוואוסט, אויף וויפיל דידאָזיקע פּראָטעסטן האָבן געהאַט אַ ווירקונג אין לעבן. אין דערזעלבער צייט האָבן די קאָרטעס אויך פאַרלאַנגט, מען זאָל אָנווענדן קעגן די יידן דעם דראַקאָנישן עדיקט פון דער קעניגין קאַטאַלינאַ (1412), וואָס דאָס וואָלט געמאַכט אַ תל פון די סיי ווי וואַקלדיקע ווירטשאַפטס-בנינים פון די יידן.

60 § די א נ ו ס י ם - פ ר אַ ג ע.

דער מאַסן-שמד פון די יידן, וואָס איז פאָרגעקומען אין די שטורמישע יאָרן 1391 און 1412—1414, האָט אין קאַסטיליע און אַראַגאָניע אַרויסגערופן דאָס פּראָבלעם פון "conversos" — אנוסים. דאָס פּראָבלעם האָט געהאַט צוויי זייטן: איינע אַ ר ע ל י ג י ע ז ע און די צווייטע אַ ו ו י ר ט ש אַ פ ט ל ע כ ע. וואָס שייך דעם רעליגיעזן מאָמענט, פלעגן זיך די קעניגן באַנוגענען מיט פאַראָרדענונגען, וואָס דער ציל זייערער איז געווען, — צו דערווייטערן די אנוסים פון די טריי-געבליבענע יידן, צווינגען זיי, אַז זיי זאָלן פלייסיק באַזוכן די קירכעס און פאַרשליסן פאַר זיי יעטוועדע מעגלעכקייט צו עמיגרירן אין אַנדערע לענדער, וואו זיי וואָלטן געקאָנט ווערן צוריק יידן. מער האָבן דעמאָלט אויך די קירכלעכע קרייזן נישט פאַרלאַנגט. אַ סך קאָמפּליצירטער איז אָבער געווען די ווירטשאַפטלעכע זייט פון דער אנוסים-פראַגע. אויף די אנוסים זענען נישט געווען חל יענע ווירטשאַפטלעכע באַגרענעצונגען, מיט וועלכע עס האָבן זיך געהאַט צו ראַנגלען די יידן. די אנוסים האָבן געהאַט אַן אָפענעם וועג צו אַלע מלוכה-אַמטן, קירכע-שטעלעס, שטאָטישע כיבודים און פּראָפעסיעס. איבער דעם יידישן עבר זייערן פלעגן די קעניגן מאַכן אַ שטריך. זיי האָבן נישט פאַרלאַנגט קיין שום באַפרידיקונג דערפאַר, וואָס די צאָל „קאַמערקנעכט" איז פאַרקלענערט געוואָרן און זיי פלעגן די אנוסים אויך באַפרייען פון אַלע חובות, וועלכע די קהילות האָבן ביי זיי געמאָנט, יען זיי זענען באַך געווען יידן, געמאָנט און נישט אַרויסבאַקומען.

אַ דאַנק דער פּראָטעקציע פון דעם קעניג האָבן זיך טאַקע די אנוסים איניגיכן דערשלאָגן צו גרויסע כּיבודים און צו גוטע ריווחדיקע שטעלעס. מיר באַגעגענען זיי אַלס מלוכהשע שטייער-אַרענדאַרן, הויפּישע ליפעראַנטן, רייכע באַנקירן, גרויסע סוחרים און אונטערנעמער. אין די שטעט פאַרנעמען זיי שטעלעס אַלס ראַטמענער, ריכטער, נאָטאַרן וכדומה. מיר זעען זיי אויך אויף די הויכע פּאָסטנס אין דער קירכלעכער היעראַרכיע. עס זענען אפילו געווען אַזעלכע צווישן די אנוסים, וואָס האָבן זיך דערשלאָגן צו שטעלעס פון מיניסטאָרן, ערצבישאָפן און בישאָפן. ס'איז געגוג אָנצוווייזן אויף דער קאַריערע פון דעם טרויעריק באַרימטן משומד פּ אַ ו ל ו ס ד ע ס אַ נ ט אַ מ אַ ר י אַ, וואָס איז (אָנהויב פון 15-טן י"ה) געוואָרן ערצבישאָף פון בורגאָס. דערמאָנט זאָל אויך ווערן דער אנוסים-אָפּשטאַמלינג ד י ע ג אָ ד אַ ו י ל אַ, וואָס איז אונטער דעם קאַסטילישן קעניג היינריך IV (1474—1454) געוואָרן פינאַנץ-מיניסטער און וואָס האָט אַלס אַזעלכער אָנגעשטעלט אַ ריי אנוסים און יידן אין דער פינאַנץ-פאַרוואַלטונג פון דער מלוכה. ווי גרויס עס איז נישט געווען אין דער ערשטער צייט די שמחה פון די קאַטוילישע קרייזן צוליב דעם וואוקס פון די מחנות „נייע קריסטן", האָט אָבער וואָס ווייטער, אַלץ מער געגומען ווירקן די שנאה צו די אנוסים. געוואַקסן איז די שנאה דערעיקרשט צוליב ווירטשאַפטלעכע מאָטיוון: אַ קאָנקורענץ-האַס פון וויניקער ענערגישע און טאַלענטירטע עלעמענטן, וואָס האָבן מיט פאַרדרוס זיך צוגעקוקט צו די קאַריערעס און פאַרמעגנס פון די „נייע קריסטן". אַרום דער העלפט פון 15-טן י"ה קומט עס צו דער ערשטער גרעסערער באַוועגונג קעגן די אנוסים. די באַוועגונג שפּילט זיך אָפּ אין דער קאַסטילישער שטאָט טאָלעדאָ און דער ווירטשאַפטלעכער הינטערגרונט אירער איז בולט ביז גאָר. דער פאַרלויף פון די געשעענישן איז געווען אַזעלכער: אין י. 1449 לייגט אַרויף דער קאַנצלער אַלוואַראָ דע לונאַ אויף טאָלעדאָ אַן אויסער-געוויינלעכן שטייער אין דער הויך פון א י י ן מ י ל י אָ ן מ אַ ר אַ ו ו ע ד י. דער שטאָט-ראַט גייט אָבער נישט איין דערויף און באַשליסט דעם שטייער נישט צו צאָלן. דעמאָלט גיט דער קאַנצלער אַ באַפעל זיינע שטייער-באַאַמטע, וואָס זענען ס'רוב באַשטאַנען פון אנוסים, אַז זיי זאָלן איינמאָנען דאָס געלט. עס קומט צו עקסצעסן. די שטאָט-לייט צינדן אונטער דאָס הויז פון דעם רייכן שטייער-אַרענדאַר, דעם „ניי-קריסט" אַ ל פּ אָ נ ס אָ ד אַ ק אָ ט אַ און נעמען זיך באַלד דערויף צו די הייזער פון די אַנדערע אנוסים. עס פאַלן דערביי מענטשלעכע קרבנות. זייער כאַראַקטעריסטיש איז אויך דער עפּילאָג: דער בירגער-מייסטער

רופט טאַקע באַלד צונויף אַ פאַרזאַמלונג פון די חשובסטע בירגער און שטאָטישע באַאַמטע און מען באַשליסט צו דערווייטערן די אַנוסים פון אַלע שטאָטישע אַמטן. אויפן סמך פונם דאָזיקן באַשלוס ווערן טאַקע באַזייטיקט 13 אַנוסים, וואָס האָבן אין דער שטאָט פאַרנומען שטעלעס אַלס ראַטמענער, ריכטער און נאָטאַרן. פון טאָלעדאָ טראָגט זיך אַריבער די העצע קעגן די אַנוסים אין אַנדערע קאַסטילישע שטעט און שטעטלעך. די אַנוסים בעטן הילף ביים פויפסט מאַרטין V, וועלכער גיט נאָך אין דעמזעלבן יאָר 1449 אַנצוהערן דער שטאָט טאָלעדאָ, אַז ער איז נישט צופרידן מיט די פאַרפאַלן; גלייכצייטיק זאָגט ער אַרויס זיין וואונטש, אַז די „ניי-קריסטן" באַדאַרפן פונקט אַזוי ווי די „אַלט-קריסטן", צוגעלאָזן ווערן צו אַלע מלוכהשע און שטאָטישע אַמטן. די ליידנשאַפטן, וואָס האָבן זיך צעפלאַקערט אַרום דער אַנוסים-פראַגע, האָבן זיך אָבער נישט געלאָזט איינשטילן. אין דער קאַסטילישער געזעלשאַפט קומט עס צו אַ שפּאַלטונג אין צוויי לאַגערן: איינער, אַ קאָנסערוואַטיווער, באַקעמפט די „ניי-קריסטן", דער צווייטער, אַ ליבעראַלער, שטיצט די לעצטע. אין די 60-קער און 70-קער יאָרן פונם 15-טן י"ה צעפלאַקערט זיך פון דאָסניי די באַוועגונג. אין י. 1467 קומט עס אין טאָלעדאָ צו אַ פּאָגראָם, ביי וועלכן ס'פאַלן לערך 130 אַנוסים. פונקט ווי ביי די עקסצעסן אין יאָר 1449, האָט זיך אויך דאָסמאָל געהאַנדלט וועגן באַזייטיקן די אַנוסים פון די אַמטן. אין י. 1473 נעמט אַרום די פּאָגראָם-כוואַליע אייניקע קאַסטילישע שטעט (קאָרדאָווא, קאַרמאָנא, האַען, סעגאָוויאַ וכדומה) און מען באַנוצט זיך דערביי מיט דעם אויסרייד, אַז די אַנוסים האַלטן מיט די יידן און פאַרשוועכן דאָס אָנזען פונם קריסטלעכן גלויבן. די סיטואַציע איז דעמאָלט אויף אַזוי ווייט אָנגעשטרענגט, אַז טייל אַנוסים האָבן זיך אַרומגעטראָגן מיט ערנסטע אויסוואַנדערונגס-פּלענער און האָבן אפילו אָנגעקניפּט אונטער-האַנדלונגען מיטן פירשט מעדינאַ-סידאָניאַ, דעם גובערנאַטאָר פון דער סעווילער פּראָווינץ, אַז ער זאָל זיי דערלויבן זיך צו באַזעצן אין גיבראַלטאַר. היות אָבער ווי די אַלט-קריסטן האָבן אָנגע-הויבן שטאַרק צו טומלען, אַז די אַנוסים, וואָס וואָלטן זיך באַזעצט אין גיבראַלטאַר, וואָלטן זיך לייכט געקאָנט פאַרשטענדיקן מיט די אַראַבער פון צפון-אפריקע און איבערגעבן זיי די פעסטונג, האָבן די אונטערהאַנדלונגען געמוזט איבערגעריסן ווערן. ווי עס איז צו זען, איז דער גאַנצער ענין זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר דער לאַגע, וואָס האָט זיך געשאַפן אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם אַנוסים-פּראָבלעם.

קאַפּיטל איינאונצוואַנציק

דער ווירטשאַפטלעכער אויפבלי פון די יידישע ישובים אין פּאָרטוגאַל און נאַווארא.

(1492 — 1391)

61 § די לאַגע אין פּאָרטוגאַל.

זינט די טראַגישע געשעענישן אין קאַסטיליע און אַראַגאָניע (אין די יאָרן 1391 און 1412 — 1414), טראָגט זיך אַריבער דער שווערפּונקט פונם יידישן ווירטשאַפטס־לעבן אויפן שפּאַנישן האַלב־אינזל קיין פּאָר־טוגאַל (און נאַווארא). אַ דאַנק דער ענערגישער האַלטונג פון די פּאָר־טוגעזישע קעניגן האָבן זיך די פּאָגראָם־כוואַליעס אָפּגעשטעלט ביי די גרענעצן פון דער מלוכה. דאָ האָט זיך אויך נישט אויפגעהויבן יענע מאַסנהאַפטע שמד־באַוועגונג, וואָס האָט אין די קאַסטיליש־אַראַגאָנישע קהילות אָנגעמאַכט אַזאַ חורבן. פּאָרטוגאַל איז געוואָרן אַן אַזיל פאַר די אומגליקלעכע יידן און אנוסים פון די שכנותדיקע שפּאַנישע פּראָווינצן און די יידיש־פּאָרטוגעזישע ישובים האָבן איינגיכן דערגרייכט די העכסטע מדרגה פון זייער אַנטוויקלונג. ווי אין די „גוטע צייטן", וועלכע ס'האָט אין 12־טן, 13־טן און צום טייל אויך אין 14־טן י"ה דורכגעלעבט דאָס קאַסטיליש־אַראַגאָ־נישע יידנטום, באַווייזן זיך איצט אין פּאָרטוגאַל אַ גרויסע צאָל יידישע נאָטאַבלען, וואָס פאַרנעמען אַן אָנפירנדיקע שטעלע נישט בלויז אינעם יידיש־פּאָרטוגעזישן, נאָר אויך אינעם ווירטשאַפטס־לעבן פונעם גאַנצן לאַנד. זיי זענען די געניטסטע פינאַנץ־מענער און באַנקירן אין דער מלוכה, זיי פאַרוואַלטן נישט בלויז מיט די קעניגלעכע פינאַנץ־קוואַלן, נייערט אויך מיט די גיטער פון די וועלטלעכע און גייסטלעכע שררות. אַ דאַנק זייער רירעוודיקייט און קאַפּיטאַל־קראַפט, פאַרקניפּן זיך האַנדלס־באַציונגען מיט פלאַנדריע און איטאַליע און עס שאַפט זיך

ביסלעכווייז אַ באָדן פאַר יענע אַנטדעקונגס- און קאָלאָניזאַציע-אויפטוען, מיט וועלכע פּאָרטוגאַל האָט זיך געמאַכט אַ שם ביים סוף פון מיטל-אַלטער און ביים אנהויב פון 16-טן י״ה. דאָס ביסל פּרטים, וועלכע מיר ברענגען דאָ ווייטער, וועט אונז בולטער מאַכן די ראָלע, וועלכע די יידישע נאָטאַבלען-משפחות האָבן געשפּילט אין פּאָרטוגאַל אין לעצטן יאָרהונדערט פאַרן גירוש.

ביים סוף פון 14-טן י״ה רוקן זיך אַרויס אין פאָדערגרונט די הויף-יידן: דאָן י ה ו ד ה, ד ו ד ב ר ג ד ל י ה י ח י י א, גערופן אויך דוד נ ע ג ר אָ אָדער דוד כ ו ש י, און ר׳ מ ש ה נ אַ ו ו אַ ר אָ. ד אָ ן י ה ו ד ה איז געווען אַ קרוב פון דעם אונז שוין באַוואוסטן קאַסטילישן הויף-ייד און מלוכה-רב ר׳ מ א י ר א ל ג ו א ד י ק. ער פאַרנעמט אין ליסאַבאָ-נער הויף די שטעלע פון א מלוכהשן צאָל-אַרענדאַר און הויפּישן באַנקיר. פאַר-וויקלט אין הויפּישע אינטריגעס, מוז ער אין די 80-קער יאָרן פון 14-טן י״ה נעלם ווערן פון ליסאַבאָן. ער אַנטלויפט קיין קאַסטיליע. צוזאַמען מיט אים מוזן אויך פאַרלאָזן דאָס לאַנד די דריי געשעפטס-פירער זיינע — ר׳ אברהם, ר׳ יהודה און ר׳ משה נחום. דאָס גרויסע פאַרמעגן, וואָס זיי האָבן איבערגעלאָזן אין פּאָרטוגאַל, ווערט דורכן קעניג קאָנפיסקירט און פאַר-שאָנקען צו אייניקע אדל-לייט. דאָס פאַרמעגן איז באַשטאַנען פון ערד-שטחים און הייזער. ענלעך איז אויך געווען דער גורל פון ר׳ ד ו ד י ח י י א-כ ו ש י, וואָס האָט אַ לאַנגע צייט פאַרנומען די שטעלע פון אַ הויפּישן שאַץ - מייסטער און געשעפטס-פירער און וואָס האָט, פּונקט ווי דאָן יהודה, געהאַט גרויסע ערד-שטחים זיין אייגנס. אייניקע יאָר פאַר דעם „הייליקן קריג״ פאַרלאָזט ער, צוליב פּאָליטישע טעמים, פּאָר-טוגאַל און באַזעצט זיך אין קאַסטיליע, וואו ער ווערט מלוכה-רב. מ ש ה נ אַ ו ו אַ ר אָ איז געווען אַ הויף-דאָקטאָר און גלייכצייטיק אויך מלוכה-רב.

אין דער ערשטער העלפט פון 15-טן י״ה פאַרקערן מיטן קעניג-לעכן הויף און מיט די פּראָמינענטסטע פּאָרטוגעזישע אדל-לייט אייניקע יידישע נאָטאַבלען, וואָס האָבן אַריינגעוואַנדערט קיין פּאָרטוגאַל נאָך די מוראדיקע געשעענישן אין קאַסטיליע און אַראַגאָניע. דעם אויבנאָן פאַרנעמען צווישן זיי די אָפּשטאַם-מיטגלידער פון די משפחות א ל ג ו א ד י ק, י ח י י א-כ ו ש י, ג ב אַ י-פ ל ק י ר ה און א ב ר ב נ א ל. דער אָנהויב פון 15-טן י״ה האָט אונז איבערגעלאָזט אַ ידיעה וועגן ר׳ ד ו ד א ל ג ו א ד י ק, וואָס האָט דעמאָלט געשטמט פאַר איינעם פון די רייכסטע פּאָרטוגעזישע יידן. ער האָט געשטאַמט פון קאַסטיליע און איז געווען אַ שוואָגער פון דעם אונז שוין באַוואוסטן הויף-ייד דאָן יהודה. פון אַן אויפגעהיטער

קוועלן־ידיעה ווערן מיר געוואָר, אַז ער האָט, לויט אַן אויפטראָג פונם קאַסטילישן קעניג, אונטערגעהאַנדלט מיט גונזאַ אַלוואַרעס פּערעיראַ, דעם נאָענטסטן פריינט פונם פּאָרטוגעזישן קעניג יאָהאַאָ I (1385 — 1433), און מען דאַרף משער זיין, אַז עס האָבן אים מיט דעמדאָזיקן הויף־מענטש פאַרבונדן נישט בלויז פּאָליטישע מיסיעס, נייערט אויך ריין געשעפטלעכע ענינים. פון די אָנגעהעריקע צו דער משפּחה יחייא־כּ ו ש י, וואָס איז אַרום י. 1385 — ווי שוין דערמאָנט — אַנטלאָפן פון פּאָרטוגאַל קיין קאַסטיליע, האָבן זיך צוליב די געשעענישן פונם י. 1391 צוריק אומגעקערט קיין פּאָרטוגאַל: ר׳ גדליה בן שלמה יחייא און ר׳ יהודה יחייא. ר׳ גדליה יחייא באַ־באַגעגענען מיר אין די 30־קער יאָרן פון 15־טן י״ה אַלס לייב־דאָקטאָר פונם פּאָרטוגעזישן קעניג דואַרטע. ר׳ יהודה יחייא איז אין אָנהויב פון 15־טן י״ה געווען דער שאַץ־מייסטער פון דער קעניגין פּיליפּאַ און ער איז אויך געווען זייער חשוב ביים קעניג יאָהאַאָ I. אין י. 1416 האָט ער זיך מיט דערפאָלג משתדל געווען ביים קעניג און אָפּגעראַטעוועט די יידן פון אַ צרה, וואָס האָט זיי געדראָט צוליב אַ פאַלשער באַשולדיקונג, אַז זיי קויפן אויס אין לאַנד דאָס גאָלד און זילבער און מאַכן דערפון פאַלשע מטבעות. אַרום דערזעלבער צייט האָבן אויך געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין די הויפישע קרייזן ר׳ דוד גבאי און ר׳ שמואל אברבנאל. ר׳ דוד גבאי האָט געשטאַמט פון דער אַראַגאָנישער משפּחה גבאי־פּלקירה. ווען אים איז באַוואוסט, אַז ער איז געשטאַנען אין געשעפטלעכע פאַרבינדונגען מיט דעם שוין דער־מאָנטן פּאָרטוגעזישן אַדלמאַן נינאַ אַלוואַרעס פּערעיראַ, פון וועלכן ער האָט אין י. 1422 באַקומען אין אַרענדע דאָס דאָרף קאַמאַראַטע (Camarate). ר׳ שמואל אברבנאל האָט לכתחילה געוואוינט אין סעווילאַ. בעת דעם „הייליקן קריג״ אין י. 1391 האָט ער אָנגענומען לפנים וועגן דאָס קריסטנטום און האָט אַלס אַנוסי דערגרייכט די שטעלע פון אַ „לייטער פון די קעניגלעכע חשבונות״ (Contador mayor). אין דער אויפגעצוואונגענער אנוסי־ראָלע האָט ער אָבער נישט געקאָנט לאַנג אויסהאַלטן און איז אַנטלאָפן קיין פּאָרטוגאַל, בכדי דאָ אַראָפּצוּוואַרפן פון זיך די מאַסקע. אין ליסאַבאָן, וואו ער האָט זיך באַזעצט, האָט ער זיך איינגיכן דערשלאָגן צו אַ באַדייטנ־דיקן פאַרמעגן אַלס געניטער שטייער־אַרענדאַר און סוחר. פון די יידישע נאָטאַבלען, וואָס זענען אין דער ערשטער העלפט פון 15־טן י״ה געשטאַנען נאָענט צו די הויפישע קרייזן, איז נאָך צו דערמאָנען ר׳ יוסף פון פעז, וואָס איז אין י. 1437 געווען לייב־דאָקטער ביים אינפאַנט פערנאַנדאָ.

אין דער צווייטער העלפט פון 15־טן י״ה זענען, פונקט ווי אין דער ערשטער העלפט פונם דאָזיקן י״ה, די מיטגלידער פון די משפחות יחייא־כושי און אברבנאל די אָנפירנדיקע פערזענלעכקייטן צווישן די יידישע נאָטאַבלען אין פּאָרטוגאַל. פון דער משפחה יחייא־כושי באַקענען מיר זיך אין דערדאָזיקער צייט מיט ר׳ דוד איבן יחייא און מיט זיין זון ר׳ יוסף בן דוד יחייא. ר׳ דוד איז געווען אַ ברודער פון דעם אונדז שוין באַקאַנטן הויף־דאָקטאָר ר׳ גדליה יחייא און ער האָט צוזאַמען מיט זיין זון יוסף באַזאָרגט פאַרשיידענע געלט־געשעפטן און ליפערונגען פאַרן הויף פונם קעניג אַלפאָנס דעם V־טן (1448 — 1481). ער פלעגט זיינע קאַפּיטאַלן אינוועסטירן בלויז אין באַוועגלעכע גיטער און האָט אויך קורץ פאַר זיין טויט (אַרום י. 1460) געוואָרנט אין דער צוואה זיינע קינדער, אַז זיי זאָלן נישט שטרעבן נאָך הייזער־ און ערד־באַזיץ, „מחמת מען קאָן נישט וויסן, ווען עס וועט קומען דער באַפעל, אַז מען זאָל פאַרלאָזן דאָס לאַנד״...

אויך אַזאַ חשובע ראָלע שפּילן אינם ווירטשאַפטלעכן לעבן אין פּאָרטוגאַל צוויי פּראָמינענטע מיטגלידער פון דער משפחה אברבנאל. דאָס זענען: ר׳ יהודה אברבנאל (דער זון פון דעם פריער שוין דערמאָנטן ר׳ שמואל אברבנאל) און דער באַרימטער זון זיינער ר׳ יצחק אברבנאל. ר׳ יהודה אברבנאל האָט אָנגעהויבן זיין קאַריערע אַלס הויפּישער ייד נאָך אונטער דעם קעניג דוארטע (1433 — 1438). ער שטייט דעמאָלט אין געשעפטלעכע פאַרבינדונגען מיט די הויפלייט און ציילט צו זיינע קליענטן אויך דעם אינפאַנט פערנאַנדאָ. זיינע געלט־טראַנזאַקציעס זענען געווען פון גרויסן פאַרנעם. ער איז אַפילו געווען בכוח צו באָרגן דעם אינפאַנט פערנאַנדאָ אַ סומע פון 506.600 רייס. ר׳ יהודה איז אָבער געווען נישט בלויז אַ באַנקיר, ער האָט אויך באַלאַנגט צו די גרעסטע סוחרים, וואָס האָבן דעמאָלט אימפּאָרטירט פלאַנדרישע שטאָפן קיין פּאָרטוגאַל. פאַראַן דאָקומענטן, וועלכע באַווייזן, אַז ער פלעגט צוזאַמען מיט נאָך אַנדערע יידישע סוחרים אונטערנעמען האַנדלס־נסיעות קיין פלאַנדריע און באַזוכן די ירידים פון דער באַרימטער האַנדלס־שטאָט בריגע (Brügge). דאָס לעצטע מאָל איז ער, לויט די קוועלן־ידיעות, געווען אין בריגע אין י. 1479. עס איז נישט באַוואוסט, צי עס האָט אים אויף דידאָזיקע האַנדלס־נסיעות באַגלייט זיין גרעניאַלער זון ר׳ יצחק אברבנאל. זיכער איז אָבער, אַז ר׳ יצחק האָט נאָך אין דער לעבנס־צייט פון זיין פאָטער באַלאַנגט צו די באַדייטנדסטע פינאַנץ־מענער אין גאַנץ פּאָרטוגאַל. ער איז געווען דער שאַץ־מייסטער און פינאַנץ־אַגענט פונם קעניג אַלפאָנס V

און האָט געהאַט זיין אייגנס גרויסע ערד־שטחים און פּאַלאַצן. וועגן דער באַדייטונג זיינער פאַר דער ווירטשאַפט פון לאַנד גיט אונז אַ באַגריף אַ פאַרבליבענע רשימה פון הלוואות, וועלכע די מלוכה האָט געמוזט מאַכן אין יאָר 1480, נאָכדעם, ווי זי האָט פאַרשפּילט אַ מלחמה מיט קאַסטיליע: די געלטער, וועלכע דער קעניג האָט דעמאָלט אַנטליען ביי פאַרשיידענע פּריוואַט־לייט, יידן און קריסטן, האָבן צו־זאַמען באַטראָפן 12 מיליאָן רעאַלעס. דערפון האָט ר׳ יצחק אברבנאל איינער אַליין אַנטליען דעם הערשער מער, ווי איין צענטל! אין דער הקדמה צו זיין „זבח פסח" דערמאָנט ער וועגן יענע צייטן, אַז ער האָט דעמאָלט „מער, ווי אַלע אַנדערע, אָנגעזאַמעלט אוצרות, חכמה און כּיבודים, ווי אויך קנעכט און דינסטן, וואָס האָבן געגעסן זיין ברויט און זיך באַקליידט מיט זיין וואָל און פלאַקס". און אין דער הקדמה צו זיין פּירוש אויף יהושע מאָלט ער אויס אַזאַ בילד פון זיין דעמאָלדיקן וואוילשטאַנד: „צופרידן האָב איך געלעבט אין מיין הויז, וואָס מיינע אבות האָבן אָנגעפילט מיט אוצרות, אין ליסאַבאָן, דער באַרימטער הויפּטשטאָט פון פּאָרטוגאַל. גאָט האָט מיך געבענטשט מיט עשירות, כּיבודים און גוטע פריינט. איך האָב געהאַט מיין אייגנס הייזער און פּרעכטיקע אַלטאַנעס; אין מיין הויז פלעגן זיך פאַרזאַמלען חכמים און דיסקוטירן וועגן ביכער און מחברים, וועגן פיינעם געשמאַק, וועגן ווייסנשאַפט און גאָטספאָרכטיקייט. איך בין געווען באַליבט אין הויף פון קעניג דאָן אַלפאָנסאָ, פון דעמדאָזיקן מעכטיקן הערשער, וואָס האָט געוועלטיקט איבער צוויי ימים... און וואָס אונטער זיין ממשלה האָבן זיך די יידן געקאָנט פראַנק און פריי באַוועגן... איך בין נאָענט גע־שטאַנען צו אים (דעם קעניג), ער פלעגט זיך פאַרלאָזן אויף מיר און איך בין געווען אַן איינגייער אין זיין פּאַלאַץ פאַר דער גאַנצער צייט פון זיין לעבן..." נאָכן טויט פונם קעניג האָט ר׳ יצחק אברבנאל געמוזט פאַרלאָזן זיין רייכע פּאָרטוגעזישע היים צוליב אַ בלבול, אַז ער האָט זיך כּלומרשט באַטייליקט אין אַ פאַרשווערונג קעגן דעם נייעם הערשער. ער איז אַנטלאָפן קיין קאַסטיליע, איבערלאָזנדיק זיין גרויס פאַרמעגן אויף הפקר (1483). זיינע אוצרות זענען קאָנפיסקירט געוואָרן דורך דעם גרויזאַמען קעניג הואַן II. צוזאַמען מיט ר׳ יצחקן איז אויך אַנטלאָפן קיין קאַסטיליע דער איידעם זיינער, ר׳ יוסף (Yoce), וואָס פלעגט אים מיטהעלפן אין די ווייט־פאַרצווייגטע געשעפטן.

לעבן די דערמאָנטע „גרויס־יידן" באַגעגענען מיר אין דער צוויי־טער העלפט פון 15־טן י"ה נאָך אַ ריי יידישע דאָקטוירים, וואָס זענען געווען שטאַרק אָנגעזען אין די הויפישע קרייזן פון פּאָרטוגאַל. אַזוי,

אַ שטייגער, באַקענען מיר זיך אַרום י. 1460 מיט דעם ייד ר׳ יוסף בן שרגא (Josef Sarco), וואָס איז געווען לייב־דאָקטאָר פון די גראַפן פעדרא און דואַרטע דע מענעצעס. אין הויף פונם קעניג הואַן II (1483 — 1495) ווירקן אַלס דאָקטוירים די יידן: יהודה, יוסף (גערופן מיטן שפּאַנישן נאָמען דיעגאָ מענדעץ וועצינהאָ) און איינער אַ יידישער רופא, וואָס האָט נאָכן שמד באַקומען דעם נאָמען אַנטאָניאָ.

עד כאן די פרטים, וואָס האָבן זיך געלאָזט צונויפגעזאַמלען וועגן דער טעטיקייט פון די פּאָרטוגעזישע „גרויס־יידן" אין משך פונם לעצטן יאָרהונדערט פאַר דעם גירוש. אַ וויכטיקע דערגאַנצונג באַקומט דאָס ווירטשאַפטס־בילד, ווען מיר נעמען אין באַטראַכט די דעמאָלטיקע געזעצגעבונג פון די פּאָרטוגעזישע קעניגן און די באַשלוסן, מיט וועלכע די קאָרטעס פלעגן דעמאָלט אַרויסטרעטן מכוח דער יידן־פראַגע. די קעניגלעכע געזעצגעבונג פון יענער צייט מאַכט, אין פלוג, דעם איינדרוק, ווי די קעניגן וואָלטן געשטרעבט צו באַגרענעצן די די ווירטשאַפטלעכע פּאָזיציע פון די יידן. אַזוי, אַ שטייגער, פאַרווערט דער קעניג הואַן I אין י. 1404 איבערצוגעבן צו די יידן עפנטלעכע אַמטן און אָנצושטעלן זיי אַלס „יעגער, פאַרוואַלטער פון גיטער, שטייער־איינמאָנער און שרייבער". גלייכצייטיק באַשטימט ער אויך, אַז יידישע ערד־באַזיצער זענען מחויב צו פירן גענויע ביכער און צו פאַרשרייבן אין זיי אַלע הכנסות פון זייער אומבאַוועגלעכן באַזיץ. לערך אין 30 יאָר אַרום פאַראָרדנט דער קעניג דואַרטע, אַז די יידן טאָרן נישט (אונטער אַ שטראָף פון 50.000 רייס און 100 מלקות) נעמען אין אַרענדע קיין שום ערד־שטחים, וואָס געהערן צו קירכלעכע שררות און אז זיי טאָרן אויך נישט אַרענדירן קיין שום אָפּצאָלונגען, וואָס זענען באַשטימט פאַר דער קירכע. דערזעלבער קעניג גיט אויך אַרויס אַ פאַראָרדענונג, אַז יידישע ערד־באַזיצער איז „פאַרווערט צו באַשעפטיקן און צו האַלטן ביי זיך אין שטוב קריסטלעכע אַרבעטער, פאַרוואַלטער, פאַכטער, קי־ און שאָף־פּאַסטוכער, מויל־אייזל־טרייבער, קנעכט און דינסטן". דאַקעגן איז די יידישע לאַנדווירטן, לויט דערזעלבער פאַראָרדענונג, דערלויבט זיך צו באַנוצן מיט אַ קריסטלעכן פּערסאָנאַל ביי פעלד־אַרבעט, אָבער בתנאי, אַז דער פּערסאָנאַל זאָל באַשטיין פון סאַמע מאַנסלייט, וואָס וועלן נישט וואוינען צוזאַמען מיט דעם ייד — דעם באַלעבאָס. כדאי צו דערמאָנען נאָך אייניקע פאַראָרדענונגען פונם קעניג אַלפאָנס V (1448—1481), וואָס האָבן פאַרבאָטן די יידן זיך צו ווייזן אין גאַס אָן די שאַנד־צייכנס, צו באַזוכן די הייזער, אין וועלכע

ס'וואוינען קריסטלעכע פרויען און צו פאַרברענגען דאָרט אין דער אָפּוועזנהייט פון די קריסטן — מאַנסלייט. מיט דעם לעצטן פאַרבאָט איז דער קעניג אויסן געווען די יידישע פעדלער און וואַנדער־האַנטווערקער, וואָס פלעגן אַרומוואַנדערן איבער די דערפער און אויפזוכן קונדן צווישן די פויערטעס, נאָנעס וכדומה.

רעזומירנדיק די באַגרענעצונגען פון די יידישע ווירטשאַפטס־מעגלעכקייטן, זעען מיר, אַז זיי האָבן געצילט סיי אין אַזעלכע הכנסה־דיקע פּאָזיציעס פון די יידן, ווי באַאַמטן־שטעלעס, שטייערן־אַרענדעס און ערד־באַזיץ און סיי אין אַזעלכע שוואַכע יידישע ווירטשאַפטס־מענטשן, ווי פעדלער און וואַנדער־האַנטווערקער. אין דער ווירקלעכקייט אָבער האָבן דידאָזיקע באַגרענעצונגען קיין שום ממשות נישט געהאַט. די קעניגן פלעגן בלויז אויפן פּאַפּיר נאָכגעבן דעם דרוק מצד דער קירכע און די קאָרטעס. אין לעבן אָבער איז די ווירקונג פון די פאַראָרדענונגען לגמרי נישט געווען צו מערקן. דעם בעסטן באַווייז ליפערן אונז די כסדרדיקע פּראָטעסטן און אָנקלאָגן, מיט וועלכע ס'טרעט אַרויס אין משך פון דער באַהאַנדלטער תקופה די קירכע און מיט איר אינאיינעם אויך די קאָרטעס. אַזוי, אַ שטייגער, מאַכט דער קירכע־סינאָד, וואָס איז זיך צונויפגעקומען אין י. 1427 אין סאַנטאַרעם, דעם קעניג א פאָרוואורף, אַז ער גיט די יידן שטעלעס אַלס הויף־דאָקטוירים און שטייער־אַרענדאַרן. אין די יאָרן 1451, 1460, 1461 און 1473 באַקלאָגן זיך די קאָרטעס, אַז די יידן טראָגן נישט קיין שאַנד־צייכנס, נייערט זיידענע מלבושים, אַז זיי האַנדלען אויסערהאַלב די יידישע קוואַרטאַלן, נעמען אין אַרענדע קירכע־גיטער און קויפן אויף אומגעשטערטערהייט אומבאַוועגלעכע גיטער. זייער כאַראַקטעריסטיש זענען אויך די באַשלוסן, וואָס זענען אין יאָר 1481 אָנגענומען געוואָרן דורך די קאָרטעס אין עוואָראַ: די קאָרטעס דריקן אויס זייער פיינטלעכע שטעלונג קעגן די יידישע שטייער־אַרענדאַרן, ווי אויך קעגן די „וואַנדערנדיקע יידישע שניידער, שוסטער און אַנדערע בעלי־מלאכות", וואָס זוכן קונדן צווישן קריסטלעכע פרויען. גלייכצייטיק פאַרלאַנגען זיי, אַז מען זאָל אָפּהיטן די פאַראָרדענונגען וועגן דעם יידישן שאַנד־צייכן און וועגן די יידישע קוואַרטאַלן. אין דעמזעלבן צוזאַמענהאַנג זאָל אויך דערמאָנט ווערן א מאמר פון אַן אַנאָנימען מאָנאַך, וואָס האָט זיך באַוויזן אין די זיבעציקער יאָרן פונם 15־טן י"ה און וואָס זעט אויס ווי אַ מעמאָריאַל, וואָס איז געשיקט געוואָרן צום קעניג אַלפאָנס V מכוח דער יידן־פראַגע. דער מאָנאַך האַלט, אַז די יידן

זענען שולדיק, וואָס די פּאָלקס־שיכטן אין לאַנד לעבן אין נויט. ער בעט דעריבער דעם קעניג צו באַגרענעצן די פרייהייטן פון די יידן. „באמת, דער קעניג וועט דערפון האָבן מער נוצן און געווינסן, פירט ער אויס, ווען זיינע קריסטלעכע אונטערטאַנען וועלן זיין רייך און באַזיצן גיטער, איידער אַז די אוצרות זאָלן בלייבן אין די הענט פון די יידן; די יידן ברענגען נישט קיין גליק, פאַרקערט, זיי זענען נאָר אַן אומגליק פאַרן לאַנד!"... דער קעניג האָט אָבער געהאַט אַן אַנדער מיינונג וועגן דעם ענין. פאַר זיינע אינטערעסן איז דער וואוילשטאַנד פון די יידן געווען אַ וויכטיקער פאַרבאַדינג, און היות, ווי ער האָט נאָך געהאַט אין זיין רשות געוויסע מאַכט־מיטלען, בכדי זיך אַנטקעגנצושטעלן די פאָדערונגען פון די קירכע־לייט און די קאָרטעס, איז די לאַגע פון די יידן, נישט געקוקט אויף די שטימונגען, וואָס קומען צום אויסדרוק אין דעם ציטירטן מאמר, געבליבן אַ גינסטיקע ביז צום סאַמע גירוש.

§ 62 דער אויפשוואונג פונם יידישן ווירטשאַפטס־לעבן אין נאַוואַראַ.

צוליב דיזעלבע טעמים, וואָס אין פּאָרטוגאַל, איז נאָך די גע־שעענישן, וואָס זענען פאָרלאָפן אין קאַסטיליע און אַראַגאָניע, אין י. 1391, געקומען צו אַן אויפשוואונג פונם יידישן ווירטשאַפטס־לעבן אויך אין דעם קליינעם מלוכהלע נאַוואַראַ. לויט אַן אויפגעהיטער רשימה פון יידישע שטייער־צאָלער, האָבן אין י. 1391 עקזיסטירט יידישע קיבוצים אין 14 שטעט און שטעטלעך פון נאַוואַראַ. די גרעסטע קהילות זענען דעמאָלט געווען אין טודעלאַ און פּאַמפּלאָנאַ. סך הכל ווערן אין דער רשימה אויפגעגעבן 245 יידישע שטייער־צאָלער אין גאַנצן לאַנד *), און היות, ווי עס לאָזט זיך דורך אַ פאַרגלייך מיט די סטאַטיסטישע מאַטעריאַלן, וואָס זענען אונז פאַרבליבן לערך פון דערזעלבער צייט בנוגע אייניקע קהילות, פעסטשטעלן, אַז די צאָל שטייער־צאָלער שטימט מער־ווייניקער מיט דער צאָל יידישע

---

*) די פאַרטיילונג פון דידאָזיקע 245 יידישע שטייער־צאָלער אויף איינצלנע קהילות איז געווען אַזעלכע:

Tudela—90, Pamplona—58, Estella—14, Falces—14, Olite—13, Peralta—13, Viana—12, La Guardia—10, Tafalla—8, Cercos—7, Lerin—5, San Vicente—5, Miranda—3, Caparroso—3.

הייזער *), קאָן מען משער זיין, אַז די צאָל פון 245 יידישע שטייער־צאָלער שטעלט מיט זיך פאָר אַן ערך פון אַ 4000 ביז 5.000 נפשות. אין משך פונם נאָענטסטן יאָרצענדליק האָט זיך די יידישע באַפעלקערונג, אַ דאַנק דער איינוואַנדערונג פון דעם שכנותדיקן קאַסטיליע און אַראַגאָניע, מערקלעך פאַרגרעסערט, וואָרים דער נאָרמאַלער יידן־שטייער (גערופן peyta אָדער pecha), וואָס איז יעדעס יאָר געצאָלט געוואָרן לטובת דעם קעניג, איז געשטיגן פון 7000 ליוור אין י. 1391 אויף 8000 ליוור אין י. 1401. נעמענדיק אַלס באַזע דעמזעלבן שטייער, קאָן מען פעסטשטעלן, אַז די פאַרהעלטענישן האָבן זיך ביז לערך דער העלפט פונם 15־טן י״ה וויניק וואָס געענדערט (דער שטייער האָט אין דערדאָזיקער צייט באַטראָפן דורכשניטלעך פון 6.000 ביז 7.000 ליוור אַ יאָר). דאַקעגן לאָזט זיך אין דער צווייטער העלפט פונם דאָזיקן יאָרהונדערט פעסטשטעלן אַ שטאַרקע ירידה (אַזוי, אַ שטייגער, האָט דער שטייער אין י. 1460 באַטראָפן בלויז 2.000 ליוור).

נעמענדיק אין באַטראַכט די לפי־ערך קליינע צאָל יידישע באַפעלקערונג אין נאַווארע, איז ממש צו באַוואונדערן די אויסערגעוויינלעכע ראָלע, וועלכע זי האָט געשפּילט אינם ווירטשאַפטס־לעבן פון לאַנד, בפרט ביים סוף פון 14־טן און אָנהויב 15־טן י״ה. אין די רעכנביכער פונם קעניגלעכן הויף ווימלט עס פשוט אין יענער צייט [illegible] יידישע הויף־דאָקטוירים, הויף־באַנקירן, הויף־ליפעראַנטן, הויף־סוחרים, האַנטווערקער, וואָס אַרבעטן פאַרן הויף וכדומה.

פאַר די יאָרן 1395—1434 זענען אונז באַוואוסט מיט די נעמען זייערע נישט ווייניקער ווי 8 יידישע הויף־דאָקטוירים **). וועגן דריי פון

---

*) אַזוי, אַ שטייגער, ווערן אין אַ רשימה פון י. 1367 אויפגעגעבן 66 יידישע הייזער אין פּאַמפּלאָן, אַ ציפער, צו וועלכער ס'איז זייער נאָענט די צאָל 58 יידישע שטייער־צאָלער, וואָס פיגורירן אין דער רשימה פונם י. 1391.

**) מיר גיבן דאָ אָן זייערע נעמען לויט דעם אויסלייג פון די קוועלן:

Jucaf Abacar (ער איז אויך געווען הויף־דאָקטאָר פונם קאַסטילישן קעניג) 1395
Mayr Duerta (מאיר בן יקאר) de Tudela 1395
Abram Cominelo 1404—1413
Salomon Gatheynno 1409
Samuel de Granada 1418
Hanon Ytaliano (חנון ברור) 1413
Vidal de Olit (וידל בן דוד) 1434
Juce Horabuena 1385—1413

זיי לאָזט זיך פעסטשטעלן, אַז זיי האָבן איינגעוואָנדערט קיין נאַ־וואַרא פון קאַסטיליע און אַראַגאָניע (דאָס זענען: Jucaf Abacar און Mayr Duerta, ביידע פון קאַסטיליע און Samuel de Granada, וואָס האָט געשטאַמט פון אַ סאַראַגאָסער משפּחה). מאַנכע דאָקטוירים פלעגן, אַ דאַנק זייערע באַציונגען מיט די קעניגן און הויפלייט, זיך פאַר־וואַנדלען אין אונטערנעמער, באַנקירן, אַרענדאַרן וכדומה. אַלס קלאַ־סישער ביישפּיל קאָן אונז אין דעם פּרט דינען די פּערזאָן פון ר׳ יוסף אורה בונה (Juce Horabuena), וואָס האָט געווירקט אין נאַוואַרא־הויף אַלס דאָקטאָר (1413—1385). ער האָט, נעמלעך, אויך פאַרנומען די שטעלע פון אַ „חכם־הכולל״ (אויבער־רב) און שטייער־אַרענדאַר; אַ געוויסע צייט האָט ער אַפילו אומאָפיציעל פאַרטרעטן דעם קעניגלעכן שאַץ־מייסטער (Thesorero); חוצדעם, פלעגט ער זיך נאָך פאַרנעמען מיט גרויסע ליפערונגען פאַרן הויף. דאָס אייגענע איז אונז אויך באַוואוסט וועגן דעם הויף־דאָקטאָר Abram Camineto, וואָס פלעגט פאַר דער קעניגין באַזאָרגן פאַרשיידענע געלט־הלוואות און ליפערונגען.

אין דערזעלבער צייט זענען כּמעט אַלע וויכטיקערע אַרענ־דעס פון מלוכהשע שטייערן געלעגן אין די הענט פון גע־ניטע יידישע סוחרים און באַנקירן. אין די קעניגלעכע חשבונות פונם י. 1399 געפינען מיר אַ חשובע צאָל פון 12 אַזעלכע יידישע שטייער־אַרענדאַרן (tributador). צו די באַדייטנדיקסטע האָבן אַרום יענער צייט באַלאַנגט אַ חוץ דעם שוין דערמאָנטן ר׳ יוסף אורה בונה — די יידן: יהודה בר שמואל הלוי פון עסטעלאַ, יום־טוב בסו (Jeuto Baco) פון דערזעלבער שטאָט, אברהם ן׳ שעיב (Abraham Euroep), נתן גבאי־פּקירה, שמואל בנבנשת, יצחק מעדעלין (Acac Medelin) און שמואל אמרילין (Symuel Amaryllo). באַזונדערס רירעוודיק זענען, ווי ס׳ווייזט אויס, געווען די „טריבוטאַדאָרן״ יהודה בר שמואל הלוי און שמואל אמרילין. יהודה הלוי שטייט מיטן הויף געשעפטלעך פאַרבונדן נאָך פון י. 1365. צוזאַמען מיט דער באַנקיר־משפּחה איבנדוד (Evendavid) באַלאַנגט ער צו די איינפלוס־רייכסטע יידן אין נאַוואַרא. בכדי צו פינאַנסירן די גרויסע שטייער־און צאָל־אַרענדעס, פלעגט ער זיך נעמען אַלס שותּפים די יידן שמואל אמרילין און יום־טוב בסו. זיין הויכע שטעלע אין דער מלוכהשער פינאַנץ־פאַרוואַלטונג האָט ער נישט זעלטן אויסגענוצט לטובת זיינע נאַוואַרער ברידער. נישט גע־קוקט דערויף אָבער, איז ער אַרום י. 1391 פאַרמשפּט געוואָרן דורכן

יידישן געריכט צו זייער האַרבע באַשטראָפונגען. פון אַ לאַנגער קאָרעספּאָנדענץ, וואָס איז אַרום דעם פּראָצעס פאַרפירט געוואָרן צווישן דון בנבנשת בן לביא פון סאראגאָסאַ און דעם חכם-הכולל פון נאַוואַרא ר' יוסף אורה בונה, דערוויסן מיר זיך, אַז ר' יהודה הלוי איז געפאַלן אַ קרבן פון אַ בלבול. די שותפים פון ר' יהודה הלוי, ר' שמואל אמרילין און יום-טוב בסו זענען אַ לענגערע צייט געשטאַנען אין געשעפטלעכע פאַרבינדונגען מיטן נאַוואַרא-הויף (פון די 70-קער יאָרן ביזן סוף פון 14-טן י"ה). ר' שמואל אמרילין איז געווען נישט בלויז אַן אַרענדאַר פון שטייערן, נייערט אויך אַ הויפישער פינאַנץ-אַגענט און גרויסער סוחר.

לעבן די שטייער-אַרענדעס האָבן ביים סוף פון 14-טן און אָנהויב 15-טן י"ה געהאַט אַ גרויסע באַדייטונג פאַר דער אקומילאַציע פון יידישע קאַפּיטאַלן אויך די אַרענדעס פון קעניגלעכע גיטער און דער באַזיץ פון אייגענע ערד-שטחים. אונטערן רעזשים פון הואן דעם II-טן (1425—1479) איז אָבער פאָרגעקומען אין דעם פּרט אַן ענדערונג. עס איז אונז, נעמלעך, באַוואוסט אַ פאַראָרדענונג פון דעמדאָזיקן קעניג, וואָס פאַרווערט די יידן צו קויפן נחלאות און צו נעמען אין אַרענדע קעניגלעכע מאַיאָנטקעס. דערזעלבער פאַרבאָט איז, אגב, אויך חל אויף גלחים און מאַכמעדאַנער. צו די שטייער-אַרענדעס האָט דאָס אָבער קיין שום שייכות נישט געהאַט, און מיר באַגעגענען טאַקע אין דער רעגירונגס-צייט פון דעמזעלבן הואן II נישט ווייניק יידן, וואָס אַרענדירן פאַרשיידענע מלוכהשע הכנסות. אַזוי, אַ שטייגער, אַרענדירט אין י. 1438 דער ייד יעקב בסו די הכנסות פונם מינץ-אַמט אין טודעלאַ, און פון י. 1462 ווערט אונז איבערגעגעבן וועגן אַ געוויסן ר' אברהם פורך (Forach), וואָס האָט אַרענדירט די אָפּצאָלונגען פון די האַנדלס-באַזאַרן (mercevia) אין פאַמפּלאָנאַ.

האַנט בײ האַנט מיט די אַרענדעס פלעגט אין נאַוואַרא (פּונקט ווי אין די איבעריקע שפּאַנישע מלוכות) גיין דאָס באַנקיר-געשעפט. כמעט אַלע פון די אויסגערעכנטע רייכע שטייער-אַרענדאַרן, וואָס האָבן געווירקט ביים סוף פון 14-טן און אָנהויב 15-טן י"ה, זענען גלייכצייטיק אויך געווען הויפישע באַנקירן און פינאַנץ-אַגענטן און עס ווערן אין די קעניגלעכע אַקטן פון יענער צייט פאַרצייכנט אַ היפשע צאָל געלט-הלוואות, וועלכע דער הויף האָט ביי זיי גענומען. חוץ די דערמאַנטע אַרענדאַרן באַגעגענען מיר דעמאָלט אַלס הויפישע באַנקירן אויך אייניקע סאראגאָסער יידן, וואָס זענען אָנ-

געקומען קיין נאוואַרא ביים סאַמע סוף פון 14-טן י״ה. דאָס זענען די יידן: אברהם כּולוף (Golluf), דאָן עזרא (don Ezdra), און משה איבּן עבּאַס (Abenabez). גרויסע געלט-עסקים האָבן אויך געפירט מיטן הויף די אַנגעהעריקע צו דער קאַסטילישער משפּחה: בּנבּנשת, דאָן שמואל און דאָן יהודה. די לעצטע ידיעות וועגן די הלוואות, מיט וועלכע זיי האָבן באַזאָרגט דעם הויף, זענען אונז פאַרבליבן אין די קעניגלעכע רעכן-ביכער פאַר די יאָרן 1411 און 1412. די הלוואות פלעגן די נאַוואַרער יידן געבן אויף שטרות אָדער אויף משכּנות. אונטער הואן II איז זיי, אין צוזאַמענהאַנג מיטן בירגער-קריג, וואָס האָט געבושעוועט אין לאַנד גאַנצע 30 יאָר (פון י. 1442 ביזן י. 1474), פאַרווערט געוואָרן אָנצונעמען קריגס-כּלי-זיין אַלס משכּנות.

די נאַוואַרער יידן האָבן אויך געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין דעם דאָרטיקן מסחר. לויט די פאַרצייכענונגען אין די קעניגלעכע רעכן-ביכער, האָבן די יידן באַזאָרגט דעם הויף מיט פאַרשיידענע ליפערונגען. דער אונז שוין באַוואוסטער ר׳ שמואל אמרילין ליפערט אין פאַרשיידענע יאָרן פאַרן הויף אַזעלכע אַרטיקלען, ווי צוקער, בשמים, טייטלען, פייגן, ראָזשינקעס, רייז, באַוול, שניט-סחורה, פוטערוואַרג, זילבערנע אויסאַרבעטונגען וכדומה. ער פירט אַ האַנדל מיט אַראַגאָניע און טרעט טיילמאָל אַרויס אַלס האַנדלס-אַגענט פון די סאַראַגאָסער סוחרים. אַן אַנדער יידישן גרויס-הענדלער, דעם אונז שוין באַוואוסטן ר׳ נתן גבאי-פלקירה באַגעגענען מיר ביים סוף פון 14-טן י״ה אַלס הויפישן תבואה-ליפעראַנט. אַרום דערזעלבער צייט ווערן נאָך דערמאָנט אַנדערע 5 יידישע גרויס-הענדלער, וואָס האָבן געליפערט פאַר די הויפלייט פוטערוואַרג און שטאָפן: ר׳ יהודה ששון, אַן איינגעוואַנדערטער פון בורגאָס, ר׳ יום-טוב בן חייא (Sento Benayon) פון עסטעלאַ, ר׳ יעקב קאָרטעס (Cortes), אברהם נאַריביקאַ (Narribica), ביידע פון פאַמפּלאָנאַ און ר׳ חייא הלוי (Aya Lewi) פון לאָס אַרקאָס (Los Arquos). מיט פאַרשיידענע ליפערונגען פאַרן הויף האָט זיך אויך פאַרנומען דער אויבער-רב פון נאַוואַרע, ר׳ יוסף אורה בונה. אין אויפגעהיטענע שפּאַנישע דאָקומענטן פון י. 1451, וואָס זענען, אגב, געשריבן מיט העברעישע אותיות, געפינען מיר מערערע נאַוואַרער יידן אַלס האַנדלס-אַגענטן פון פאַרשיידענע קריסטלעכע סוחרים. אין י. 1462 האָט עקזיסטירט אין פּאַמפּלאָנאַ אַ יידישער האַנדלס-באַזאַר. ענלעכע באַזאַרן, גערופן merceria אָדער alcaceria,

זענען געווען אויך אין אַנדערע נאַווארער שטעט. חוץ די באַזאַרן, האָט אַ טייל יידישע סוחרים אויך געהאַט אייגענע געוועלבער.

אַ ריי אינטערעסאַנטע ידיעות זענען אונז אויפגעהיט געוואָרן וועגן די מ ל א כ ו ת, וואָס זענען אין דער באַהאַנדלטער תקופה געווען פאַרשפּרייט צווישן די יידן אין נאַווארא. אין אַ דאָקומענט פון י. 1387 ווערן אין טודעלא דערמאָנט יידישע ג אַ ר ב ע ר, ש ו ס ט ע ר און ז יי ד - ו ו ע ב ע ר. אין די קעניגלעכע חשבונות (פון סוף 14-טן און אָנהויב 15-טן י"ה) טרעטן אָפט אַרויס אַלס הויפּישע ליפעראַנטן יידישע ג אָ ל ד - און ז י ל ב ע ר - ש מ י ד ן, ש נ יי ד ע ר און ק י ר ז ש נ ע ר.

קאַפּיטל צוויי און צוואַנציק

די יידן און אַנוסים אין קאַסטיליע און אַראַגאָניע און זייער ווירטשאַפטס-לעבן אין משך פון די לעצטע צוויי צענדליק יאָר פאַרן גירוש.

§ 63 די גרויס פון דער יידישער באַפעלקערונג.

דאָס באַרעכענען די צאָל יידן, וואָס האָבן געלעבט אין קאַסטיליע און אַראַגאָניע אין דער תקופה פון פערדינאַנד דעם אַראַגאָנער און איזאַבעלאַ דער קאַסטילישער, שטעלט מיט זיך פאָר גרויסע שוועריקייטן, מחמת מיר האָבן נישט די נויטיקע קוועלן-מאַטעריאַלן, וואָס וואָלטן אונז געקאָנט דינען אַלס באַזע פאַר סטאַטיסטישע אויסרעכענונגען. די עלטערע פאָרשונג (מיט גרעצן בראש) האָט געפּרוּווט אויסצונוצן פאַר אַזעלכע אויסרעכענונגען אַן אויפגעהיטן דאָקומענט פון יאָר 1474. דאָס איז אַ רשימה פון שטייער-סכומים, וועלכע די קאַסטילישע יידן האָבן אין דעמדאָזיקן יאָר געדאַרפט צאָלן לטובת דעם קעניג. די רשימה איז צונויפגעשטעלט געוואָרן דורכן דעמאָלטיקן קאַסטילישן מלוכה-רב ר' יעקב נינעש (Nunes) און עס פיגורירן אין איר לערך 200 קאַסטילישע ישובים, וואו עס האָבן דעמאָלט געלעבט יידן. די געלט-סומעס, וועלכע האָבן געדאַרפט אַריינפליסן פון די יידן פון דידאָזיקע ישובים, באַטרעפט עטוואָס מער, ווי 450,000 מאַראַוועדי. די 200 יידישע ישובים זענען

ס'רוב געווען אזוי קליין, אז מען האָט קוים געקענט צונויפשטעלן פון זיי 74 קהילות. מאַנכע קהילות האָבן געצײלט אַ מי־נימאַלע יידישע באַפעלקערונג. אַזוי, אַ שטייגער, צאָלן פון די 74 קהילות גאַנצע 24 קהילות שטייער־סכומים פון 300 ביז 500 מאַראַ־וועדי און 4 קהילות פיגורירן אין דער רשימה מיט נאָך קלענערע שטייער־אָפּצאָלונגען (פון 100 ביז 250 מאַראַוועדי). צו די גרעסטע קהילות האָבן לויט דער רשימה געהערט: אַ ווי לאַ (12.000 מאַר.), סעוויליאַ (צוזאַמען מיט די אַרומיקע קליינע ישובים — 12.500 מאַר.), טאָלעדאָ (3.500 מאַר.) און קאָרדאָוואַ (1.200 מאַר.). מער לאָזט זיך פון דער רשימה נישט אַרויסדרינגען. יעדער פּרואוו צו באַרעכענען לויט דער רשימה די צאָל פון דער יידישער באַפעל־קערונג אין קאַסטיליע, מוז באַטראַכט ווערן פאַר אַ פעלערהאַפטן, מחמת אין דער רשימה פיגורירן נישט קיין קאָפּ־שטייערן, נייערט פאַרמעגנס־שטייערן. אינטערעסאַנט איז בלויז צו פאַרגלייכן די צאָל 450.000 מאַראַוועדי, וועלכע די יידן האָבן געצאָלט דעם קאַסטילישן קעניג אין י. 1474, מיט דער צאָל 2.800.000 מאַראַוועדי, וואָס איז אַריינגעפלאָסן אינם מלוכה־אוצר לויט די פאַרבליבענע שטייער־רשימות פונם י. 1290/1. פון דעמדאָזיקן פאַרגלייך באַקומט זיך, נעמלעך, אַ געהעריקער באַגריף וועגן דעם מאַטעריעלן „באַרג־אַראָפּ", וואָס איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר דער געשיכטע פון די קאַסטילישע (און אַראַגאָנישע) יידן ביים סוף פון 13־טן י"ה און בפרט זינט די קאַ־טאַסטראָפעס ביים סוף פון 14־טן און אָנהויב 15־טן י"ה (1391, 1412—1414).

פאַר דער סטאַטיסטישער אויסרעכענונג פּרואווט מען געוויינלעך אויך אויסנוצן די ציפערן, וואָס ווערן געבראַכט דורך פאַרשיידענע מחברים פון סוף 15־טן און 16־טן י"ה אין צוזאַמענהאַנג מיטן גירוש־שפּאַניע. צווישן די ציפערן זענען אָבער פאַראַן זייער גרויסע דיפע־רענצן, אַזוי, אַז מען דאַרף זיי גוט אָפּמעסטן און אָפּוועגן. געוויינלעך ווערן ציטירט פאָלגנדיקע ציפערן:

א) לויט אַנדרעאַס בערנאַלדעץ, וואָס האָט געלעבט אין דער צייט פון גירוש און וואָס איז באַוואוסט אַלס מחבר פון אַ גרויסן געשיכטע־ווערק וועגן „די קאַטוילישע קעניגן" (Historia de los Reyes Católicos), האָבן צוליבן גירוש אויסגעוואַנדערט פון קאַסטיליע קיין פּאָרטוגאַל 93.000 יידן.

ב) אַבּרהם זאַקוטו, דער באַרימטער יידישער מאַטע־מאַטיקער, וואָס האָט געלעבט אין דער טראַגישער תקופה פון גירוש,

גיט איבער, אַז פון קאַסטיליע אַליין זאָלן האָבן אין גירוש־יאָר אויסגעוואַנדערט 120.000 יידן קיין פּאָרטוגאַל.

ג) יצחק אברבנאל שאַצט די צאָל יידן, וואָס זענען פאַרטריבן געוואָרן פון גאַנץ שפּאַניע (צוזאַמען מיט די דעמאָלטיקע שפּאַנישע פּראָווינצן, ווי די באַלעאַרן, סאַרדיניע און סיציליע) אין 300.000 נפשות.

ד) דער באַרימטער הומאַניסט פונם 16־טן י״ה רעוכלין שאַצט די צאָל יידן, וואָס זענען געפאַלן אַ קרבן פון גירוש־שפּאַניע און וואָס האָבן געמוזט אויסוואַנדערן פון לאַנד, אין 420.000 נפשות.

כדאי צו דערמאָנען דידאָזיקע ציפערן, וועלכע מיר האָבן געפונען אין צוויי פּוילישע בראָשורן פון סאַמע אָנהויב פון 17־טן י״ה:

אין אַן אַנטיסעמיטישער בראָשור, וואָס איז פון אַ געוויסן ש. א. הוביצקי אַרויסגעגעבן געוואָרן אין קראָקע אין י. 1602 (אונטערן טיטל: „Żydowskie okrucieństwa“), ווערט באַמערקט, אַז די צאָל פאַרטריבענע יידן פון קאַסטיליע און אַראַגאָניע זאָל האָבן באַטראָפן 700.000.

לערך אין דערזעלבער צייט (דער פּוילישער ביבליאָגראַף עסטרייכער גיט אָן דאָס י. 1601) איז דערשינען אַ פּוילישער פּאַמפלעט פונם אַנטיסעמיטישן שרייבער אַכאַצי קמיטאַ (אונטערן טיטל: „Ein Send Brief abo list od Żydów polskich do Mesyasza“), וואו די צאָל יידישע אויסוואַנדערער פון שפּאַניע ווערט געשאַצט אין 1.200.000.

מיר וועלן נאָך ברענגען די שאַצונגען און באַרעכענונגען פון אייניקע פאָרשער, וואָס האָבן זיך אינטערעסירט מיט דעמדאָזיקן פּראָבלעם:

דער שפּאַנישער געשיכטע־שרייבער הואַן דע מאַריאַנאַ, דער מחבר פון דער 20־בענדיקער „Historia General de Epana“ (מאַדריד, 1817), שאַצט די צאָל יידישע אויסוואַנדערער פון שפּאַניע ביז 800.000. איזידאָר לעב (Loeb) קומט צום אויספיר אין אַ ספּעציעלער אויספאָרשונג, וואָס איז געווידמעט דער באַהאַנדלטער פראַגע (דערשינען אין Revue des études juives, באַנד XIV), אַז די צאָל יידישע עמיגראַנטן פון שפּאַניע האָט באַטראָפן 165.000 און אַז פאַרן גירוש האָבן געלעבט אין שפּאַניע 235.00 יידן (דערפון האָבן בעת דעם גירוש לערך 50.000 אָנגענומען דאָס קריסטנטום און לערך 20.000 זענען אומגעקומען בעת די וואַנדערונגען). גרעץ, וואָס מאַכט צונישט די חשבונות פון איזידאָר לעב און ברענגט דערביי

אַ סך טרעפלעכע ראיות, שאַצט די צאָל יידישע אויסוואַנדערער פון
קאַסטיליע אין 200.000 און נעמט אָן פאַר אַראַגאָניע אַ צאָל פון
100.000. גרעץ ציטירט אויך אַ באַריכט פונם ווענעציאַנער געזאַנדטן
אין שפּאַניע פון י. 1505, לויט וועלכן די אנוסים זאָלן דעמאָלט
האָבן מיט זיך פאָרגעשטעלט 1/3 פון דער גאַנצער שטאָטישער
באַפעלקערונג אין שפּאַניע, און ער באַרעכנט, אַז די צאָל אנוסים
האָט דעמאָלט באַטראָפן לערך 300.000 (1/30-טל פון דער גאַנצער
באַפעלקערונג אין שפּאַניע ביים סוף פון מיטלאַלטער). דזשעקאָבס
(Jacobs) מיינט, אַז אין קאַסטיליע און אַראַגאָניע האָבן פאַר דעם
גירוש געלעבט לערך 160.000 יידן. ש. דובנאָוו שטיצט זיך אין
זיין „יידישער וועלט-געשיכטע" אויף איזידאָר לעב און האַלט,
אַז די צאָל יידן, וואָס זענען פאַרטריבן געוואָרן פון שפּאַניע, האָט
באַטראָפן לערך 200.000 און אַז די צאָל אנוסים איז דעמאָלט געווען
מער-ווייניקער אַ גלייכע. לסוף איז נאָך כדאַי צו פאַרצייכענען די
צאָל, וואָס ווערט אָנגעגעבן אין דער קורצער, אָבער אינהאַלטסריי-
בער סינטעטישער אַרבעט פון דעם באַוואוסטן יידישן פאָרשער
פריץ בער*). לויט בערן זאָלן האָבן אויסגעוואַנדערט פון קאַסטיליע
און אַראַגאָניע ביי אַ 40.000—30.000 יידישע משפחות. פריץ בער
גיט אַפילו נישט אָן קיין שום באַגרינדונג פאַר זיין שאַצונג, אָבער
מיר מיינען, אַז זי איז דאָך די ריכטיקסטע. מיר שטיצן זיך דערביי
אויף פאָלגנדיקע רעיות. פון אַלע געבראַכטע ציפערן פאַרדינען דער-
עיקרשט צוטרוי די ציפערן, וואָס ווערן איבערגעגעבן דורך בער-
נאַלדעץ, אברהם זאקוטו און יצחק אברבנאל. בערנאַל-
דעץ איז בכלל זייער גוט אָריענטירט אין די יידיש-שפּאַנישע פאַר-
העלטענישן פון דער באַהאַנדלטער תקופה און די ציפערן זיינע שטי-
מען מער-ווייניקער מיט די ציפערן פון אברהם זאקוטו. וואָס שייך
יצחק אברבנאל און אברהם זאקוטו, זענען דאָס געווען פערזענלעכ-
קייטן, וואָס זענען געשטאַנען אין סאַמע ברען פון די געשעענישן
און האָבן זיי, קענטיק, ווי געהעריק, אָפּגעשאַצט. יצחק אברבנאל
איז געווען אַ פינאַנץ-יועץ פון דעם פּאָרטוגעזישן קעניג, ווי אויך
פונם שפּאַנישן הערשער-פּאָר, און אַלס אַזעלכער האָט ער בלי-ספק
געהאַט די געהעריקע אינפאָרמאַציעס וועגן דער צאָל יידן אין דער
מלוכה און וועגן זייער שטייער-קראַפט. אברהם זאקוטו, ווידער, אַ

*) F. Baer: Probleme der jüdisch-spanischen Geshichte (אין „Korrespondenzblatt des Vereins zur Gründung einer Akademie für die Wissenschaft des Judentums" — Berlin, 1925).

מענטש, וואָס האָט מיט זיינע מאַטעמאַטישע און אַסטראָנאָמישע פאָר־שונגען זיך קונה־שם געווען, האָט זיכער פאַרמאָגט יענעם קריטישן בליק, וואָס היט אָפּ פון איבערטרייבונגען ביי אַלגעמיינע באַרעכענונגען און אָפּשאַצונגען. מיר קאָנען זיך, אַלזוי, פאַרלאָזן אויף די ציפערן־ידיעות, וועלכע מיר פאַרדאַנקען די דערמאָנטע דריי אינפאָרמאַטאָרן און מיר קאָנען זיי דרייסט נעמען אַלס באַזע פאַר דער צאָל־באַרע־כענונג. לויט זאַקוטו קומט אויס, אַז אין קאַסטיליע אַליין האָבן פאַרן גירוש געלעבט לערך 120.000 יידן. דאָס איז לגמרי נישט סותר דער צאָל 39.000, וואָס ווערט אָנגעגעבן פון בערנאַלדעץ. וואָרים בערנאַלדעץ נעמט אין באַטראַכט בלויז 5 פאָרטוגעזישע פונקטן, וואו עס האָבן זיך קאָנצענטרירט גרעסערע איינוואַנדערער־מאַסן, דהיינו:

בראַגאַנצאַ	מיט	איבער	3000	איינוואַנדערער.
מיראַנדאַ	"	"	30.000	"
ווילאַר	"	"	35.000	"
מאַרבאַן	"	"	15.000	"
יעלוועס	"	"	10.000	"
צוזאַמען		איבער	93.000	איינוואַנדערער.

נעמענדיק אין באַטראַכט, אַז אַ טייל קאַסטילישע יידן האָט זיך צוליב דעם גירוש געשמדט און אַ טייל האָט אויסגעוואַנדערט קיין נאַוואַראַ, צפון־אַפריקע, איטאַליע וכדומה, וועלן מיר מיט אַ סך וואַרשיינלעכקייט קאָנען צורעכענען צו די פון זאַקוטו דערמאָנטע 120.000 נאָך אַן ערך 20.000 נפשות. מיר קומען, אַלזוי, צום אויספיר, אַז אין קאַסטיליע האָבן קורץ פאַרן גירוש געלעבט לערך 140.000 יידן. נעמענדיק ווייטער אין באַטראַכט, אַז די צאָל באַפעלקערונג אין קאַסטיליע האָט אויסגעמאַכט אין פאַרגלייך מיט דער באַפעלקערונג אין אַראַגאָניע, ווי 3 : 1, קאָן מען פאַר אַראַגאָניע אָנגעבן אַ יידישע באַפעלקערונג לערך פון 140.000, ד. ה. 46.000–50.000 נפשות. צוזאַמען האָט, אַלזוי, די יידישע באַפעלקערונג אין קאַסטיליע און אַראַגאָניע באַטראָפן לערך 190.000 נפשות, דהיינו, ביז 40.000 משפחות. מיט דערדאָזיקער צאָל שטימט אויך די ציפער 300.000 אויסוואַנדערער, וועלכע מיר באַגעגענען ביי יצחק אברבנאל, וואָרים דידאָזיקע ציפער נעמט אַרום נישט בלויז די יידישע אויסוואַנדערער פון קאַסטיליע און אַראַגאָניע, נאָר אויך די עמיגראַנטן פון די באַלעאַרן־אינזלען, סאַרדיניע און סיציליע, וואו עס האָט ביים

סוף פון מיטלאַלטער געלעבט אַ צאָדרייכע יידישע באַפעלקערונג (בלויז אין סיציליע האָבן ביים סוף פון 15-טן י״ה געלעבט לערך ביז 100.000 יידן).

§ 64 דיווירטשאַפטלעכע לאַגע פון די קאַסטי־לישע און אַראַגאָנישע יידן אין דער תקופה פון פערדינאַנד און איזאַבעלאַ.

פונקט ווי אין דער פאַריקער תקופה, לאָזט זיך אויך אין דער רעגירונגס־צייט פון דעם טרויעריק־באַרימטן קאַטוילישן הערשער־פּאָר מערקן אַ ממשותדיקער אונטערשייד אין דער ווירטשאַפטלעכער לאַגע פון די קאַסטילישע און אַראַגאָנישע יידן. אַמבולטסטן טרעט אַרויס דער אונטערשייד, ווען מען נעמט אין באַטראַכט די באַטייליקונג פון די יידן אין אַזעלכע ריווחדיקע חיונה־קוואַלן, ווי מלוכהשע שטייער־אַרענדעס, אַרמעע־ליפערונגען וכדומה. אין אַראַגאָניע ווערן אין אונזער תקופה, פונקט ווי אין דער פאַריקער, שטרענג אָפּגעהיט די פאַראָרדענונגען, וועלכע דערווייטערן די יידן פון אַזעלכע ווירטשאַפטלעכע פּאָזיציעס. אַנדערש אָבער איז עס אין קאַסטיליע: דאָ באַגעגענען מיר ביז צום סאַמע גירוש אַ גע־וויסע צאָל יידן, וואָס האָבן געשפּילט אין דער מלוכה־ווירטשאַפט אַן אָנגעזעענע ראָלע אַלס הויף־באַנקירן, פינאַנץ־פאַרוואַלטער, שטייער־אַרענדאַרן, ליפעראַנטן וכדומה. ווי עס גיט אונז איבער אַנדרעאַס בערנאַלדעז, דער היסטאָריקער פון דעם קאַטוילישן הערשער־פּאָר, האָבן דידאָזיקע יידישע פינאַנץ־מאַגנאַטן אין קאַסטיליע פאַר־מאָגט צו 1, 2 און מער מיליאָנען מאַראַוועדי. דידאָזיקע אינפאָרמאַ־ציע איז דורכאויס אַ ריכטיקע און זי ווערט באַשטעטיקט דורך אַ ריי ידיעות, וועלכע מיר באַזיצן וועגן דער פינאַנציעלער טעטיקייט פון מאַנכע קאַסטילישע „גרויס־יידן“. דעם אויבנאָן פאַרנעמט צווישן זיי יצחק אַבּרבּנאל, וואָס זיין גרויסע ראָלע אין דער פּאָר־טוגעזישער מלוכה־ווירטשאַפט איז אונז שוין באַקאַנט. עס איז אַרי־בער אַ קורצע צייט, זינט ער האָט געמוזט נעלם ווערן פון פּאָר־טוגאַל, און מיר באַגעגענען אים שוין אין קאַסטילישן הויף, וואו ער שפּילט זייער אַן אָנגעזעענע ראָלע. פון דעם י. 1484 ביז צום גירוש־יאָר 1492 איז ער כסדר טעטיק ביי דער פאַרוואַלטונג פון די מלוכהשע פינאַנצן און גלייכצייטיק טרעט ער אויך אַרויס אַלס הויף־באַנקיר און אַרמעע־ליפעראַנט. אין די אַקטן געפינען מיר אַ ידיעה

וועגן אַ גרויסער הלוואה פון אַנדערטהאַלבן מיליאָן מאַראַוועדי, וואָס דער קעניג האָט גענומען ביי אים צוליב דער מלחמה מיט גראַנאַדאַ. ס׳איז אויך באַוואוסט, אַז יצחק אברבנאל האָט צוזאַמען מיט אברהם סעניאָר דורכגעפירט אַזאַ קאָלאָסאַלע טראַנזאַקציע, ווי דאָס פאַר־פּראָוויאַנטירן און באַזאָרגן מיט פּלי־זיין די אַרמעע, וואָס האָט געקעמפט קעגן גראַנאַדאַ. ס׳איז דעריבער נישט קיין חידוש, וואָס דאָס הערשער־פּאָר האָט אברבנאלן געוואָלט מאַכן אַן אויסנאַם, אַז דער גירוש־דעקרעט זאָל נישט זיין חל אויף אים און זיין פאַמיליע. וועגן יצחק אברבנאל איז נאָך צו דערמאָנען, אַז ער איז געווען איינער פון די ערשטע, וואָס האָט מיט זיינע געלט־מיטלען צוגעהאָלפן צו דער פאַרווירקלעכונג פון קאָלומבוסעס עקספּעדיציע־פּלענער. לעבן אברבנאלן ציט צו זיך צו די אויפמערקזאַמקייט זיין פריינט און שותף, דער שוין דערמאָנטער אברהם סעניאָר־שניאור, וואָס ווערט דורך גרעצן אידענטיפיצירט מיט אברהם בנבנשת (בענווענישטע) בר יוסף. וועגן אברהם סעניאָר איז אונז באַוואוסט, אַז ער האָט זיך פאַרשאַפט אַ גרויס פאַרמעגן אַלס אַרענדאַר פון מלוכהשע שטייערן. ער האָט געהאַט אַזעלכע גרויסע פאַרדינסטן פאַר דער מלוכה, אַז די קאָרטעס, וואָס זענען זיך אין יאָר 1480 צונויפגעקומען אין טאָלעדאָ, האָבן באַשלאָסן, אַלס צייכן פון אָנערקענונג, צו שענקען אים 50.000 מאַראַוועדי פון די איינגעמאָנטע שטייערן און צו באַשטימען פאַר אים אַ יערלעכן געהאַלט אין דער הויך פון 10.000 מאַראַוועדי. נאָכן טויט פונם קאַסטיליִשן מלוכה־רב ר׳ יעקב בינש איז אברהם סעניאָר באַשטימט געוואָרן אַלס נאָכפאָלגער אויף דעמדאָזיקן הויכן אַמט. אין י. 1487 באַמיט ער זיך אַלס מלוכה־רב צונויפצוזאַמלען 20.000 דובלאָנען (לערך 10.000.000 מאַראַוועדי), כדי אויסצולייזן עטלעכע הונדערט יידן פון מאַלאַגאַ, וואָס זענען בעת דער מלחמה מיט גראַנאַדאַ אַריינגעפאַלן אין געפאַנגענשאַפט. ביי דער זאַמל־אַקציע העלפט אים מיט דאָן יצחק אברבנאל. וועגן סעניאָרס ראָלע אַלס אַרמעע־ליפעראַנט האָבן מיר שוין גערעדט. פון אַנדערע קאַסטיליִשע „גרויס־יידן" קען מען דערמאָנען אַ געוויסן הואן בראַן (Juan Bran) און ר׳ אפרים (Rabi Frayn), ביידע פון בורגאָס, ווי אויך אַ געוויסער בנבנשת פון קאַלאַהאָראַ. הואן בראַן איז, ווייזט אויס, געווען איינער פון די רייכסטע יידן אין בורגאָס. ער איז געשטאַנען אין געשעפטלעכע באַציונגען מיט טאָלעדישע סוחרים, וועלכע האָבן ביי אים געהאַט צו מאָנען גרויסע געלטער. פון אַ דאָקומענט פון י. 1493 דערוויסן מיר זיך, אַז דער

קעניג האָט נאָכן גירוש קאָנפיסקירט ביי פאַרשידענע קריסטלעכע סוחרים וועקסלען נישט ווייניקער, ווי אויף 4120 דוקאַטן (1.577.960 מאראוועדי), וואָס האָבן געזאָלט אויסגעצאָלט ווערן דורך הואן בראַן, וועלכער איז אַנטלאָפן קיין פּאָרטוגאַל. וואַרשיינלעך האָט דער ייד מיט די וועקסלען אָפּגעקויפט אויסלענדישע תביעות, בכדי אויף אַזאַ אופן אָפּצוראַטעווען אַ טייל פון זיין פאַרמעגן. וועגן ר' אפרים פון בורגאָס און בנבנשת פון קאַלאַהאָראַ ווערט אונז איבערגעגעבן, אַז זיי האָבן געהאַט צו מאָנען גרויסע געלטער ביי פאַרשיידענע סוחרים פון בורגאָס, סאַלאַמאַנקאַ, לערמאַ, סאַהאַגונד וכדומה. אַ טייל פון דידאָזיקע תביעות זענען נאָכן גירוש איינגעקאַסירט געוואָרן לטובת דעם קעניגלעכן אוצר. פון דער גירוש-צייט איז אונז פאַרבליבן אַ בינטל אויסערסט אינטערעסאַנטע יידישע „אינוועטאַרן", דהיינו, רשימות פון געלטער, תביעות און ווערט-זאַכן, וואָס האָבן אָנגעהערט אייניקע „גרויס-יידן" פון סאָריא, צאַמאָראַ און בורגאָס און וואָס זענען, אויפן סמך פונם גירוש-דעקרעט, צוגענומען געוואָרן לטובת דעם הערשער-פּאָר. מאַנכע אינוועטאַרן מאַכן דעם איינדרוק, ווי זיי וואָלטן באַלאַנגט צו יובעליער-געשעפטן אָדער צו גרויסע לאַגערן פון גאָלד און זילבער: אַזויפיל גאָלד-און זילבער-זאַכן, צירונג, פּערל, קרעלן, טייערע שטיינער וכדומה ווערן אין זיי פאַרצייכנט!

ווי באַדייטנדיק עס איז נישט געווען די ווירטשאַפטלעכע ראָלע פון די „גרויס-יידן", האָבן זיי דאָך, אין פאַרגלייך מיט דער איבעריקער יידישער באַפעלקערונג, פאָרגעשטעלט מיט זיך בלויז אַ קליין הייפעלע. די איבערוועגנדיקע מערהייט איז באַשטאַנען פון ווייניק באַמיטלטע מענטשן: אַ מין קליין-בורזשואַזיע פון הענדלער, האַנטווערקער, באַזיצער פון וויינגערטנער און דאָסגלייכן. אין איינעם אַ דאָקומענט פונם גירוש-יאָר 1492 ווערן דערמאָנט מיט די נעמען 16 יידן פון די אַראַגאָנישע שטעט: אָסקאַ, ביעל, האַקאַ (Jaqna) און מאָנזאָ, דערביי ווערן אָנגעמערקט די באַשעפטיקונגען זייערע. פון די 16 יידן זענען 4 געווען וועבער, 4 שוסטער, 3 סוחרים, 2 שרייבער, 2 ישיבה-בחורים (studentes) און איינער אַ בעל-עגלה (curritor). צווישן די יידישע האַנטווערקער האָבן על-פּי-רוב געשמט אַזעלכע, וואָס האָבן זיך פאַרנומען מיט אויסאַרבעטן קריגס-כלי-זיין, דהיינו, מעטאַל-אַרבעטער און וואָפן-שמידן. זיי זענען געווען אַזוי געניט אין זייער פאַך, אַז מען האָט זיי נאָכן גירוש אומעטום אויפגענומען פאַר זייער געוואונטשענע איינוואַנדערער. אין פּאָרטוגאַל האָט זיי דער קעניג פאַרגאַראַנטירט

ספּעציפֿישע פֿאַרלייכטערונגען ביי דער איינוואַנדערונג: זיי האָבן, נעמלעך, געדאַרפֿט צאָלן בלויז אַ העלפֿט פֿון דער געוויינלעכער איינוואַנדערונגס-טאַקסע, וואָס איז באַשטימט געוואָרן פֿאַר יעדן אַנדערן ייִדישן איינוואַנדערער. אין דעמזעלבן צוזאַמענהאַנג איז אויך כּדאַי אָנצומערקן, אַז די געניטסטע האַרמאַטן-גיסער און פּולווער-פּראָדוצענטן, וואָס האָבן ביים סוף פֿון מיטלאַלטער פֿאַרזאָרגט די טערקישע אַרמעע מיט קריגס-כּלי-זיין און בפֿרט מיט פֿייער-געווער, זענען געווען ייִדן, וואָס זענען אָנגעקומען קיין טערקיי נאָכן גירוש.

פּונקט ווי אין דער פֿריִקער תּקופֿה, איז צווישן דעם ייִדישן מיטלשטאַנד אויך אין די לעצטע פֿאַר צענדליק יאָר פֿון דער ייִדיש-שפּאַנישער געשיכטע געווען שטאַרק פֿאַרשפּרייט אַזאַ פּרנסה, ווי דער באַזיץ און די עקספּלאָטאַציע פֿון וויין-גערטנער. דער גורל פֿון דידאָזיקע אַרבעטזאַמע ייִדישע וויין-פֿלאַנצער איז אָבער געוואָרן באַזונדערס שווער, ווען עס איז צוגעקומען דער גירוש-דעקרעט. לויט ווי ס'גיט אונדז איבער דער עפּטערס שוין ציטירטער אַנדרעאַס בערנאַלדעץ, האָבן זיי געמוזט פֿאַרקויפֿן דעם באַזיץ זייערן פֿאַר אַ קלייניקייט: אַ וויינבאַרג האָט מען דעמאָלט געקאָנט אָפּקויפֿן ביי אַ ייִדן — אַזוי דערציילט אונדז בערנאַלדעץ, — פֿאַר אַ שטיקל שטאָף אָדער לייוונט...

וועגן די ייִדישע הענדלער אין קאַסטיליע און אַראַגאָניע פֿאַרמאָגן מיר אין דער באַהאַנדלטער תּקופֿה צו ווייניק ידיעות, אַז מיר זאָלן זיך קאָנען שאַפֿן אַ גענויערן באַגריף וועגן זייער ווירטשאַפֿטלעכער באַדייטונג. מען קאָן בלויז משער זיין, אַז די צאָל זייערע איז געווען פֿאַרהעלטנישמעסיק אַ גרויסע און אַז זיי האָבן געשפּילט אַן אָנגעזעענע ראָלע אינעם מסחר מיט תּבֿואה, בהמות און בכלל מיט אַרטיקלען פֿון ערשטן געברויך. אונדזער השערה שטיצן מיר אויף דעם שוין דערמאָנטן פֿאַקט, וואָס יצחק אַבּרבּנאל און אַבֿרהם סעניאָר האָבן בעת דער 10-יעריקער מלחמה מיט גראַנאַדאַ באַזאָרגט מיט פּראָוויאַנט די קאַסטיליש-אַראַגאָנישע אַרמעע. אַזאַ ריזיקע אונטערנעמונג האָט זיי געקאָנט געלינגען בלויז אַ דאַנק דעם, וואָס זיי האָבן זיך געקאָנט שטיצן אויף אַ צאָלרייכן און גענייטן שטאַב ייִדישע קליין-הענדלער און פֿאַרמיטלער, אַנטרויענדיק זיי דעם פּראָוויאַנט-איינקויף אין די דערפֿער (אגבֿ, האָבן אויף אַזאַ אופֿן אָפּערירט ייִדישע קריגס-ליפֿעראַנטן, וועלכע מען באַגעגנט אין די שפּעטערע צייטן, און עס איז דערלאָזבאַר די השערה, אַז אַזוי האָבן זיך אויך נוהג געווען די ייִדיש-שפּאַנישע ליפֿעראַנטן). נישט קיין

קליינע ראָלע האָבן דערביי געמוזט שפּילן די שוין דערמאָנטע יידישע וואָפן-שמידן און מעטאַל-אַרבעטער, ווי אויך די יידישע דעטאַליסטן, וואָס האָבן געהאַנדלט מיט די אויסאַרבעטונגען פון דידאָזיקע בעלי-מלאכות. איבעריקנס, איז פון י. 1483 באַוואוסט אַ דאָקומענט, אין וועלכן ס'רעדט זיך אויסדריקלעך וועגן דעם, אַז די אַראַגאָנישע יידן האָבן צווישן אַנדערע אַרטיקלען אויך געהאַנדלט מיט קריגס-כלי-זיין. זייער כאַראַקטעריסטיש איז אין דעמזעלבן דאָקומענט די קעניגלעכע באַשטימונג, לויט וועלכער ס'איז די יידן פאַרווערט געוואָרן צו טרייבן אין אויסלאַנד אַ האַנדל מיט וואָפן און דערעיקרשט—עקספּאָרטירן דעם וואָפן קיין טערקיי. פון דעמזעלבן דאָקומענט דערוויסן מיר זיך נאָך, אַז מאַנכע אַראַגאָנישע יידן פלעגן דעמאָלט, אויפן סמך פון ספּעציעלע קעניגלעכע פּריווילעגיעס, טרייבן אַ לאַנד- און ים-האַנדל אין אַזעלכע אַראַגאָנישע פּראָווינצן, ווי סאַרדיניע אָדער סיציליע. אַן אינטערעסאַנטע דערגאַנצונג צו דערדאָזיקער ידיעה געפינען מיר אין די באַרימטע רייזע-בריוו פון ר' עובדיה יר"א פון בערטינאָראָ, וואָס שטאַמען פון די יאָרן 1488/9. ר' עובדיה דערציילט אונז, נעמלעך, צווישן אַנדערע פּרטים אויך וועגן אַ יידישן סוחר פון „צוק-ארי", דהיינו, פון סוקראָ (אַ שטעטל אין דער אַראַגאָנישער פּראָווינץ וואַלענציאַ), וועלכן ער האָט באַגעגנט אינם סיציליאַנישן האַפן מעסינאָ (מסינה) און וועלכער האָט זיך צוזאַמען מיט אים, מיט עובדיהן, אַרויפגעזעצט אויף אַ שיף, בכדי צו מאַכן אַ האַנדלס-נסיעה קיין ראָדוס (רות"וס).

עד כאן די פּרטים, וואָס כאַראַקטעריזירן אונז דאָס יידישעווירטשאַפטס-לעבן אין שפּאַניע קורץ פאַר דער קאַטאַסטראָפע. אָן אַ פאַרגלייך פאַרביקער און פולער ווערט דאָס בילד, ווען מיר ווענדן אונזער בליק אויף די אנוסים, וועלכע האָבן אין יענער צייט פאַרגעשטעלט מיט זיך, ווי שוין דערמאָנט, לערך דעמזעלבן באַפעלקערונגס-פּראָצענט, וואָס די יידן גופא.

§ 65 די געזעלשאַפטלעכע שטעלונג און ווירטשאַפטלעכע ראָלע פון די אנוסים.

מען קאָן מיט אַ סך באַרעכטיקונג באַהויפּטן, אַז יידן פון אַזאַ פאַרנעם, ווי ר' יצחק אברבנאל און אברהם סעניאָר, האָבן אין אַ גרויסער מאָס מיטגעהאָלפן אויסצובויען די שפּאַנישע וועלט-מאַכט אונטער פערדינאַנד און איזאַבעלאַ. פאַראַלעל מיט זייער ממשלה האָט

זיך אָנגעהויבן די פּאָליטישע און ווירטשאַפטלעכע אַרבעט פון אַן אָנזעעוודיקער צאָל פּראָמינענטע אנוסים־משפּחות, וואָס האָבן אייניגעם מיט די דערמאָנטע יידישע באַטאַבלען פאָרגעשטעלט מיט זיך דעם ריזעוודיקסטן און אינטעליגענטסטן טייל פון דער שפּאַנישער געזעלשאַפט. פון די הויכגעשטעלטע אנוסים רוקן זיך אַרויס אין פאָדערגרונט מיטגלידער פון די משפּחות ס אַ נ כ ע ץ, ס אַ נ ט - אַ נ ג ע ל, ק אַ וו אַ ל ע ר י אַ, ד ע אַ וו י ל אַ, ש ש ו ן (Suson), א ב ל פ י ה, וו י ל אַ נ י ע וו א, ק ל ע מ ע נ ט ע ס, מ אָ נ פּ אָ ר ט און אַנד. די אָנגעהעריקע צו דידאָזיקע משפּחות האָבן אונטער דעם קאַטוילישן הערשער־פּאָר פאַרנומען אַזעלכע פּאָזיציעס אין פּאָליטישן און ווירטשאַפטלעכן לעבן, אַז מען קאָן זיי פּשוט כאַראַקטעריזירן אַלס די „לאָרדן ביקאָנספילד“ און „ראָטשילדס“ פון יענער צייט.

מיר וועלן אָנהויבן מיט דער אנוסים־משפּחה ס אַ נ כ ע ץ. צוליב אַ בעסערער אָריענטאַציע אילוסטרירן מיר אונזערע אויספירן מיט דער פאָלגנדיקער גענעאַלאָגישער טאַבעלע:

גענעאַלאָגישע טאַבעלע פון דער משפּחה כולוף־סאַנכעץ

אלעזר כולוף (Alatzar Golluf) אויס סאַראַגאָסאַ
זיין ווייב מירא אַלמאַלי
געשטאָרבן אין י. 1389

..... כולוף
געשמדט און גערופן
מיטן קריסטלעכן
נאָמען:
לואיס סאַנכעץ
(Luis Sanchez)

..... כולוף
גערופן מיטן
קריסטלעכן
נאָמען:
פעדראָ סאַנכעץ

יצחק כולוף (Assaeli Golluf)
געשמדט אין י. 1390
נאָכן שמד גערופן: **הואן סאַנכעץ**
(Juan Sanchez)
זיין ווייב: סאַל אַלמאַלי

יהודה (Jaffuda), אברהם

אַלפאָנסאָ, הואן פעדראָ

גבריאל סאַנכעץ
געשטאָרבן אין י. 1505
חתונה געהאַט מיט דער טאָכטער
פון מאָסען לואיס
סאַנט־אַנגעל
(Mossen Luis Santangel)

הואן סאַנכעץ
(Juan Sanchez)
פּלימעניק פון
גבריאל סאַנכעץ

לואיס סאַנכעץ
געלעבט ביזן י. 153C

טאָכטער
חתונה געהאַט
מיט
פראַנציסקאָ
גורעאַ
(Francisco Gurrea)

די אנוסים-משפחה סאנכעץ שטאַמט פון דער יידישער משפּחה
כולוף, וועלכע לאָזט זיך אין די סאַראַגאָסער אקטן אויפזוכן שוין
אין 13-טן י"ה. דער באַדייטנדיקסטער רעפּרעזענטאַנט פון די כולופס
איז געווען אלעזר כולוף, וואָס האָט אין דער צווייטער העלפט
פון 14-טן י"ה פאַרנומען די שטעלע פון אַ שאַץ-מייסטער ביים אינ-
פאנט הואן און ביי דער קעניגין ויאָלאַנטע. אלעזר כולוף
ווערט אין אַ העברעישן בריוו, געשריבן פון ר' יום-טוב בן
חנה פון מאָנטאַלבאַן צו דעם יידישן רופא דאָן יוסף אַלמאַלי
(אַ שוואָגער פון ר' אלעזר כולוף), גערימט אַלס באַשיצער פון די
אַראַגאָנישע יידן און אַלס שתדלן זייערער ביי די „קעניגלעכע אָפּ-
שטאַמלינגער". אלעזר איז געשטאָרבן אין י. 1389 און איין יאָר
שפּעטער האָבן זיך געשמדט דריי זין זיינע, וועלכע האָבן אַלס „ניי-
קריסטן" באַקומען די נעמען: הואן, לואיס און פּעדראָ
סאַנכעץ. וועגן הואן סאנכעץ איז אונז בלויז אַזויפיל באַוואוסט,
אַז ער און זיינע זין יהודה און אברהם זענען געווען אַזוי ווייט
אָנגעזען אין קעניגלעכן הויף, אַז דער קעניג און די קעניגין האָבן
פּערזענלעך אינטערווענירט אין די ירושה-סכסוכים, וועלכע הואן און
די זין זיינע האָבן געהאַט מיט די איבעריקע יורשים נאָך אלעזר
כולוף. לואיס סאַנכעץ (דער עלטערער) האָט זיך געמאַכט אַ
שם פאַר איינעם פון די באַדייטנדסטע שפּאַנישע יוריסטן און ער האָט
אין דער צייט פון קעניג פערדינאַנד באַקומען די שטעלע פון אַ
פאָרזיצער אין אויבערשטן געריכטס-טריבונאַל פון אַראַגאָניע. וועגן
פּעדראָ ווערט אונז איבערגעגעבן, אַז ער איז אין י. 1493
בילדלעך (in effigie) פאַרברענט געוואָרן, מחמת דער סאראגאָסער
אינקוויזיציע-טריבונאַל האָט אים פאַרמשפּט אַלס געהיימען ייד. אַ
גלאַנצפולע קאַריערע האָבן דערגרייכט פּעדראָס זין: גבריאל און
אַלפאָנסאָ. גבריאל סאַנכעץ איז געווען דער אויבער-
שאַץ-מייסטער פון קעניג פערדינאַנד און האָט פאַרנומען דידאָזיקע
שטעלע ביז זיין טויט אין י. 1505. נאָך אים איז די שטעלע אַריבער
צו זיין זון לואיס סאַנכעץ (דעם יונגערן). אַלפאָנסאָ
סאַנכעץ איז געווען אַ פאַרטרעטער פון דעם ברודער זיינעם —
דעם אויבער-שאַץ-מייסטער, אַזוי, אַז אין די הענט פון די ביידע
ברידער איז געלעגן דער רודער פונם גאַנצן אַראַגאָנישן פינאַנץ-וועזן.
דורך זיין ווייב, אַ טאָכטער פון מאָסען לואיס סאנט-אנגעל, איז
גבריאל סאַנכעץ געווען פאַרבונדן מיט דער אנוסים-משפחה סאנט-
אנגעל, וואָס האָט דעמאָלט באַלאנגט צו די רייכסטע משפחות אין

שפּאַניע. גבריאל סאַנכעצעס אַן איידעם, מיטן נאָמען פ ר אַ נ צ י ס ק אָ ג ו ר ע אַ, איז באַשטימט געוואָרן דורכן קעניג פאַר אַ גובערנאַטאָר אין אַראַגאָניע. גבריאַלס אַ פּלימעניק, ה ו א ן ס אַ נ כ ע ץ, באַלאַנגט צו די ערשטע שפּאַנישע סוחרים, וואָס האָבן באַקומען פון דער רעגירונג אַ פּריווילעגיע אויף צו טרייבן אַ האַנדל מיטן אַנטדעקטן אַמעריקאַנישן קאָנטינענט. פון דערזעלבער צייט זענען אונז נאָך באַקאַנט פאָלגנדיקע פּראָמינענטע מיטגלידער פון דער משפחה סאַנכעץ: ה ו א ן פּ ע ד ר אָ ס אַ נ כ ע ץ, אַ ברודער פונם אויבער-שאַץ-מייסטער גבריאל און אַן אָנגעזעענער הויף-מענטש; ג י ל ע ן ס אַ נ כ ע ץ (Guillen Sanchez) — אַ שר-המשקים פונם קעניג און שפּעטער אויך איינער פון די קעניגלעכע שאַץ-מייסטער; גילענס ברודער, פ ר אַ נ-צ י ס ק אָ ס אַ נ כ ע ץ — אַ הויכער הויף אָנגעשטעלטער; ב ע ר נ אַ ר ד ס אַ נ כ ע ץ — אַ רייכער סאַראַגאָסער סוחר, אַ ל אָ נ ס אָ ס אַ נ כ ע ץ— אַ געלערנטער און ס אַ נ כ אָ ד ע פּ אַ ט ע ר נ אָ י (de Paternoy)—אַ קרוב פון די סאַנכעצעס און אַן אָנגעשטעלטער אין דער פינאַנץ-אַדמי-ניסטראַציע אַלס שאַץ-מייסטער. לסוף זאָל נאָך דערמאָנט ווערן דער נאָמען פון ר אָ ד ר י ג אָ ס אַ נ כ ע ץ, אַ קרוב פון גבריאל סאַנכעץ, וואָס האָט צוזאַמען מיט קאָלומבוסן מיטגעמאַכט די ערשטע אַנטדע-קונגס-נסיעה קיין אַמעריקע. דאָס ביסל געבראַכטע טרוקענע פּרטים וועגן די סאַנכעצעס אילוסטרירן אונז בולט די ערשט-ראַנגיקע ראָלע פון דערדאָזיקער פאַרצווייגטער אנוסים-משפּחה. מיר באַגעגענען די סאַנכעצעס צווישן די אָנגעזעענסטע גראַנדן אין קעניגלעכן הויף. זיי פאַרנעמען אָנפירנדיקע שטעלעס אין דער פינאַנץ-פאַרוואַלטונג, אין דער אינערלעכער פּאָליטישער אַדמיניסטראַציע, ווי אויך אינם גע-ריכטס-וועזן פון אַראַגאָניע, און עס מוזן אויף זייער חשבון פאַר-שריבן ווערן אַ סך פון די דערגרייכונגען, וואָס האָבן שפּאַניע געמאַכט פאַר אַ וועלט-פּאָליטישן פאַקטאָר.

אַן ענלעך בילד אַנטפּלעקט זיך פאַר אונזערע אויגן, ווען מיר באַטראַכטן די טעטיקייט און די פאַרדינסטן פון דער אנוסים-משפחה סאַנט-אַנגעל. אין דער תקופה פון פערדינאַנד און איזאַבעלא באַגע-גענען מיר פאַרצווייגונגען פון דערדאָזיקער משפחה אין ק אַ ל אַ-ט אַ י ו ד, וו אַ ל ע נ צ י אַ און ס אַ ר אַ ג אָ ס אַ. זיי שטאַמען פון דער יידישער משפחה ג י נ י ל י א, ג י נ י ל י ה (Chinillo, Chiniello, Chinulla), פון וועלכער ס'זענען, אגב, באַוואוסט אייניקע ליטעראַריש-טעטיקע-מיטגלידער. בעת דער שמד-באַוועגונג און די יאָרן 1412—1414 האָט איינער פון די גיניליאָס מיטן נאָמען ע ז ר י ה אָנגענומען דאָס

קריסטנטום און מיט אים צוזאַמען האָבן זיך אויך געשמדט זיינע זין: הואן, לעאָנאַרדאָ, פעדראָ מאַרטין און אלאָנסאָ, ווי אויך אייניקע טעכטער זיינע (איינע פון זיי האָט דאַן חתונה געהאַט מיט דעם אנוסי פעדראָ גורעאַ). עזריה גינילִיאָ אָדער לואיס סאַנט-אַנגעל (אַזוי האָט ער זיך גערופן מיט זיין קריסטלעכן נאָמען) איז געווען אַ רייכער סוחר און האָט נאָכן שמד דערגרייכט אַ הויכע שטעלע אין אַראַגאָנישן גע-ריכטס-וועזן; דער קעניג אַלפאָנס V (1416 — 1458) האָט אים אַפילו

דער קאַלאַטאַיודער צווייג פון די סאַנט-אַנגעלס:

נח גינילִיאָ

עזריה גינילִיאַ

געשמדט אַרום י. 1414

גערופן מיטן קריסטלעכן נאָמען:

לואיס סאַנט-אַנגעל

געשטאָרבן אַרום י. 1458

טאָכטער חתונה געהאַט מיט **פעדראָ גורעאַ**	**לעאָנאַרדאָ** געשמדט 1414	**הואַן** געשמדט 1414	**פעדראָ מאַרטין** געשמדט 1414	**אַלאָנסאָ** געשמדט 1414
גאַספאַר חתונה געהאַט מיט **אַנאַדעלאַ קאַבאַלעריאַ**	**אַנטאָן**	**מאַרטין**	**לואיס**	**לעאָנאַרדאָ**

דער וואַלענציער צווייג פון די סאַנט-אַנגעלס:

יאַקאָב, לואיס סאַנט-אַנגעל (דער עלטערער) (Jaime)

חתונה געהאַט מיט **בריאַנדאַ**

געשטאָרבן אין י. 1476

לואיס

(דער יינגערער)

געשטאָרבן אין י. 1505

באַשטימט אַלס באַפולמעכטיקטן פון דער רעגירונג אויף צו שליסן אַ האַנדלס־אָפּמאַך מיטן סולטאַן פון באַבילאָניע. די זין זיינע האָבן אין י. 1414, קורץ נאָכן שמד, באַקומען פונם קעניג אַ פּריווילעגיע, לויט וועלכער זיי זענען אַלס „ניי־קריסטן" באַפרייט געוואָרן פון די שטייערן לטובת דער קהילה אין קאַלאַטאַיוד. צוויי פון זיי האָבן דערגרייכט אַ הויכע קאַריערע: אַלאָנסאָ האָט פאַרנומען אַ וויכטיקע שטעלע אינם אַראַגאָנישן געריכטס־וועזן; פּעדראָ מאַרטין איז געוואָרן בישאָף פון מאַלאָרקאַ און קעניגלעכער בעל־יועץ. די סאַנט־אַנגעלס זענען געווען קרובים מיט די פּראָמינענטע אנוסים־משפחות גורעאַ, סאַנטשעז און דע לאַ קאַוואַלעריאַ—לביא. אין דער תקופה, וואָס אינטערעסירט אונז דאָ, טרעטן אַרויס די אייניקלעך פון אזריה גיביליאָ־לואיס סאַנט־אַנגעל (דעם עלטערן), דהיינו: לואיס (דער יינגערער), אַנטאָן, מאַרטין און לעאָנאַרדאָ. אין י. 1459 ווענדן זיך די ברידער לואיס און לעאָנאַרדאָ סאַנט־אַנגעל צום קעניג הואַן מיט אַ בקשה, אַז ער זאָל זיי באַוויליקן צו מאַכן אויסגראַבונגען אינם הויז פון זייערע אבות, וואו עס זאָלן זיין פאַרבאַהאַלטן גרויסע אוצרות גאָלד און זילבער. זיי האָבן צוגעזאָגט אָפּצוגעבן אַ פינפט־חלק פון דעם געפונענעם פאַר דעם קעניגלעכן אוצר און האָבן באַקומען די הסכמה. לואיס האָט זיך געמאַכט אַ שם אַלס יוריסט און האָט פאַרנומען די הויכע שטעלע פון אַ פאַרטרעטער פונם קעניגלעכן פיסקוס (advocatus fisci). אין י. 1473 טרעט ער אַרויס אינם אַראַגאָנישן פּאַרלאַמענט אַלס פאַרטרעטער פון די ריטער און אדל־לייט. צוזאַמען מיט אים באַטייליקט זיך אין די קאָרטעס־באַראַטונגען אַנטאָן סאַנט־אַנגעל, וואָס איז דעמאָלט געווען אַ דעלעגאַט פון דער שטאָט קאַלאַטאַיוד. מאַרטין סאַנט־אַנגעל האָט דערגרייכט די שטעלע פון אַ פּראָווינציאַל פון אַראַגאָניע.

בעת דער קאַלאַטאַיודער צווייג פון די סאַנט־אַנגעלס האָט געשפּילט, ווי מיר האָבן דאָס געזען פון די פאַרבליבענע ידיעות, אַ גרויסע ראָלע אין דער מלוכהשער, קירכלעכער און קאָמונאַלער היעראַרכיע, זענען די סאַנט־אַנגעלס פון וואַלענציאַ און סאַראַגאָסאַ געווען די סאַמע באַדייטנדסטע פיגורן אין דער אַראַגאָנישער פינאַנץ־ און האַנדלס־וועלט. אין וואַלענציאַ האָט שוין אַרום י. 1450 דערגרייכט אַ שם דאָס באַנק־און האַנדלס־הויז פון לואיס סאַנט־אַנגעל (דעם עלטערן). פון זיינע גרויסע קאַפּיטאַלן געניסן אין דער פאָרם פון הלוואות די קעניגן אַלפאָנס V און הואַן II. אין י. 1472 נעמט לואיס דער עלטערער אין אַרענדע די קעניגלעכע

זאַלץ-גרובן ביי וואַלענציאַ און ער צאָלט דערפאַר אַ יאָרלעכן אַרענ-דע-ציגז פון 21.100 סועלדאָס. איין יאָר שפּעטער טרעט ער אַרויס אַלס אַרענדאַר פון די קעניגלעכע ערד-שטחים און צאָל-אָפּצאָלונגען. נאָך זיין טויט (אין י. 1476) פירן אָן מיטן באַנק-הויז די אלמנה ב ר י אַ נ ד אַ, דער זון ל ו א י ס (דער יינגערער) און דער קרוב זייערער און שותף י אַ ק אָ ב (Jaime) ס אַ נ ט - אַ נ ג ע ל. יאַקאָב פאַר-נעמט זיך מיט דער עקספּלאָטאַציע פון די ארענדירטע זאַלץ-גרובן. אַלס צייכן פון אַנערקענונג פאַר זיינע פאַרדינסטן ווערט ער פונם קעניג הואן II נאָמינירט אַלס שר-המשקים. אונטער פערדינאַנד דעם קאַטוילישן באַלאַנגט ער צו די באַדייטנדסטע הויף-באַנקירן: ער גיט דעם קעניג גרויסע הלוואות צו דערשטיקן דעם אויפשטאַנד פון די קאַטאַלאָניער (1473), צו פירן די מלחמה מיט גראַנאַדאַ (1485), אויס-צוקויפן די פאַרמשכונטע גראַפשאַפט רוסילאָן (Russilon) און אַזוי ו. לואיס סאַנט-אַנגעל האָט צוזאַמען מיט זיין מוטער בריאַנדאַ איבער-גענומען די אַרענדע פון די קעניגלעכע ערד-שטחים. אין דער רעגירונגס-צייט פונם קעניג פערדינאַנד דערגרייכט לואיס אַ הויכע שטעלע אין אַראַגאָנישן הויף: ער שטייט בראָש פון דער אינטענדאַנטור פונם קעניגלעכן הויז (escribano de racion), דערביי באַטייליקט ער זיך אין גרויסע האַנדלס-אונטערנעמונגען און באַנק-אָפּעראַציעס. ער באַלאַנגט צו די געציילטע שפּאַניער, וואָס האָבן זיך פאַראינטערעסירט מיט די רייזע-פּלענער פון קאָלומבוסן און האָט זיך קונה-שם געווען דערמיט, וואָס ער האָט מיט אַ סומע פון לערך 5.000.000 מאַראַוועדי געהאָלפן דעקן די הוצאות פון קאָלומבוסעס ערשטער אַנטדעקונגס-נסיעה.

פון די ס אַ ר אַ ג אָ ס ע ר סאַנט-אַנגעלס, צווישן וועלכע מיר באַגעגענען רייכע באַנקירן און סוחרים, ווי אויך באַדייטנדיקע יו-ריסטן און באַאַמטע, פאַרדינען דערמאָנט צו ווערן: מאָסען לואיס ס., דער שווער פונם אויבער-שאַץ-מייסטער גבריאל סאַנטשעץ, דער יוריסט לואיס ס., דער ברודער זיינער הואַן ס., יאַקאָב מאַרטין ס., סימאָן ס. וכדומה.

לעבן די סאַנטשעצעס און סאַנט-אַנגעלס קומט נאָך אין באַטראַכט די אנוסים-משפחה ב ן ל ב י א - ק אַ ו אַ ל ע ר י אַ, אַלס איינע פון די פראָמינענטסטע משפחות אין אַראַגאָניע.

די אנוסים-משפחה
לביא-קאוואלעריא

יהודה
באיולוס פון סאראגאסא
1276—1257

בנבנשת קעניגלעכער באנקיר זינט 1380 געשטארבן 1411	**בידאל** אראגאנישער שטייער- און מינץ-פאכטער געשטארבן פאר 1374	**שלמה**

בידאל-גאנזאלא אנגעזעענער סוחר געשמדט 1414 געשטארבן פאר 1456	**גאספאר** געשמדט 1414	**בונפוס-פערנאנדא** געשמדט 1414 אויבערשאצמייסטער

פעדרא פארטרעטער פונם קעניגל. אוצר (1481)	**מארטין** פלאט-קאמענדאנט אין מאלארקא	**אלפאנסא** וויצעקאנצלער פונם קעניג פערדינאנד II	**יאקאב** (Jaime) בעל-יועץ פונם קעניג פערדינאנד II	**לואיס** אויבער- שאצמייסטער 1461

די עלטסטע שפורן פון דער משפחה בן לביא-קאוואלעריא לאזן זיך אויפזוכן אין סאראגאסא ביים אנהויב פון 13-טן י״ה (אברהם בר יהודה). מיט דער פרוכטבארער טעטיקייט פון די באדייטנדסטע מיט-גלידער פון דערדאזיקער משפחה, ווי יהודה, דער באיולוס פונם קעניג יאקאב I (13-טעס י״ה), שלמה און בנבנשת (14 און אנהויב 15-טן י״ה), האבן מיר זיך שוין פריער באקענט. אין דער מהומה-צייט פונם בארימטן טארטאזער דיספוט (1414) האבן אנגענומען דאס קריסטנטום דריי מיטגלידער פון דער משפחה: צוויי זין פון ר׳ בנבשת,

וואָס האָבן באַקומען די קריסטלעכע נעמען גאָנזאַלאָ און גאַס-פּאַר, ווי אויך אַ פּלימעניק פון ר' בנבשת מיטן נאָמען בונפּוס, גערופן נאָכן שמד פּערנאַנדאָ. אַרויסשטאַמענדיק פון קאַפּיטאַל-קרעפטיקע און געניטע באַנקירן און שטייער-אַרענדאַרן, האָבן די משומדים אינגיכן געמאַכט אַ גרויסע קאַריערע. אין דעם פּרט איז זייער ווייט אַוועק בונפּוס-פּערנאַנדאָ, דער זון פונם שטייער-אַרענדאַר בידאל: דעם 18-טן פעברואַר 1414, קוים 2 וואָכן נאָכן שמד, באַקומט ער פונם קעניג דעם הויכן אַמט פון אַן אויבער-שאַץ-מייסטער און ער איז, אַזוי צו זאָגן, דער פינאַנץ-מיניסטער פון דער אַראַגאָנישער מלוכה.

אין דער צייט פונם קעניג הואַן II (1458—1479) גייט איבער דידאָזיקע העכסטע שטעלע אין דער פינאַנץ-פאַרוואַלטונג צו פּערנאַנדאָס זון, לואיס. זייער הויכע שטעלעס האָבן אויך דערגרייכט פּערנאַנ-דאָס אַנדערע צוויי זין, יאַקאָב (Jaime) און אַלפאָנסאָ: יאַקאָב איז געווען אַ בעל-יועץ פונם קעניג פּערדינאַנד דעם קאַטוילישן, און אַלפאָנסאָ האָט אונטער דעמזעלבן הערשער פאַרנומען דעם אַמט פון אַ וויצע-קאַנצלער. ער האָט אויסגענוצט זיין שטעלונג אין קעניג-לעכן הויף, כדי צו געווינען דעם קעניג פאַר קאָלומבוסעס רייזע-פּלענער. אין דערזעלבער צייט באַגעגענען מיר נאָך צוויי הויכגע-שטעלטע מיטגלידער פון דער אנוסים-משפחה קאוואַלעריאַ: איינעם מיטן נאָמען פּעדראָ, וואָס פאַרנעמט אין י. 1481 דעם אַמט פון אַ פאַרטרעטער פונם מלוכה-אוצר און אַ צווייטן מיטן נאָמען מאַר-טין, וואָס איז אַ קאָמענדאַנט פונם פּלאַץ אין די האַפנס פון מאַלאָרקאַ.

אַזויפיל וועגן די דריי פּראָמינענטסטע אנוסים-משפחות און זייערע פאַרדינסטן אַרום דער שפּאַנישער מלוכה-אָרגאַניזאַציע אוןווירטשאַפט.

דאָ ווייטער ברענגען מיר נאָך אַ רשימה נעמען פון הויכגע-שטעלטע אנוסים, וואָס האָבן אין דער באַהאַנדלטער תקופה אין נישט קיין קלענערער מאָס מיטגעהאָלפן צו דעם אויפבוי פון שפּאַניעס גרויס-מאַכט. מיר טיילן איין די רשימה לויט די ווירקונגס-געביטן פון די אנוסים.

א) מלוכה-שטעלעס און אַרענדעס פון מלוכה-הכנסות:

1. מיגעל דע אַלמאַזאַן (Miguel de Almazan)

2. גאַספּאַר דע בעראַכינאַ (Gaspar de Berrachina), אַ זון פון ר' אביתר כאַמוס (Hamos). ביידע זענען געווען געהיים-סעקרעטאַרן פונם קעניג פערדינאַנד.

3. פּעדראָ דע לאַ קאַבראַ (Cabra), אויבער-אַמטמאַן אין סאַראַגאָסאַ.

4. אַנגעל דע ווילאַנועוואַ (Villanueva), אַן אייניקל פון ר' משה פּתגון (Patagon, Pazagon) אויס קאַלאַטאַיוד; ער האָט פאַרנומען די שטעלע פון אַ גובערנאַטאָר אין צערדעניאַ.

5. גאַרציאַ דע מאָראָס, נאָטאַריוס.

6. יאַקאָב דע קאַסאַ פראַנקאַ אויס באַרצעלאָנאַ, וויצע שאַץ-מייסטער אין קאַטאַלאָניע.

7. יאַקאָב מאָנפּאָרט, צווייטער וויצע-שאַץ-מייסטער אין קאַטאַלאָניע.

8. הואַן פערנאַנדאָ אבלעפיה (Abolafia) אויס סעווילאַ, אַן אָפּשטאַמער פון דער באַרימטער משפחה אבלעפיה, וועמענס יידישע פאַרצווייגונגען מיר באַגעגענען אין משך פון 14-טן און 15-טן י"ה אין מאַלינאַ, דאַראָקאַ, טודעלאַ וכדומה. ער איז געווען אַרענדאַר פון די קעניגלעכע צאָל-אָפּצאָלונגען אין קאַסטיליע.

9. הואַן דע ריבאַסאַלטעס, אַ גרויס-פּעכטער פון סאַראַגאָסאַ.

ב) שטעלעס אין דער קירכלעכער היעראַרכיע:

10. הואַן אַריאַס דע אַווילאַ, אַ זון פון דעם אונז שוין באַקאַנטן קאַסטילישן פינאַנץ-מיניסטער דיעגאָ אַריאַס דע אַווילאַ. ער איז געווען בישאָף אין סעגאָוויאַ.

11. דיעגאָ דע דעצאַ (Deza), בישאָף אין סאַלאַמאַנקאַ און טעאָלאָגיע-פּראָפעסאָר אינם דאָרטיקן באַרימטן אוניווערסיטעט.

12. הערנאַנדאָ דע טאַלאַווערא, בייכט-פאָטער פון דער קעניגין איזאַבעלאַ.

13. ד"ר לאָפּעץ, אַן אייניקל פון ר' מאיר פּתגון אויס קאַלאַטאַיוד, פּריאָר פון דער סאַראַגאָסער קאַטעדראַל-קירכע.

14. הואַן אַרטאַל, פּריאָר פון דער סאַראַגאָסער קאַטעדרע.

15. פּעדראָ מאָנפּאָרט, גענעראַל־וויקאַריוס פונם ערצבישאָפּ־טום פון סאַראַגאָסאַ.

16. הואַן קאַברעראָ (Cabrero), ארכידיאַקאָנוס פון סאַראַגאָסאַ, אַ פּראָטעקטאָר פון קאָלומבוסן.

ג) באַנקירן, פאַבריקאַנטן, גיטער־פאַרוואַל־טער וכדומה:

17. לעאָנאַרדאָ פון סאַראַגאָסאַ, אַלס ייד גערופן שמואל בן אליה, דער רייכסטער באַנקיר צווישן די סאַראַגאָסער אנוסים.

18. דיעגאָ דע ששון, אַ רייכער באַנקיר אין סע־ווילא; זיין פאַרמעגן האָט מען געשאַצט אין 10 מיליאָן מאַ־ראַוועדי.

19.—20. סאַלוואַדאָר דע עספּעראַנדע (Esperandeu) און זיין זון הואַן, באַזיצער פון גרויסע גאַרבערייען און פון אַ ריי הייזער אין סאַראַגאָסאַ.

21. כימענאָ פון בריוויעסקאַ, פאַרוואַלטער מיט די גי־טער פונם בישאָפטום פּלאַצענציאַ.

22.—23. אַנטאָן פּערעץ און גאַרציאַ לאָפּעז, רייכע סוחרים פון סאַראַגאָסאַ, קרובים פון די סאַנכעצעס.

דער גרעסטער טייל פון די אויסגערעכנטע אנוסים איז אומגע־קומען אין די 80־קער און 90־קער יאָרן אויף די שייטער־הויפנס פון דער אינקוויזיציע. צווישן די קרבנות פון די ערשטע אינקוויזיציע־טריבונאַלן באַגעגענען מיר אויך אַ ריי אנוסים — שטאָט־באַ־אַמטע (regidor), אַדוואָקאַטן פונם קעניגלעכן אוצר (fiscal), מעדיצין־דאָקטוירים, גלחים, און איינער אַפילו אַ קאָמטור פונם אָרדען סאַנט־יאַגאָ וכדומה. טיילמאָל באַ־געגענען מיר אין די רשימות פון די ערשטע אינקוויזיציע־קרבנות אויך אנוסים פון די נידעריקע שיכטן. דאָס זענען געווען, ווי דער רוב יידן אין שפּאַניע, מענטשן פונם האַנטווערקער־קלאַס, ווי, אַ שטייגער, גאָלד־אַרבעטער, בוכבינדער, ליכט־גיסער וכדומה. אין דעמזעלבן צוזאַמענהאַנג זאָל צולעצט אויך דערמאָנט ווערן דער נאָמען פונם באַרימטן דיכטער, דעם אנוסי אַנטאָן דע מאָנטאָראָ, וואָס איז געשטאָרבן אין די זיבעציקער יאָרן פון 15־טן

י״ה. לויט זיין שניידער-פראָפעסיע האָט ער געהייסן אין „el Repero de Córdoba”, ד. ה. „דער פליק-שניידער פון קאָרדאָוואַ”. אין איינעם פון זיינע Cancioneros (עפיגראמאטישע פערזן) שרייבט ער: „היות ווי מען קאָן נישט האָבן קיין חיונה פון דיכטן און ווייט גיין דער-מיט קאָן מען נישט, דעריבער זאָל געהאַלטן ווערן בכבוד דער פינ-גערהוט און אַ גרויסן יישר-כוח דער נאָדל”.

קאַפּיטל דריי און צוואַנציק

די אינקוויזיציע און דער גירוש-שפּאַניע
און פּאָרטוגאַל.
(פינאַנץ-פּאָליטישע צוזאַמענהאַנגען).

§ 66 די אינקוויזיציע אַלס פינאַנץ-פּאָליטישער אינסטרומענט.

אין י. 1474 איז צושטאַנד געקומען דער זיווג צווישן פערדינאַנד דעם אַראַגאָנער און איזאַבעלאַ פון קאַסטיליע. דערמיט איז געשאַפן געוואָרן אַ מעכטיקער פאַקטאָר צו פאַרייניקן ביידע שפּאַנישע מלוכות. לכתחילה איז דידאָזיקע פאַרייניקונג געווען אַ לויזע, אַ ריין אויסערלעכע. עס זענען אַרויסגעשוואומען צוויי גרויסע שוועריקייטן, וואָס האָבן געשטערט דעם צוזאַמענגוס אין איין צענטראַלער מלוכה: איינע אַן אויסערלעכע און די צווייטע אַן אינערלעכע. די אויסערלעכע שוועריקייט איז באַשטאַנען אין דער סכנה מצד די סאַראַצענער, וואָס האָבן געוועלטיקט אין דעם זעלבשטענדיקן גראַנאַדער מלוכהלע פון דרום-שפּאַניע. די אינערלעכע שוועריקייט האָבן מיט זיך פאָרגעשטעלט די הויכמוטיקע אדל-לייט און ריטער, וואָס זענען געלעגן ווי אַ שווערע משא אויף די פּראָדוקטיווע כוחות פון די מלוכות און וואָס האָבן מיט זייער פּאָליטיק געשטערט צו דער אַנטוויקלונג פון האַנדל און מלאכה אין ביידע לענדער. בכדי גובר צו זיין דידאָזיקע שוועריקייטן, האָבן זיך

די פּאַרטייניקטע הערשער-הויפן גענויטיקט אין געלט, אין אַ סך געלט... מיט די פינאַנצן פון ביידע מלוכות האָט געהאַלטן זייער שלעכט. די רייכע שררות און ריטער זענען געווען כמעט שטייער-פריי, בעת די אומגעהויערע שטייער-באַדריקונג פון דער פּראָדוצירנדיקער באַפעל-קערונג אין די דערפער און שטעט האָט געדראָט מיט אַ צוזאַמענ-ברוך פון די אַרבעטס-וואַרשטאַטן. דער דוחק אין געלט איז געוואָרן פאַר דעם קאַטוילישן הערשער-פּאָר אַלץ מער פיינלעכער, מחמת מען האָט זיך נאָך אַרומגעטראָגן מיט פּלענער וועגן קריגס-אונטערנעמונגען, מלחמות אין איטאַליע און אַפריקע. אַזויאַרום האָט זיך די פינאַנץ-פּאָליטישע פראַגע אַרויסגערוקט, ווי אַ צענטראַלע פראַגע, וואָס פון איר לעזונג איז געווען אָפּהענגיק דער קיום פון דער יונגער באַפרייניקונג.

דאָס פאַנאַנדערבינדן דעם פינאַנץ-קנויל איז געשען אויף אַן אמת מיטלאַלטערלעכן אופן: דורך רויב און געוואַלד-טאַטן, פאַר וועלכע מען האָט געזוכט און געפונען גוט צוגעפּאַסטע פאַרשלייערונגען, כדי צו באַזייטיקן די שוין דערמאָנטע אינערלעכע סכנה. האָט איזאַ-בעלא געשאַפן די באַוואוסטע „סאַנטאַ הערמאַנדאַד", ד. ה. אַ „הייליקע ברו-דערשאַפט", וואָס איז אין דער אמתן געווען אַ מין קעניגלעכע זשאַנדאַרמעריע. געשטיצט אויף דער באַוואָפנטער מאַכט פון דער „ס אַ נ ט אַ ה ע ר מ אַ נ ד אַ ד", האָט די קעניגין דורכגעפירט אַ רעוויזיע פון די באַזיץ-דאָקומענטן, וואָס האָבן זיך געפונען אין די הענט פון די וועלטלעכע און גייסטלעכע שררות, און זי האָט איינ-געמאָנט גרויסע ערד-שטחים, וואָס האָבן תחילת באַלאַנגט צום קעניג-לעכן אוצר און וואָס האָבן זיך אָבער מיט דער צייט אַריבערגעפּעקלט צו די גראַנדן. לויטן ביישפּיל פון קאַסטיליע איז די „הייליקע ברו-דערשאַפט" איינגעפירט געוואָרן אויך אין אַראַגאָניע. גלייכצייטיק מיט דער איינציונג פון די אַמאָליקע קרוין-גיטער זענען פון די גראַנדן אויך אָפּגענומען געוואָרן זייערע רעכט צו האָבן אייגענע מינצערייען מיט אייגענע מטבעות (מינץ-רעגאַל). עס איז דורכגעפירט געוואָרן אַ גרינטלעכע פאַרוואַלטונגס-רעפאָרם, וואָס האָט געהאַט דעם צוועק צו באַזייטיקן פון די אַמטן די אדל-לייט און זיי צו פאַרטרעטן דורך יוריסטן-ביוראָקראַטן.

דאָס צווייטע פינאַנץ-פּאָליטישע מיטל, מיט וועלכן מען האָט זיך באַנוצט, כדי זיך צו באַפרייען פון דער פינאַנציעלער קלעם, איז געווען די א י נ ק ו ו י ז י צ י ע. לכתחילה איז די אינקוויזיציע געווען צוגעטראַכט אַלס אַ כלי-זיין צו באַקעמפן כלערליי הע

רעזיעס, וואָס האָבן באַדראָט דעם כּבֿוד און די זיכערקייט פֿון דער
קאַטוילישער קירכע. זי האָט געהאַט מער אַ אידעישן, ווי אַ מאַטער-
יעלן צוועק פֿאַר די אויגן. אין אַ ריין פֿינאַנציעלן אינסטרומענט
ווערט זי אָבער פֿאַרוואַנדלט ערשט דורך פֿערדינאַנד און איזאַבעלאַ,
וואָס ווערן גערימט אַלס אַ „קאַטוילי ש הערשער-פּאָר". די
אינקוויזיציע האָט געזאָלט מיטהעלפֿן צו שאַפֿן די נויטיקע געלטער,
כּדי גובֿר צו זיין די אויסערלעכע שוועריקייטן פֿון די פֿאַראייניקטע
מלוכות, דהיינו, די געלטער אויף צו פֿירן די מלחמה מיט די סאַ-
ראַצענער אין גראַנאַדאַ. מיט דער הילף פֿון דער „סאַנטאַ הערמאַנדאַד"
זענען אויסגעליידיקט געוואָרן אַ סך אייזערנע קאַסעס פֿון די שררות.
די אינקוויזיציע האָט דעמזעלבן דערפֿאָלג געזאָלט דערגרייכן אויפֿן
חשבון פֿון די מחנות רייכע אַנוסים. די רעליגיעזע פֿאַרשלייערונג
איז דערביי געווען לייכט ביז גאָר: אַ קאַמף קעגן די סאַראַצענער
אין גראַנאַדאַ און קעגן זייער מאַכמעדאַנישן גלויבן, און אין דער-
זעלבער צייט אויך אַ קאַמף קעגן די ניי-קריסטן, ד. ה. די לפּנימדיקע
קריסטן, וואָס האַלטן זיך אין דער שטיל ביי זייער אַלטן יידישן
גלויבן!.. עטוואָס שווערער איז אָנגעקומען די הסכּמה פֿון רוים אויף
איבערצומאַכן די אינקוויזיציע אין אַן אינסטיטוציע, וואָס האָט גע-
זאָלט ווערן אומאָפּהענגיק פֿון דעם פּויפּסט און דינען די ריין וועלט-
לעכע אינטערעסן פֿון דעם שפּאַנישן הערשער-פּאָר. דאָס איינפֿירן די
אינקוויזיציע האָט אויך אָנגעטראָפֿן אויף געוויסע שוועריקייטן מצד
מאַנכע שטעט, וואָס האָבן פּאָרויסגעזען, אַז דער שאַרף פֿון די אינ-
קוויזיציע-טריבונאַלן קאָן זיך מיט דער צייט ווענדן איבער די קעפּ
פֿון די אנוסים קעגן די רייכע שטאָט-מענטשן בכּלל, אָן אונטערשייד, צי
זיי זענען ניי-קריסטן אָדער אַלט-קריסטן. דאָס הערשער-פּאָר, בפֿרט
דער געלט- און מאַכט-גיריקער פֿערדינאַנד, האָט אָבער פֿאַרשטאַנען,
ווי אַזוי אָפּצורוימען פֿונם פֿעלד די אַלע שטערונגען און שוועריקייטן.

אין קורצע שטריכן איז די געשיכטע פֿון די ערשטע „נאַציאָ-
נאַלע" אינקוויזיציע-טריבונאַלן אין שפּאַניע געווען אַזאַ: דער איינפֿאַל
אויסצונוצן די פֿאַרמעגנס פֿון די אנוסים, כּדי אַזוי־אַרום צו פֿינאַנסירן
די מלחמה קעגן די סאַראַצענער, ווערט אונז באַקאַנט צום ערשטן
אין י. 1465. אויף אַ קאָרטעס-באַראַטונג, וואָס איז אין דעמדאָזיקן
יאָר פֿאָרגעקומען אין אַראַגאָניע, טרעטן, נעמלעך, אַרויס מערערע
דעלעגאַטן מיטן פֿאָרשלאָג, אַז מען זאָל ביי די אנוסים צונעמען
זייערע געלט-מיטלען און אָנהויבן דערמיט דעם קאַמף קעגן דער
לעצטער זעלבשטענדיקער פּאָזיציע, וואָס איז ביי די מאַכמעדאַנער

פאַרבליבן אויפן שפּאַנישן באָדן, דהיינו, דעם קאַמף קעגן גראַנאַדאַ. דער ציל איז פאָרמולירט, עס פעלט בלויז דער אָנווייז, ווי אַזוי אים צו פאַרווירקלעכן, עס פעלט די פאַרשלייערונג... דער נאָענטסטער עטאַפּ וועט זיך פאַנאַנדערוויקלען אין 13 יאָר אַרום: נאָך לאַנגע באַמיונגען גיט זיך איין דעם קאַטוילישן הערשער-פּאָר אַרויסצובאַקומען פונם פויפּסט ס י ק ס ט ו ס דעם IV אַ ביל (1478), לויט וועלכן ס'ווערן אין קאַסטיליע איינגעאָרדנט אויסערגעוויינלעכע אינקוויזיציע-טריבונאַלן אויף צו באַקעמפן דאָס לפנימדיקע קריסטנטום. די טריבונאַלן ווערן דורכן ביל באַשטעטיקט אין דער פאָרם פון זעלבשטענדיקע „נאַציאָנאַלע” אינסטיטוציעס: זיי זענען נישט אונטערגעוואָרפן קיין שום פויפּסטלעכן פאַרטרעטער און די מיטגלידער זייערע ווערן באַשטימט דורך דעם וועלטלעכן הערשער-פּאָר. דערביי איז דער פויפּסט אויך מסכים, אַז די פאַרמעגנס פון די פאַרמשפּטע „קעצער” זאָלן קאָנפיסקירט ווערן לטובת דעם קעניגלעכן אוצר. עס איז די צייט, ווען מען גרייט זיך צו דער מלחמה מיט גראַנאַדאַ און מען זאָנדירט נאָך דעם באָדן, צי עס וועט אַמאָל נישט זיין צו פרי אָנצוהויבן אַ ברייטע אַרבעט מיט דער פינאַנץ-שרויף פון דער אינקוויזיציע. דאָס הערשער-פּאָר באַקומט ידיעות וועגן גערייצטע שטימונגען אין אַ ריי שטעט: אין באַרצעלאָנאַ, טערועל, פּלאַסענציאַ וכדומה איז מען קעגן דער איינפירונג פון די טריבונאַלן, מען פּראָטעסטירט און מען רוקט אַרויס צווישן אַנדערע דעם מאָטיוו, אַז די אינקוויזיציע קאָן האָבן אַ שלעכטע ווירקונג אויפן האַנדל און ד. גל. מען וואַרט אונטער קנאַפּע 3 יאָר מיט דער אָרגאַניזירונג פון די טריבונאַלן. אינצווישן איז דער מלחמה-פּלאַן קעגן גראַנאַדאַ שוין רייף געוואָרן אויף דורכצופירן אים. מען מאָביליזירט פאַרשיידענע הלוואות, אָבער זיי קלעקן נישט. עס קלעקן אויך נישט די סיי ווי ביז צום העכסטן גראַד אַרויפגעשרויפטע שטייערן. דאָס הערשער-פּאָר האָט נישט קיין ברירה: מ ע ן מ ו ז ז י ך א ו י ך ב אַ נ ו צ ן מ י ט ד ע ר ה י ל ף פ ו ן ד ע ר א י נ ק ו ו י ז י צ י ע. איזאַבעלאַ האָט נאָך געוויסע ספקות, זי צענערט, אָבער פערדינאַנד איז אַנטשלאָסן און ער גיט אַרויס די נויטיקע פאַראָרדענונגען. סוף י. 1480 ווערט אָרגאַניזירט דער ערשטער אינקוויזיציע-טריבונאַל, מיטן זיץ-אָרט אין ס ע ו י ל י אַ. און קוים האָט דער טריבונאַל אָנגעהויבן זיין אַרבעט, צעשיקט פערדינאַנד אינסטרוקציעס צו זיינע באַאַמטע, אַז זיי זאָלן נישט פאַרגעסן צו קאָנפיסקירן די פאַרמעגנס פון די פאַרמשפּטע לטובת דעם קעניגלעכן אוצר. אין סעווילא הויבט זיך אָן אַ באַוועג-

גונג קעגן דעם איינגעפירטן טריבונאַל. בראש פון איר שטייען די אונז שוין פון פריער באַוואוסטע אנוסים: דער מיליאָנער דיעגאָ ששון און הואַן פערנאַנדאָ אבלעפיה. דעם 6־טן פעברואַר 1481 הויבט שוין אָן צו פלאַקערן דאָס ערשטע „אויטאָ־דאפע" אין סעווילא און אין משך פון דעמזעלבן יאָר ווערן דאָ פאַרברענט ביז 300 אנוסים. די אנוסים הויבן אָן אַן אַקציע אין רוים און מאַכן אויפמערקזאַם אויף די גרויל־מעשים פון דעם סעווילער טריבונאַל. איזאַבעלאַ פאַרענטפערט זיך אין אַ בריוו צום פויפסט: „איך ווייס, אַז איך האָב מיט דער אינקוויזיציע געבראַכט אַ סך אומגליק און יאָמער און אַז עס ווערט דורך איר פאַרמינדערט די באַפעלקערונג אין די שטעט, פראָווינצן און בכלל אין דער גאַנצער מלוכה. אַלץ, וואָס איך האָב געטון, איז אָבער געשען בלויז פון ליבע צום הייליקן גלויבן"... דער פויפסט האָט אָבער געהאַט אַן אַנדער מיינונג וועגן דעם. אין אַ שריפט פון יאַנואַר 1482 טאַדלט ער דעם סעווילער טריבונאַל, אַז די אויספאָרשונגען זיינען נישט קיין געהעריקע, און אין אַפּריל 1482 טרעט ער אַרויס מיט אַ שאַרפן ביל, אין וועלכן ער גיט אויסדריקלעך צו פאַרשטיין, אַז די פּראָצעסן קעגן די אנוסים ווערן געפירט „נישט אויס ליבע צום גלויבן און אויך נישט צוליב דער טובה פון די נשמות, נייערט צוליב אַ פאַרלאַנג זיך צו באַרייכערן. („non żelo fidei et salutis animarum, sed lucri cupiditate").

דער פויפסט פאַרלאַנגט גלייכצייטיק, אַז מען זאָל די אָנגעקלאָגטע געבן אַ מעגלעכקייט זיך צו פאַרטיידיקן און ער באַשטימט, אַז די פאַרמשפטע האָבן דאָס רעכט צו אַפּעלירן קעגן די משפטים קיין רוים. דאָס לעצטע האָט באַדייט אַזויפיל, ווי מאַכן צונישט דעם „נאַציאָנאַלן" כאַראַקטער פון דער אינקוויזיציע און אָפּצוטעמפּען איר פיסקאַלישן שאַרף, וואָס האָט געדינט לטובת דעם וועלטלעכן הערשער־פּאָר אין שפּאַניע. דאָס הערשער־פּאָר האָט טאַקע באַלד אָנגעהויבן אַן אַטאַקע קעגן דעם פויפסט, אַז מען האָט אים אונטערגעקויפט פאַר „קעצערישע געלטער. אין אַ „בריוו" פון 23/I 1483 ענטפערט אָפּ דער פויפסט אויף איינער פון די אַטאַקעס מיט פאָלגנדיקע כאַראַקטעריסטישע ווערטער: „מיר בלייבן (ווייטער) ביי דער מיינונג, אַז די קעניגין (איזאַבעלאַ) האָט ביי דער איינפירונג און באַפעסטיקונג פון דער אינקוויזיציע געהאַנדלט אַ סך מער פון אַמביציעס און פון אַ פאַרלאַנג נאָך פאַרגייענגלעכע גיטער, ווי פון ליבע צום גלויבן און פון אמתער גאָטס־פאָרכטיקייט". צולעצט האָט אָבער

דער פויפסט געמוזט נאָכגעבן, און אין יאָר 1484 זענען די אויסערגעוויינלעכע אינקוויזיציע-טריבונאַלן איינגעפירט געוואָרן אויך אין אַראַגאָניע. נאָך אין דעמזעלבן יאָר איז אין סאַראַגאָסאַ אָרגאַניזירט געוואָרן אַ פאַרשווערונג קעגן דעם אינקוויזיטאָר פּעדראָ ארבועץ, און ווען דער לעצטער איז געפאַלן אַ קרבן פון די פאַרשווערער, האָט עס לגמרי נישט אָפּגעשטעלט די גרויזאַמע אַרבעט פון דעם טריבונאַל, נאָר פאַרקערט, ס'האָט נאָך מער צערייצט די איבערגעגעבענע דינער פונם קעניגלעכן פיסקוס...

בכדי צו האָבן אַ באַגריף וועגן די פינאַנציעלע דערגרייכונגען, וועלכע דאָס קאַטוילישע הערשער-פּאָר האָט אַרויסבאַקומען אַ דאַנק די געשילדערטע געוואַלד-מיטלען, איז גענוג צו באַמערקן, אַז די הכנסות פונם קעניגלעכן אוצר זענען פון י. 1472 ביזן י. 1485 געשטיגן מיט כמעט גאַנצע 600 פּראָצענט! דערביי דאַרף מען נעמען אין אַכט, אַז פון דידאָזיקע 13 יאָר פאַלן אויס לערך 10 יאָר אויף דער טעטיקייט פון דער „הייליקער הערמאַנדאַד" און קוים 4 יאָר אויף דער אַרבעט פון דער אינקוויזיציע!..

געטריי דעם פינאַנץ-פּאָליטישן ציל, צוליב וועלכן זיי זענען געשאַפן געוואָרן, האָבן די אינקוויזיציע-טריבונאַלן געטרודפּט דערעיקרשט רייכע אנוסים. זעען מיר טאַקע צווישן די קרבנות, וואָס האָבן צווישן די י. 1481—1490 געוואַנדערט מיטן מאַרטירער-וועג צו די שייטער-הויפנס, אַזעלכע רייכע אַנוסים, ווי דער סעווילער מיליאָנער דיעגאָ ששון, דער צאָל-אַרענדאַר הואן אבלעפיה, דער סאַראַגאָסער גביר לעאָנאַרדאָ-שמואל בן אליה; מיר זעען צווישן די מאַרטירער אַ ריי סאַראַגאָסער „ראָטשילדס" — די סאַנט-אַנגעלס (צווישן זיי מאָסען לואיס סאַנט-אַנגעל, דעם שווער פונם פינאַנץ-מיניסטער גבריאל סאַנכעץ), דעם רייכן גאַרבעריי- און הייזער-באַזיצער פון סאַראַגאָסאַ, סאלוואדאר דע עספּעראנדע, די צוויי ברידער פון דער פּראָמינענטער סאַנכעץ-משפּחה: הואן פּעדראָ און פראַנציסקאָ; עס באַטרעטן די שייטער-הויפנס אויך די קרובים פונם סעגאָווישן בישאָף הואן אריאס דע אווילא, דער קאַטאַלאָנישער וויצע-שאַץ-מייסטער יאַקאָב מאָנפאָרט, דער טאָלעדער מעדיצין-דאָקטאָר אלאָנסאָ קאָטא און אַ סך אַנדערע הויכגעשטעלטע פּערזענלעכקייטן. ווי ווייט גרינטלעך מען האָט דורכגעפירט די פאַרמעגנס-קאָנפיסקאַציעס, אילוסטרירט אונז דערדאָזיקער ביישפּיל: נאָך איינעם אַן אנוסי, אַ געוויסן פּעכאָ דע כערעץ, וואָס איז פאַרברענט

געוואָרן אויפן שייטער-הויפן, איז געבליבן אַ פאַרמעגן פון 200.000 מאַראַוועדי. ווען מען האָט געהאַלטן ביים קאָנפיסקירן דאָס פאַרמעגן, האָט זיך די אלמנה, וואָס איז געבליבן נאָכן מאַרטירער, געווענדט צו דער „גאָטס-פאַרכטיקער" קעניגין, אַז מען זאָל איר איבערלאָזן כאָטש עטוואָס געלט אויף צו לעבן. די קעניגין האָט איר אַרויסגעוויזן אַ באַזונדער „חסד" און האָט איר באַוויליקט אַרויסצוגעבן פון דעם גרויסן פאַרמעגן גאַנצע 30.000 מאַראַוועדי....

67 § דער גירוש-שפּאַניע אין י. 1492.

ווי מיר האָבן שוין געזען, איז די אינקוויזיציע געווען אַ דורכגעטראַכטע און פּלאַנמעסיק דורכגעפירטע פינאַנץ-אַקציע, כדי צו באַזייטיקן די געלט-נויט פון דעם קאַטוילישן הערשער-פּאָר. אַנדערש אָבער שטעלט זיך פאָר דער קאָמפּלעקס סיבות, וואָס האָבן דערפירט צו דעם גירוש-שפּאַניע: נישט בלויז, וואָס מיר האָבן דאָ נישט צו טון מיט קיין פּלאַנמעסיקער פינאַנץ-אַקציע מצד דעם הערשער-הויף, נאָר עס לאָזט זיך אַפילו דערוויזן, אַז דער גירוש-דעקרעט איז געקומען אונטער אַ דרוק פון זייטיקע פאַקטאָרן, קעגן וועלכע דאָס הערשער-פּאָר האָט אַ לאַנגע צייט געשטעלט אַ ווידערשטאַנד, ביז עס האָט צוליב אַ וויכטיקן געשעעניש (די דעראָבערונג פון גראַנאַדאַ) געמוזט סוף-כל-סוף נאָכגעבן. אויב מען זוכט די סיבות פון דעם גירוש, דאַן זעען עס גיכער די באַרייכערונגס-פּלענער פון די שטעט און באַאַמטע, ווי אויך די קירכלעכע אידעען פון די אינקוויזיטאָרן, איידער וועלכע ס'איז פינאַנץ-פּלענער פון פערדינאַנד און איזאַבעלאַ.

צו אַזאַ אָפּשאַצונג פון דעם גירוש דערגייען מיר אויפן סמך פון פאָלגנדיקע פאַקטן, וועלכע מיר ברענגען דאָ אַזוי, ווי זיי האָבן זיך כראָנאָלאָגיש פאַנאַנדערגעוויקלט. שוין אַרום דער העלפט פון 15-טן י"ה האָט זיך מאַנכע קאַסטילישע און אַראַגאָנישע שטעט איינגעגעבן אַרויסצובאַקומען פון די קעניגן געוויסע מאַטעריעלע רעכט לגבי די יידן. געווינלעך זענען זיי צו דידאָזיקע רעכט דערגאַנגען מיט דער הילף פון הלוואות, וועלכע זיי פלעגן געבן די קעניגן, באַקומענדיק דערפאַר אַלס משכון געוויסע הכנסות פונעם קעניגלעכן יידן-רעגאַל. אַזוי, אַ שטייגער, הערן מיר וועגן דער שטאָט צערוועראַ, אַז זי האָט געהאַט אין רשות אַ פאַרמעגנס-שטייער, גערופן,

„questia grossa“ וועלכן די יידן פון דער שטאָט פלעגן פריער צאָלן דעם קעניג, ביז דער לעצטער האָט דעם שטייער איבערגעגעבן פאַר אַ געהעריקער אַנטשעדיקונג אָדער הלוואה, געגוי לאָזט זיך דאָס נישט פעסטשטעלן) צו די שטאָט־האַרן. וועגן דערזעלבער שטאָט ווערט אונז אויך איבערגעגעבן, אַז זי פלעגט צווינגען די יידן, אַז זיי זאָלן איר געבן פאַרשיידענע הלוואות און נישט נעמען דערפון קיין צינזן, אַזוי, אַז דער קעניג האָט אין י. 1474 געמוזט אַרויס־טרעטן קעגן אַזעלכע מיסברויכן. דאָרט, וואו עס האָט זיך נישט איינגעגעבן צו געווינען אין דעם יידן־רעגאַל אַ באַזע אויף צו עקס־פּלאָאַטירן, ווי געהעריק, די יידישע קאַמער־קנעכט און צו דער־דריקן זייער קאָנקורענץ אין האַנדל און מלאכה, האָבן די שטאָט־האַרן געשטרעבט אויסצונוצן דעם רעליגיעזן מאָמענט און זיי פלעגן כסדר אָנווייזן אויף דער געפאַר פאַרן קריסטלעכן גלויבן: מען טאָ־לערירט די יידן צווישן די קריסטן און מען לאָזט זיי אומגעשטערט האַנדלען און וואַנדלען... ווען עס איז צוליב די אונז שוין באַוואוסטע פינאַנץ־פּלענער פון דעם הערשער־פּאָר פּלוצלונג אַרויסגעשפּרונגען די פראַגע פון אויסערגעוויינלעכע אינקוויזיציע־טריבונאַלן קעגן די לפנים־דיקע קריסטן, האָבן די שטעט אויפגעכאַפּט דעם מאָמענט און האָבן זיך באַמיט אָנצווענדן דעם שאַרף פון די רדיפות קודם־כל קעגן די יידן. מען האָט געגומען פאָדערן פון דעם הערשער־פּאָר, אַז מען זאָל די יידן פאַרטרייבן פון לאַנד, מחמת „דער פאַרקער פון יידן מיט קריסטן איז די עיקר־סיבה דערפון, וואָס אין דער מלוכה זענען פאַ־ראַן אַזויפיל „יודאַיזירנדיקע“ שלעכטע קריסטן, וואָס פאַרשוועכן אונזער הייליקן קאַטוילישן גלויבן“... מיט אַזאַ פאָדערונג האָט מען געקאָנט רעכענען אויף אַן ענערגישער שטיצע מצד דער קירכע. די קאָרטישע באַראַטונגען, וואָס זענען אין י. 1480 פאָרגעקומען אין טאָלעדאָ, זענען פול געווען מיט דער יידן־פראַגע. די שטעט און די קירכע רעדן וועגן דער נויטווענדיקייט צו דערווייטערן די יידן פון די קריסטן. דער דערפאָלג איז אָבער בלויז אַ טיילווייזער. אַ גירוש־דעקרעט באַקומט מען נישט אַרויס, נייערט אַ באַנייונג פון אַלטע געזעצן, וואָס האָבן אַ שייכות צו די אָפּגעזונדערטע יידישע קוואַר־טאַלן. די שטעט וואַרטן נישט אָפּ, ביז דאָס הערשער־פּאָר וועט אַרויס־געבן די געהעריקע אויספירונגס־דעקרעטן, נייערט זיי פאַרשטענדיקן זיך מיט די קירכע־שררות, און עס באַווייזן זיך אָן דעם וויסן פון דעם הערשער־פּאָר קירכלעכע פאַראָרדענונגען מכוח באַזייטיקן די יידן פון די הייזער אויסערהאַלב די יידישע קוואַרטאַלן, מכוח דעם שאַנד־

צייכן, מכּוח קריסטלעכע באַדינער ביי יידן און ד. גל. ווען דאָס הערשער-פּאָר דערוויסט זיך וועגן דעם, ווערט אַ גאַנצער גערודער: פערדינאַנד און איזאַבעלאַ גיבן אַ ריי שטעט אין קאַסטיליע און אַראַגאָניע צו וויסן, אַז די זאַך איז נישט אין אָרדענונג און אַז די פאַרשריפטן פון די גלחים זענען אַ פאַרשווערונג פון דער קעניגלעכער סווערעניטעט. די שטעט פאַרענטפערן זיך. סאַראַגאָסאַ בעט דעם קעניג פערדינאַנד, ער זאָל נישט מבטל מאַכן די פאַראָרדענונגען מכּוח די יידן, וועלכע עס האָט אין דער שטאָט אַרויסגעגעבן דער פּריאָר פון דער קאַטעדראַל-קירכע, מחמת דער לעצטער האָט געהאַנדלט אַלס באַפולמעכטיקטער פונעם פּויפּסט. דער קעניג ענטפערט אָפּ, אַז ער האָט פאַרבאָטן צו פּובליקירן אָן זיין הסכּמה אויך די פּויפּסטלעכע פאַראָרדענונגען און עס בלייבט ביי דער סקאַסירונג (1481). עס איז די צייט, ווען די קריגס-הכנות קעגן גראַנאַדאַ זענען אין פולן גאַנג, ווען דאָס הערשער-פּאָר נויטיקט זיך אין דער הילף מצד די גרויסע יידישע פינאַנץ-מענער אברהם סעניאָר און יצחק אברבנאל און ווען מען קאָן זיך לגמרי נישט אָפּזאָגן פון די געניטע יידישע האַרמאַטן-גיסער, פּולווער-פּראָדוצענטן וכדומה. לאַווירט דאָס הערשער-פּאָר צווישן די יידן און זייערע פאַרעקשנטע שונאים, די קירכע-לייט און די שטאָט. דער שטורעם פון די לעצטע ווערט אָבער אַלץ העפטיקער. די „יידישע געפאַר” ווערט פון זיי אַלץ שרעקלעכער אויסגעמאָלט. דאָס הערשער-פּאָר גייט איין אויף געוויסע הנחות: צו אַן אַלגעמיינעם גירוש פון די יידן קען עס זיך נישט באַוועגן, נייערט עס צעברעקלט די פאָדערונג פון די שונאי-ישראל און עס איז מסכּים, צו דערווייטערן די יידן פון יענע שטעט און פּראָווינצן, אין וועלכע „זיי פאַרשאַפן דעם קריסטלעכן גלויבן אַ באַזונדערס גרויסן שאָדן”... און באַזונדערס גרויס איז געווען דער „שאָדן” — אַן אויסערסט כאַראַקטעריסטישער שטריך! — אין די דרום-געגנטן, וואָס זענען צו יענער צייט געווען דאָס געביט פון דער אַרמעע-קאָנצענטראַציע, דהיינו, אין דער קאַסטילישער פּראָווינץ אַנדאַלוזיע און אין דער אַראַגאָנישער פּראָווינץ וואַלענציאַ. אפּנים, אַז דאָס הערשער-פּאָר האָט ביי דער אָפּשאַצונג פון דעם „שאָדן” געהאַט אין אויג נישט אַזוי ווייט די קירכלעך-פאַרשלייערטע מאָטיוון פון די יידן-העצער, ווי דעם גאַנג פון די קריגס-אָפּעראַציעס, וואָס צוליב זיי האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר צוועקמעסיק צו עוואַקואירן אַ טייל באַפעלקערונג פון די געביטן, וואָס ליגן נאָענט ביי דער גרענעץ פון גראַנאַדאַ. געוויג אַז אין י. 1482 ווערט דורך איזאַבעלאַן פאַראָרדנט,

מען זאָל פאַרטרייבן די יידן פון די אנדאלוזישע געביטן — סעווילדאַ און קאָרדאָוואַ, און אַז מיט איין יאָר שפּעטער גיט אַרויס קעניג פערדינאַנד אַ פאַראָרדענונג, אַז די יידן איז פאַרווערט צו בלייבן אין וואַלענציאַ (1483). צוליב דעם גירוש פון אנדאלוזיע זענען מער, ווי 4000 הייזער געבליבן אומבאַוואוינט. די פאַרטריבענע האָט מען נישט סתם פאַריאָגט פון לאַנד, נייערט דאָס הערשער-פּאָר האָט זיי דערלויבט זיך צו באַזעצן אין אַנדערע פּראָווינצן און שטעט. ..אין די ווייטערע 3 יאָר קומען פאָר נאָך אייניקע לאָקאַלע פאַרטרייבונ־גען: אין י. 1484 לאָזט זיך פערדינאַנד איבערצייגן דורך די אינ־קוויזיטאָרן, אַז עס דראָט אַ „סכנה" אין דעם אָרט צעלאַ, נישט ווייט פון טערועל, און ער פאַרווערט די יידן דאָרט צו וואוינען. דעם 12-טן מאַי 1486 גיט צו וויסן דער קעניג זיינע „פרומע פּע־טערס", ד. ה. די אינקוויזיטאָרן, אַז ער האָט לויט זייער עצה באַשלאָסן צו פאַרטרייבן די יידן פון דער שטאָט אין דעם ערצבישאָף-קרייז סאַראַגאָסאַ, ווי אויך פון דעם בישאָף-קרייז אַלבאַראַצין (Albarrazin). די אויספיר-פּאָרשריפטן לאָזן אָבער אויף זיך אַ געוויסע צייט וואַרטן, און ווען זיי ווערן שוין פאַרעפנטלעכט, מאַכט זיך דער קעניג נישט זעענדיק, צי מען טוט זיין רצון און צי די פּאָרשריפטן ווערן בכלל אַדורכגעפירט. אַזוי, אַ שטייגער, איז דורך די נייסטע אויספאָרשונגען פון דעם שפּאַנישן היסטאָריקער סעראַנאַ דערוויזן געוואָרן, אַז דער גירוש-באַפעל פון י. 1486 איז לגבי די יידן אין דער שטאָט סאַראַגאָסאַ פאַרן גירוש-יאָר 1492 לגמרי נישט אָנגעווענדט געוואָרן. כאַראַקטעריסטיש איז אויך דער אופן, ווי אַזוי ס'איז צוגע־גאַנגען די יידן-פאַרטרייבונג פון דער שטאָט טערועל: די אינ־קוויזיטאָרן האָבן די יידן געגעבן אַ טערמין פון 3 חדשים צייט אויף צו פאַרלאָזן די שטאָט, דער קעניג ווענדעט זיך אָבער צו טאָרקווע־מאַדאַ, אַז מען זאָל דעם טערמין פאַרלענגערן אויף ווייטערע 6 חדשים. אויף אַזאַ אופן, דהיינו, דורך כסדרדיקע פּראָלאָנגירונגען האָבן זיך די יידן, ווייזט אויס, נישט אין איין שטאָט פון די גירוש-געביטן געהאַלטן ביז דעם י. 1492, ד. ה. ביז עס האָט זיך אָפּגעשפּילט דער פינאַל פון דער יידיש-שפּאַנישער טראַגעדיע. אין דעמזעלבן זין דאַרף מען אויך פאַרשטיין דעם גירוש-קאַטאַלאָניע, וואָס איז דורכן קעניג פערדינאַנד פאַראָרדנט געוואָרן מיט אַ גירוש-עדיקט פון 1-טן מאַי 1491: די ערשטע אויספיר-באַפעלן, וואָס באַלאַנגען צו דער אויסוואַנדערונג פון די קאַטאַלאָנישע יידן (געראָנאַ, באַרצע־לאָנאַ, טאַראַגאָנאַ וכדומה), זענען דערשינען אין די חדשים

יוני, יולי און אויגוסט 1492, בעת עס איז אין סוף מערץ באַשלאָסן געוואָרן דער אַלגעמיינער גירוש.

מיר דערנענטערן זיך צום טראַגישן פינאַל.

נאָך אין י. 1491 איז דאָס הערשער-פּאָרל געווען אַזוי ווייט פון דעם געדאַנק, צו פאַרטרייבן די יידן פון זייער מלוכה, אַז עס האָט איינם דאָזיקן יאָר באַנייט אַ ריי אָפּמאַכן מיט יידישע שטייער-אַרענדאַרן אויף ווייטערע 4 יאָר... דער נצחונדיקער פאַרלויף פון די קריגס-אָפּעראַציעס קעגן גראנאדע און די גלייכצייטיקע פינאַנציעלע דערפאָלגן פון די אינקוויזיציע-טריבונאַלן האָבן אָבער וואָס ווייטער, אַלץ מער פאַרשטאַרקט דעם דרוק, וואָס איז אין דער יידן-פראַגע אויסגעאיבט געוואָרן אויף דעם הערשער-פּאָר מצד דער קירכע און די שטעט. די קירכע, וואָס האָט זיך געלאָזט איינשפּאַנען אין דעם פינאַנץ-וואָגן פון דער מלוכה, האָט אויסגעצייכנט גוט געוואוסט, ווי אַזוי די וועלט שאַצט אָפּ די אַרבעט פון דער אינקוויזיציע און אַז דער פויפּסט אַליין גלויבט נישט אין איר אידעישן כאַראַקטער (אַ ראיה — די שאַרפע ווערטער וועגן די דורכאויס ערדישע, מאַטעריעלע צילן, וועלכע ער האָט באַנוצט, כאַראַקטעריזירנדיק די אינקוויזיציע אין די שוין ציטירטע ברעוועס און בריוו פון די יאָרן 1482—1483). האָבן זיך טאַקע די אינקוויזי-טאָרן גענויטיקט אין אַן אויפטו, וואָס וואָלט דער קריסטלעכער וועלט באַוויזן, אַז זיי מיינען עס זייער ערנסט מיט דער באַקעמפונג פון די אומגלויביקע... די פאַרטרייבונג פון די יידן, אַ דאַנק דער אָנשטרענ-גונג און באַמיונג פון די קירכע-לייט, האָט געקאָנט זיין אַזאַ באַוויז! דאָס האָבן די אינקוויזיטאָרן פון טאָרקוועמאַדאס חדר גוט פאַרשטאַנען און האָבן אויך קאָנזעקווענט געשטרעבט צו דעמדאָזיקן ציל. די לאָקאַלע גירושים פון די יידן, וואָס האָבן, אגב, בלויז אַריבערגעפּעקלט די יידישע באַפעלקערונג פון איין פּראָווינץ אין דער אַנדערער, פון דרום-שפּאַניע קיין צפון-שפּאַניע, האָבן דער קירכע נישט געקאָנט באַפרידיקן. העכסטנס האָבן זיך דערמיט געקאָנט באַ-פרידיקן די דרום-שטעט, וואָס האָבן אַרויסגעפּטרט זייערע יידישע קאָנקורענטן. דערפאַר אָבער איז אַלץ שטאַרקער געוואָרן די אומצו-פרידנקייט פון די צפון-שפּאַנישע שטעט, וואו עס האָבן זיך גענומען קאָנצענטרירן גרעסערע יידישע מאַסן. ווילאַנג עס האָבן געדויערט די קריגס-אָפּעראַציעס קעגן גראַנאַדאַ, איז די רעגירונג שווער געווען צו באַוועגן צו אַן אַלגעמיינעם גירוש-דעקרעט: אויף די פאָדערונגען פון די אינקוויזיטאָרן, וואָס האָבן פאַרלאַנגט דעם גירוש אַלס באַ-

לוינונג פאַר דער פינאַנציעלער היקף מצד דער אינקוויזיציע, פלעגט די רעגירונג אָפּעגטפערן ענטוועדער מיט לאָקאַלע פאַרטרייבונגען אָדער גלאַט מיט תירוצים, אַז די קריגס־אָפּעראַציעס וואָלטן דורכן אַלגעמיינעם גירוש שטאַרק באַשווערט געוואָרן. האָט מען טאַקע גע־וואַרט אויפן סוף פון דער מלחמה. דעם 2־טן יאַנואַר 1492 קומט פאָר דער פייערלעכער אַריינמאַרש פון הערשער־פּאָרל קיין גראַנאַדאַ. דער קריג איז מיט גרויס נצחון פאַרענדיקט. הויבט זיך טאַקע אָן דער גענעראַל־אַטאַק פון די קירכע־לייט קעגן די יידן. אין דער פּראַכט־פולער אלהאמבּרא ווערט דעם הערשער־פּאָר פּרעזענטירט דער „יידישער וועקסל״. דער אויסרייד מיט די קריגס־אָפּעראַציעס קאָן שוין מער נישט גילטן. דאָס הערשער־פּאָר קווענקלט זיך נאָך אייניקע וואָכן און עס טראַכט, ווי אַזוי צו ראַטעווען די „געטרייע קאַמער־קנעכט״, אָבער פאַרפאַלן: די קירכע־לייט האָבן די געלעגנהייט נישט אַרויסגעלאָזט פון די הענט! נאָך איידער מען האָט פאַרענדיקט דעם קריג זומער־צייט, אין י. 1490, האָבן זיי, ווי געהעריק, צעבלאָזן די גירוש־שטימונג, אינסצעניזירנדיק אַ גרויסן עלילת־דם־פּראָצעס. אין נאָוועמבער 1491, אַ פּאָר וואָכן פאַר דעם טריומפירנדיקן אַריינמאַרש אין גראַנאַדאַ, איז דער „מערדער״ מיט גרויס פאַראַד פאַרברענט געוואָרן אין אַווילאַ... בקיצור: צוזאַמען מיט די אינקוויזיטאָרן האָט דעם גירוש אויך פאַרלאַנגט די „גאַס״, וואָס איז דערצו אויף אַ געהעריקן אופן צוגעגרייט געוואָרן. עס האָבן אויך געשטורעמט די האַרן פון די מאַגיסטראַטן און שטאָט־ראַטן, זעענדיק אין דמיון גרויסע עשירות־קוואַלן פון יידישן האָב און גוטס. עס האָבן אויך מיטגעהאָלפן אין דער יידן־פיינטלעכער אַקציע כלערליי באַאַמטע, באַרעכענענדיק פאָרויס די ריווחים, וועלכע עס קאָן זיי אַריינברענגען דער גירוש. דעם 31־טן מערץ 1492 פאַלט די אַנטשיידונג: דאָס הערשער־פּאָר שרייבט אונטער דעם גירוש־דעקרעט! עס האָט נישט געהאָלפן די השתדלות פון דאָן יצחק אבּרבּנאל. טאָרקוועמאַדאַ האָט געזיגט אויף דער גאַנצער ליניע...

מען נעמט זיך צו דער דורכפירונג פונם גירוש־דעקרעט און דאָ ווייזט זיך בולט אַרויס, אַז די זאַך איז געקומען אַזוי אומגעריכט פאַר דעם הערשער־פּאָר, אַז עס האָט אַפילו נישט געהאַט קיין צייט, ווי געהעריק אויסצונוצן דעם גירוש אַלס אַ פינאַנציעלע געלעגנהייט. אין די אַרויסטרעטונגען פון דער רעגירונג נאָכן אונטערשרייבן דעם גירוש־דעקרעט פעלט יעטוועדער סימן פון פלאַנמעסיקייט און אָרדענונג. שוין דער נוסח פונם גירוש־דעקרעט גופא באַווייזט, אַז די

רעגירונג האָט גאָרנישט געטראַכט וועגן אַן איינמאָליקער מאַסן-אויס-פּלינדערונג פון די יידן, אַזוי ווי דאָס איז געווען דער פאַל ביים גירוש-ענגלאַנד אָדער ביים גירוש-פראַנקרייך. אין ענגלאַנד און פראַנקרייך זענען פאַר דעם גירוש פאָרגעקומען מאַסן-אַרעסטן פון די יידן און אַן אינוועטאַריזאַציע פון זייערע פאַרמעגנס; ערשט שפּעטער ווען דידאָזיקע אַקציעס זענען שוין דורכגעפירט געוואָרן, האָט מען פאַראָרדנט דעם גירוש. אין שפּאַניע איז דערפון נישטא פאַראַן קיין שפּור, דער גירוש-דעקרעט באַשטימט דאָ קורץ, אַז די יידן דאַרפן פאַרלאָזן דאָס לאַנד נישט שפּעטער, ווי סוף חודש יולי 1492 און אַז זיי „מעגן מיט זיך מיטנעמען זייער באַזיץ, מיט דעם אויסנאַם פון גאָלד, זילבער, געמינצטע מטבעות און אַנדערע זאַכן, וואָס זענען אונטערגעוואָרפן דעם אַלגעמיינעם אַרויספיר-פאַרבאָט"... ביז סוף יולי ווערט די יידן דורך דער רעגירונג פאַרגאַראַנטירט „דער קעניגלעכער שוץ און די זיכערקייט פון זייער לעבן און באַזיץ", כדי זיי זאָלן קאָנען „אין משך פון דעם באַשטימטן טערמין ליקווידירן זייערע געשעפטן, דיספּאָנירן מיט זייערע פאַרמעגנס... און פאַרקויפן, אויסבייטן אָדער פאַרשענקען זייערע באַוועגלעכע און אומבאַוועגלעכע גיטער".

קוים 4 חדשים צייט איז געבליבן די יידן אויף צו ליקווידירן זייער האָב און גוטס. אין מאַנכע שטעט איז דער טערמין פּאַקטיש געווען נאָך קירצער, מחמת דער גירוש-דעקרעט איז דאָ באַקאַנט געוואָרן מיט אַ פאַרשפּעטיקונג פון עטלעכע וואָכן. אַזוי, אַ שטייגער, איז אין סאַראַגאָסאַ דער גירוש-דעקרעט פאַרעפנטלעכט געוואָרן ערשט אין אַ חודש אַרום נאָך זיין דערשיינען: נאָך אַ ראיה, אַז די זאַך איז נישט געווען קיין פּלאַנמעסיקע און אַז די רעגירונג האָט דעם גירוש נישט געהאַט צוגעגרייט! דער קורצער ליקווידאַציע-טערמין האָט אַרויסגערופן אַן אומגעהויערע אַנטווערטונג פון דעם יידישן האָב און גוטס, און די שטאָט-לייט און באַאַמטע זענען געווען די-יעניקע, וואָס האָבן געהאַט די מעגלעכקייט אויסצוכאַפּן דעם פעטן ביסן, נאָך איידער עס האָט זיך וועגן אים אַרומגעקוקט די רעגירונג. ערשט אין עטלעכע וואָכן אַרום, נאָכדעם, ווי דער דעקרעט איז דערשינען, ווען די יידן האָבן שוין געהאַט ליקווידירט אַ טייל פון זייערע פאַרמעגנס, קומט די רעגירונג מיט אויספיר-פאַראָרדענונגען און צעשיקט הענדום-פּענדום צו די באַאַמטע אַ מענגע באַפעלן און דע-קרעטן, אַז מען זאָל אינווענטאַריזירן דאָס געלט, דאָס גאָלד און זילבער, ווי אויך אַלע ווערט-זאַכן, וועלכע די יידן האָבן איבערגעגעבן צו זייערע נאָענטע קרובים — די אנוסים, אָדער וועלכע זיי האָבן דע-

פּאַנירט ביי קריסטן און אַז מען זאָל די אינוועטאריזירטע זאַכן פּאַרקויפן און איינצאָלן דאָס געלט דעם קעניגלעכן אוצר. אויף אַזאַ אופן האָט די רעגירונג אין דער גרעסטער איילעניש געפּראוווט זיך צו פּאַרגיטיקן פאַר די יידישע שטייערן, וואָס האָבן געזאָלט, צוליב דעם גירוש, אויפהערן צו שטראָמען אין דער מלוכהשער קאַסע. אין דער שטאָט בורגאָס זענען אָנגעקומען די דערמאָנטע אויספיר־פּאַראָרדענונגען אין אַ צייט, ווען די יידן האָבן שוין לאַנג געהאַט אויסגעוואַנדערט פון דער שטאָט. ענלעך איז אויך געווען דער פאַל אין אַנדערע שטעט. ווי גרויס עס איז נישט געווען די סומע, מיט וועלכער די רעגירונג האָט זיך פאַרגיטיקט פאַר די פאַרלאָרענע יידישע שטייערן, קען אָבער קיין שום צווייפל נישט זיין, אַז אַ סך מער האָבן צוליב דעם גירוש געגאָסן פאַרשיידענע באַאַמטע, וואָס האָבן פאַר גוטע געלטער אַוועקגעקערט די אויגן ביים צונויפשטעלן די אינווענטאַרן, אָדער וואָס האָבן סתם צוגערויבט פאַר זיך יידישע ווערטזאַכן; עס זענען אויך געווען געניוג שטאָט־לייט, צו וועלכע די יידן האָבן פאַר גראָשנס געמוזט פאַרקויפן זייער באַזיץ. אַ ריי אינטערעסאַנטע דאָקומענטן, וואָס אילוסטרירן אונז דערמאָזיקן פאַקט, זענען לעצטנס פאַרעפנטלעכט געוואָרן פון ס ע ר אַ נ אָ און פ ר י ץ ב ע ר. מיר דערוויסן זיך פון זיי אויך וועגן אַזאַ אויסערסט כאַראַקטעריסטישן פּרט, ווי דער פאַקט, וואָס די אינקוויזיטאָרן פלעגן דער רעגירונג שטאַרק מיטהעלפן אויסצוגעפינען יענע לייט, ביי וועלכע די יידן האָבן דעפּאָנירט אָדער צו וועלכע זיי האָבן פאַרקויפט זייערע זאַכן.

צום באַשטימטן טערמין איז פון די אַלטע יידיש־שפּאַנישע ישובים אַנטרונען געוואָרן דער לעצטער לעבעדיקער אָטעם. דער גרעסטער טייל יידן האָט זיך געלאָזט קיין פּאָרטוגאַל. עס זענען אָבער אויך געווען אין די הונדערטער אַזעלכע, וואָס האָבן אויף געדונגענע שיפן אויסגעוואַנדערט קיין איטאַליע (אָ ר אַ ן, נ ע אַ פּ אָ ל ו כ ד ו מ ה) אָדער קיין צפון־אַפריקע. לערך 12.000 קאַסטילישע און אַראַגאָנישע יידן האָבן עמיגרירט קיין נ אַ וואַ ר אַ.

עס האָט נאָך געדויערט אייניקע יאָר, ביז עס זענען דערפירט געוואָרן צו אַן אָפּשלוס די אויספאָרשונגען פון דער רעגירונג בנוגע די איבערגעבליבענע יידישע פאַרמעגנס. פון דער מענגע דאָקומענטן, וואָס באַלאַנגען צום דאָזיקן ענין, איז כדאי אויסצוטיילן פאָלגנדיקע כאַראַקטעריסטישע פּרטים.

לויט די דאָקומענטן, וואָס זענען פאַרעפנטלעכט געוואָרן דורך

מ. קייזערלינג, האָט די רעגירונג באַשטימט פאַר דער צווייטער עקספּעדיציע פון קאָלומבוס אייניקע מיליאָנען מאַראַוועדי פון די געלטער און ווערט-זאַכן, וואָס זענען געבליבן פון די אויסגעוואַנדערטע יידן. בלויז אין בורגאָס אַליין זענען אויפן סמך פון צונויפגעשטעלטע אינווענטאַרן מאָביליזירט געוואָרן פאַרן דאָזיקן צוועק אַן ערך 3.000.000 מאַראַוועדי פון די דעפּאָנירטע יידישע געלטער און אַן ערך 4.000.000 מאַראַוועדי פון דעם פאַרקויף פון די איבערגעבליבענע יידישע הייזער און ווערט-זאַכן.

די רעגירונג האָט געפּרוּווט אַרויסצובאַקומען „אַנטשעדיקונגען" פאַר די פאַרלוירן געגאַנגענע יידישע שטייערן נישט בלויז ביי די אייגענע בירגער און באַאַמטע, וואָס זענען געקומען צוליב דעם גירוש אין באַזיץ פון יידישע הייזער, געלטער און ווערט-זאַכן, נאָר אויך אין אויסלאַנד. אַזוי, אַ שטייגער, האָבן מערערע שפּאַנישע יידן מיטגענומען מיט זיך ביי דער אויסוואַנדערונג וועקסלען אויף אַ סומע פון 428,000 מאַראַוועדי, וואָס האָבן געזאָלט אויסגעצאָלט ווערן דורך סוחרים אין ענגלאַנד. דערוויסנדיק זיך וועגן דעם, שרייבט איזאַבעלאַ דעם 18-טן אויגוסט 1494 אַ בריוו צום ענגלישן קעניג, ער זאָל מיטווירקן, אַז דאָס געלט זאָל איינגעצאָלט ווערן דעם שפּאַנישן מלוכה-אוצר, אַנשטאָט די יידן...

§ 68 דער גירוש פון פּאָרטוגאַל און נאַוואַראַ.

(1498—1496)

אַ גאַנץ אייגנאַרטיקן כאַראַקטער האָבן געהאַט די פּאַסירונגען, וואָס זענען פאָרגעקומען אין פּאָרטוגאַל אין צוזאַמענהאַנג מיטן גירוש-שפּאַניע. אין קעגנזאַץ צו שפּאַניע, וואו די רעגירונג האָט אין לעצטן מאָמענט, אונטערן דרוק פון דער קירכע און פון די שטעט, געאָפּפערט מיט דעם ווירטשאַפטלעכן און פינאַנציעלן נוצן, וועלכן זי האָט געהאַט פון די יידן, האָט די פּאָרטוגעזישע רעגירונג געפּרוּווט צו געפינען אַזאַ אויסוועג, אַז דער קירכלעכער אינטערעס זאָל וואָס ווייניקער פאַראַליזירן דעם מלוכהשן. די רעגירונג איז דאָ געווען אַנטשלאָסן, ווי ווייט מעגלעך צו פאַרהאַלטן אין לאַנד יענע יידישע עלעמענטן, וואָס האָבן צוליב פאַרמעגנס און קוואַליפיקאַציעס געהאַט אַ באַדייטונג סיי פאַר דעם מלוכהשן אוצר און סיי פאַר דער פאָלקס-ווירטשאַפט. זי איז געווען דערצו אַנטשלאָסן, אַפילו ווען זי זאָל דאָס מוזן דורכפירן מיט דער הילף פון טעראָר און צוואַנגס-שמד.

דידאָזיקע טענדענץ קומט צום אויסדרוק שוין אין י. 1492, באַלד נאָכן גירוש-שפּאַניע, ווען עס איז אַרויסגעשוואומען די פראַגע וועגן אויפנעמען די צענדליקער טויזנטער שפּאַנישע יידן, וואָס האָבן געזוכט שטראָמען קיין פּאָרטוגאַל. דער קעניג הואן II, וואָס האָט דעמאָלט רעגירט אין פּאָרטוגאַל, האָט נישט געזאָכט דערויף, וואָס אַ מערהייט פון זיינע יועצים איז געווען קעגן אַריינלאָזן די אומגליקלעכע יידן. ער האָט אויך אָפּגעפּאַרטיקט מיט אַן אָפּזאָג אַ דעלעגאַציע היימישע יידן, וואָס האָבן, צוליב עגאָיסטישע טעמים, געשטרעבט צו שטערן די איינוואַנדערונג פון די שפּאַנישע ברידער. פאַר אים איז נאָר געווען וויכטיק דער פינאַנציעלער מאָמענט, און היות, ווי ער האָט זיך געניויטיקט אין אַ סך געלט, בכדי צו רעאַליזירן זיינע מלחמה-פּלענער קעגן די מאַכמעדאַנער און צפון-אַפריקע, האָט ער אויסגענוצט די געלעגנהייט און האָט פאַרוואַנדלט די איינוואַנדערונגס-פראַגע אין אַ פינאַנציעלן ענין, האָבנדיק דערביי אין זינען אויך געוויסע פאָלקס-ווירטשאַפטלעכע אינטערעסן. ער שליסט, נעמלעך, מיט אַ דעלעגאַציע פון די איינוואַנדערער אַן אָפּמאַך, לויט וועלכן ער דערלויבט די איינוואַנדערער צו פאַרברענגען אין פּאָרטוגאַל 8 חדשים צייט און ער איז זיך מתחייב צו באַזאָרגן זיי מיט שיפן נאָך דעם, ווי דער טערמין וועט זיך ענדיקן. דערפאַר האָבן די איינוואַנדערער צו צאָלן לטובת דעם מלוכהשן אוצר אַזעלכע סומעס: 600 פאַרמעגלעכע משפחות פון צווישן די אימיגראַנטן צאָלן פאַרן אַריינלאָזן זיי אין לאַנד און פאַר דעם דערוויילן וואוינרעכט צו 100 דוקאַטן אַ יעדע; אַלע איבעריקע איינוואַנדערער, מיט דעם אויסנאַם פון זויג-קינדער, צאָלן צו 8 דוקאַטן פון קאָפּ; בעלי-מלאכות, מעטאַל-אַרבעטער און וואָפן-שמידן — בלויז אַ העלפט דערפון, דהיינו, 4 דוקאַטן פון קאָפּ. ביי אַ צאָל פון לערך 120.000 איינוואַנדערער האָט דער קעניג אויף אַזאַ אופן אַרויסבאַקומען אַ הכנסה פון אַ האַלב מיליאָן דוקאַטן.

ווען עס זענען אַריבער די באַוויליקטע 8 חדשים וואוינרעכט, שפּילן זיך אָפּ געשעענישן, וואָס באַווייזן בולט, אַז דער קעניג האָט געהאַט אַ דורכגעטראַכטן פּלאַן, ווי אַזוי ווייטער צו „שלאָגן קאַפּיטאַל” פון די מענטשן-מאַסן, וואָס זענען אים אַריינגעפאַלן אין די הענט אַריין, אַ דאַנק דעם גירוש-שפּאַניע. לויט אַ קעניגלעכן באַפעל ווערן, נעמלעך, ביי די עמיגראַנטן מיט טראָר צוגענומען אַלע קינדער פון 2 ביז 10 יאָר און זיי ווערן פאַרשיקט אויף די ניי-אַנטדעקטע סאַנט-טאָמאַס-אינזלען, בכדי דאָרט דערצויגן צו ווערן אין קריסטלעכז

גלויבן און צו דינען אלס קומענדיקער שטאב פון קאָלאָניסטן. די אומפאָרמעגלעכע עמיגראַנטן ווערן לויט דעמזעלבן באַפעל פאַרשיקט אויף באַשטעלטע שיפן, וואוהין זיי אַליין ווילן. דאַקעגן ווערן פאַרהאַלטן די קאַפּיטאַל-קרעפטיקע עמיגראַנטן און אַלע קוואַליפיצירטע בעלי-מלאכות פון צווישן די וואַנדערער; עס ווערט זיי פּראָלאָנגירט דאָס וואוינרעכט און זיי מעגן זיך איינאָרדענען אינם לאַנד.

מיט דידאָזיקע געוואַלד-טאַטן לגבי די אָרעמע און מיט די „טובות" לגבי די רייכע אָדער ווירטשאַפטלעך-איינגעאָרדנטע יידן ווערט צוגעגרייט דער באָדן פאַר דעם מוראדיקן פינאַנץ-ווירטשאַפטלעכן מאַנעווער, וואָס איז דורכגעפירט געוואָרן דורך דער רעגירונג ביים סוף פונם יאָר 1496 און אין משך פונם י. 1497. דער פאַרלויף פון די פּאַסירונגען איז געווען אַזאַ: סוף י. 1495 פאַרנעמט דעם פּאָרטוגעזישן טראָן דער יונגער קעניג מ אַ נ ו ע ל. דער קעניג טראָגט זיך אַרום מיטן געדאַנק, צו נעמען די עלטסטע שפּאַנישע אינפאַנטין, די טאָכטער פון פערדינאַנד און איזאַבעלאַ פאַר אַ ווייב. די שפּאַנישע קירכע-שררות נוצן אויס די סיטואַציע און בינדן צונויף מיט דעמדאָזיקן שידוך אַ טייוולאָנישן פּלאַן קעגן די פּאָרטוגעזישע יידן: די חתונה דאַרף ווערן אַ געלעגנהייט, ביי וועלכער עס וועט זיך אַנטפּלעקן אַ נייער טריומף פון דער קירכע איבער דעם יידישן גלויבן!..
אונטער דער קירכע-השפּעה איז דאָס שפּאַנישע הערשער-פּאָר מסכּים צו דעם שידוך, אויב מאַנועל וועט זיך מתחייב זיין צו פאַרטרייבן די יידן פון זיין מדינה. מאַנועל אַנטשליסט זיך דערצו. דעם 30-סטן נאָוועמבער 1496 ווערט געחתמעט דער חתונה-אָפּמאַך און נישט קיין גאַנצע 4 וואָכן שפּעטער, דעם 24-סטן דעצעמבער 1496, פאַרעפנטלעכט דער קעניג אַ ג י ר ו ש - ד ע ק ר ע ט, לויט וועלכן ס'ווערט די יידן באַפוילן אין משך פון 10 חדשים, ביז סוף אָקטאָבער 1497, צו פאַרלאָזן דאָס לאַנד. דער תנאי איז אָנגענומען געוואָרן, אָבער בלויז פאָרמעל, ווי עס האָבן דאָס דערוויזן די געשעענישן, וואָס האָבן זיך באַלד דערויף אָפּגעשפּילט. דעם קעניג איז לגמרי נישט געלעגן אין זינען אַרויסצופּטרן פון לאַנד אַזעלכע פינאַנציעל און ווירטשאַפטלעך וויכטיקע עלעמענטן, ווי דאָס זענען געווען די יידן. ביי אים איז געווען רעכט אָנצווענדן אַזאַ מיטל, ווי צוואַנג-שמד, אַבי זיי נישט צו פאַרלירן פון. דער מלוכה! מיט אַזאַ פּלאַן האָט ער זיך אַרומגעטראָגן, ווייזט אויס, שוין אין יענעם מאָמענט, ווען ער האָט געחתמעט דעם חתונה-אָפּמאַך. דער גירוש-דעקרעט איז געווען בלויז אַ פאַרשלייערונג פון די אמתע כּוונות זיינע. אַרויסגעוויזן

האָט זיך דאָס אין אַ פּאָר וואָכן אַרום נאָכן פאַרעפנטלעכן דעם
דעקרעט. אין פעברואַר 1497 באַרירט דער קעניג אויף אַ זיצונג
פונם מלוכה־ראַט די פראַגע וועגן צוואַנג־שמד, און ער באַשטעטיקט
דאָסדאָזיקע מיטל בנוגע די יידן. אָנהויב אַפּריל 1497 גיט ער אַרויס
אַ באַפעל, מען זאָל אין אַ באַשטימטן טאָג צונעמען ביי די יידן
מיט געוואַלד אַלע קינדער אין עלטער ביז 14 יאָר און זיי איבער־
געבן צו קריסטן, וואָס זאָלן זיי דערציען. דער באַפעל ווערט אויס־
געפירט. דעם 30־סטן מאַי 1497 לאָזט דער קעניג פאַרעפנטלעכן אַ
פאַראָרדענונג וועגן אַנוסים: יעדער ייד, וואָס איז געצוואונגען צום
שמד, באַקומט 20 יאָר צייט, בכדי זיך איינצולעבן אין דער נייער
אמונה. אין משך פון דערדאָזיקער צייט וועט ער נישט געשטעלט
ווערן פאַר קיין שום אינקוויזיציע־טריבונאַל דערפאַר, וואָס ער פירט
זיך נישט, ווי אַ קריסט, אָבער ווער עס וועט נאָכן פאַרלויף פון די 20
יאָר ווייטער בלייבן ביים יידישן גלויבן, — ביי דעם וועט צוגענומען
ווערן דאָס פאַרמעגן, וואָס וועט איבערגעגעבן ווערן צו זיינע קריסט־
לעכע יורשים. דער ציל פון דער פאַראָרדענונג איז קלאָר: זי איז
אַ מין באַפרייונג פונם גירוש פאַרן פרייז פון אַ לפנימדיק קריסטנטום,
וואָס בלייבט אין משך פון 20 יאָר פריי פון יעטוועדער שטראָף.
אַ לאָקונגס־מיטל פאַר די יידן, אַז זיי זאָלן נישט אַוועק פון לאַנד!
ווען עס האָבן זיך אָבער, נישט געקוקט דערויף, פאָרט געפונען
עטלעכע צענדליק טויזנט גלויבנס־פעסטע, וואָס האָבן זיך צום באַ־
שטימטן טערמין (סוף אָקטאָבער) פאַרזאַמלט אין די האַפנס, בכדי
אויסצוואַנדערן פון דער מדינה, האָט דער קעניג אַזוי פאַרשטאַנען
איינצואָרדענען זיין מאַנעווער מיט די יידן, אַז די שיפן זענען נישט
אָנגעקומען צו דער צייט און די פאַרזאַמלטע זענען פאַרבליבן נאָכן
טערמין אויפן פאָרטוגעזישן באָדן. דערויף האָט מען זיי, אַלס שול־
דיקע אין עובר זיין אויפן גירוש־דעקרעט, מיט טעראָר געצוואונגען
צום שמד. די קירכע האָט טריומפירט! צו די יידן איז געמאַכט געוואָרן
אַ סוף. דער תנאי, וואָס איז אויסגענומען געוואָרן ביי דעם קעניגס
שידוך, איז דורכגעזעצט געוואָרן. און פאָרט האָט דער קעניג דער־
גרייכט זיין ווירטשאַפטלעכן און פינאַנציעלן ציל: צוליב דעם גירוש־
דעקרעט זענען בלויז אַ מינימאַלע צאָל יידן אַוועק פון דער מלוכה,
דער רוב בנין און מנין איז געבליבן אין לאַנד, געשיצט דורך דער
פאַראָרדענונג וועגן דעם לפנימדיקן קריסטנטום, וואָס איז, אַזוי צו
זאָגן, לעגאַליזירט געוואָרן אויף גאַנצע 2 צענדליק יאָר. ווען עס
האָט זיך אין די נאָענטסטע אַנדערטהאַלבן יאָר אַרויסגעוויזן, אַז טייל

אזעלכע לפּנימדיקע קריסטן האָבן בסוד-סודות ליקווידירט זייערע פאַר-מעגנס און האָבן אויסגעוואַנדערט קיין פלאנדריע, איטאַליע, אָדער אין די מזרח-לענדער, האָט דער קעניג דעם 20-סטן און 24-סטן אַפּריל 1499 אַרויסגעגעבן צוויי פאַראָרדענונגען, אַז אַלע קויף- אָדער טויש-אָפּמאַכן, וואָס זענען געשלאָסן געוואָרן צווישן די לפּנימדיקע און אמתע קריסטן, דאַרפן אין משך פון 8 טעג זיך מעלדן ביי דער מאַכט און אַז אויך להבא מעגן די לפּנימדיקע קריסטן פאַר-קויפן זייערע גיטער און אויסוואַנדערן בלויז אויפן יסוד פון אַ קעניגלעכער דערלויבעניש. אויף אַזאַ אופן האָט דער קעניג קאָנ-זעקווענט געשטרעבט צו באַוואָרענען דעם מלוכה-אוצר און דאָס לאַנד, אַז דער נוצן פון די יידן — די לפּנימדיקע קריסטן זאָל נישט גיין לאיבוד.

אין י. 1498 האָבן די גלויבנס-פעסטע יידן געמוזט פאַרלאָזן די לעצטע מדינה אויפן שפּאַנישן האַלב-אינזל: דאָס קליינע מלוכהלע נ אַ וו אַ ר אַ. צום גירוש האָבן דאָ גורם געווען די פּאַסירונגען אין די שכנותדיקע מלוכות און דער פאַרשטאַרקטער דרוק, וואָס איז אויף דעם נאַוואַרישן קעניג אויסגעאיבט געוואָרן דורך דער קירכע און דורך די מאַגיסטראַטן פון אייניקע שטעט, ווי טודעלא, טאַפאַלאָ וכדומה.

אויסוואַנדערונג אָדער שמד! — דאָס איז אויך געווען דער גורל פון די יידן, וואָס האָבן געלעבט אין די שפּאַנישע פּראָווינצן סאַר-דיניע און סיציליע, אָבער אויספירלעכער וועגן דעם אינם ווייטער-דיקן קאַפּיטל.

קאַפּיטל פיר און צוואַנציק

יידישע ישובים אין די שפּאַנישע פּראָווינצן: סאַרדיניע און סיציליע און זייער ווירטשאַפטס-לעבן זינט דער העלפט פון 14-טן יאָרהונדערט ביז זייער צעשטערונג אין יאָר 1492.

§ 69 די יידן אין סאַרדיניע.

אין י. 1354 ווערט דער אינזל סאַרדיניע פאַרנומען דורכן אַראַגאָנישן קעניג און ווערט פאַרוואַנדלט אין זיינער אַ פּראָווינץ. די יידישע באַפעלקערונג, וואָס איז פריער געווען אויף דעם אינזל אַ מינימאַלע, הויבט אָבער פון דערדאָזיקער צייט אָן צו וואַקסן, אַ דאַנק דער כסדרדיקער איינוואַנדערונג פון די אַראַגאָנישע יידן. אין משך פון 15-טן י"ה קומען אָן יידישע איינוואַנדערער פון מאַיאָרקאַ און פון די צפונדיקע שטעט אין אַראַגאָניע, ווי, אַ שטייגער, פון באַרצעלאָנאַ. עס אַנטוויקלען זיך אייניקע קהילות, צווישן וועלכע ס'פאַרנעמט דעם אויבנאָן די קהילה אין אַ ל ג ה ע ר אָ (Alghero).

די ווירטשאַפטלעכע לאַגע פון די סאַרדינישע יידן איז בעת דער באַהאַנדלטער תקופה אין אַלגעמיין אַ גינסטיקע. ענלעך, ווי אין שפּאַניע, לאָזן זיך אויך אין סאַרדיניע אויסטיילן צוויי שיכטן אינעם יידישן ווירטשאַפטס-לעבן: איין שיכט פון רייכע באַנקירן, סוחרים, שטייער-אַרענדאַרן, אַרמעע-ליפעראַנטן, באַאַמטע, מעדיצין-דאָקטוירים וכדומה, און אַ צווייטע שיכט פון ווייניק באַמיטלטע האַנטווערקער און קרעמער.

די אַקטן פון 15־טן י״ה באַקענען אונז גענויער מיט דער טעֵ־טיקייט פון אייניקע יידן, וואָס האָבן באַלאַנגט צו דער ערשטער שיכט. אַזוי, אַ שטייגער, ווערן דערמאָנט אַלס שטייער־אַרענדאַרן: אַ געוויסער שמואל וויינלעס (1422), משה סופר (1457, 1467, 1482), משה אויס קאַרקאַסאָן (1467—1482), נינאַ, דער ברודער פון משה אויס קאַרקאַסאָן (1492). דידאָזיקע אַרענדאַרן טרעטן טיילמאָל אויך אַרויס אַלס באַנקירן, וואָס באָרגן דעם קעניג גרעסערע געלטער אויף מלחמה־צוועקן, און אַלס הויפּישע ליפעראַנטן, וואָס באַזאָרגן די אַרמעע און פלאָט מיט פּראָוויאַנט און כּלי־זיין. אין י. 1467 ווערט דער דערמאָנטער משה אויס קאַרקאַסאָן נאָמינירט אַלס הויכער באַאַמטער ביים מלוכה־געריכט אין אַלגהעראַ. אין י. 1482 אַרענדירט ער פאַר אַ צינז פון 2.250 ליוור די שטייער־הכנסות פון אייניקע סאַרדינישע באַצירקן. זיין ברודער נינאַ באָרגט דעם קעניג געלטער פאַר דער אַרמעע און פלאָט. צו די דאָרטיקע „גרויס־יידן" האָבן אויך באַלאַנגט ווידאַל דע סאַנטאַ פּאַו און צאַרע (Zare) אויס קאַרקאַסאָן. דער ערשטער איז אין י. 1423 מנדר 600 ליוור אויף צו פאַרריכטן די שטאָט־מויערן אין אַלגהעראַ, דער צווייטער גיט אין י. 1459 פאַרן זעלבן צוועק 622 ליוור. פון די יידן, וואָס האָבן זיך פאַרנומען מיט פרייע פּראָפעסיעס, ווערן דערמאָנט די מעדיצין־דאָקטוירים: באָנגאָדאַס באָנדאַווין (Bongodas Bondavin) 1390; שלמה אווערארקעס (Averorques), פון סוף 14־טן י״ה; יצחק עימיעס (Eymies) 1406 און חיים פון ציפּרוס 1460.

וואָס שייך די יידן פונם מיטעלן קלאַס, באַגעגענען מיר צווישן זיי אין אַ גרויסער צאָל יידישע שמידן, שלאָסער, וועבער, זייבער־אַרבעטער וכדומה. אין דעמזעלבן צוזאַמענהאַנג קען מען אויך דערמאָנען די יידישע שרייבער און בוך־פירער, וואָס זענען געווען באַשעפטיקט אין פאַרשיידענע אונטערנעמונגען.

נישט זעלטן טרעטן אויך אַרויס יידישע קאָלעקטיוון אַלס אונטערנעמער. אַזוי, אַ שטייגער, ווערט ביים אָנהויב פון 15־טן י״ה אָנגעמערקט אין די אַקטן, אַז די קהילה אין אַלגהעראַ האָט געגעבן 1600 דוקאַטן צושטייער, כּדי צו אָרגאַניזירן די פאַרוואָרלאָזטע באַרג־אַרבעט ביי איגלעסיאַס.

אָפּשאַצנדיק די ראָלע פון די יידן אינם ווירטשאַפטס־לעבן פון סאַרדיניע, שרייבט וועגן זיי דער היסטאָריקער באָלאַני ספּאַנאָ (אין זיין ווערק: „Gli Ebrei in Sardegna"): דערעיקרשט האָבן זיי (די יידן) זיך אויסגעצייכנט אויפן געביט פון האַנדל און מלאכה. אין אַ

צייט, ווען עס זענען נישט געווען קיין שאָסייען און קיין בריקן, פלעגן זיי אַרומפאָרן איבערן לאַנד און פאַרברענגען טיילמאָל אין וועג גאַנצע 14 שעה, כדי צו ברענגען אויפן באַשטימטן אָרט קאָרן און אַנדערע מינים סחורות. ווען די קריסטן וואָלטן נאָכגעמאַכט די אויפטוען פון די יידן, וואָלט זיך סאַרדיניע נישט געפינען אין אַזאַ טרויעריקער לאַגע, ווי ס׳איז געווען דער פאַל אין די צייטן, ווען עס האָט געהערשט דער עלנטער און אָבערגלויבישער אַראַגאָנער (פערדינאַנד V).

מיט דער פאַראייניקונג פון אַראַגאָניע און קאַסטיליע אין י. 1479 ווערט די לאַגע פון די יידן אין סאַרדיניע אַלץ שווערער. אין י. 1485 גיט אַרויס פערדינאַנד דער אַראַגאָנער אַ פאַראָרדענונג, אַז די יידן איז פאַרווערט צו עמיגרירן פון דעם אינזל אָן אַ ספּעציעלער קעניגלעכער באַוויליקונג. לערך אין דערזעלבער צייט פאַרווערט ער אין אַן אַנדער פאַראָרדענונג די יידישע האַנטווערקער, וואָס פאַרנעמען זיך מיט „רוישיקע מלאכות", צו אַרבעטן אין אַזעלכע טעג, ווען קריסטן פראַווען זייערע חגאות.

דער גירוש-דעקרעט, וועלכן דאָס קאַטוילישע הערשער-פּאָר האָט אַרויסגעגעבן אין י. 1492, איז געווען חל אויפן גאַנצן שפּאַנישן הערשאַפטס-געביט און ער האָט אַ סוף געמאַכט צום יידישן לעבן נישט בלויז אינם שפּאַנישן פעסטלאַנד, נאָר אויך אויף די שפּאַנישע אינזלען. אַזוי-אַרום קומט אין גירוש-יאָר אויך אַ סוף צו דער געשיכטע פון די יידן אין סאַרדיניע.

§ 70 די יידן אין סיציליע.

פּונקט ווי אין סאַרדיניע, האָט זיך אויך אין סיציליע אַנטוויקלט אַ גרויסער יידישער ישוב אונטער דער אַראַגאָנישער ממשלה. די דזשיאָוואַני, דער עלטסטער מחבר פון אַ מאָנאָגראַפיע וועגן די סיציליש יידן (Di Giovanni: L'Ebraismo di Sicilia, דערשינען אין פּאַלערמאָ אין י. 1748), באַרעכנט, אַז די יידישע באַפעלקערונג האָט אין סיציליע אין משך פון 15-טן י״ה באַטראָפן לערך 100.000 נפשות. אַלס יסוד פון דער-דאָזיקער באַרעכענונג דינט אים אַ פאַראָרדענונג פון קעניג אַלפאָנס V (1416—1485), אַז די סיצילישע יידן זענען מחויב צו געבן פאַרן מלוכה-אוצר 1/10 פון אַלע שטייערן, וועלכע עס צאָלט די גאַנצע באַ-פעלקערונג אין סיציליע. די לעצטע ווערט פון דזשיאָוואַני געשאַצט

אויף איין מיליאָן, אַזוי, אַז איין צענטל דערפון באַטרעפט די דער־מאָנטע צאָל 100.000 יידישע נפשות. דידאָזיקע ציפער איז אַן איבער־געטריבענע, וואָרים עס איז זיך שווער פאָרצושטעלן, אַז די יידן זאָלן האָבן געטראָגן די שטייער־לאַסט אין דערזעלבער מאָס, ווי די קריסטלעכע באַפעלקערונג. זייער שטייער־משא איז אין פאַרגלייך מיט די שטייערן פון די איבעריקע איינוואוינער זיכער געווען אַ סך אַ שווערערע, אַזוי, אַז דאָס צענטל שטייערן מוז נישט דווקא באַווייזן, אַז די יידן האָבן מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ צענטל פון דער אַלגע־מיינער באַפעלקערונג. ווי נישט איז, מוז דאָך אָנגענומען ווערן, אַז די יידישע ישובים האָבן אין סיציליע בעת דער באַהאַנדלטער תקופה געציילט איינ יקע צענדליק טויזנט נפשות און אַז די יידישע באַפעלקערונג איז ביים סוף פון 15־טן י״ה באַשטאַנען פון העכער 30.000 נפשות. צו אַזאַ אויספיר קומען מיר אויפן סמך פון די פאַרבליבענע ידיעות וועגן דער גרויסער צאָל סיציליש שטעט און ערטער, וואָס האָבן בעתן מיטלאַלטער געהאַט אַ יידישע באַפעלקערונג. ביז דער העלפט פון 14־טן י״ה ווערן, נעמלעך, אין די קוועלן דערמאָנט פאַלגנדיקע 22 שטעט און ערטער מיט אַ יידישער באַפעלקערונג: Adermo, Alcamo, Birona, Caltanisetta, Camarata, Cefalu, Cimucina, Geraci, Girgenti, Guiliana, Lentini, Mazzara, Messina, Milazzo, Naro, Palazzuto, Palermo, Paterno, Piana dei Greci, San Guliana, Sciacca, Syracuse.

אין משך פון דער צווייטער העלפט פון 14־טן י״ה אַנטוויקלען זיך יידישע ישובים אין נייע 7 ערטער, דהיינו, אין Catania (1368), Marsala (1375), Minco (1390), Noto (1395), Palizzi (1393), Ragusa (1394) Trapani (1365), און אין משך פון 15־טן י״ה ווערן דערמאָנט יידן אין ווייטערע 23 שטעט און ישובים, ווי: Agosta, Alcasa, Alicata, Caccano, Calata, Bellota, Caltagirone, Carleone, Castiglione, Castro-giovanni, Castronuovo, Castro-Reale, Militello, Modica, Nieosia, Pia-zza, Regalbuto, Salemi, San Marcomo, Santa Lucia, Savoca, Taomina, Termini, Vizzini.

אויב מיר זאָלן אַפילו אָננעמען, אַז עס האָבן זיך אין משך פון דער צייט ליקווידירט אייניקע פון די אָנגעציילטע קהילות, בלייבט אָבער מער ווי וואַרשיינלעך, אַז עס האָבן אין סיציליע, ביים סוף פון 15־טן י״ה, עקזיסטירט ביז 40 קהילות. פון דידאָזיקע קהילות האָבן אייניקע געהאַט זייער אַן אָנזעעוודיקע צאָל יידן. אַזוי, אַ שטייער, גיט אונז איבער ר׳ עובדיה יר״א פון באַרטענורא, וואָס

איז אין י. 1488 געווען אין סיציליע, אַז אין פּאַלערמאָ האָבן דעמאָלט געלעבט לערך 850 יידישע משפחות, בעת די קהילה אין מעסינאַ האָט אין דערזעלבער צייט געציילט לערך 400 יידישע משפחות. ר' עובדיהס אינפאָרמאַציעס זענען דורכאויס פאַרלעסלעכע, און אַזוי זעען מיר, אַז די שוין דערמאָנטע צוויי קהילות האָבן פאַרמאָגט אַ יידישע באַפעלקערונג פון איבער 6000 נפשות. נישט וויניקער, ווי פּאַלערמאָ אָדער מעסינאַ האָט, ווייזט אויס, אויך געציילט די אַלטע קהילה אין סיראַקוז, די דריטע אָנפירנדיקע קהילה צווישן די סיצילישע יידן. פון אַן אָפּמאַך, וואָס איז אין י. 1491 געשלאָסן געוואָרן צווישן דער קהילה אין סיראַקוז און דער שטאָט דערוויסן מיר זיך, אַז די יידן האָבן דעמאָלט אויסגעמאַכט 1/13 פון דער גאַנצער שטאָט-באַפעלקערונג. אין דעם אָפּמאַך רעדט זיך, נעמלעך, וועגן דעם, אַז די יידן זענען פּראָפּאָרציאָנעל צו זייער צאָל מחויב אָפּצוקויפן ביי דער שטאָט-פאַרוואַלטונג 1/13 פון די יאָרלעכע תבואה-זאַפּאַסן, וואָס זענען באַשטימט פאַר דער גאַנצער שטאָטישער באַפעלקערונג. די יידן האָבן, אַלזוי, אין די גרעסערע שטעט אויסגעמאַכט ביז 8 % פון דער באַפעלקערונג. אין די קלענערע שטעט איז דער פּראָצענט, ווייזט אויס, געווען אַ גרעסערער און האָט דערגרייכט ביז 10 % און מער. עס זענען אונז, נעמלעך, באַוואוסט שטייער-רשימות, וואָס באַווייזן, אַז אין מאַנכע קליינע שטעטלעך האָבן די יידן, שוין ביים סוף פון 13-טן י"ה, געצאָלט איין צענטל פון געוויסע שטייערן, וואָס זענען אַרויפגעלייגט געוואָרן אויף די שטעטלעך.

דאָס יידישע ווירטשאַפטלעכע בילד אין סיציליע איז אין די עיקר-שטריכן זייער ענלעך צו דעם בילד, וואָס מיר האָבן אין משך פון דער באַהאַנדלטער תקופה געזען אין שפּאַניע און סאַרדיניע. אַן אַלגעמיינע אָריענטאַציע גיבן אונז די תקנות פון אייניקע סיצילישע קהילות און בפרט די באַשטימונגען, וואָס באַלאַנגען צו דער אינסטיטוציע פון די אויטאָנאָמע יידישע שטייער-קאָמיסיעס. מיר דערוויסן זיך, נעמלעך, פון די תקנות, אַז אין די קהילות האָבן פונקציאָנירט איינשאַצער-קאָמיסיעס אין אַזאַ צוזאַמענשטעל, וואָס האָט באַריקזיכטיקט די סאָציאַל-ווירטשאַפטלעכע דיפערענצירונג פון דער יידישער באַפעלקערונג. אַלס יסוד פאַר דער שטייער-מאָס האָבן די קאָמיסיעס (גערופן אין די אַקטן „Nove soggetti", דהיינו, „די 9 שטייער-אויסמעסטער") גענומען דאָס סיסטעם, וואָס איז אין די מאַכמעדאַנישע ממשלה-געביטן צום ערשטן מאָל איינגעפירט געוואָרן.

לויט דעמדאָזיקן סיסטעם ווערט די באַפעלקערונג איינגעטיילט אין דריי קלאַסן: 1) רייכע, 2) מיטל-שטאַנד און 3) אָרעמע. אַ באַגריף וועגן דעם, ווי גרויס עס איז געווען יעדער איינער פון די דריי קלאַסן, גיט אונז אַן אויסערסט אינטערעסאַנטער מעמאָריאַל, וואָס איז דורך אייניקע קריסטלעכע נאָטאַבלען אויסגעאַרבעט געוואָרן אין י. 1492 אַלס ענטפער אויפן גירוש-דעקרעט פונם שפּאַנישן הערשער-פּאָר. „די צאָל רייכע יידן (אין סיציליע) — לייענען מיר אין דעם מעמאָריאַל — איז אַ קליינע, עס זענען צווישן די יידן נישטאָ גענוג אַזעלכע, וואָס קאָנען אויסקומען מיט זייערע פּרנסות, די גרויסע מאַסע יידן איז אָרעם ביז גאָר". דאָס בילד איז לגמרי נישט איבערגעטריבן, אדרבה, עס שטימט דורכאויס מיט די ידיעות, וואָס זענען אונז פאַרבליבן וועגן דעם ווירטשאַפטלעכן לעבן פון די סיצילישע יידן. „כמעט אַלע האַנטווערקער אין אונזער לאַנד, — ווערט ווייטער געזאָגט אין דעמזעלבן מעמאָריאַל, — זענען יידן... די יידן פּראָדוצירן מעטאַל-געשיר, אייזערנע כלי-זיין, בפרט פּאָדקאָוועס, מכשירים פאַר דער לאַנדווירטשאַפט און אַלץ, וואָס עס איז נויטיק פאַרן שיף-בוי. עס וואָלט זיך נישט אַזוי לייכט איינגעגעבן צו פאַרטרעטן זיי (די יידישע האַנטווערקער און אַרבעטער) דורך קריסטן... אויך פאַרשטייען זיך די יידן זייער גוט אויף אַזעלכע אומבאַדינגטע אַרבעטן פאַר דער קריגס-פירונג, ווי דאָס בויען וועגן און שאָסייען, באַשאַנצן און באַפעסטיקן מויערן". דיזעלבע כאַראַקטעריסטישע פּרטים געפינען מיר אויך אין דעם רייזע-באַריכט פון ר' עובדיה יר"א אויס באַרטענוראָ פון י. 1488. וועגן די יידן אין פּאַלערמאָ שרייבט ר' עובדיה: „זיי זענען האַנטווערקער, ס'רוב קופּער- און אייזן-שמידן, ווי אויך לאַסט-טרעגער און פויערים." די יידן אין מעסינא זענען, לויט זיין באַריכט, „רייכער, ווי די יידן אין פּאַלערמאָ. זיי זענען כמעט אַלע האַנטווערקער, פאַראַן אָבער צווישן זיי אויך אייניקע סוחרים." אויף דער שיף, מיט וועלכער ר' עובדיה איז געפאָרן פון סיציליע קיין ראָדוס, האָבן זיך געפונען „3 יידישע רימער פון סיראַקוז". זייער כאַראַקטעריסטיש זענען די אַרבעטן, מיט וועלכע די יידן אין פּאַלערמאָ האָבן, לויט עובדיהס באַריכט, געמוזט אָפּדינען דעם קעניג: „דורך דער אַנגריאה של מלך (angaria, ד. ה. מיט פאַר-

זענלעכע ארבעטן (טובת דער מלוכה) ווערן זיי שווער געדריקט, ווארים זיי מוזן פארן קעניג מאכן יעדע ארבעט, וואס פאלט נאר אויס. אזוי, א שטייגער, מוזן זיי שלעפן די שיפן צום ברעג, זיי מוזן מאכן הרעבליעס אין די טייכן וכדומה. זיי ווערן אויך גענוי-מען אלס עקזעקוטארן ביים אויספירן קערפער-שטראף אדער ביים אומ-ברענגען פארברעכער, וואס זענען פארמשפט צום טויט." ערשט אין י. 1491 האט זיך די יידן פון פאלערמא איינגעגעבן זיך צו באפרייען דורך געלט-אפצאלונגען פון דידאזיקע ארבעטן. פון דעם אפמאך דער-וויסן מיר זיך, אז זיי האבן פריער געמוזט טון אויך אזעלכע אר-בעטן, וואס ר' עובדיה דערמאנט זיי נישט, ווי, א שטייגער, קלינגען מיט די שטאטישע גלאקן, רייניקן די ברונעמס, פארקערן די גאסן, האלטן ריין די אמט-הייזער, טראנספארטירן דאס מעבל, וואס איז געברויכט געווארן בעת געריכטס-פארהאנדלונגען און אז. וו. בקיצור: מיר האבן דא צו טון מיט ארבעטן, וואס לאזן משער זיין א בא-פעלקערונג פון בעלי-מלאכות און פשוטע טאג-ארבעטער! אזוי האט אויסגעזען די גרויסע מאסע פון דער יידישער באפעלקערונג אין סי-ציליע. דאס הייפעלע רייכע יידן, וואס ווערט דערמאנט אין די תקנות פון די קהילות, ווי אויך אין דעם ציטירטן מעמאריאל פון י. 1492, האט באלאנגט צום סוחרים-קלאס. אין דעם קהילה-סטאטוט פון סיראקוז, וואס איז פארבליבן פון די י"י 1363—1364, זענען פאראן באשטימונגען וועגן סוחרים, וואס האנדלען מיט תבואה און מיט גרינ-ווארג, ווי אויך וועגן וויין-הענדלער און שענקער. אין דעמדאזיקן סטאטוט איז אויך פאראן א כאראקטעריסטישע תקנה, לויט וועלכער ס'איז די יידן פארווערט זיך צו פארנעמען מיט וואוכער". דערמיט שטימט אויך אן אויסערסט אינטערעסאנטע שטעלע אין א מעמאריאל, וועלכן די שטאט פאלערמא האט איבערגעשיקט צום קעניג פערדינאנד, ווען עס איז אין סיציליע פארעפנטלעכט געווארן דער גירוש-דעקרעט פון י. 1492: היות, ווי דער קעניג דערמאנט צווישן די סיבות פון דער גירוש-פארארדענונג אזא מאטיוו, ווי די יידישע וואוכעריי-געשעפטן, ענט-פערן אפ די שטאט-לייט פון פאלערמא, אז מען קאן דאס די יידן לגמרי נישט פארווארפן, ווארים זייערע געלט-געשעפטן זענען דורכאויס נישט פון דעם מין פארהאסטע וואוכעריי-עסקים.

עד כאן דאס ווירטשאפטס-בילד! די עיקר-שטריכן זיינע האבן מיר, וואס אמת, געצייכנט ס'רוב לויט די קוועלן פונם סוף פון 15-טן י"ה. דאס פארקלענערט אבער נישט דעם ווערט פון דעם בילד,

מחמת דאָס ווירטשאַפטס-לעבן, וואָס אַנטפּלעקט זיך אין אים, איז גע־וועזן אַ פּראָדוקט פון אַ לאַנגער אַנטוויקלונג, און דעריבער קאָן דאָס בילד מיט קליינע, אוממשותדיקע ענדערונגען חל זיין אויך אויף דער צווייטער העלפט פון 14-טן און אויף דער ערשטער העלפט פון 15-טן י״ה.

אַלס דערגאַנצונג צו דעם געשילדערטן ווירטשאַפטס-בילד ברענ־גען מיר צונויף עטלעכע פּרטים פון די קוועלן-מאַטעריאַלן, וואָס כאַראַקטעריזירן אונז די ס אָ צ י אַ ל ע ר י י ב ו נ ג ע ן, וועלכע זענען פאָרגעקומען אין די סיצילישע קהילות אין משך פון 15-טן י״ה. וועגן איינעם אַזאַ פּרט גיט אונז איבער דער עפּטערס שוין ציטיר־טער ר׳ עובדיה פון בארטענורא. באַשרייבנדיק די פאַרהעלטענישן אין דער קהילה פון פּאַלערמאָ, באַמערקט ער, אַז „עס ווערן דאָ יעדעס יאָר אויסגעקליבן 12 נייע ברורים; די ברורים ווערן דורכן קעניג באַפולמעכטיקט צו באַשטימען די שטייערן און זיי זענען באַ־רעכטיקט צו באַשטראָפן מיט אַ געלט-שטראָף אָדער מיט אַרעסט. די ברורים-אינסטיטוציע שטייט לגמרי נישט אויף דער געהעריקער הויך, מחמת די ברורים זענען אָפט מענטשן אָן אַ שום נאָמען און מיט אַ שלעכטן כאַראַקטער און זיי לאָזן זיך נאָמינירן דורכן גובערנאַטאָר, וועלכן זיי באַוועגן דערצו דורך מתנות. דידאָזיקע מתנות שאַפן זיי פון די קהילה-געלטער, אַזוי, אַז אויף דער אָרעמער פאָלקס־מאַסע פאַלט אויס אַ שטייער-משא, וואָס איז איבער דער מאָס. די ברורים ווערן געשטיצט דורך דעם גובערנאַטאָר און זיי האַנדלען אייגנמעכטיק. דער עלנט און די נויט-געשרייען פון די אונטערגעדריקטע זענען דעריבער אומגעהייער״... מיר זעען דאָ, אַלזוי, דיזעלבע דער־שיינונג, וועלכע מיר האָבן געקאָנט קאָנסטאַטירן אין די שפּאַנישע קהילות: אַ רעזשים פון מאַכטגיריקע גבירים, וואָס וואַרפן אַרויף די שטייער-משא אויף די רוקנס פון דער אָרעמער פאָלקס-מאַסע! דיזעלבע גבירים מאַכן אויך צונישט דאָס וואַל-רעכט פון די קהילה-מיטגלידער, וואָרים זיי באַקומען אַרויס ביים גובערנאַטאָר מיט דער הילף פון אייגנאַרטיקע „מתנות״ נאָמינאַציעס אויף די קהילה-פאָרשטייער! לויט ווי ס׳איז אַרויסצודרינגען פון עטלעכע קהילה-תקנות אין אָנהויב פון 15-טן י״ה, האָט די אָרעמע מאַסע געפירט אַ קאַמף קעגן אַזאַ רע־זשים און עס האָט זיך איר איינגעגעבן צו שאַפן די אינסטיטוציע פון די אַזויגערופענע Sindachi אָדער Procuratori. דאָס זענען געווען פאָלקס-פאַרטרעטער (ענלעך צו די „פאָלקס-טריבונען״, וועלכע מיר באַ־געגענען אין מאַנכע איטאַליענישע שטעט), עפנטלעכע פּראָקוראָרן,

וואָס די אויפגאַבע זייערע איז געווען צו שיצן די אינטערעסן פון דעם אָרעמען פאָלק און צו שטיין אויף דער וואַך פון די אויטאָנאָמע קהילה־רעכט. פון עובדיהס באַריכט איז אָבער צו זען, אַז די „פאָלקס־טריבונען" זענען געווען שוואַך קעגן די אומווירדיקע פּראָטעקציעס, מיט וועלכע עס פלעגן זיך באַנוצן די תּקיפים. אין רעמזעלבן צו־זאַמענהאַנג איז כּדאַי צו דערמאָנען וועגן דעם קאַמף, וואָס איז ביים אָנהויב פון 15־טן י"ה פאָרגעקומען צוליב דער איינפירונג פון דער אינסטיטוציע פון אַ מלוכהשן אויבער־רב איבער אַלע סיציליִשע יידן (אין די אַקטן ווערט ער גערופן Dienchele, אַ באַצייכענונג, וואָס איז גענומען פון דעם העברעישן „דיין־כּולל"). דער ערשטער אַזעלכער „דיין־כּולל" איז נאָמינירט געוואָרן דורכן קעניג מ אַ ר ט י ן I מיט אַ ספּעציעלער פאַראָרדענונג פון י. 1405. דער ציל איז דערביי געווען דערזעלבער, וואָס ביי דער איינפירונג פון ענלעכע מלוכה־רבנים אין שפּאַניע, פּאָרטוגאַל, און ווי מיר וועלן דאָס ווייטער זען, אויך אין דייטשלאַנד. די מלוכה־רבנים האָבן געדאַרפט מיט זייער רבנישן אוי־טאָריטעט און מיט געהעריקע שטראָפן, ווי, אַ שטייגער, מיטן כּוח פון חרם מיטהעלפן ביים איינמאָנען די שטייערן ביי די יידן פאַרן קעניגלעכן אוצר. ס'איז פאַרשטענדלעך, אַז די אינסטיטוציע פון די אויבער־רבנים האָט אַרויסגערופן שטאַרקע פּראָטעסטן מצד דער יידישער באַפעלקערונג. כּלפּי־חוץ האָט מען זיי באַקעמפט מיט דעם אַרגומענט, אַז זיי האָבן אָנגענומען זייער גייסטלעכן אַמט פון קריסטלעכע מאַכט־פאַקטאָרן און אַז זיי האָבן דערמיט פאַרשוועכט דעם יידישן דין. סך־הכּל באַגעגענען מיר אין סיציליע צוויי אויבער־רבנים: איינער מיטן נאָמען י ו ס ף א ב נ א ס י אַ (Giuseppe Abbanasia), וואָס איז אין י. 1405 נאָמינירט געוואָרן דורכן קעניג מאַרטין I און אַ צווייטן מיטן נאָמען מ ש ה ב אָ נ אַ וו אָ ל י אָ (Bonavoglio), וואָס האָט גע־ווירקט אונטערן קעניג אַלפאָנס V (1416—1458), אַלס הויפּישער רופא און באַנקיר. מיט געלט, אָט דעם געוויינלעכן יידישן קאַמף־כּלי־זיין כּלפּי־חוץ, האָט זיך די יידן איינגעגעבן אויסצופועלן ביים קעניג אַלפאָנס V, אַז ער זאָל זיי באַפרייען פון דער אַפּוטרופּסות מצד די אויבער־רבנים. אין דער צווייטער העלפט פון 15־טן י"ה איז פון זיי נישטאָ מער קיין שפּור אויפן סיצילישן באָדן.

אין יאָר 1492 האָבן די סיציליִשע יידן, צוליב דעם גירוש־דעקרעט פון דעם שפּאַנישן הערשער־פּאָר, געמוזט אויסוואַנדערן פון לאַנד. עס האָבן נישט געהאָלפן די מעמאָריאַלן און פּראָטעסטן פון די סיציליִשע נאָטאַבלען און שטאָטישע פאָרשטייער, וואָס האָבן אָנ־

געוויזן אויף דערווירטשאַפטלעכער באַדייטונג פון די יידן אין לאַנד און אויף די שווערע קאָמפּליקאַציעס, וועלכע עס קאָן אַרויסרופן זייער אויסוואַנדערונג. עס האָט אויך ניט געהאָלפן דער אַרגומענט, אַז „די יידן גיבן אויס פאַר זייערע לעבנס־באַדערפענישן נישט ווייניקער ווי איין מיליאָן גילדן יערלעך און אַז די מלוכה וועט צוליב דעם גירוש פאַרלירן סיי דעם דאָזיקן מיליאָן און סיי די גרויסע שטייערן, וועלכע עס צאָלן די יידן". צו די אויערן פון דעם הערשער־פּאָר, וואָס זענען פאַרשטאָפּט געוואָרן דורך די אינקוויזיטאָרן, זענען די־דאָזיקע ווערטער נישט דערגאַנגען און די יידן האָבן געמוזט נעמען אין האַנט אַריין דעם טראַדיציאָנעלן וואַנדער־שטעקן...

דאָסזעלבע איז אויך געשען מיט די יידן, וואָס האָבן געלעבט אויף די שפּאַנישע אינזלען מאַלטאַ, גאָצאָ (Gozzo) און פּאַנטעלאַריאַ. די סיצילישע נאָטאַבלען האָבן געפּרוּווט אָפּצוראַטעווען די יידן פון די דאָזיקע אינזלען און זיי האָבן אין דעם מעמאָריאַל צום הערשער־פּאָר געגעבן אָנצוהערן, „אַז די אינזלען, וואָס זענען ווייט פונם פעסטלאַנד, וועלן, צוליב דער פאַרקלענערטער באַפעלקערונג, נישט זיין בכוח צו שטעלן אַ ווידערשטאַנד, בעת אַ פרעמדער דעראָבערער וועט זיי וועלן פאַרנעמען". אָבער אויך דער אַרגומענט איז געבליבן אָן אַ ווירקונג.

קאַפּיטל פינף און צוואַנציק

יידישע קיבוצים אין דייטשלאַנד,
זייער אַנטוויקלונג און פאַרנעם.
(1500 — 1350)

§ 71 די אויפריכטונג פון אַלט־נייע קהילות נאָך די „יידן־שריפות" בעת דעם „שוואַרצן טויט".

די מגיפה־יאָרן האָט דאָס דייטשע יידנטום געבלוטיקט פון הונדערטער וואונדן. בלויז געציילטע ישובים זענען פאַרשוינט געוואָרן פון דעם אומגליק. די יידן, וואָס זיי איז געלונגען ניצול צו ווערן פון די „שריפות", זענען נעלם געוואָרן פון די שטעט און האָבן זיך אַרומגעוואַלגערט אין די דערפער, זוכנדיק שוץ ביי די לאַנד־האַרן. אַזוי, אַ שטייגער, ווערט אונז איבערגעגעבן, אַז דער פפאַלץ־גראַף רופּרעכט און דער ריטער ענגעלהאַרט פון הירשהאָרן האָבן אין זייערע שטחים געשיצט די יידן, וואָס זענען אין דער מגיפה־צייט אַנטלאָפן פון שפּייער און וואָרמס. טייל שטראַסבורגער יידן האָבן אין דער קריטישער צייט געפונען שוץ אין שלאָס פונם שטאָט־האַר. מיט אַ שיצנדיקער האַנט האָט אויך אין די מוראדיקע „שריפה"־יאָרן אויפגענומען די יידן דער ערצבישאָף פון מאַגדעבורג. מיר הערן אויך וועגן דעם אויגסבורגער בישאָף, אַז ער האָט באַלד אין אַ חודש אַרום נאָך דער „יידן־שלאַכט", וואָס איז פאָרגעקומען אין דער שטאָט אויגסבורג, אויפגענומען אין זיין ישוב די גע־

פלאָגטע יידן (דער 22-סטער דעצעמבער 1348). ווען דער שטורעם האָט נאָכגעלאָזט, האָבן כמעט אַלע שררות און שטאָט-פירער, וואָס האָבן פריער געהאַט ביי זיך יידן, פאַרשטאַנען, אַז אויף אַ לענגערער צייט וועט מען נישט קאָנען אויסקומען אָן די יידישע ווירטשאַפטס-מענטשן. ווירטשאַפטלעכע און פינאַנציעלע טעמים האָבן אַלץ שטאַרקער גענומען ווירקן, אַז די שררות און שטעט זאָלן צוריק אויפנעמען די פאַרוואָגלטע רעשטלעך „גיפט-מישער", וועלכע מען האָט מיט אַ קנאַפער צייט פריער געבערנט און געטריבן. אין די פאַרבליבענע אויפנעם-דאָקומענטן ווערן נישט זעלטן מיט דער פולסטער אופריכ-טיקייט אָנגעגעבן די מאָטיוון פון דעם אויפנעם-באַשלוס, און אָט לייענען מיר, אַ שטייגער, אין איינעם אַזאַ דאָקומענט, וואָס איז אויסגעשטעלט געוואָרן אין י. 1352 דורכן בראַנדענבורגער מאַרק-גראַף לודוויק, דעם דעמאָלטיקן האַר פון טיראָל, אַז ער האָט באַ-שלאָסן אויפצונעמען יידן אינם טיראָלער לאַנד „צוליב די געלט-שווערקייטן, וואָס האָבן געהערשט אין לאַנד זינט דער צייט, ווען מען האָט געמאַכט אַ סוף צו די יידן, ד. ה. זינט דעם „שוואַרצן-טויט". מיט 2 יאָר פריער האָט דער קיסר קאַרל V באַוויליקט דעם בישאָף פון אויגסבורג דאָס רעכט אויפצו-נעמען די יידן, מאָטיווירנדיק זיין באַשלוס דערמיט, וואָס דער קיסר און די מלוכה וועלן אויף אַזאַ אופן צוריק געווינען אַ פינאַנציעלע שטיצע, וועלכע זיי האָבן פאַרלוירן בעת די מגיפה-יאָרן, אין דעמ-זעלבן צוזאַמענהאַנג איז אויך כדאי צו ציטירן אַ כאַראַקטעריסטישע שטעלע פון אַ קירכלעכן דאָקומענט, וואָס איז אויסגעפּועלט געוואָרן דורכן עסטרייכישן הערצאָג פרידריך ביים פויפּסט ניקאָלאַי V (20-סטער סעפּטעמבער 1451). עס מאַכט דערביי נישט אויס, וואָס דער דאָקומענט איז מיט אַ גאַנץ יאָרהונדערט יינגער פאַר דער תקופה, וועגן וועלכער עס האַנדלט זיך דאָ, ווארים די טענדענצן, וואָס האָבן גורם געווען צו דער אויפנעמונג פון די יידן, האָבן זיך אין משך פונם דאָזיקן יאָרהונדערט לגמרי נישט געענדערט. אין דעם דאָקומענט באַוויליקט דער פויפּסט דעם הערצאָג (וואָס איז, אַגב, גלייכצייטיק גע-ווען אויך דייטשער קעניג) אויפצונעמען אין זיינע ירושה-שטחים יידן „צוליב דער באַקוועמלעכקייט פון די אַדל-לייט, שטאָט-בירגער און אַלע איבעריקע איינוואוינער", און ער פאַראָרדנט, אַז די קריסטן דאַרפן די יידן פאַרדינגען הייזער אויף צו באַוואוינען זיי און איינצואָרדענען אין זיי „יידישע בענק"... ווי ליב עס איז נישט געווען פאַר דעם אָדער יענעם שררה אָדער מאַגיסטראַט, צו דער-

האַלטן זיין ממשלה-געביט „יידן-ריין״, האָט ער זיך אָבער דערפון געמוזט אָפּזאָגן צוליב דערווירטשאַפטלעכער „באַקוועמלעכקייט״, וועלכע עס האָט אים פאַרשאַפט דער יידישער קרעדיט. חוצדעם, האָט אָבער אויך, ווי שוין באַטאָנט, מיטגעווירקט אַ ריין-פינאַנציעלער מאָמענט: די יידן זענען שטענדיק געווען אַ וויכטיקער הכנסה-קוואַל, וואָס אָן אים וואָלט די לאַנד-האַרן און די פאַטריצישע משפחות אין די שטעט שווער אָנגעקומען צו רעאַליזירן זייערע ממשלה-פּלענער.

דאָס אויפנעמען די יידן צוריק פלעגט פאָרקומען אויף אַזאַ מין אופן: די שררות אין די שטעט, וואָס האָבן געהאַט פון קיסר דאָס רעכט צו „האַלטן יידן״, פלעגן קודם דורכקומען מיט די יידישע פאַרטרעטער וועגן דעם שוץ פונם יידישן לעבן און פאַרמעגן, וועגן די אינערלעכע איינאָרדענונגען פון די יידן (שול, געריכט, קהילה וכדומה), וועגן באַמינירן די יידישע געשעפטן (צינז-פוס, עווענטועלע האַנדלס-פרייהייטן וכדומה), וועגן טערמין פונם שוץ, וועגן דער הויך פון די שוץ-געלטער און אַז. וו. און אַז מען פלעגט וועגן די אַלע פונקטן דורכקומען, פלעגן זיך אָנהויבן אונטערהאַנדלונגען מיט יעדן יידישן באַלעבאָס באַזונדער וועגן דער הויך פון די אויפנעם- און שוץ-געלטער, וועלכע ער דאַרף אַריינטראָגן דעם „באַשיצער״ זיינעם. די אויפנעמונג געפינט אַזוי אַרום אַן אָפּשפּיגלונג אין 2 מינים דאָקומענטן: אין קאָלעקטיווע שוץ-פּריווילעגיעס און אין באַזונדערע אינדיווידועלע שוץ-בריוו. אַלס ביישפּיל פון דעם ערשטן מין ברענגען מיר דאָ וויי טער די וויכטיקסטע באַשטימונגען פון דער עלטסטער אויפגעהיטער גענעראַל-פּריווילעגיע, וואָס איז אין י. 1400 דערלאַנגט געוואָרן די יידן, וועלכע האָבן זיך געוואָלט באַזעצן אין די מקומות פונם באַמבערגער בישאָף: 1) די יידן ווערט באַוויליקט שוץ אויף 2 יאָר; 2) דאָס שוץ-געלט, וואָס זיי וועלן דאַרפן איינצאָלן, וועט נאָרמירט ווערן דורך אינדיווידועלע אָפּמאַכן; 3) ווען אַ שוץ-ייד וועט וועלן אויסוואַנדערן, איידער עס זענען אַריבער די 2 יאָר שוץ-צייט, וועט ער דאָס קאָנען טון, אויב ער וועט איינצאָלן שוץ-געלטער פאַר גאַנצע 2 יאָר. מיט 9 יאָר שפּעטער ווערט די שוץ-פּריווילעגיע דערגאַנצט דורך אַ נייער, וואָס באַשטימט די הויך פון די יידישע שוץ-געלטער אויף אַן אַלגעמיינער סומע פון 700 רייניש גילדן פון אַלע יידישע ישובים אינם באַמבערגער געביט. אין אַנדערע אַזעלכע קאָלעקטיווע שוץ-פּריווילעגיעס זענען נאָך פאַראַן תקנות וועגן דער הויך פונם דערלויבטן יידישן

צינז-פוס, וועגן טערמינען אויף צו קינדיקן דאָס שוץ-פאַרהעלטעניש, וועגן אָפּצאָלונגען ביים אויסוואַנדערן פונם שוץ-לאַנד, וועגן דער צאָל יידן, וואָס מעגן זיך באַזעצן אינם געביט פונם שוץ-האַר, וועגן די פאַרמעגנס זייערע, פון וועלכע ס'ווערט אָפּהענגיק זייער אויפנעם אין לאַנד, וועגן דער הויך פון זייערע שוץ-געלטער און אַז. וו. געוויינלעך ווערן די אַלע פונקטן אויך אַריינגענומען אין די אינדי-ווידועלע שוץ-בריוו. פאַנאַנדערקלייבנדיק זיך אין די פיל הונדערטער אויפגעהיטע קאָלעקטיווע און אינדיווידועלע שוץ-אָפּמאַכן, וואָס זענען געשלאָסן געוואָרן מיט די יידישע „פאַקט-בירגער" אין משך פון דער צווייטער העלפט פונם 14-טן און אָנהויב 15-טן י"ה, קאָנען מיר פעסט-שטעלן פאָלגנדיקע עיקר-באַדינגונגען, אונטער וועלכע די יידן פלעגן צוריק אויפגענומען ווערן.

א) די יידן זענען מחויב צו צאָלן „אויפנעם-געלטער" און „שוץ-געלטער." די הויך פון די אויפנעם- און שוץ-געלטער ווערט געוויינלעך אינדיווידועל באַשטימט לויט דעם פאַרמעגן פון דעם אויפגענומענעם יידן. אין קעלן צאָלן אין י. 1372 צוויי אויפ-גענומענע יידישע באַלעבאַטישקייטן צו 500 גילדן אויפנעם-געלטער און צו 50 גילדן יאָרלעכע שוץ-געלטער. לגבי אַנדערע 14 יידישע באַלעבאַטישקייטן באַטרעפן דידאָזיקע 2 אָפּצאָלונגען צוזאַמען 2000 גילדן און 1150 גילדן. אין דעמזעלבן קעלן ביים ריין ווערן אין די יאָרן 1394—1404 אויפגענומען 15 יידישע באַלעבאַטישקייטן פאַר 1500 גילדן אויפנעם-געלטער און 185 גילדן יאָרלעכע שוץ-געלטער. אין באמבערג באַטרעפט אין י. 1403 דאָס שוץ-געלט (גערופן „zins" אָדער „steura iudaeorum") יאָרלעך: צו 10 גילדן פון אַ באַלעבאַ-טישקייט, צו 4—6 גילדן פון אַן אַלמנה און איר פאַמיליע, און צו 4 גילדן פון אַ קהילה-אָנגעשטעלטן און זיין משפחה. אין דער קורפפאַלץ באַטרעפן (אין די י"י 1355—1356) די שוץ-געלטער: פון 5 ביז 42 פונט פון אַ באַלעבאַטישקייט; אינם מארקגראפטום ביירייט (Bayreuty) (אַרום י. 1372) — פון 4 ביז 20 גילדן; אין ריעס (Riess) (ביים אָנהויב פון 15-טן י"ה) פון 10 ביז 25 גילדן. די גראַפן פון עטינגען (Öttingen) נעמען אין אָנהויב פון 15-טן י"ה פון 10 ביז 20 גילדן שוץ-געלט פון אַ באַלעבאַטישקייט און פון 5 ביז 6 גילדן פון אַ יונגן פאָר-פאָלק, וואָס איז נאָך „אויף קעסט" ביי טאַטע-מאַמע.

ב) דער שוץ, וואָס ווערט די יידן פאַרגאַראַנטירט, איז אַ

באַגרענעצטער. אַזוי, אַ שטייגער, ווערן אין משך פֿון דער צווייטער העלפֿט פֿון 14-טן י"ה די יידן אויפֿגענומען אין:

קעלןביים ריין	אויף	10	יאָר
שטראַסבורג	"	5	"
דאָרטמונד	"	8–2	"
מאַינץ	"	4	"
באַזעל, פֿרייבורג, שאַפֿהאַוזען	"	4	"
קורפֿפֿאַלצישע שטעט	"	2	"
ריעסער געביט	"	5–1	"
שוואַבישע שטעט	"	5–1	"
באַמבערגער געביט	"	2	"

דער צוועק פֿון אַזעלכע באַגרענעצונגען איז געווען דורכאויס אַ פֿינאַנציעלער: נאָכן פֿאַרלויף פֿון דער שוץ-צייט האָט מען געקאָנט שליסן נייע „אויפֿנעם-פּאַקטן" און נעמען דערביי פֿרישע אויפֿנעם-געלטער אָדער העכערן די פֿריערדיקע שוץ-אָפּצאָלונגען.

ג) טיילמאָל ווערט אין די אויפֿנעם-פּאַקטן באַגרענעצט די צאָל יידן, וועלכע ס'איז דערלויבט זיך צו באַזעצן אין אַ שטאָט אָדער אין דער ממשלה פֿון אַ שררה. אַזוי, אַ שטייגער, באַשטימט די שטאָט טריער אין אַן אָפּמאַך, אַז עס מעגן זיך אין דער שטאָט באַזעצן נישט מער, ווי 50 יידן „מיט קינדער און הויזגעזינד", ד. ה. 50 יידישע באַלעבאַטישקייטן.

ד) דערוואַקסענע יידישע זין, וואָס גרינדן נאָך דער חתונה אַן אייגענע באַלעבאַטישקייט און הערן אויף צו זיין „קעסט-קינדער", מוזן מיט די שוץ-הארן שליסן אַן אָפּמאַך וועגן וואוין-רעכט און שוץ.

ה) אָן דער דערלויבעניש פֿון דעם שוץ-האַר טאָר דער „פּאַקט-ייד" נישט פֿאַרלאָזן דאָס שוץ-געביט. מאַנכע שוץ-הארן באַנוגענען זיך נישט מיט אַריינשטעלן אַזאַ פּונקט אין די „שוץ-פּאַקטן" און זיי שליסן נאָך ספּעציעלע אָפּמאַכן מיט אַנדערע שררות, אַז זיי וועלן זיך קעגנזייטיק צוריקגעבן די יידן, וואָס זענען אַנטלאָפֿן פֿון איין געביט אין אַ צווייטן. איינער אַזאַ העכסט-אינטערעסאַנטער אָפּמאַך איז אונז באַוואוסט פֿון י. 1360. געשלאָסן האָט אים קאַרל IV, דער קעניג פֿון בעמען מיט רודאָלף פֿון עסטרייך און רודאָלפֿס הערצאָגלעכע ברידער. די קאָנטראַהענטן האָבן זיך מתחייב געווען נישט אויפֿצונעמען קיין יידן, וואָס זענען אָן דער דערלויבעניש פֿון זייער שוץ-האַר אַנטלאָפֿן פֿון עסטרייך קיין בעמען, אָדער פֿאַרקערט,

פון בעמען קיין עסטרייך. אַזעלכע „פּלסים" מוזן צוריקגעבראַכט ווערן אין דעם געביט, צו וועלכן זיי האָבן תּחילת באַלאַנגט.

ו) אין מאַנכע מקומות ווערן אין די שוץ־פּאַקטן נאָך באַשטימט קינדיקונגס־טערמינען. אַזוי, אַ שטייגער, באַשטימען אייניקע פון די שוץ־פּאַקטן, וואָס זענען געשלאָסן געוואָרן מיט די יידן אינם ריעסער געביט, אַז מען קאָן מיט אַ האַלב יאָר פריער קינדיקן דעם שוץ.

ז) אין די שוץ־בריוו, וואָס זענען אויסגעשטעלט געוואָרן אינם באַמבערגער הערשאַפטס־געביט אין די יאָרן 1400 און 1414, ווערט באַשטימט, אַז אַ ייד, וואָס וואַנדערט אויס פאַר דער צייט פון דעם געביט, איז מחויב צו באַצאָלן אַ „נ אָ ך־ש ט יי ע ר", דהיינו, אַ סומע, וועלכע דעקט די שטייער־פאַרלוסטן, וואָס זענען געמאַכט געוואָרן דעם שוץ־האַר דורך דער פריצייטיקער אויסוואַנדערונג.

ח) די שוץ־האַרן ווייזן טיילמאָל אָן די הייזער אָדער גאַסן, וואו די יידן מעגן וואוינען. אַזוי, אַ שטייגער, ווערט באַשטימט אין דעם שפּייערער אויפנעם־דאָקומענט פון י. 1352, אַז די יידן איז דערלויבט צו וואוינען אויסשליסלעך „uf den hovestetden", אויף דעם אַזויגערופענעם „הויף־פּלאַץ".

ביי אַזעלכע שווערע באַדינגונגען איז אויסגעקומען די יידן צוריק אויפצוריכטן די חרובֿע ישובֿים אָדער צו גרינדן נייע. זיי האָבן נישט געהאַט קיין ברירה און זענען געווען צופרידן, ווען אַ שררה אָדער שטאָט האָט זיי פאַר טייערע געלטער צוגעזאָגט וואוינרעכט און שוץ.

אין וואָס פאַר אַ טעמפּאָ עס איז פאָרגעקומען די אויפריכטונג פון די חרובֿ־געוואָרענע קהילות, ווייזן אונז די טאַבעלעס, וועלכע מיר ברענגען דאָ ווייטער. די ערשטע טאַבעלע נעמט אַרום אַ ריי גרעסערע דייטשע שטעט און זי ברענגט די דאַטעס פון די ערשטע באַוואוסטע אויפנעם־פּאַקטן, וואָס זענען געשלאָסן געוואָרן מיט די יידן נאָך דער גרויסער מגיפה. די צווייטע טאַבעלע ווייזט אונז דעם אויפנעם־פּראָצעס אין אייניקע ממשלות פון גייסטלעכע און וועלטלעכע שררות.

דייטשע שטעט	יידן אויפגענומען אין יאָר:	דייטשע שטעט	יידן אויפגענומען אין יאָר:
הילדעסהיים	1351	גאָסלאַר	1356
נירנבערג	1352	נערדלינגען	1357
שפייער	„	פראַנקפורט ביים מאַין	1360
ציריך	„	באַזעל	1362
וואָרמס	1353	טריער (שטאָט)	1362
ראָטענבורג	„	מאַינץ	1365
אולם	1354	שווינפורט	1368
ערפורט	„	שטראַסבורג	1369
סאָלאָטורן	„	דאָרטמונד	1372
אויגסבורג	1355	קעלן	1372
		האַנאָווער	1375
		איבערלינגען	1378

לאַנד-ממשלות פון גייסטלעכע און וועלטלעכע שררות	יידן אויפגענומען אין יאָר
בישאָפטום אויגסבורג	1348 22/12
גראַפטום טיראָל	1352
ערצבישאָפטום טריער	1356
קורפפאַלץ	1355/6
מארק-גראַפטום בייריט	1372
בישאָפטום באַמבערג	1400

§ 72 די פאַרשפּרייטונג פון די יידישע ישובים אין דייטשלאַנד ביז דער העלפט פון 15־טן י״ה.

עס איז זייער שווער פון די הונדערטער צעזייטע קוועלן־ידיעות וועגן איינצלנע יידישע ישובים און דייטשלאַנד צו שאַפן זיך אַ געהעריקן באַגריף וועגן דעם, וואו עס האָט בעת דער באַהאַנדלטער תקופה געלעבט דער רוב בנין און מנין פון די דייטשע יידן: צי זענען עס געווען די ריין־געביטן, צי די דאָנאַי־לענדער אָדער גאָר דער דייטשער צפון? די שווערקייט וואַקסט נאָך צוליב די אָפטע רדיפות און אַרויסטרייבונגען פון יידישן ישוב. צו די רדיפות האָט גורם געווען, פון איין זייט, דאָס סיסטעם פון די פריער שוין באַהאַנדלטע שוץ־פּאַקטן, וועלכע מען פלעגט שליסן בלויז אויף עטלעכע יאָר, און פון דער אַנדערער זייט — דאָס פּסדרדיקע אַרומשלאָגן און אַרומרייסן זיך פון די שררות, רייכע שטאָטישע בירגער, האַנטווערקער־צעכן וכדומה אַרום דעם יידישן הכנסה־קוואַל, וואָס דאָס פלעגט עפטערס דערפירן צו רדיפות אויף יידן און צו גירושים. אזוי, אַ שטייגער, לאָזן זיך דורך די קוועלן־ידיעות פעסטשטעלן אין דעם משך צייט פון י. 1351 ביזן י. 1438 פאָלגנדיקע רדיפות און גירושים, וואָס האָבן אָן צווייפל אין אַ גרויסער מאָס משפּיע געווען אויף די יידישע קיבוצים אין דערדאָזיקער צייט:

רדיפות*) אויף יידן און גירושים**) אין די יאָרן 1531—1438.

פאַרגעקומען אין לאַנד אָדער שטאָט:	אין יאָר:	פאַרגעקומען אין לאַנד אָדער שטאָט:	אין יאָר:	פאַרגעקומען אין לאַנד אָדער שטאָט:	אין יאָר:
*) קעניגסבערג	1351	שטעט און שטעטלעך אין פראַנקען און שוואַבן	1384	*) שאַפהויזען	1401
**) שפייער	1353			**) פרייבורג און ברייזגאַו	"
*) עסטרייך	1359	**) באַזעל	1385	*) ווינטערטור	"
*) "	1370	*) וויסענפעלס	1386	*) ציריך	"
**) איבער-עלזאַס	1374	**) שטראַסבורג	1388	*) נערדלינגען	"
**) אולם	1380	**) קור-פפאַלץ (פאַרטרייבונג פון 7 קור-פפ. שטעט)	1391	**) שפייער	1405
*) האַלע	1384			*) ווין	1406
שוואַבאַך	"	*) שפייער } בעת פעסט־עפידעמיע	"	**) צילע	1410
פריישטאַט	"	*) גאָטהאַ	"	**) מייסען	1411
רעגענסבורג	"	*) מילהויזען	"	**) ערצביסטום מאַינץ	1420
מאַגדעבורג	"	*) נאָרדהויזען	"	**) עסטרייך	1420/1
נערדלינגען	"	*) ווירצבורג	1397	**) פרייבורג און ברייזגאַו	1424
ווינסהיים	"	**) אינגאָלשטאַט	"	*) קעלן	"
ווייסענבורג	"	*) קאָלמאַר	"	**) זאַקסען	1432
דינקעלסבול	"	*) שטייערמאַרק	"	**) שפייער, ציריך	1435
אין אַ ריי אַנדערע שטעט	"	*) קערנטען	"		

אונזער טאַבעלע ווייזט אונז 5 גרעסערע כוואַליעס פון רדיפות און גירושים אין די יאָרן: 1384, 1391, 1397, 1401 און 1420/1. געטראָפן זענען געוואָרן דורך די כוואַליעס יידישע קיבוצים, פון איין זייט, אין קורפפאַלץ, עלזאַס, טירינגען און אין די ביסטימער מאַינץ און שפייער, און פון דער אַנדערער זייט — אין די שטחים פון דער היינטיקער שווייץ, אין ריעסער געביט, אין שטייערמאַרק, קערנטען, עסטרייך, פראַנקען און שוואבן. אין משך פון די 37 יאָר (1421—1384) האָט דער שטורעם אַרומגענומען סיי די מערבדיקע, סיי די דרום-מזרחדיקע קיבוצים פון די דייטשע יידן. און עס וואָלט שווער גע-ווען צו אַנטשיידן, וועלכער פון די צוויי יידישע קיבוצים האָט אַדורכגעהאַלטן דעם שטורעם, ווען נישט אַ צופאַל, וואָס אַ דאַנק אים איז אונז אויפגעהיט געוואָרן איינער פון די וויכטיקסטע דאָקומענטן פאַר דער ווירטשאַפטס-געשיכטע פון דייטשע יידן בעתן שפּעטן מיטל-אַלטער. פאַר אַזאַ דאָקומענט קאָן באַטראַכט ווערן דער שטייער-פּראָיעקט, וואָס איז אין י. 1438 צונויפגעשטעלט געוואָרן דורך אַ ווינער ייד, מיטן נאָמען נחום (Nachim, Nachem). דער פּראָיעקט גיט אונז צווישן אַנדערע ידיעות אויך אַ בילד, ווי אַזוי די יידן זענען דעמאָלט גע-ווען פאַרטיילט אויפן גאַנצן שטח פון דער דייטשער מדינה. נחום, ווי ס'ווייזט אויס, אַ הויף-ייד און איינער פון די שטייער-איינמאָנער ביי יידן, האָט דעם פּראָיעקט אויסגעאַרבעט אויפן סמך פון שטייער-רשימות און ער האָט באַרעכנט, וויפל עס באַטרעפט דאָס פאַרמעגן פון אַלע יידן אין דייטשלאַנד און וויפל זיי דאַרפן איינצאָלן פון יעדן ממשלה-געביט, בכדי דער קיסר זאָל באַקומען דעם אַזויגע-רופענעם „דריטן פעניג" (אַ שטייער, וואָס האָט באַטראָפן איין דריטל פונם פאַרמעגן) אין אַ ריכטיקער פּראָפּאָרציע צו די פאַרמעגנס-פאַר-העלטענישן פון די יידן. די טאַבעלע, וועלכע מיר ברענגען דאָ ווייטער, האָבן מיר צונויפגעשטעלט לויט די פּרטים, וואָס ווערן גע-בראַכט אין נחומס פּראָיעקט און מיר מאַכן פאָלגנדיקע באַמערקונגען צו דעמדאָזיקן צונויפשטעל.

א) מיר טיילן איין די פּאָזיציעס לויט די ממשלה-געביטן, פון וועלכע עס האָט געדאַרפט איינפליסן דער יידישער „דריטער פעניג" און מיר באַקומען אַרויס אויף אַזאַ אופן דריי גרויסע גרופּעס: 1) ממשלה-געביטן פון וועלטלעכע שררות; 2) ממשלה-געביטן פון קירכ-לעכע שררות און 3) מלוכה-שטעט.

ב) אין יעדער גרופּע ברענגען מיר די פּאָזיציעס אין אַזאַ סדר, וואָס איז באַשטימט דורך דער גרויס פון נחומס שטייער-איינשאַצונג.

ג) אין דער טאַבעלע נעמען מיר נישט אַריין פּאָלגנדיקע פּאָזיציעס, וואָס געפינען זיך אין נחומס פּראָיעקט: 1) יידן אין אונגאַרן און דער „ייִד קאַפּלין פון עדענבורג" (מיט אַ שטייער-איינשאַצונג אין דער הויך פון 5000 גילדן), 2) יידן אין בעמען (3000 גילדן), 3) יידן אין שלעזיע בפרט אין ברעסלע און שווידניץ (5000 גילדן) און 4) יידן אין מאַילאַנד (5000 גילדן). דידאָזיקע ממשלה-געביטן פונם דייטשן קיסר וועלן אונז באַשעפטיקן אין אַן אַנדער צוזאַמענהאַנג, ווען עס וועט זיין די רייד וועגן דער ווירטשאַפטלעכער לאַגע פון די יידן אין בעמען, שלעזיע, אונגאַרן און איטאַליע.

ד) נאָכן אַראָפּ־־כענען די נאָר וואָס דערמאָנטע פּאָזיציעס (צוזאַמען: 18.000 ג.) בלייבט, אַז די טאַבעלע נעמט אַרום ממשלה-געביטן מיט אַן איינשאַצונג פון 138.000 גילדן, בעת נחום האָט פּראָיעקטירט פון אַלע יידן אינם קיסר-רייך אַ שטייער פון סך-הכּל 156.000 גילדן.

אין נחומס ציפערן זענען פאַרוועבט צוויי פאַקטן: נישט בלויז דער פאַרמעגנס-צושטאַנד פון די דייטשע יידן, נאָר זיכער אויך זייער צאָל, ווארים עס איז דאָך קלאָר, אַז על-פּי-רוב האָט ביי דער איינשאַצונג געשפּילט אַ ראָלע די גרויס פון דער יידישער באַפעלקערונג, וואָס האָט געלעבט אין אַ באַשטימטער טעריטאָריע אָדער שטאָט. ס'איז אוממעגלעך אויסצוטיילן פוןביידע פאַרוועבטע פאַקטן דעם באַפעלקערונגס-מאָמענט. יעדנפאַלס לאָזט זיך אויפן יסוד פון נחומס איינשאַצונגען משער זיין, אויף וועלכע טעריטאָריעס עס האָט אין י. 1438 געלעבט די גרעסטע צאָל יידן. וואַרפן מיר אַ בליק אויף דער טאַבעלע, זעען מיר, נעמלעך, אַז:

א) אין די וועלטלעכע ממשלה-געביטן פאַלן אויס פונם שטייער-סכום 60.700—גאַנצע 50.000, ד. ה. איבער 5/6-טל (83%) אויף אַזעלכע טעריטאָריעס, ווי עסטרייך, זאַקסן, בייערן, בראַנדענבורג און עלזאַס.

ב) אין די גייסטלעכע ממשלה-געביטן מיט אַ שטייער-סכום פון סך-הכּל 24.100 איז דאָס בילד גאַנץ אַנדערש: די טעריטאָריעס ביים ריין (קעלן, מאַינץ, שפּייער) זענען רעפּרעזענטירט מיט אַן איינשאַצונג אין דער הויך פון 14.500 (דהיינו, קנאַפּע 60%), בעת עלזאַס צוזאַמען מיט די דאָנאַי-געביטן און די קירכלעכע ממשלה-געביטן אין דעם צפון-מזרחדיקן טייל פון דייטשלאַנד זענען איינגעשאַצט בלויז אויף קנאַפּע 40% פונם שטייער-סכום

ג) וואָס שייך די 36 שטעט, וואָס ווערן אויסגערעכנט אין דער

די פאַרשפּרייטונג פון דער ייד. באַפעלק. אין דייטשלאַנד אין דער ערשטער העלפט פון 15־טן י״ה.

(לויט נחומס שטייער־פּראָיעקט פון י. 1438)

יידן אין די ממשלה־געביטן פון וועלטלעכע שררות :	שטייער־סכום (גילדן)	יידן אין די ממשלה־געביטן פון קירכלעכע שררות :	שטייער־סכום (גילדן)	יידן אין די מלוכה־שטעט :	שטייער־סכום (גילדן)
שררות פון עסטרייך	16.000	בישאָף פון קעלן	10.000	נירנבערג	10.000
„ „ זאַקסן	15.000	„ „ מאַינץ	3.000	ערפורט	6.000
„ „ בייערן	10.000	„ „ באַבענבערג	2.000	אָפּענהיים	4.000
שררה „ בראַנדענבורג	6.000	„ „ מאַגדעבורג	2.000	רעגענסבורג	4 000
לאַנד־פאַגטיי עלזאַס	3.000	„ „ שפּייער	1.500	מאַינץ	3.000
שררות פון טירינגען	2.000	„ „ זאַלצבורג	1.000	אויגסבורג	2.000
גראַפן „ פירנבערג	1.800	„ „ מערזעבורג	1.000	אולם מיט דער געגנט	2.000
שררה „ ווירטעמבערג	1.000			ראָטעמבורג בײַ דער טאַובער	1.500
גראַף „ שוואַרצבורג	1.000			קאָנסטאַנץ	9.000
				ציריך	
				ווע, טקירכען	
				שאַפהאַוזען	
				פראַנקפורט ביים מיין	1.000
				עטינגען (Öttingen)	1.000
				ראָטעמבורג ביים נעקאַר	2.000
				האָרבע	
				הייערלאָך	
				שאָנענבערג	
				הערשאַפט האָהענבורג	
צוזאַמען	55.800	צוזאַמען	20.500	צוזאַמען	45.500

די פאַרשפּרייטונג פון דער ייד. באַפעלק. אין דייטשלאַנד אין דער ערשטער העלפט פון 15־טן י"ה.

(לויט נחומס שטייער־פּראָיעקט פון י. 1438)

יידן אין די ממשלה־געביטן פון וועלטלעכע שררות :	שטייער־סכום (גילדן)
	55.800
הערצאָג פון בערג	1.000
שררות „ וועסטפאַלן	1.000
גראַף „ שפאנהיים	600
„ „ האַנאַו	500
„ „ הענעבערג	400
הערצאָג סטעפאַן	400
„דייטשע האַרן"	400
שררה פון סאַלמעס	300
„ „ ראַפּעלשטיין	300
סך־הכל	60,7000

יידן אין די ממשלה־געביטן פון קירכלעכע שררות :	שטייער־סכום (גילדן)
	50,500
בישאָף פון שטראַסבורג	1,000
„ „ טריענט	1,000
„ „ ווירצבורג	600
„ „ מעץ	400
„ „ הילדעסביים	200
„ „ אויגסבורג	200
„ „ איישטעטן (Eysteten)	200
סך־הכל	24,100

יידן אין די מלוכה־שטעט :	שטייער־סכום (גילדן)
	45.500
עגער	800
וואָרמס	600
נערדלינגען	600
מילהויזען	
קוועדלינבורג	2,000
נאָרדהויזען	
אַשערסלעבן	
פילינגען	500
פּאַסאַו	400
קאַלבע	400
שטאָלבערג	400
הײלבראָן	400
פרידבערג	
געלנהויזען	1,000
וועצלאַר	
עפּענשטיין	300
ווערדע	300
ברוינשווייג	100
סך־הכל	53,300

דריטער גרופּע און וואָס די יידן זייערע האָבן געדאַרפט סך-הכל געבן 53.200 גילדן, איז כאַראַקטעריסטיש, וואָס צו די גרעסטע קהילות (סיי לויט דעם פאַרמעגן, סיי לויט דער צאָל יידן) באַלאַנגען אַזעלכע, ווי נירנבערג, ערפורט, אָפּענהיים, רעגענסבורג, אויגסבורג, אולם, ראָטענבורג ביי דער טאַיבער. ווי אויך די 4 שווייצאַרישע שטעט: ציריך, קאָנסטאַנץ, וועלטקירכן און שאַפּהאוזן, וואָס זענען צוזאַמען איינגעשאַצט אויף 38.500 גילדן. די איינשאַצונגס-סומע פון דידאָזיקע 11 שטעט, וואָס ליגן אין די דרומדיקע און מזרחדיקע טיילן פון דייטשלאַנד (שווייץ, שוואבן, בייערן, פראַנקען) באַטרעפט, אַלזוי, קנאַפּע 73% פון דער גאַנצער איינשאַצונגס-סומע, וואָס פאַלט אויס אויף די יידן אין די מלוכה-שטעט בכלל. וואָס שייך די מערב-דייטשע געטאָס קומט אויס לויט דער טאַבעלע, אַז אין מערב-דייטש-לאַנד איז דעמאָלט געווען בלויז איין גרויסע קהילה, דהיינו, די קהילה אין מאַינץ (3.000).

מאַכן מיר אַ סך-הכל, קומען מיר אויפן יסוד פון נחומס איינ-שאַצונגען צו דעם פאָלגנדיקן אויספיר:

פון דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג, וואָס האָט געלעבט אין דייטשלאַנד בעת דער ערשטער העלפט פון 15-טן י״ה, זענען ביז לערך 70% קאָנ-צענטרירט געוואָרן אין די דרום- און מזרח-געגנטן פון דייטשלאַנד (לויט די אויסרעכענונגען אויבן צו די פונקטן א) — ב) — ג) גיבן די איינשאַצונגען פאַר דידאָזיקע געביטן: 50.000 (וועלטלעכע הערשאַפטס-געביטן) + 9.600 (קירכלעכע הערשאַפטס-גע-ביטן) + 38.500 (11 רייכס-שטעט), דהיינו, צוזאַמען 98.100, וואָס דאָס מאַכט אויס קנאַפּע 2/3-טל פונם גאַנצן שטייער-סכום 156.000).

אין די ריין-געביטן זענען פון די אַמאָליקע גרויסע ישובים געבליבן חורבות, בלויז אין די ממשלה-געביטן פון די קירכע-שררות אין קעלן, מאַינץ און שפּייער, ווי אויך אין דער שטאָט מאַינץ האָבן זיך געפונען גרעסערע רעשטלעך פון יידישע קיבוצים, אָבער סך-הכל האָבן זיי מיט זיך פאָרגעשטעלט בלויז אַ קליינעם טייל פון דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג אין דייטשלאַנד (ווען מיר פאַרגלייכן דעם אַלגעמיינעם שטייער-סכום 156.000 מיט די סכומים 14.500+3.000, אויף וועלכע נחום האָט איינגעשאַצט די יידן אין די ממשלה-געביטן פון די בישאָפן אין קעלן, מאַינץ און שפּייער,

ווי אויך די יידן אין דער שטאָט מאַינץ, דאַן קומט אויס, אַז פון די לעצטע האָט געדאַרפט איינפליסן בלויז 11% פונם אַלגעמיינעם שטייער-סכום).

73 § די גרויס פון די יידישע ישובים אין דייטשלאַנד אין דער צווייטער העלפט פון 14-טן און דער ערשטער העלפט פון 15-טן י"ה.

דער גאַנצער מאַטעריאַל, מיט וועלכן מען קאָן זיך באַדינען, אום ווי נישט איז צו פאַרענטפערן דידאַזיקע פראַגע, באַשטייט פון צעזייטע ידיעות וועגן יידישע קאָפּ-שטייערן, וועגן דער צאָל פאַקט-יידן (באַלעבאַטישקייטן), יידישע הייזער א. ד. גל.—און ער באַלאַנגט ס'רוב צו איינצלנע שטעט, אויסערסט זעלטן צו גאַנצע הערשאַפטס-געביטן. נישט געקוקט דערויף, האָט אָבער דערדאָזיקער פראַגמענטאַרישער און לאָקאַל באַפּאַרבטער מאַטעריאַל אַ גרויסן ווערט, וואָרים ער קאָן אונז קלאָר מאַכן אַ ריי דעטאַיל-פראַגן, וואָס האָבן אַ באַדייטונג ביים צוזאַמענשטעלן זיך אַן אַלגעמיינעם באַגריף וועגן די אַמאָליקע באַ-פעלקערונגס-פאַרהעלטענישן.

מיר הויבן אָן פון דעם מאַטעריאַל, וואָס באַלאַנגט צו קהילות מיט אַ באַפעלקערונג פון איבער 100 נפשות.

ביז דעם גירוש-עסטרייך אין די י"י 1420—1421 איז די (וינער קהילה געווען איינע פון די גרעסטע צווישן די דייטשע קהילות. די „יידן-שטאָט" האָט דאָ, לויט אַן אויפגעהיטער רשימה, גע-ציילט 69 הייזער (53 צווייסטאָקיקע, 6 איינשטאָקיקע, 1 פּאַרטער-הויז, 1 דריישטאָקיק און 1 פירשטאָקיק הויז). דערפון זענען, לויט זיכערע קוועלן-ידיעות, געווען 50 אין באַזיץ פון יידן און אין די איבעריקע 19 הייזער האָט אַ טייל יידן געוואוינט אַלס לאָקאַטאָרן. לויט דער באַשרייבונג פון די הייזער קאָן מען משער זיין, אַז אין איין הויז האָבן געוואוינט דורכשניטלעך 5—6 משפחות (צו 2—3 אויף אַ שטאָק), אַזוי, אַז פאַר די 50 יידישע הייזער קאָן אָנגענומען ווערן אַ צאָל פון לערך 250—300 משפחות אָדער פון 1250 ביז 1500 נפשות. דערצו דאַרף מען נאָך צורעכענען אַ 25—30 משפחות (125—150 נפשות) אין די 19 קריסטלעכע הייזער, אַזוי, אַז סך-הכל האָט די

ווינער קהילה געקאָנט פאַר דעם גירוש-יאָר ציילן פון 1400 ביז לערך 1650 נפשות *).

די באַדייטנדסטע יידישע קהילה איז געווען אין דער באַ-האַנדלטער תקופה די קהילה אין נירנבערג. אין נחומס רשימה פיגורירט זי מיט אַן איינשאַצונגס-סכום פון 10.000 גילדן. אין אַן אויפגעהיטער נירנבערגער שטייער-רשימה פון י. 1382 ווערן אָנגע-רופן מיט די נעמען 60 יידישע באַלעבאַטישקייטן (שטייער-משפּחות), וואָס דאָס לאָזט משער זיין, אַז די קהילה האָט דעמאָלט געציילט איבער 600 יידן **). אין משך פון 15-טן י"ה מערקט זיך אַ שטאַרקער

---

*) זע דאָס ווערק פון י. שוואַרץ: Das Wiener Ghetto (ווין 1909, ז. 15, 23, 42).

**) קאַרל ביכער באַרעכנט (אין זיין ווערק „Die Bevölkerung von Frankfurt a. M. in XIV und XV Jahrh." — Tubingen 1886), אַז אַ יידישע באַלעבאַטישקייט אָדער שטייער-משפּחה האָט אויסגעמאַכט דורכשניטלעך 6 נפשות. דאָס שטימט טאַקע מיט דעם קוועלן-מאַטעריאַל. עס וואָלט אָבער געווען פאַלש צו באַרעכענען די גרויס פון אַ קהילה דורך כּופלען די צאָל באַוואוסטע שטייער-משפּחות מיט 6, מחמת אַ טייל יידישע משפּחות, ווי, אַ שטייגער, די משפּחות פון חזנים, שול-קלאַפּערס, שוחטים, פלעגן זיין שטייער-פריי. בכדי צו קומען צו אַ ריכטיקן סך-הכּל וועגן דער גרויס פון אַ קהילה, דאַרף מען לויט אַ גוערע אויספאָרשונגען כּופלען די צאָל שטייער-משפּחות מינימום מיט 10. דערין איבערצייגן מיר זיך פון פאָלגנדיקע ביישפּילן:

1) אין נירנבערג האָבן אין י. 1338 געלעבט לויט אַ ציילונג 2006 יידן, וואָס האָבן מיט זיך פאָרגעשטעלט 212 שטייער-משפּחות (Wurfel: Nachrichten von der Judengemeinde in Nürnberg, p. 40 91; זע אויך — Stobbe: „Die J. in Deutschland w. d. Mittelalters", ז. 51 און 222), וואָס דאָס גיט 94 נפשות אויף אַ שטייער-משפּחה.

2) אינם זאַלצבורגער בישאָף-געביט האָבן לויט אַ פאַרבליבענער רשימה פון י. 1438 געלעבט 53 יידישע נפשות, וואָס האָבן מיט זיך פאָרגעשטעלט 5 שטייער-משפּחות (זע Zeitschrift für die Gesch. der Juden in Deutschland, באַנד III, י. 1889, ז. 112); דאָ האָבן מיר שוין 10 נפשות אויף איין שטייער-משפּחה.

3) אין פראַנקפורט ביים מאַין באַגעגענען מיר (אין י. 1496) אין געסאַ 16 יידן-הייזער, אין וועלכע עס האָבן געלעבט לויט אַ רשימה פון י. 1500 גאַנצע 18 שטייער-משפּחות (פאַרגל. I. Krakauer: Geschichte der Juden in Frankfurt a. M. — 1925, פראַנקפורט, באַנד I, ז. 331). נעמענדיק אין אַכט, אַז אין אַ פראַנקפורטער יידן-הויז (וואָס איז, אגב, געווען אי ענגער, אי קלענער, ווי די הייזער אין דער ווינער „יידן-שטאָט") האָבן געוואוינט דורכשניטלעך צו 3 משפּחות אָדער 15

וואוקס פון דער קהילה, אַזוי ווייט, אַז די קאָפּ-געלטער („גאָלדענער אָפּפער-פּעניג"), וועלכע דער קיסר האָט גענומען פון די נירנבערגער יידן, פלעגן באַטרעפן פון 3000 ביז 4000 גילדן. היות, ווי פון די קאָפּ-געלטער (1 גילדן פון אַ קאָפּ) זענען געווען באַפרייט קינדער אין עלטער ביז 12 יאָר (לערך 20% פון דער יידישער באַפעלקערונג), קאָן מען לויט דעם סכום (3—4.000) משער זיין, אַז די נירנבערגער קהילה האָט אין משך פון 15-טן י"ה געציילט פון 3.750 ביז 5.000 נפשות.

נאָך נירנבערג און ווין דאַרף אָנגעמערקט ווערן אַלס גרויסע קהילה די ערפורטער. לויט נחומס איינשאַצונג פון י. 1438 קומט אויס, אַז זי איז געווען מיט 4/10 הינטערשטעליק נאָך נירנבערג. מען קאָן דעריבער פאַר יענער צייט משער זיין אין ערפורט אַ קהילה פון לערך $\frac{3750\times6}{10}$ ביז $\frac{5000\times6}{10}$, ד. ה. פון אַ 2.250 ביז 3.000 נפשות.

ווייטער קומט אין באַטראַכט די קהילה אין מאינץ, וואָס איז, לויט נחומס איינשאַצונג, געווען האַלב אַזוי גרויס און פאַרמעגלעך, ווי די קהילה אין ערפורט. מען קאָן, אַלזוי, פאַר איר משער זיין פון 1000 ביז 1500 יידישע נפשות (אין י. 1438).

לויט איר גרויס קאָן די רעגענסבורגער קהילה געשטעלט ווערן אויפן פינפטן אָרט. אין אַ דאָקומענט פון י. 1476 ווערן אויסגערעכנט 72 יידישע באַלעבאַטישקייטן, וואָס האָבן באַלאַנגט צו דער רעגענסבורגער געטאָ (פאַרגל. Jahrbuch der jud.-lit. Gesellschaft, Frankfurt, יאָרגאַנג 1927, באַנד XVIII, ז. 363 און ווייטער). דאָס דערלויבט אונז משער צו זיין אַ באַפעלקערונג לערך פון 720 נפשות. היות אָבער, ווי עס ווערן אינם דערמאָנטן דאָקומענט נישט באַריקזיכטיקט 17 נפשות, ווי ישיבה-בחורים, אָדער יידן, וואָס האָבן געוויילט אויסערהאַלב דער שטאָט צוליב געשעפטן און אַנדערע עסקים, קאָן מען די צאָל 720 גרייכעך פאַרגרעסערן לערך ביז 800 נפשות.

אין דער ערשטער העלפט פון 15-טן י"ה איז די רעגענסבורגער קהילה געווען, ווייזט אויס, נאָך גרעסער, וואָרים נחום שאַצט זי איין אין י. 1438 אויף 4000 גילדן, ד. ה. אויף 4/10 דערפון, וואָס עס האָט לויט זיין פּראָיעקט געדאַרפט צאָלן די קהילה אין נירנבערג.

נפשות, קומען מיר צו דעם אויספיר, אַז די 18 שטייער-משפחות האָבן מיט זיך פאַרגעשטעלט 16×15, דהיינו, 240 נפשות. עס באַקומט זיך אַזויאַרום: 13 נפשות אויף איין שטייער-משפחה.

לויט דערדאָזיקער איינשאַצונג וואָלט מען געקאָנט משער זיין, אַז אין רעגענסבורג האָבן דעמאָלט געלעבט לערך פֿון 1.400 ביז 2.000 יידן (אַזעלכע ציפֿערן באַקומען זיך, ווען מיר כּופֿלען די נירנבערגער ציפֿערן מיט 4/10).

לויט נחומס איינשאַצונג קומט נאָך אויס, אַז אין י. 1438 האָט געבליט אין אָפּענהיים נישט קיין קלענערע קהילה, ווי די רעגענסבורגער. ביים סאַמע אָנהויב פֿון 14-טן י"ה איז אָבער די אָפּענהיימער קהילה נאָך געווען אַ קליינע. אין י. 1414 ווערן דאָ אין אַ שטייער-רשימה דערמאָנט קוים 6 יידישע שטייער-משפּחות (פֿאַרגל. י. קראַקויער: Gesch. d. J. in Frankf. a. m. באַנד I, ז. 151).

צו די גרויסע קהילות דאַרפֿן לויט די פֿאַרהעלטענישן אין דער באַהאַנדלטער תּקופֿה פֿאַררעכנט ווערן אויך אַזעלכע, וואָס האָבן געציילט פֿון 200 ביז 500 נפֿשות. לויט דעם קוועלן-מאַטעריאַל, וועלכן מיר האָבן אויסגעפֿאָרשט, לאָזן זיך פֿעסטשטעלן פֿאָלגנדיקע קהילות מיט אַזאַ באַפֿעלקערונג:

אויגסבורג: אין י. 1355 באַגעגענען מיר דאָ 18 יידישע שטייער-משפּחות; אין י. 1386—46 שטייער-משפּחות; אין י. 1437—20 שטייער-משפּחות; אינם גירוש-יאָר 1439—לערך 300 יידישע נפֿשות. מיר באַקומען אַזוי אַרום פֿאַר די י"י 1355—1439 באַפֿעלקערונגס-ציפֿערן: 180 - 460—200—300 נפֿשות (פֿאַרגל. י. שטיין: 1410—1437 Die J. der schwäbischen Reichsstäste, בערלין 1902).

מען קאָן, אַלזוי, אָננעמען פֿאַר דער אויגסבורגער קהילה אַ צאָל פֿון 200–400 נפֿשות בעת דער צווייטער העלפֿט פֿון 14-טן און אַ צאָל פֿון 200—300 נפֿשות בעת דער ערשטער העלפֿט פֿון 15-טן י"ה.

באַמבערג: אין אַן אויפֿגעהיטער שטייער-רשימה פֿון י. 1403 ווערן אויסגערעכנט 37–38 יידישע שטייער-משפּחות (פֿאַרגל. א. עקשטיין: Geschichte der J. im Fürstbistum Bamberg, ז. 201). אַלזוי: אַ קהילה לערך פֿון 400 נפֿשות.

וואָרמס: אַ שטייער-רשימה פֿון י. 1377 ברענגט אונז די נעמען פֿון 36 פֿאָרשטייער פֿון יידישע שטייער-משפּחות (פֿאַרגל. Boos: Urkundenbuch der Stadt Worms II W. 723). אַלזוי: אַ קהילה לערך פֿון 360 נפֿשות.

קעלן ביים ריין: אין דער באַהאַנדלטער תּקופֿה ווייזן דאָ אַרויס די שטייער-רשימות פֿאָלגנדיקע צאָלן פֿון יידישע שטייער-משפּחות: אין י. 1372—16 שטייער-משפּחות, אין י. 1388—16, אין י. 1392—31, אין י. 1404—21, אין י. 1415—27, אין י. 1422—29 שטייער-משפּחות (פֿאַרגל. Carl

Brisch : Gesch. der J. in Köln, באַנד II, זייטן 2, 11, 15, 16, 23,
30). מיר האָבן דאָ, אַלזוי, אַ קהילה, וואָס האָט געציילט אין דער
צווייטער העלפט פון 14-טן י"ה לערך פון 160 ביז 310 נפשות, און
אין דער ערשטער העלפט פון 15-טן י"ה (ביז דעם גירוש אין י. 1424)
לערך פון 210 ביז 300 נפשות.

טריער: לויט אַ דאָקומענט פון י. 1356 קאָן מען משער
זיין, אַז די טריערער קהילה האָט געקאָנט ציילן ביז 50 משפחות,
ד. ה. ביז 250 נפשות (פאַרגל. Monatsschrift für Geschichte u. wissen-
schaft des Judentums יאָרגאַנג 1928, ז. $^{3}/_{4}$ 8).

פראַנקפורטביים מאין: לויט אויפגעהיטע שטייער-
רשימות האָבן דאָ געלעבט אין י. 1391—20 ייד. שטייער-משפחות, אין
י. 1414—9, אין י. 1430—11, אין י. 1434—פון 6 ביז 7 שטייער-משפחות.
מען קאָן דאָ, אַלזוי, שאַצן די יידישע באַפעלקערונג פון 100 ביז 200
נפשות (פאַרגל. י. קראַקויער: Gesch. d. J. in Frankf. a. m.
באַנד I, ז. 152, 170).

ראָטענבורג ביי דער טאובער: אין אַ שטייער-רשימה
פון י. 1414 ווערן אויסגערעכנט 21 ייד. שטייער-משפחות. די קהילה
האָט, אַלזוי, געציילט עטוואָס מער ווי 200 נפשות (פאַרגל.: Harry
Breslau: Zeitschrift f. Gesch. der Juden און Zur Geschichte der J.
in Rothenburg a. d. t. in Deutschland באַנד III ז. 328).

ווירצבורג: אין י. 1405 צאָלן די ווירצבורגער יידן 121
גילדן קאָפּ-שטייער („גאָלדענער אָפּפער-פעניג"), וואָס דאָס לאָזט משער
זיין אַ באַפעלקערונג לערך פון 150 נפשות (פאַרגלייך אונזערע אויס-
פירן ביי נירנבערג; די קוועלע פון י. 1405 אָנגעגעבן ביי Stobbe
lc., ז. 210).

היידלבערג: אַ שטייער-רשימה פון די 70-קער יאָרן פון
14-טן י"ה רופט אָן ביי די נעמען די פאַרשטייער פון 14 יידישע
שטייער-משפחות אין דער שטאָט. אינם גירוש-יאָר 1391 זענען גע-
ווען אין היידלבערג 12 יידישע הייזער. די יידישע באַפעלקערונג
האָט דאָ, אַלזוי, אין די י"י 1370—1391 געציילט פון 140 ביז 180
(12$\times$15) נפשות (פאַרגל. Monatsschrift lc. XII ז. 491—420; פ. לעווענ-
שטיין: Geschichte der J. in der Kurpfalz, ז. 284).

אולם: די קהילה, וואָס האָט דאָ געבליט, איז געווען עטוואָס
קלענער, ווי די אויגסבורגער (פאַרגלייך נחומס איינשאַצונג) און מען
קאָן אָננעמען, אַז זי איז באַשטאַנען לערך פון 200 נפשות.

אויפן סמך פון אונזערע ביזאהעריקע אויספירן שטעלן מיר דאָ ווייטער צונויף אַ טאַבעלע פון 16 גרויסע קהילות, וואָס האָבן אין דער ערשטער העלפט פון 15-טן י״ה געציילט (אָן היידל-בערג) לערך 18.000—15.000 נפשות. לעבן דער באַפעלקערונגס-ציפער פון יעדער קהילה ברענגען מיר אין דער טאַבעלע די באַטרעפנדיקע איינשאַצונגס-ציפער לויט נחומס שטייער-פּראָיעקט פון י. 1438.

די גרעסטע יידישע קהילות אין דייטשלאַנד אין די יאָרן

1450—1350

קהילה אין:	צאָל ייד. נפשות אין דער צווייטער העלפט פון 14-טן י״ה	צאָל ייד. נפשות אין דער ערשטער העלפט פון 15-טן י״ה	שטייער-סכום לויט נחומס שטייער-פּראָיעקט פון יאָר 1438
נירנבערג	600	5.000—3.750	10.000
ערפורט		3.000—2.250	6.000
ווין		1.650—1.400	
רעגענסבורג		2.000—1.400	4.000
מאַינץ		1.500	3.000
אָפּענהיים		20.00—1.400	4.000
אויגסבורג	460—200	300—200	2.000
באַמבערג		400	
וואָרמס	360		
קעלן ביים ריין	310—160	300—210	
טריער	250		
פראַנקפורט ביים מאַין	200—100	110	1.000
ראָטענבורג ב. ט.		200	1.500
ווירצבורג		150	
אולם		200	2.000
היידלבערג	180—140		

א חוץ די „גרויסע קהילות" באַגעגענען מיר אין דער באַהאַנדלטער תקופה נאָך צוויי קאַטעגאָריעס קהילות און קיבוצים: אַזעלכע, וואָס האָבן געציילט פון 50 ביז 100 נפשות אַ יעדע און נאָך קלענערע, וואָס האָבן געציילט אונטער 50 נפשות אַ יעדע. די צאָל פון די קלײנע קהילות (פון 50 ביז 100 נפשות אַ יעדע) לאָזט זיך לגמרי נישט באַרעכענען. מיר ברענגען דאָ אַ רשימה פון אייניקע אַזעלכע קהילות, וואָס די אויפגעהיטע קוועלן־ידיעות גיבן אונז אָן זייער גרויס:

קהילות	פאַרן יאָר	ייִדישע שטײַער־משפּחות
באַזעל	1400—1362	10
קאַלמאַר	1392	10
פאָרכהיים	אַרום 1450	10
קאָבורג	1414/20	9
	1357	9
נערדלינגען	1428	5
	1448	7
דירוואַנג	1423	10
ליכטענפעלס	אַרום 1450	7
קיגשטאַט	〃 〃	7
קראָנאַך	〃 〃	6
האָף	〃 〃	7
מאַגדעבורג	1410	6

אין א רשימה יידישע שטייער-צאָלער אין קורפפאלץ, וואָס איז אונז פאַרבליבן פון די 70-קער יאָרן פון 14-טן יאָרהונדערט, ווערן אויסגערעכנט סך-הכל 31 יידישע שטייער-משפחות: דערפון לעבן 14 שטייער-משפחות אין היידלבערג, בעת די איבעריקע 17 שטייער-משפחות זענען צעטיילט אויף 8 שטעטלעך, אזוי, אַז אויף איין שטעטל פאַלן אויס דורכשניטלעך קוים 2 שטייער-משפחות אָדער 20 נפשות (פאַרגל. לעווענשטיין: J. in der Kurpfalz ז. 284).

לויט א רשימה פון י. 1401, וואָס באַלאַנגט צו די יידן אין די שוואַבישע שטעטלעך, האָבן דעמאָלט געלעבט: אין מעמינגען — 4 יידישע שטייער-משפחות, אין האל—2, אין באָפפינגען—1, סאַנט גאַלען—1, ראַווענסבורג—1 וכדומה (פאַרגל. Deutsche Reichstagsakten, באַנד V, נר. 174). אין דער שוואַבישער שטאָט עסלינגען האָבן זיך אין י. 1391 געפונען 4 יידישע שטייער-משפחות (פאַרגל. Esslinger Urkundenburch, באַנד II, נר. 1414).

אינם ריעסער געביט עקזיסטירן אין די י"י 1350—1450 א חוץ דער קהילה אין נערדלינגען, וואָס ציילט פון 5 ביז 9 שטייער-משפחות און דער קהילה אין דירוואַנג (Dürrvang), וואָס ציילט אין י. 1423 גאַנצע 10 יידישע שטייער-משפחות, נאָך קליינע יידישע קיבוצים (באָפפינגען, באלדינגען, היינספורט, אָפינגען, עטינגען, וואלערשטיין, וועמדינג), וואָס ציילן צו 1—2 שטייער-משפחות אַ יעדע (פאַרגל. ד"ר ל. מילער: Clus 5 Jahrhunderten, אויגסבורג 1900.

אינם באַמבערגער פירשט-בישאָפטום באַגעגענען מיר לויט א פאַרצייכעניש פון דער העלפט פון 15-טן י"ה יידן אין 15 שטעט און שטעטלעך; בלויז אין דער שטאָט באַמבערג האָט עקזיסטירט א קהילה לערך פון 400 יידן. חוצדעם, זענען נאָך געווען 4 קהילות מיט 6—10 שטייער-משפחות אַ יעדע; די איבעריקע 10 שטעטלעך האָבן געציילט צו 1—4 יידישע שטייער-משפחות (Eckstein: J. in Bamberg l. e.).

לויט די שוך-בריוו, וואָס זענען אין די יאָרן 1372—1381 פאַרטיילט געוואָרן צו די יידן אינם מאַרק-גראַפטום ביירייט (Beyrenth) קאָן מען משער זיין, אַז ס'האָבן געלעבט צו 1—4 שוץ-יידן (-שטייער-משפחות) אין ביירייט (שטאָט), קולמבאך, נייסטאָט און האָף (פאַרגל. Eckstein: J. in Bayrenth ז. 4, 5, 6).

די יידן אין די ממשלה-געביטן פון די שררות.

אין נחומס שטייער-פראָיעקט ווערן אויסגערעכנט איבער דרייסיק ממשלה-געביטן פון וועלטלעכע און גייסטלעכע שררות, וואָס זענען געווען באַוואוינט דורך יידן. אַ דאַנק די צופעליק אויפגעהיטע ידיעות און קוועלן-מאַטעריאַלן לאָזט זיך פאַר מאַנכע טעריטאָריעס

גענויער באַשטימען די צאָל ייִדן, וואָס האָבן דאָרט געלעבט במשך פון דער באַהאַודלטער תקופה.

אַזוי, אַ שטייגער, דערוויסן מיר זיך, אַז אינם זאַלצבורגער ערצבישאָפטום האָבן לויט אַ רשימה פון י. 1427 געלעבט סך־הכּל 5 ייִדישע שטייער־משפּחות, וואָס האָבן צוזאַמען געציילט 53 נפשות. נחום האָט אין י. 1438 איינגעשאַצט דאָס הייפּע״ע זאַלצבורגער ייִדן אויף 1000 גילדן. Zeitschrift f. Gesch. d. Juden in Deutschland, באַנד III, ז. 112.

וואָס שייך די ממשלה־געביטן פון די עסטרייכישע הערצאָגן, זענען פאַר דעם גירוש (אין י. 21—1420) געווען קאָנצענטרירט גרעסטע ייִדישע מאַסן בלויז אין ווין (1.400—1.650 נפשות). אין שטייערמאַרק און קערנטען האָבן קורץ פאַרן יאָר 1397 געלעבט איבער 1000 ייִדן, וואָרים מיר לייענען אין אַ קוועלע פון יענער צייט, אַז צוליב די רדיפות, וואָס זענען דאָ פאָרגעקומען אין י. 1397, זענען פון דאָרטן „מער, ווי טויזנט ייִדן אַנטלאָפן״, ס׳רוב קיין ווין. (פאַרג. י. שערער: Rechts-verhältnisse der J. in Österreich, לייפּציג 1901, ז. 468/9). אין דעם גירוש־יאָר 1420/1 זענען פון עסטרייך — לויט דער כראָניק „עמק הבכה״ — פאַרטריבן געוואָרן אַן ערך 800 ייִדן, בעת ביי אַ 1000 ייִדן זענען פאַרהאַלטן געוואָרן אין די תפיסות. אין ווין גופא זענען דעמאָלט פאַרברענט געוואָרן, לויט מאַנכע קוועלן 110, לויט אַנדערע — 400 ייִדן. ווי ניט איז, לאָזן דידאָזיקע שילדערונגען משער זיין אַ ייִדישע באַפעלקערונג פון 2000—2.500 נפשות. ניט געקוקט אויפן גירוש, איז זיכער אַ גרויסער טייל פון זיי געבליבן אין לאַנד, פאַרשפּרייטנדיק זיך איבער די קליינע שטעטלעך. דער רעשט האָט אויסגעוואַנדערט קיין איטאַליע, אונגאַרן, בעמען און פּוילן. די איבערגעבליבענע זענען אין י. 1438 צוזאַמען איינגעשאַצט געוואָרן דורך נחומען אין 16.000 גילדן.

אין קור־פּפאַלץ האָבן אין די 70־קער יאָרן פונם 14־טן י״ה געלעבט 31 ייִדישע הערשאַפטס־„משפּחות״ אָדער לערך 300 ייד. נפשות. פון דידאָזיקע שטייער־משפּחות האָט כמעט אַ העלפט (14) געלעבט אין היידעלבערג, דער רעשט האָט געוואוינט אין פאָלגנדיקע 8 שטעטלעך: ווינדהיים—4, לאַודענבורג—4, ליגדענפעלד—2, חישענלאָך—2, עפּינגען—2, עבערבאַך—1, מאָזעבאַך—1, ברעטענהיים—1 (Löwenstein lc. p. 284).

אינם הערשאַפטס־געביט ווירטעמבערג האָבן געלעבט לויט אַ שטייער־רשימה פון י. 1434 סך־הכּל 15 ייִדישע שטייער־משפּחות, ד. ה. לערך 150 נפשות (Zeitschr. f. d. Gesch. d. j. in Deutschland III p. 124). אין י. 1438 זענען זיי איינגעשאַצט געוואָרן דורך נחומען אין 1000 גילדן.

אַ פאַרצייכעניש פון ייִדישע שטייער־משפּחות אינם פירשט־בישאָפטום באַמבערג אויס דער העלפט פון 15־טן י״ה אַנטפּלעקט אונז אינם דאָזיקן הערשאַפטס־געביט אַ ייִדישע

באַפעלקערונג לערך פון 1000 נפשות: דערפון האָבן ביז 400 געלעבט אין דער שטאָט באַמבערג, ביז 300 אין פאָרכהיים, קונשטאַדט, קראָנאַך און ליכטענפעלס, דער רעשט בײַ אַ 300 נפשות — אין 10 קליינע שטעטלעך און אָרטשאַפטן .(Eckstein lc.)

לױט נחומס איינשאַצונג האָבן די באַמבערגער (באַבענבערגער) הערשאַפטס-יידן געדאַרפט איינצאָלן אין י. 1438 אַ סכום פון 2000 גילדן.

אינם ריסער געביט באַגעגענען מיר אין דער באַהאַנדלטער תקופה, אויסער דער מלוכה-שטאָט נעדלינגען מיט לערך 50—90 יידן, נאָך 8 יידישע קיבוצים, דהיינו אין דירוואַנג 10 יידישע שטייער-משפחות (אין י. 1423), באָלדינגען 2 שטייער-משפחות (אין י. 1439), וואַלערשטיין—2 (1434), ווערמדינג—1 (1453) עטינגען—2 (1408), באָפּפינגען—1 (1401), ווי אויך האַינספורט און אָפּינגען, וואָס האָבן געציילט, ווי מען קאָן משער זיין, צו 1—2 ייד. שטייער-משפחות אַ יעדע.

צוזאַמען האָבן, אַלזוי, געלעבט אינם ריסער געביט לערך 25—31 יידישע שטייער-משפחות אָדער פון 250 ביז 310 נפשות (פאַרגל. Müller lc.).

אינם מאַרק-גראַפטום בײַרײַט האָבן זיך אין דער צווייטער העלפט פון 14-טן י"ה געפונען 4 יידישע קיבוצים (בײַרײַט, קולמבאַך, ניישטאָט, האָף), וואָס האָבן צוזאַמען געקאָנט ציילן ביז 100 נפשות (פאַרגל. Eckstein lc.).

אויפן סמך פון די געבראַכטע פּרטים קומען מיר צו פאָלגנדיקע אַלגעמיינע אויספירן:

מיר נעמען אַלס יסוד פאַר אונזער אָריענטאַציע די שאַצונגס-טאַבעלע פון נחומען, די איינציקע פולע צונויפשטעלונג פון יידישע קיבוצים אין דייטשלאַנד, וואָס איז אונז אויפגעהיט געוואָרן פון דעמדאָזיקן באַהאַנדלטן פעריאָד.

אין צוזאַמענהאַנג מיט די סטאַטיסטישע מאַטעריאַלן, וועלכע מיר האָבן געבראַכט פון פאַרשיידענע קוועלן, קענען מיר גענויער באַטראַכטן נחומס איינשאַצונג. עס ווייזט זיך, נעמלעך, אַרויס, אַז נחום האָט געפּרואווט מיט דער שטייער-משא צו באַלאַסטן דערעיקרשט קליינע קיבוצים און אויף ווי ווייט מעגלעך צו פאַרשוינען גרויסע ישובים. עס איז גענוג צו ציטירן פאָלגנדיקע פּרטים: נירנבערג מיט אירע 3750—5000 יידן האָט געזאָלט, לויט נחומען, צאָלן בלויז 10,000 גילדן, בעת אַזאַ קהילה, ווי פראַנקפורט ביים מאַין, וואָס האָט דעמאָלט געציילט נישט קיין סך מער, ווי 100 נפשות, איז

דורך אים איינגעשאַצט געוואָרן אין 1000 גילדן, דהיינו, אויף איין צענטל פונם נירנבערגער סכום, הגם פראַנקפורט וואָלט געדאַרפט צאָלן $1/40$-טל אָדער $1/50$-טל דערפון, וואָס די נירנבערגער קהילה. דערביי מוז באַמערקט ווערן, אַז די פאַרמעגנס-פאַרהעלטענישן איןביידע קהילות זענען אין יענער צייט ווייט נישט געווען אַזוי פאַרשיידן, אַז מען זאָל מיט זיי קאָנען באַרעכטיקן די דראַסטישע דיספּראָפּאָרציע אין נחומס איינשאַצונג.

אַן ענלעכע דערשיינונג לאָזט זיך אויך מערקן ביי דער איינשאַצונג פון די „הערשאַפטלעכע" יידן. אַזוי, אַ שטייגער, ווערן די 2500—2000 יידן פון די עסטרייכישע הערצאָגן איינגעשאַצט אין 16,000 גילדן, בעת די 150 ווירטעמבערגישע יידן דאַרפן צאָלן 1000 גילדן און די אין יאָר 1427 אָנגעציילטע 53 זאַלצבורגער יידן (וואָס האָבן זיך ביז דעם יאָר 1438, ווען נחום האָט געמאַכט זיין איינשאַצונג, געקאָנט פאַרגרעסערן אין צאָל העכסטנס ביז אַ 100 נפשות) ווערן איינגעשאַצט אויך אויף אַזאַ סכום פון 1000 גילדן. אויף אַזאַ אופן פאַלט אויס אין עסטרייך פון $6^{1/2}$ ביז 8 גילדן אויף אַ יידן, בעת אין ווירטעמבערג און זאַלצבורג פון 7 ביז 10 גילדן.

נאָך דראַסטישער זעט דאָס אויס, ווען מיר נעמען אין באַטראַכט דעם לפי-ערך גרויסן ישוב אינם באַמבערגער בישאָפטום, וואו עס פאַלן אויס דורכשניטלעך 2 גילדן פונם איינשאַצונגס-סכום אויף אַ יידן (לערך 1000 יידן אויף 2000 גילדן איינשאַצונגס-סכום).

ווילט מען דעריבער אויפן יסוד פון נחומס איינשאַצונגען קומען צו וועלכע ס'איז סטאַטיסטישע אויספירן, מוז מען אַוועקשטעלן אַ מחיצה צווישן די גרויסע און קליינע ישובים און אַנווענדן צוויי פאַרשיידענע באַרעכענונגס-מאָדוסן,—אַ באַזונדער מאָדוס פאַר גרויסע און אַ באַזונדער פאַר קליינע קיבוצים. וואו שטעלט מען אָבער אַוועק די מחיצה? לויט אונזער איינזען דאָרט, וואו עס פאַלט אויס ביי נחומען אַן איינשאַצונגס-סכום פון 2000 גילדן און מער. אַזאַ גרענעץ איז באַרעכטיקט דורך די אויסרעכענונגען, וועלכע מיר האָבן פריער געמאַכט פאַר אַ ריי „רייכס-שטאָטישע" און „הערשאַפטלעכע" ישובים, אומאָפּהענגיק פון נחומס ציפערן.

מיר קומען אויף אַזאַ אופן, לויט נחומס שטייער-פּראָיעקט, צו פאָלגנדיקע שאַצונגען.

1. גרויסע ישובים:

א) ממשלה-געביטן פון שררות:

וועלטלעכע שררות:	עסטרייך . .	16.000	גילדן	איינשאַצונגס-סכום
	זאַקסן . . .	15.000	"	"
	בייערן . . .	10.000	"	"
	בראַנדענבורג	6.000	"	"
	עלזאַס . . .	3.000	"	"
	טירינגען . .	2.000	"	"
קירכלעכע שררות:	קעלן. . . .	10.000		
	מאַינץ . . .	3.000		
	באַמבערג. .	2.000		
	מאַגדעבורג .	2.000		
צוזאַמען	. . . . .	69.000	גילדן	איינשאַצונגס-סכום

ביי דער באַרעכענונג פון דער יידישער באַפעלקערונג אין דידאָזיקע 10 גרויסע ישובים קומט אונז אויס — לויט די ציטירטע 2 ביישפּילן, וועלכע מיר האָבן געבראַכט פון עסטרייך און באַמבערג — צו באַוועגן זיך צווישן אַ מינימום, וואָס באַטרעפט 8 גילדן אויף אַ קאָפּ, און אַ מאַקסימום, וואָס באַטרעפט 2 גילדן אויף אַ קאָפּ. דער אויספיר איז, אַלזוי, אַז מיר האָבן אין דידאָזיקע 10 טעריטאָריעס צו טון מיט אַ יידישער באַפעלקערונג (אין רונדע ציפערן) פון מינימום 8.600 (דהיינו 69000/8) און מאַקסימום 34.400 (דהיינו 69000/2) נפשות.

ב) מלוכה-שטעט:

נירנבערג
ערפורט
אָפּענהיים
רעגענסבורג
מאַינץ
אויגסבורג
אולם

פאַר דידאָזיקע 7 גרויסע קהילות מיט אַן איינשאַצונגס-סכום פון 31.000 גילדן האָבן מיר שוין פריער אויסגערעכנט אַ יידישע באַפעלקערונג פון לערך 10.600 ביז 14.000 נפשות.

דערצו דאַרפֿן נאָך צוגערעכנט ווערן די דרום-דײַטשע ישובים (אין קאָנסטאַנץ, ציריך, וועלטקירכען און שאַפהאַוזען), וואָס האָבן לויט נחומס איינשאַצונג געדאַרפט צאָלן צוזאַמען 9.000 גילדן. לויט דער פּראָפּאָרציע, וועלכע מיר האָבן אויסגערעכנט פֿאַר די פֿריער־דיקע 7 מלוכה-שטעט, איז אָנצונעמען פֿאַר דידאָזיקע 4 ישובים אַ באַפעלקערונגס-ציפֿער פֿון 3000 ביז 4000 נפשות. צוזאַמען באַטרעפֿט, אַלזוי, די באַפעלקערונגס-ציפֿער אין אַלע 11 מלוכה-שטעט פֿון 13.600 ביז 18.000 נפשות.

2) קליינע ישובים:

א) אין די הערשאַפֿטס-געביטן באַגעגענען מיר, לויט נחומס צוזאַמענשטעל, 22 אַזעלכע ישובים מיט אַן איינשאַצונגס-סכום פֿון 15.800 גילדן. לויט דעם ציטירטן ווירטעמבערגער און זאַלצ־בורגער ביישפּיל קומט דאָ אויס לערך פֿון 7 ביז 10 גילדן אויף אַ יידן. די באַפעלקערונגס-ציפֿער קאָן דאָ דעריבער געשאַצט ווערן צוזאַמען אין 1.600 — 2.300 נפשות.

ב) אין די מלוכה-שטעט ווערן דורך נחומען דערמאָנט 25 קהילות מיט אַן איינשאַצונגס-סומע אונטער 2000 גילדן אַ יעדע. צוזאַמען האָבן דידאָזיקע 25 קהילות געדאַרפֿט איינצאָלן 13.200 גילדן. די געבראַכטע פּרטים וועגן די קהילות אין פֿראַנקפֿורט ביים מאַין און אין ראָטענבורג ביי דער טאַובער האָבן אונז געוויזן, אַז עס פֿאַלן אויס אין דעם מין קהילות צו 100 אָדער 130 נפשות אויף יעדע 1000 גילדן. מיר קאָנען דעריבער לויט דעם שטייער-סכום משער זיין אין די דערמאָנטע 25 קליינע קהילות לערך פֿון 1.300 ביז 1.700 נפשות.

דער סך-הכל פֿון די אויסרעכענונגען אונטער 1) און 2) איז, אַלזוי, פֿאָלגנדיקער:

„הערשאַפֿטלעכע" יידן (גרויסע און קליינע ישובים):
פֿון 10.200 ביז 36.700

„מלוכה-שטאָטישע" יידן (גרויסע און קליינע ישובים):
פֿון 14.900 ביז 19.700. צוזאַמען: פֿון 25.100 ביז 56.400.

25.100 און 56.400 — דאָס איז דאָס מינימום און מאַקסימום פֿון דער יידישער באַפעלקערונג אין דייטשלאַנד, וואָס לאָזט זיך משער זיין בעת דער באַהאַנדלטער תקופה. ס'פֿאַרשטייט זיך, אַז די ציפֿערן האָבן בלויז אַן אָריענטירונגס-ווערט! ווי גרויס עס זאָלן נישט זיין

די אומפאַרמיידלעכע בלויזן אין די דורכגעפירטע שאַצונגען אונזערע, האָבן זיי אָבער קלאָר געמאַכט דעם פאַקט, אַז אין דער תקופה נאָך דעם „שוואַרצן טויט" קאָן דאָס דייטשע יידנטום קוים געציילט ווערן אין איי ניקע צענדליקער טויזנטער נפשות.

§74 דער צוזאַמענברוך פון די יידישע ישובים אין דייטשלאַנד פאַר די יאָרן 1438—1519.

נאָך טרויעריקער, ווי אין די תקופה־יאָרן 1350 — 1438, זעט אויס דאָס סטאַטיסטישע בילד פאַר דעם משך פון י. 1438 ביזן י. 1519. עס איז אַ צייט פון כסדרדיקע רדיפות און גירושים, אַ צייט פון כסדרדיקע איבערוואַנדערונגען און אויסוואַנדערונגען, וואָס האָבן סוף־כל־סוף דערפירט צו אַ פולשטענדיקן צוזאַמענברוך פון די יידישע ישובים אין דייטשלאַנד.

אין דער טאַבעלע, וועלכע מיר ברענגען דאָ אונטן, ווערן אָנגעוויזן די שטחים און שטעט אין דייטשלאַנד, פון וועלכע מען האָט פאַרטריבן די יידן אין משך פון די לעצטע יאָרצענדליקער פון מיטלעלטער, ווי אויך אין משך פון די ערשטע צוויי יאָרצענדליקער פון 16 י"ה:

גירושים פון די דייטשע יידן פאַר די יאָרן 1438—1519

יאָר פונם גירוש	פאַרטריבענער קיבוץ	יאָר פונם גירוש	פאַרטריבענער קיבוץ	יאָר פונם גירוש	פאַרטריבענער קיבוץ
1438	מאַינץ (שטאָט)	1476	טיראָל	1498	זאַלצבורג
1439	גראַץ	1478	באַמבערג (ערצ־בישאָפטום)	"	ווירטעמבערג
"	שטחים פונם בייערישן הערצאָג אַלברעכט און פונם פפאַלצגראַף יאָהאַן	1489	ווירצבורג	1499	נירנבערג
1440	אויגסבורג	1490	גענף	"	אולם
1453	ווירצבורג (ערצ־בישאָפטום)	1491	טורגאו	1500	האַלבערשטאַט (שטאָט)
1458	ערפורט	1492	מעקלענבורג	1507	נערדלינגען
1459	האַלע	1492/3	מאַגדעבורגער ערצשטיפט	1510	בראַנדענבורג
1462—1473	מאַינצער ערצשטיפט	1496	שטייערמאַרק	"	עלזעסישע שטעט: אבּי־רענהיים און קאָלמאַר
1468	ענדינגען	"	קערנטען	1515	בייריט (מאַרק־גראַפטום)
1475	באַמבערג (שטאָט)	"	קראַין	1519	רעגענסבורג

ווי ס'ווייזט אונז די טאַבעלע, האָט זיך די קאַטאַסטראָפע אָפּ־געשפּילט דערעיקרשט אין די יאָרן 1489—1519. אין דעמזעלבן צו־זאַמענהאַנג דאַרף אויך דערמאָנט ווערן אַ ריי רדיפות, וועלכע עס האָבן געהאַט אויסצושטיין די יידן אין בראַנדענבורג (1446), אין דער שווייץ (1446), אין בייערן (1450), אין נירנבערג (1463 און 1467), אין רעגענסבורג (1476), אין פּאַסאַו (1478).

רשימות, וואָס זאָלן אונז בולט מאַכן די פאַרשפּרייטונג פון די יידן איבער דייטשע שטחים און שטעט, זענען אונז פאַר דער באַהאַנדלטער תקופה פאַרבליבן בלויז אין אַ פראַגמענטאַרישן צו־שטאַנד. אַזוי, אַ שטייגער, איז באַוואוסט איינע אַזאַ רשימה פון י. 1491, אין וועלכער ס'ווערן אויסגערעכנט 21 קהילות; ס'רוב זענען עס קהילות פון דרום־דייטשלאַנד און בלויז עטלעכע פון צפון־דייטש־לאַנד.

פון דעמדאָזיקן סטאַטיסטישן מאַטעריאַל, וואָס איז צעזייט אין פאַרשיידענע קוועלן, לאָזט זיך אַרויסדרינגען, אַז עס האָבן אין דער באַהאַנדלטער צייט עקזיסטירט אין דייטשלאַנד בלויז 4 אָנפירנדיקע קהילות, דהיינו: נירנבערג, מאַגדעבורג, רעגענסבורג און האַלבערשטאַט. אין דעם גירוש־דעקרעט פון י. 1498, וואָס האָט געמאַכט אַ סוף צו דער נירנבערגער קהילה, ווערט צווישן די סיבות פון דעם גירוש אָנגעמערקט דער פאַקט, אַז די קהילה איז זיך שטאַרק פאַנאַנדערגעוואַקסן.

אין מאַגדעבורג האָבן קנאַפּ פאַר דעם גירוש (1492) געלעבט לערך 1,400 יידן. די רעגענסבורגער קהילה האָט געציילט אין י. 1476 לערך 800 און אינם גירוש־יאָר 1519 — לערך 500 נפשות.

אין אַ רשימה פון י. 1451, וואָס באַלאַנגט צו דעם אַזויגערו־פענעם „קרוינונגס־שטייער", ווערן די האַלבערשטאַטער יידן פאַררעכנט צו די רייכסטע אין דייטשלאַנד און דער סכום, מיט וועלכן זיי ווערן דעמאָלט באַשטייערט, לאָזט משער זיין, אַז זיי זענען געווען נישט בלויז רייך, נאָר אויך אָנזעעוודיק לויט דער צאָל.

צווייט־ראַנגיקע קהילות האָבן פונקט, ווי אין דעם פאַריקן פעריאָד, פאַרמאָגט נישט מער, ווי צו 100—300 נפשות אַ יעדע. צו דעמדאָזיקן טיפּ האָבן, אגב, באַלאַנגט נאָר געציילטע קהילות. וועגן אייניקע פון זיי זענען אונז פאַרבליבן פאַלגנדיקע ידיעות: פראַנק־פורט ביים מאַין האָט אין י. 1494 געציילט 104 יידישע נפשות;

אין י. 1500 גאַנצע 18 יידישע שטייער־משפחות (לערך 200 נפשות); אין בערלין זענען פונם י. 1453 ביזן י. 1475 אויפגענומען געוואָרן אַלס „בירגער" סך־הכל 23 יידן (־משפחות); אין אויגסבורג זענען דורכן גירוש אין י. 1439 געטראָפן געוואָרן לערך 300 יידישע נפשות; אין נערדלינגען האָבן געלעבט אין י. 1462 סך־הכל 9 יידישע שטייער־משפחות (לערך 90 נפשות) און אין י. 1500 נישט מער, ווי 11 אַזעלכע שטייער־משפחות; אין אַ דאָקומענט אויס דער העלפט פון 15־טן י"ה ווערן דערמאָנט 16 יידישע שטייער־משפחות, וואָס האָבן געלעבט אין דער שטאָט באַמבערג.

אַ דערשיינונג, וואָס איז זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר די לעצטע 150 יאָר פון מיטלאַלטער, איז די פאַרשפּרייטונג פון די דייטשע יידן איבער שטעטלעך און דערפער. די סיבה דערפון איז, ווי ס'ווייזט אויס, געווען די פאַראָרעמונג פון אַ גרויסן טייל יידן; בלויז די רייכערע האָבן געהאַט אַ מעגלעכקייט צו וואוינען אין די גרעסערע שטעט און צו צאָלן דאָ די געפאָדערטע גרויסע געלטער פאַרן וואוינרעכט און שוץ; די אָרעמע אָבער האָבן געמוזט אויפזוכן קליינע מקומות, וואו די באַטרעפנדיקע אָפּצאָלונגען זענען געווען אַ סך קלענער, און וואַרטן אַזוי לאַנג, ביז די פאַרמעגנס־פאַרהעלטענישן זאָלן זיי דערלויבן זיך צו באַזעצן אין דער שכנותדיקער גרויסער שטאָט.

אַזוי, אַ שטייגער, אַנטפּלעקן אונז די פראַנקפורטער און נירנבערגער אַקטן פון דער באַהאַנדלטער תקופה אַ בילד פון אַ פּאָר צענדליק קליינע יידישע ישובים אין שכנות פון פראַנקפורט און נירנבערג און זיי מאַכן אונז אויך בולט דעם יידישן איינוואַנדערונגס־שטראָם, וואָס איז כסדר געגאַנגען אין די דאָזיקע צוויי גרויסע האַנדלס־שטעט. געוויינלעך טרעפט מען אין די דערמאָנטע קליינע ישובים נישט מער, ווי צו 2—3 יידישע משפחות און נישט זעלטן בלויז צו איין משפחה. אַן ענלעך בילד באַקומט זיך אויך פון די באַמבערגער אַקטן: אויס דער העלפט פון 15־טן י"ה איז אונז פאַרבליבן אַ רשימה פון יידישע „שטייער־משפחות", וואָס האָבן געלעבט אין פירשט־בישאָפטום באַמבערג — און מיר דערוויסן זיך פון איר, אַז פון 76 שטייער־משפחות, וואָס ווערן אויסגערעכנט אין דער רשימה, האָבן 16 געלעבט אין דער שטאָט באַמבערג, 7 אין ליכטענפעלס, 7 אין פאָרכהיים, 6 אין קינשטאַדט און

6 אין קראָנאַך, בעת דער רעשט משפּחות האָט געוואוינט אין 10 קליינע שטעטלעך אַרום די דערמאָנטע 5 גרעסערע יידישע ישובים.

אינם ריסער געביט לאָזן זיך אין משך פון דעם האַלבן יאָרהונדערט 1450—1500 אויפזוכן 23 יידישע ישובים, דערפון האָט בלויז איין ישוב (נערדלינגען) געציילט פון 9 ביז 11 יידישע שטייער־משפּחות, בעת אין די איבעריקע 22 שטעטלעך און דערפער האָבן געלעבט ס'רוב צו 1—2 יידישע שטייער־משפּחות. פאַר די יאָרן 1469—1485 זענען אונז פאַרבליבן שוץ־בריוו פאַר 23 יידישע שטייער־משפּחות. דידאָזיקע שוץ־בריוו האָבן די יידן דערלויבט זיך צו באַזעצן אין מאַרק־גראַפטום בייריט, און עס ווייזט זיך אַרויס, אַז פון די 23 „שוץ־יידן" האָבן בלויז 7 געשאַפן אַ גרעסערן ישוב (אין דער שטאָט האָף), בעת די איבעריקע 16 האָבן זיך פאַרשפּרייט איבער 7 שטעטלעך און דערפער, צעפּאַלנדיק זיך אַזוי־אַרום אין גרופּעס פון 2—3 משפּחות.

אינהאַלט־פאַרצייכעניש:

קאַפּיטל צוועלף — — — — 9

דער סאָציאַלער און ווירטשאַפט־לעכער מצב פון די יידן אין איטאַליע און גריכנלאַנד פון דעם 11־טן ביז דעם סוף פון 14־טן י"ה.

קאַפּיטל דרייצן — — — — 26

די סאָציאַלע און ווירטשאַפטלעכע לאַגע פון די יידן אין דייטש־לאַנד פון דעם 11־טן ביז דער העלפט פון 14־טן י"ה

קאַפּיטל פערצן — — — — 41

די סאָציאַלע און ווירטשאַפטלעכע לאַגע פון די יידן אין דייטש־לאַנד פון דעם 11־טן ביז דער העלפט פון 14־טן י"ה

קאַפּיטל פופצן — — — — 56
די סאָציאַלע אוןווירטשאַפטלעכע לאַגע פון די יידן אין דייטש־לאַנד פון דעם 11־טן ביז דער העלפט פון 14־טן י"ה

קאַפּיטל זעכצן — — — — 77
דאָס ווירטשאַפטס־לעבן פון די יידן אין בעמען, מערן און שלעזיע

קאַפּיטל זיבעצן — — — — 86
די אַנטוויקלונג פון די יידישע ישובים אין מזרח־אייראָפּע און זייער ווירטשאַפטלעכער כאַראַק־טער. אונגאַרן, פוילן און רייסן

קאַפּיטל אכצן — — — — 109
דער יידישער אָריענט און זיין ווירטשאַפטס־בילד

קאַפּיטל ניינצן — — — — 127
דער ווירטשאַפטלעכער חורבן פון די יידן אין קאַסטיליע און אַראַ־גאָניע און די פּראָבעס פון אויפ־ריכטונג

קאַפּיטל צוואַנציק — — — — 143
די שוועריקייטן ביים יידישן אויפ־בוי־ווערק אין קאַסטיליע און אַראַ־גאָניע און די ירידה פון יידישן ווירטשאַפטס־לעבן

קאַפּיטל איינאונצוואנציק — — — — 153

דער ווירטשאַפטלעכער אויפבלי
פון די יידישע ישובים אין פּאָר-
טוגאַל און נאַוואַרע

קאַפּיטל צווייאונצוואנציק — — — — 179

יידן און אַנוסים אין קאַסטיליע
און אַראַגאָניע. זייער ווירט-
שאַפטס-לעבן אין משך פון די
לעצטע צוואנציק יאָר פאַרן גירוש

קאַפּיטל דרייאונצוואנציק — — — — 190

די אינקוויזיציע און דער גירוש-
שפּאַניע און פּאָרטוגאַל

קאַפּיטל פירואונצוואנציק — — — — 209

יידישע ישובים אין די שפּאַנישע
פּראָווינצן: סאַרדיניע און סי-
ציליע און זייער ווירטשאַפטס-
לעבן זינט דער העלפט פון 14-טן
יאָרהונדערט ביז זייער צעשטע-
רונג אין יאָר 1492

קאַפּיטל פינפאונצוואנציק — — — — 219

יידישע קיבוצים אין דייטשלאַנד,
זייער אַנטוויקלונג און פאַרנעם

רשימה פון נעמען, וואָס ווערן דערמאַנט אין בוך.

א

אַבּאַלאַ 123.
אַבּאַנטיאַ יוסף 217.
אַבּו אל מנגא 122.
אַבּו מאַנסור 123.
אַביובידן־דינאַסטיע 121, 125.
אַפּלעפּיה הואַן 195.
אַבּלעפּיה הואַן פּערנאַנדאָ 187, 194.
אַבּנצבּראַ טודרוס 148.
אַבּרבּנאל 157, 159.
אַבּרבּנאל יהודה 159.
אַרבּנאל יצחק 159, 160, 171, 172, 173, 174, 175, 177, 178, 198, 201.
אַבּרבּנאל שמואל 158.
אברהם איבּן דאַוד 109.
אבההם פון טשערניכאָוו 97.
אברהם פון קאַרענטאַן 99.
אַדאַלבּערט, ערצבּישאָף 52.
אַווילאַ 179.
אַווילאַ דיעגאָ אַריאַס דע 187.
אַווילאַ הואַן אַריאַס דע 187, 195.
אָטאָקאַר, קעניג 78, 81.
איבּן אַבּן אַלדאַם אליהודי 123.
איבּן אַקני 123.
איבּן בּאַטוטאַ 114.
איבּראַהים איבּן יעקב 77.
איזאַבּעלאַ, שפּאַנישע קעניגין 169, 174, 178, 181, 192, 193, 194, 196, 198, 199, 206.
אינאָקענטיוס 111, 17.
אל אמיר, קאַליף 123.
אַל אַסיס, קאַליף 122.
אַל אַפּדהאַל 122.
אַלגוואַדעס מאיר 138.
אַלגואַדיץ 144, 157.
אל האַפּיס, קאַליף 123.
אליה, באַנקיר 115.
אליה בן יוסטוס 13.
אליעזר בן יצחק 102.
אליעזר בן נתן 45, 47, 49, 91.
אַלמאַלי דאָן יוסף 180.
אל מואיס, קאַליף 122.
אל מוסטאַלי 122.

אלעקסאנדער III 14.
אלעקסאנדער פון אנדערבאך 47.
אלפאנס, קעניג 140.
אלפאנס V 159, 161, 162, 211,
217, 182, 183.
אלפאנע 17.
אלפואל 148.
אמרילין שמואל 165, 166, 167.
אנאלקעט II, פויפסט 16.
אנדרעאס II, קעניג 92.
אנזשו 9.
אפעלא יעקב 78, 80.
אפרים פון בורגאס 176.
אראגיוס, געשיכטע-פארשער 83.
ארבועץ פעדרא 195.
ארגון, כאן 118.
ארדינגוס, יידישער ארענדאר 13.
ארטאל הואן 18.
אשתרוק 148.
אתף יוסף איבן 152.

ב

באלעסלאוו פון קאליש 106.
באלקא I 82, 84.
באלקא II 83.
באנאוואליע משה 217.
באנאיזאק פון גערץ 61.
באנדראווין באנגאדאס 110.
באס 234.
באראקעט איבן אל 123.
בארבוט שלמה 150.
בארדי 17.
בונדאבי 148.
בונדאבי שתרוק 149.
בונה יוסף אורה 165, 156, 167.
בוניט יוסף שתרוק 148, 149.
בונפוס פערנאנדא 186.
בידאל, ארענדאר 186.
בירוויעסקא יום-טוב 151.
בנבנשת אברהם 148, 149, 175.
בנבנשת יהודה 167.
בנבנשת שמואל 165, 167.
בנבנשת פון קאלאהארא 175, 176.
בן חייא יום-טוב 167.
בנימין (פון טודעלא) 10.
בנימין פון טודעלא 16, 21, 22,
23, 24, 27, 80, 101, 109,
110, 111, 112, 114, 115,
116, 117, 118, 119, 120.
124, 125.
בנימין פון לודמיר 97, 99.
בן לביא דן בנבנשת 166
בן לביא-קאוואלעריא 185.
בן שרגא יוסף 161.
בסו יום-טוב 165, 166.

בסו יעקב 166.
בעלא IV, קעניג 91.
בענוועניסטע אברהם 138.
בענוועניסטע דע לא קאוואלעריע 138.
בענוועניסטע שלמה 138.
בענעדיקט XIII, פויפסט 142, 144.
בעראכינא גאספאר 187.
בערנאלדעץ אנדרעאס 170.
בערנאלדעץ 172, 173, 174, 177.
בערנארד פון קלערוואָ 55.
בערנהארד I, 48.
בער פריץ 131, 172, 203.
בראן מ., געשיכטע פאָרשער 83.
בריאנדא 184.
בריוויעסקא משה 153.

ג

גאָטפריד פון בולאָן 37.
גאלוס, כראָניקער 100.
גאליפאפא 148.
גאליפאפא יום־טוב 149.
גבאי דוד 158.
גבאי משה 149.
גבאי־פלקירה 157.
גבאי־פלקירה נתן 165, 167.
גוויסקאר ראָבערט 11.
גוטמאן, ייד פון ווין 60.
גורעס 183.
גורעא פראנציסקא 181.
גיניליא עזריה 182.
גראָט יאן, בישאף 107.
גרעגאָר IX, פויפסט 49.
גרעגאָריוס VII, 52.
גרעץ, פראָפ. 171, 172.

ד

דאווילא דיעגאָ 154.
דאווילא דיעגאָ אריאס 152.
דאָנאָפלינוס 15.
דאָנא קאטאלינא 141.
דוארטע, קעניג 159.
דובנאָוו ש. 172.
דוד, ברודער פון רמב"ם 124.
דוד המלך 116.
דזשעקאָבס 172.
דזשאוהאר, ארמעעפירער 122.
דזשינגיס־כאן 118.
דלוגאָש 95, 108.
דניאל בן חסדאי 116.
דעצא דיעגאָ דע 187.
דרעזלינא, יידישע פרוי 60.

ה

האַנאַ, ערצבישאָף 52.
האַרי 235.
הוּאַן, קעניג 139.
הוּאַן I 161.
הוּאַן II 141, 160, 161, 166, 167, 184, 186, 203.
הוּאַן III 183.
הוּאַן, שאַצמייסטער 180.
הוביצקי א. 171.
היינריך, קעניג 66
היינריך III 83, 141.
היינריך IV 84, 152, 154.
הענעל, יידישער קאַמערגראַף 93.
הערמאַן, בישאָף 52.
הערמאַן ווֹלאַדיסלאַוו, פירשט 100.
הערמאַן, משומד 46.
הרכבי 94.

וו

וואָרפעל 232.
וואַמבעֶרי 94.
וויאָלאַנטע, קעניגין 180.
ווידאַל בן לביא 149.
ווידאַל שמואל 151.
וויוואַן צאָפּען 148.
וויינלעס שמואל 210.
ווילאַני מאַטעאָ, כראָניקער 108.
ווילאַניעווא אַנגעל דע 187.
ווילהעלם II 12.
וולאַדיסלאַוו I, הערצאָג 78.
וועצינהאָ דיעגאָ מענדעץ 161.

ז

זאַקוטו אברהם 170, 172, 173.
זיגמונט דער לוקסענבורגער 82.
זיסקינד ווימפּפען 39.

ח

חייא הלוי 167.
חיים פון ציפּרוס 110.
חסדאי קרעסקעס (קרשקש) 133, 138, 139.

ט

טאַלאַווערא הערנאַנדאָ 187.
טאָמאַש, בישאָף 84.
טאָמאַס פון אַקווינאָ, טעאָלאָג 18, 19.
טאָרקוועמאַדאַ 199, 200.

טעאָפּילאַקטוס 20.
טעקאַנוס, יידישער קאַמערגראַף 92.
טראָסטלין, ייד פון פּראָג 78.
טריגאָ הונעץ 151.

י

יאָאַן דער לוקסעמבורגער, קעניג 79.
יאָאַן פון נירנבערג 81.
יאָהאַאָ I 158.
יאַקאָב I 185.
יהודה אלחריזי 114.
יהודה בר שמואל הלוי 165.
יהודה החסיד פון רעגענסבורג 102.
יהודה הכהן 97, 123.
יהודה הלוי 165, 166.
יהודה פון רעגענסבורג 49.
יודיטאַ, קעניגן 44.
יוסף אַמרקלאַ הלוי 119.
יוסף פון גענואַ 15.
יוסף פון פעז 158.
יחיאל, ייד פון רוים 16.
יחייא גדליה 159.
יחייא גדליה בן שלמה 158.
יחייא דוד איבן 158.
יחייא דוד בר גדליה 157.
יחייא יהודה 158.
יחייא יוסף בן דוד 159.
יחייא-כושי 159.
יעקב-דניאל 61, 67.
יעקב פון פּאַוויאַ 15.
יעקעלין, געלט-מאַגנאַט 67.
יצחק בן דורבלה 46.
יצחק בן ששת 126.
יצחק, מלוכה-סעקרעטאַר 123.
יצחק פון לינץ 61.
יצחק פון רייסן 97.
יקותיאל הרופא 123.

כּ

כּולוף 148.
כּולוף אברהם 167.
כּולוף אלעזר 180.

כ

כאַמוס אביתר 187.
כימענאָ פון בריוויעסקאַ 188.
כערעז פּעכאַ דע 195.

ל

לאַנדסבערג, געשיכטע־פאָר־
שער 83.
לאָפּעץ 187.
לאָפּעץ גאַרציאַ 188.
לאָקיעטעק וולאַדיסלאַוו, קעניג
104.
לובלין (יהודה־לייב) 61.
לובלינוס 67.
לודוויג דער בייער 36, 38, 39,
62.
לודוויג, מאַרקגראַף 59.
לונאַ אַלוואַראָ דע 144, 152, 154,
145.
לייבמאַן, ווינער ייד 60.
לעאָנאַרדאָ פון סאַראַגאָסאַ (שמואל
בן אליה) 188.
לעאָנאַרדאָ שמואל בן אליה
195.
לעאָפּאָלד I 50.
לעאָפּאָלד V 48, 53.
לעב איזידאָר 171, 172.
לעווענשטיין ל. 235, 238, 239.
לעשקאָ דער ווייסער 101.

מ

מאַיאַר אברהם 150.
מאיר פון מעראַן 61.
מאיר פון ראָטענבורג 39, 46.
מאָמעט דאָלץ אַלפּואַל 148.
מאַמעלוקן־דינאַסטיע 121, 124.
מאַנועל, קעניג 206.
מאָנטאָראָ אַנטאָן דע 188.
מאָנפּאַרט 179, 195.
מאָראַס גאַרציאַ דע 187.
מאַרטין V, פּויפּסט 144, 155.
מאַרטין I, קעניג 140, 217.
מאַרטינעז פעראַנדאָ 139.
מאַרטינעץ, אַרכידיאַקאָן 128.
מאַריאַנאַ הויזן 171.
מאַריאַ, קעניגן 140, 142.
מילער ל. ד״ר 238.
מיעשקאָ III, קעניג 101.
מנחם פון מערזעבורג 68.
מעדינאַ־סידאָניאַ 155.
מעדעלין יצחק 165.
מענעצעס פעדראָ פון דואַרטע
161.
מערקעלין, ייד פון מינסטערבערג
85.
מרדכי בן הלל 64.
משה בן חסדאי 97.

משה פון קארקאסאָן 210.
משה פון קיעוו 97.

נ

נאווארא משה 157.
נאנקער, בישאָף 107.
נאריביקא אברהם 167.
נגארי 148.
נגארי שמואל 149.
נחום, ייד פון ווין 227, 228,
233, 235, 239, 241.
ניגש יעקב 169, 175.
ניקאָלאי V, פויפסט 220.
נעקעלאָ 61, 67.
נתן, לעקסיקאָגראַף 14.

ס

סאד אל דאולא 118.
סאלאדין, קאַליף 123.
סאנט-אַנגעל 179.
סאנט-אַנגעל אנטאָן 183.
סאנט-אַנגעל יאַקאָב 184.
סאנט-אַנגעל לעאָנארדאָ 183.
סאנט-אַנגעל מאָסען לואיס 180,
183, 184, 195.
סאנט-אַנגעל מארטין 183.
סאנטא פאולוס מאריאַ דע 154.
סאנכעץ 179, 180, 183.
סאנכעץ אלפאָנסאָ 180, 181.
סאנכעץ גבריאל 180, 181, 184,
195.
סאנכעץ גילען 181.
סאנכעץ הואן 181.
סאנכעץ לואיס 180.
סאנכעץ פעדראָ 180, 181.
סאנכעץ ראָדריגאָ 181.
סופר משה 210.
סטאָבע 235.
סיקסטוס IV, פויפסט 193.
סעניאָר אברהם 175, 177, 178,
198.
סעראנאָ 199, 203.
ספאנאָ באָלאני 110.
ספיליאטי 17.
ספיני 17.

ע

עבאס משה איבן 148, 149,
167.
עדוארד III 67.
עובדיה יר"א 178, 212, 213, 214,
215, 217.
עווגעניוס IV 139, 144.

עזראָ דאַן 167.
עימיעס יצחק 110.
עלסנער ל., היסטאָריקער 83.
עמאַד עדין 123.
ענריקוס ניצעוועלא 15.
עספּעראַנדע סאַלוואַדאָר דע 188.
עקשטיין 238, 240.

פּ

פּאַטערנאַי סאַנכאָ 181.
פּאַכון שמואל 152.
פּאָלאָ מאַרקאָ 114.
פּולטשי 17.
פּיאַסט (דינאַסטיע) 82.
פּיצקאָסינסקי פּ. 95.
פּלטיאל, יידישער מלוכה-מאַן 122
פּעטער פון ציטאַו, כראָניקער 79.
פּעטער פון ראָזענבערג 78.
פּערעץ אַנטאָן 188.
פּתגון משה 187.
פּתחיה פון רעגענסבורג 80, 101, 109, 110, 111, 112, 114. 116, 117.

פֿ

פֿאַטימידן-דינאַסטיע 121, 125.
פורק אברהם 166.
פיערלאָני ברוך, באַנקיר 16.
פיליפּאַ, קעניגין 158.
פעוועלין, געלט-מאַגנאַט 67.
פערדינאַנד 169, 174, 178, 181, 184, 186, 192, 193, 196, 198, 199, 206, 211, 215, 216.
פערנאַנדאָ I 142, 159.
פערנאַנדאָ, לייבדאָקטאָר 158.
פערעירא נינאָ אַלוואַרעס 158.
פערער וויצענטי 135, 139, 141.
פראַנקאָ יאַקאָב דע 187.
פרידריך I 57.
פרידריך II 12, 19, 20, 21.
פרידריך, הערצאָג 220.
פרעדמאַן, יידישער קאַמערגראַף 93.

צ

צאַרע פון קאַראַקאָסאָן 110.
צימבערלין 73.
צערטשי 17.

ק

קאַבראַ פּעדראָ דע לאַ 187.
קאַברעראַ הואַן 188.
קאַדלובעק ווינצענטי, כראָניקער 100.
קאַוואַלעריאַ 147, 149, 179, 180.
קאַוואַלעריאַ-לביא דע לאַ 183, 184.
קאַזשימיעזש דער גערעכטער 101.
קאַזשימיעזש דער גרויסער 106, 108.
קאָטאַ אַלאָנסאָ 195.
קאַטאַלינאַ, קעניגין 144, 145, 153.
קאָטאַ אַלפּיענסאָ דאַ 154.
קאַלאַמאַן, קעניג 90, 91, 92.
קאָלומבוס 175, 184, 187.
קאַלעס יוסף 152.
קאַלעס משה 152.
קאָנראַד IV 38.
קאָנראַד פון ווינטערטור 74.
קאַסטעלאַנאָ יוסף 153.
קאַסל פּ. 94, 96.
קאָסמאַס, כראָניקער 90, 101.
קאַרל III 63.
קאַרל IV 223.
קאַרל V 220.
קאַרל פון אַנזשו 21.
קוניק 94.
קיליס, יעקב איבן 122.
קיענדזשיעזשאַווי באָלעסלאַוו 101.
קלונימוס בן יהודה 13.
קלעמענטעס 179.
קמיטאַ אַכאַצי 171.
קראַקויער י. 64, 232, 234, 235.
קרשקש 148.
קרשקש חסדאי 149.

ר

ראָגער, הערצאָג 21.
ראַשיד אַל דין 118.
ראָשער ווילהעלם 70.
רודאָלף פון האַבסבורג 39, 61, 62.
ריבאַסאַלטעס הואַן דע 187.
רינדפלייש, פּאָגראָמשטשיק 72.
רעוכלין, הומאַניסט 171.
רמב״ן 113.
רמב״ם 123, 124, 126.

ש

שאַלים (שלום) יידיש-פּער-סישער דיכטער 118.

שאַפאַריק 94.
שוואַרבער 74.
שווערצליין, ייד פון ווין 60.
שלינש אברהם דע 151.
שמואל בן חננאל 21.
שמואל בן יצחק 13.
שמואל (הוסאַין) 122.
שמואל פון רייסן 97.
שענמאַן, ייד פון ווין 60.
שערער 239.
שציבאָר, ערד-באַזיצער 85.
ששון 179.
ששון יהודה 167.
ששון דיעגאָ דע 188, 194, 195.